STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00317

MAYN LEKSIKON

Melech Ravitch

Permanent preservation of this book was made possible by
Robert B. Godwin
in memory of
Michael Harelick, Bookseller

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מין לעקסיקאָן

27

געזעצט און געדרוקט:

נאָרטערן פּרינטינג און סטיישאָנערי

4423 סט. לאָרענס בלווד. — מאָנטרעאַל

מלך ראוויטש

מיין לעקסיקאָן

I

יידישע

דיכטער,

דערציילער,

דראמאטורגן

אין פוילן

צווישן די צוויי גרויסע וועלט-מלחמות

★

מיט א הקדמה פון . . . יצחק לייבוש פרץ

ארויסגעגעבן פון א קאָמיטעט אין מאָנטרעאל, קאַנאַדע

1 9 4 5

פרעזידיום פון בוך-קאָמיטעט:

ל. ראָסקעס	. . . . .	פאָרזיצער
י. בערמאַן	. . . . .	קאַסירער
פ. ליפשיץ	. . . . .	סעקרעטאַר

* * *

די גאַנצע ברוטא-הכנסה פון דעם בוך וועט פאַרווענדט ווערן אויף ארויסצוגעבן דעם צווייטן באַנד פון דעם ווערק. און די גאַנצע ברוטאָ-הכנסה פון ביידע ביכער וועט — לויט דער איינווילינקונג פון קאָמיטעט און ווענדונג פון מחבר — אָוועקגעגעבן ווערן אויף פאָנדן צו העלפן די יידי-שע שרייבער מעבר לים.

* * *

אַדרעס פאַר די ענינים פון דעם בוך:

P. LIPSHITZ

133 de l'Epee Ave., Montreal 8

זוכצעטל

זייט	
7	הקדמה פון יצחק לייבוש פרץ
11	באמערקונגען פון מחבר
17	שמואל יעקב אימבער
20	שמריהו אימבער
23	לייבל אליצקי
25	מארק ארנשטיין
27	שלום אַש
30	אלערליי אַש־יאָרן אין ווארשע
33	מאטילדע אַש
35	ישראל אשענדארף
37	יצחק באשעוויס
40	מ. בורשטין
43	הערץ בערגנער
46	ש. בערלינסקי
49	משה בראדערזאָן
52	שלמה גילבערט
55	משה דוד גיסער
57	אורי צבי גרינבערג
59	לעאָן דרייקורס
62	בער האראָוויץ
65	שמעון האראָנטשיק
68	מנחם מענדל הורוויץ
71	פאלק הײלפערין
74	קלמן חיים היישעריק
77	הערשעלע
80	עוזר ווארשאווסקי
83	א. מ. ווייסענבערג
86	אברהם זאַק
88	משה זילבורג
91	ביינוש זילבערשטיין
94	י. י. זינגער
97	ה. ל. זשיטניצקי
99	רייזל זשיכלינסקי
101	דער טונקעלער
104	קאליא טעפער
107	י. י. טרונק
110	ברוך טשעבוצקי
113	ב. יאושזאָן
116	קלמן ליס
119	יחיאל לערער
122	קאַדיע מאָלאָדאָווסקי
125	איציק מאנגער
128	יואל מאסטבוים
131	פרץ מארקיש
135	לייב מלאך
138	מ. נאטיש
141	ה. ד. נאָמבערג
144	י. מ. ניימאַן
147	משה סטאַווסקי
150	ז. סעגאלאָוויטש

זײַט
153 חיים סעמיאַטיצקי
156 יעקב פּאַט
159 יוסף פּאַפּיערניקאָוו
162 אַברהם פּטאַשקין
165 דוד פּליסקין
168 יהושע פּערלע
171 י. י. פּראָפּוס
174 נח פּרילוצקי
177 יעקב פּרעגער
180 שׂרה פּרץ־אײַזענבערג
182 העלענע פּרץ
185 טאָטשיאַ אַרטשישעווסקאָ
188 דבורה פֿאָגעל
191 אַלעקסאַנדער פֿאַרבאָ
194 רחל פֿײַגענבערג
197 יעקב פֿיכמאַן
200 הלל צײַטלין
203 אהרן צײַטלין
206 אלחנן צײַטלין
209 י. ב. צפּור
212 אפֿרים קאַגאַנאָווסקי

זײַט
215 נפֿתלי הערץ קאָן
218 אַלטער קאַציזנע
221 יצחק קאַצענעלסאָן
224 עזרא קאַרמאַן
227 משה קולבאַק
230 מנחם קיפּניס
233 יוסף קירמאַן
236 דוד קעניגסבערג
239 רחל ה. קאָרן
243 מלך ראַוויטש
246 ישׂראל ראַבאָן
249 יוסף רובינשטיין
252 שׂרה רײזען
255 ישׂראל שטערן
258 שלמה שײנבערג
261 משה שימעל
264 בער שנאַפּער
267 פּראָפֿעסאָר פֿישל שניאורסאָן
270 ש. ל. שנײדערמאַן
273 נישטאָ שוין טלאָמאַציע 13.

א הקדמה פון . . . יצחק לייבוש פרץ

הקדמה צו דער הקדמה:

דאָס פּאַרטיקע בוך, געזעצט און געדרוקט און נאָר נאָך נישט געבונדן, ליגט פאַר מיר. און פּלוצלונג האָב איך עפּיס מורא באַקומען עס אַרויס־צולאָזן. און אַז מען האָט מורא צו גיין אַליין, זוכט מען אַ באַגלייטער. האָב איך גענומען טראַכטן און טראַכטן און זיך דערטראַכט, אַז „מיין לעקסיקאָן — פון יידישע דיכטער, דערציילער, דראַמאַטורגן אין פּוילן — צווישן צוויי גרויסע מלחמות״ — וואָלט געדאַרפט האָבן אַ הקדמה פון דעם פאָטער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, יצחק לייבוש פרץ.

בין איך אַריין אין אַ חלום און גענומען בעטן:

— איך וויל אַ הקדמה . . . האָב איך געזאָגט קורץ און שטיל.

— איך שרייב נישט קיין הקדמות! — האָט ער געענטפערט קורץ און שאַרף.

— אָבער איך וויל אַ הקדמה צו אַ בוך וועגן יידישע וואָרט־קינסטלער אין פּוילן; אין וואַרשע, אין ווילנע, אין לאָדזש, אין לעמבערג . . . און מיין שטימע איז פול געוואָרן מיט טרערן, וואָרום איך האָב ליב דאָס געדעכעניש פון פּרץ'ן ווי דאָס געדעכעניש פון מיין אייגענעם פאָטער.

— ווער ביזטו? — איז ער אַביסל געריירט געוואָרן, וואָרום ער איז די גוטסקייט אַליין.

— מלך ראַוויטש . . . האָב איך געענטפערט נישט דרייסט.

— איך ווייס נישט ווער דו ביסט! —

— פאָטער, איר דערמאָנט זיך נישט? איר האָט אין 1912, אין די זיבן זאַטע יאָרן פון אייער גרויסקייט זיבן מאָגערע ווערטער אַמאָל געשריבן וועגן מיין ערשטלינגס־ביכל.

— אמת! איז וואָזשע ווילסטו?

— אַ קליינע הקדמה צו מיין נייעם בוך. עס איז אַ מאָדנע בוך און איך האָב מורא אַליין מיט אים. מען וועט מיך שלעכט פאַרשטיין. עס איז אַ בוך מיט אַרום ניינציק אינטימע פּאָרטרעטן פון פנימער — און איבער זיי אַלע אייער וויזיע, פאָטער. אָנגעשטרענגטע פנימער פון די בויער פון אַ פּיראַ־מידע, וואָס אונטער אייער שרביט האָט מען איר פונדאַמענט געלייגט.

— אָבער איך בין אַלט און מיד פון אַזוי לאַנג טויט זיין !

— פּאָטער, איר לאַכט פון מיר. איר זענט נאָך אַלץ דער יינגסטער און פרישסטער צווישן אונז אַלע.

— מיינסט אויף אַן אמת ? ! — האָט ער זיך א כאַפּ געטון.

— איך שווער אייך, פּאָטער. אַזוי איז דער אמת.

— וווּ איז דיין בוך ! ?

— דאָ איז עס, פּאָטער. (א ווינט האָט שניידיק א שורשע געטון די פּאָר הונדערט בלעטער מיט א שאַרפן זזזזז און דאָס איבערגעלעזענע בוך איז שוין צוריק געלעגן אין מיין האַנט).

— איך האָב שוין אויפגעשריבן !

— ווו, גרויסער פּאָטער? איך זע גאָרנישט אין מיין האַנט, חוץ מיין בוך.

— איך האָב שוין אַלץ אויפגעשריבן ! אַלץ איז דאָ אין מיינע ווערק ! אַלץ ! אַלץ ! איך האָב נישט קיין צייט ! דינעזאָן און אַנ־סקי זענען דאָרט אַליין !

— איך ווייס, אַז אַלץ איז דאָ אין אייערע ווערק. איך ווייס — הלוואי וואָלטן מיר אַלע אַזוי געוווסט, ווי איך ווייס. אָבער ווו — די ווערק אייערע זענען אַזוי כאַאָטיש צונויפגעשטעלט.

— דאָס ווייס איך ! אָבער די הקדמה איז דאָרט דאָ צווייִמאָל ! ! איינ־מאָל אין אַכטן און איינמאָל אין זעכצעטן באַנד! געפין ! און נעם פון דאָרט, וואָס דו דאַרפסט ! און האָב נישט מער קיין מורא! דאָס בוך וועט סײַ־ווי קיינעם נישט געפעלן ווערן, ווייל „קיינעם געפעלט נישט קיין אייגענע פּאָ־טאָגראַפיע״ . . . („מיינע זכרונות״, באַנד 12, זייט 5).

— גרויסער פּאָטער, רעדט נישט אַזוי, עס טוט אַזוי וויי — ווייסט איר דען נישט, אַז א גרויסער, גרויסער טייל פון די באַשריבענע זענען שוין טויט, פריצייטיק טויט . . .

ביי אַט די ווערטער מיינע איז יצחק לייבוש פּרץ פאַרשווּונדן, נעלם געוואָרן די וויזיע און די אילוזיע . . . און איך בין געבליבן ביי מיינע פּאָר־הונדערט בלעטלעך און אַט איז די הקדמה, וואָס איך האָב צונויפגעשטעלט, וואָרט אין וואָרט פון פּרץ׳ס ווערטער — לויט דעם ווונק פון דעם גאָל־דיקסטן שרביט אין אונזער גאַנצער ליטעראַטור.

די הקדמה

. . . די ליטעראַטן, פּונקט אַזוי ווי פּרויען, האָבן ביז אַהער פאַר־נומען אַ געקינסטלטן פּלאַץ, אַ פאַלש אָרט אין געזעלשאַפטליכן לעבן, אָדער גאָרנישט; אַ צרה, אַ משלחת, אָדער אַ מלאך. קיין מענטש קיינמאָל נישט . . . שוין צייט אָפּצורייסן מיט די אַלטע מנהגים, אַרויסשלאָגן זיך די אַלטע אײַנ־רעדעניש פון קאָפּ . . . אַ ליטעראַט איז אויך אַ מענטש, ווייניקסטנס דאַרף ער זיין אַ מענטש . . . דאָס פּובליקום . . . מוז זיך צוגעוויינען צום געדאַנק, אַז ליטעראַטן זענען מענטשן, וואָס אַרבעטן און פאַרדינען מיט דער פעדער, ווי יענער מיט דער האַק און דער מיט דער נאָדל. און אַז עס טרעפט זיך, אַז אַ ליטעראַט — אויך אַ מענטש — גנבעט בענדלעך אין קראָם . . . קומט אים תפיסה גלייך מיט אַלע. אויב אַלע גנבים קומט תפיסה . . . דאָס פּוב־ליקום . . . דאַרף זיך צו אַלעם ערשטן אָפּגעוויינען פון אַ מיאוסן פעלער, און דער איז דאָס, וואָס דאָס היינטיקע פּובליקום, אויב עס עקזיסטירט, שאַצט אָדער צו הויך, אָדער צו נידריק דעם ליטעראַט. שאַצט צו הויך, אָדער צו נידעריק יעדעס געדרוקטע וואָרט, אָדער עס איז שמאַכטעס, מעשה־ביכלעך, בטלנות, אָדער פאַרקערט: הייליקע נביאות, נישט אָפּצוּוועגדן, נישט איבערצושפּאַרן. זיי ווייסן נישט, אַז אַ מענטש שרייבט ווי אַ מענטש רעדט . . . ווי ווער און ווי ווען.

וואָס הייסט פּריוואַט־לעבן? פּריוואַט לעבט אַ מענטש אין אַ מדבר, פּרי־וואַט לעבט אַ פּרוש אין וואַלד, אפשר נאָך אַ פאַרצייטיקער בטלן הינטערן בית מדרש אויוון. אַ מענטש צווישן מענטשן איז קיינמאָל נישט פּריוואַט. דער, וואָס טוט עפּיס, — בפרט דער, וואָס שרייבט — לעבט געזעלשאַפטלעך, עפנטלעך; דער מוז זיין אָדער נוצליך אָדער שעדליך און קאָן, דאַרף און מוז געשאַצט ווערן. אמת, דאָס אָפּשאַצן געהערט צום ריכטער, אָנקלאָגן צום פּראָקוראָר, מסרן צום שפּיצעל און דאָס אויפהענגען צום תליון . . . זענען טאָקע דערויף פאַרהאַנען ספּעציאַליסטן אין, דער ליטעראַטור אויך . . . איינער האָט גלאַט ליב וויוויסעקציע, טו אים עפּיס.

און ווי געזאָגט: אָבער עפנטליך קריטיקירט דאַרפן ווערן אַלע, אַלע — און פריער פאַר אַלץ דער שרייבער. ווער עס רעדט צום פּובליקום געהערט צום פּובליקום. דאָס פּובליקום האָט רעכט צו פאַרלאַנגען, מען זאָל פון צייט צו צייט אַראָפּציען דעם טלית פון די וואָס שטייען ביים עמוד, ביים שלחן, און ווייזן אים, ווער עס בעט פאַר אים, ווער עס בלאָזט אים שופר.

אַמאָל פלעגט מען זאָגן: קריטיקירן דאַרף מען דאָס ווערק, נישט דעם אויטאָר. היינט דעם אויטאָר צוליב דעם ווערק. ווייל דאָס פּרצוף־פּנים פון

באהאלטנסטן אויטאָר, קריכט אַרויס אין זיין ווערק פון צווישן די שורות, פון צווישן די אותיות. ווי ער זאָל זיך נישט פארשטעקן, ווען און וואָס ער זאָל נישט הייסן רעדן, וואָס ער זאָל נישט ווען לייגן אין מויל אריין, — ער רעדט עס, זיין הארץ זאָגט עס. און — א וואָרט א מאן, א מאן א וואָרט. און דער פאשקוויל, אויב ער איז אן אמתער, איז נישט מער ווי א שליסל צו דער רעטעניש פון ווערק.

און נאָך אמאָל:

ווייל דאָס פרצוף־פנים פון באהאלטנסטן אויטאָר קריכט ארויס פון זיין ווערק פון צווישן די שורות, פון צווישן די אותיות. ווי ער זאָל זיך נישט פארשטעקן, ווען און וואָס ער זאָל נישט הייסן רעדן, וואָס ער זאָל נישט ווען לייגן אין מויל אריין —

ער רעדט עס,

זיין הארץ זאָגט עס.

1905. י. ל. פרץ.

באמערקונגען פון מחבר

מיין טאַטע פלעגט מיר דערציילן, אז ער האָט עס בירושה פון מיין זיידן, און איך האָב עס בירושה פון מיין טאַטן: פיעטעט צו גייסטיק אַקטי־ווע מענשן. און פונקט ווי ביי מיין טאַטן, איז די פיעטעט ביי מיר גע־מישט מיט אביסל חוצפה. אָבער פיעטעט איז דאָס גרונט־געפיל, חוצפה איז דער צומיש, דאָס זאַלץ. פיעטעט מוז מען מישן מיט אביסל חוצפה ווי קאַרטאָפליעס מיט זאַלץ. אָט א די פיעטעט איז די מוטער פון דעם ווערק — אין דריי פיר בענדער — מיטן נאָמען „מיין לעקסיקאָן". מיין לעקסיקאָן — א פריוואַטער לעקסיקאָן פון דער יידישער קולטור באַוועגונג פון א פערטל יאָרהונדערט איבער גאָר דער וועלט, דעם פערטל יאָרהונדערט צווישן צוויי וועלט־מלחמות, די אַקטיווסטע יאָרן פון מיין לעבן. עס איז א מאָזאַיק־פּאָרטרעט פון א יידישן קולטור־דור. א מאָזאַיק — יעדעס שטיינדל פונקט אזוי גרויס (אין מיין לעקסיקאָן און נישט אין דערווירקלעכקייט), יעדעס שטיינדל אן אנדער פאַרב — און אַלע שטיינדלעך צוזאַמען א בילד. (לכל הפחות איז עס דעם מחברס הייסער ווונש, אז עס זאָל זיין א גאַנץ בילד).

אויף א לאַנגער פויזע אין מיינע ווייטע וועלט־רייזעס, אין יאָר 1936, אין אויסטראַליע, בין איך אַמאָל ביינאַכט געשטאַנען אויפן באַלקאָן פון מיין דירה אין מעלבאָרן, אויף דער ראַיאַל־פּאַרעיד, און אַרויסגעקוקט אויף דער אָפּגעשטאָרבענער אַלעיע און געטראַכט, אז איך וועל מוזן איינגאַנצן אויפגעבן מיין זשורנאַליסטישע אַרבעט ווייל מיינע רייזע־טעמס האָבן זיך געענדיקט און דעמאָלט איז מיר גאַנץ פּלוצלונג איינגעפאַלן א טעמע אָן א סוף . . . צו שרייבן קורצע פּאָרטרעטן פון דער יידישער קולטור־וועלט. איך בין אריין אין שטוב און גענומען מאַכן א רשימה פון פּערזאָנען, וואָס איך קען. אז עס האָט גענומען גרויען אין פענסטער האָב איך איבערגע־ציילט. עס זענען געווען 400 נעמען. אן אַרמיי. און באַלד דעמאָלט האָב איך באַשלאָסן אָפּצוגעבן יעדער פון די פּערזאָנען די זעלבע צאָל שורות. אן ערך 3 בוך־זייטן. אן ערך 1000 ווערטער. (עטליכע אויסנאַמען באַשטעטיקן בלויז די רעגל). דאָס זענען פּאָרטרעטן — האָב איך רעזאָנירט — און איך בין א וואָרט־פאָטאָגראַף. און מענשן זענען אַלע גלייך, און מענשליכע פנימער — אַלע גלייך גרויס און אינטערעסאַנט; אויב מען באַמיט זיך נאָר דאָס אינטערעסאַנטע אין זיי אויסצוגעפינען. און אגב וואָלט איך אוועק מיט מיין גאַנצער אַרבעט אין כף הקלע ווען איך וואָלט גענומען מעסטן און טיילן כיבודים. האָב איך באַשלאָסן: אַלע גלייך! (אויסנאַמעס באַשטעטיקן די רעגל).

זינט 8 יאָר שרייב איך אָט אָ די פּאָרטרעטן. אַן ערך 300 שוין אויפֿגעשריבן. אַ טייל פֿון זיי שוין געדרוקט אין אַלערליי צייטונגען. און מיט דעם שרייבן זענען אויפֿגעקומען פּראָבלעמען, וואָס זענען ביים פּלאַנעווען גאָר נישט געווען. און די פּראַקטיק האָט אַסך געלערנט.

צוליב אַלערליי סיבות בין איך איינער פֿון יענע יידישע שרייבער, וואָס האָט פּערזענליך געקענט דעם מאַקסימום אַקטיווע שאַפֿער פֿון דער יידישער קולטור אין אונזער דור. ערשטנס צוליב די רייזעס איבער גאָר דער וועלט. (און דווקא דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד נאָר כמעט ווי דורכגעפֿלויגן און אין ארץ ישראל לחלוטין נישט געווען — און דאָס איז אַ שטאַרקער מינוס ביי אַזאַ ווערק, אָבער וואָס קען איך מיר העלפֿן). צווייטנס צוליב אויספֿירן דעם אַמט פֿון סעקרעטאַר פֿון וואַרשעווער ליטעראַטן־פֿאַריין, דעם באַרימטן טלאָמאַצקיע 13, אין פֿאַרלויף פֿון כמעט צען יאָר — 1925־1934. דריטנס צוליב אומענדליכער פּיעטעט נישט בלויז צו דער יידישער מאָדערנער קולטור, נאָר אויך צו אירע שאַפֿער. (פּיעטעט מיט אַביסל חוצפה — נאַטירלעך) און איך זוך אַלעמאָל אינטימע פּערזענליכע באַקאַנטשאַפֿט.

לכתחילה האָט דאָס בוך, אין עטליכע בענדער, געדאַרפֿט דערשיינען אין פֿאַרלאַג „טאָמאָר" אין ווילנע, מיט וועלכן איך האָב געהאַט אַ קאָנטראַקט אויף אַ פּופֿצן־בענדיקער אויסגאַבע פֿון אַלע מיינע כתבים. דאָרט האָט דאָס בוך געדאַרפֿט דערשיינען אינגאַנצן אויף אַמאָל און אַלפֿאַבעטיש. אָבער נישט באַשערט איז געווען. באַשערט איז געווען אַז דאָס בוך זאָל דאָך דערשיינען צוליב דער איניציאַטיווע פֿון ווילנער פֿריינט, מאַשאַ און לייבל ראָסקעס. אויך דער לכתחילהדיקער פּלאַן פֿון ווערק איז געענדערט געוואָרן. צוערשט וועלן דערשיינען די צוויי בענדער, וואָס האָבן אויסשליסלעך אַ שייכות צו פּוילן. ווי דען אַנדערש?

דער דאָזיקער, ערשטער באַנד נעמט אַרום די פּויליש־יידישע דריי דלדן: — דיכטער, דערציילער, דראַמאַטורגן. דער צווייטער באַנד וועט אויך זיין אַ פּויליש־יידישער און אַריינגעמען: פּובליציסטן, רעפּאָרטאַזשן־שרייבער, קולטור־טוער, טעאַטער־געשטאַלטן, זשורנאַליסטן — מיט איין וואָרט אַלע די, וואָס באַלאַנגען צום גאַנצן מאָזאַיק־בילד פֿון דעם דאָזיקן יידישן קולטור־דור.

איך האָב געשריבן נאָר וועגן פּערזאָנען, וואָס איך האָב אַליין געקענט. פּערזאָנען, וואָס איך האָב אַליין נישט געקענט—מעגן זיי זיין לייכט־טורעמס און נישט פּערזאָנען — האָב איך וועגן זיי נישט געשריבן. עס איז מיין לעקסיקאָן. אין דעם זינען איז די חוצפה אין פֿאָדערגרונט.

יצחק לייבוש פּרץ'ן האָב איך נאָר איינמאָל אין מיין לעבן געזען — 14 יאָר בין איך דעמאָלט אַלט געווען, אין סטאַניסלעװ, אין יאָר 1908, נאָך דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, אויף א ליטעראַרישן אוונט, פון דעם העכסטן טרעפּל פון דער גאַליאַרקע אין דאָרטיקן טעאַטער־זאַל. האָב איך דעריבער אין לעקסיקאָן, חוץ דער פּרץ־הקדמה . . . אַריינגענומען נור גע־שטאַלטן פון דריי פּרויען, וואָס האָבן געהאַט א שייכות צו פּרץ'ס לעבן. די דריטע האָט — לויט מיין מיינונג — געהאַט א שייכות צו זיינע ווערק, זיינע פרויען־געשטאַלטן. אויך א פּאָרטרעט פון מאַטילדע אַש איז איינגעשלאָסן אין דעם לעקסיקאָן. דאָס זענען אַלץ אויסנאַמען.

קענער פון דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן וועלן נישט געפינען דאָ נעמען פון גאַנץ באַדייטנדיקע שרייבער. למשל: דוד קאַסעל. כאָטש גע־לעבט אין איין שטאָט יאָרן — האָב איך אים כמעט נישט געקענט. ער האָט אויסגעמיטן אונזער קלוב. איך האָב מיך דאָך — אגב — נישט אונטער־נומען וועגן אַלעמען צו שרייבן. עס איז מיין לעקסיקאָן. און אָט האָב איך איינגעשלאָסן שרייבער, וואָס האָבן נאָר א צייטלאַנג געוווילט אין וואַרשע אין די צוויי צענדלינג יאָר. אָבער אין מיין אויג האָבן זיי זיך צוזאַמענגע־גאָסן מיט דעם גאַנצן בילד. פּיכמאַן — למשל, — סטאַווסקי, שניאורסאָן. אַנדערע ווידער זענען באַלד אין די ערשטע יאָרן פון פּוילנס זעלבסשטענ־דיקייט אוועק, און דאָך האָב איך זיי אַריינגענומען. גיסער, קאַרמאַן א. א. אַנדערע אַזעלכע וועל איך אַריינגעמען אין באַנד „אַמעריקע". קיין עקזאַקט־וויסנשאַפטלעכער צוגאַנג האָט דאָ נישט געקענט זיין. גראַז איז אונזער פאָלק און קוועקזילבער זענען אונזערע שרייבער . . . אַלץ איז לאָביל — ווילט איר גראַד פון מיין לעקסיקאָן א סטאַבילע מאָס? . . . איניקע שרייבער זענען געקומען צו באַדייטונג, אָדער בכלל געקומען ערשט נאָך מיין אָפּפאָרן פון פּוילן. אין די פּאָר יאָרן 1935־39. און נאָך איז געווען א פראַגע — ווער עס זאָל אַריין אין ערשטן באַנד? ווער איז א דיכטער, דערציילער, דראַמאַטורג? דאָ האָב איך געהאַט א קריטעריום: כאָטש איין בעלעטריסטיש בוך ! און אַמאָל איז אויסגעשפּראָכענע בעלעטריסטישע אַמביציע אויך פאַר מיר גענוג געווען. משלים: נח פּרילוצקי, יעקב פּאַט. פּאַרוואָזשע קומט דאָ אַריין קאַליאַ טעפּער? איך ווייס נישט. עטליכע, אפשר דורכגעלאָזענע, וועלן אַריין אין צווייטן באַנד פּוילן. אַנדערע וועלן אַריין אין דריטן, פּערטן. איך וועל שוין געפינען אַן אויסרייד זיי אין יענע בענדער אַריינצונעמען. גראָז איז אונזער פאָלק און קוועקזילבער זענען זיינע שרייבער.

לעזער, וואָס וועלן לעזן דאָס גאַנצע בוך, וועלן געפינען מערערע אי־בערחזרונגען, זיי וועלן צו אָפט געפינען דערמאָנט די יאָרן פון דער „כאַ־

ליאַסטרע״ און איר שעף פרץ מארקיש, זיי וועלן צו אַפּט געפינען דערמאָנט דעם ליטעראַטן־פאַריין, צו אָפּט די „ליטעראַרישע בלעטער״, „פאָלקס־צייטונג פאַר ליטעראַטור״, אויסגאַבן וואָס איך האָב מיטרעדאַגירט, רעדאַגירט. דורך אָט די איבערחזרונגען וועט דער לעזער, וואָס וועט בלויז טיילן פון דעם בוך לעזן, אויך אַלעמאָל וויסן אין וואָס עס האַנדלט זיך, וועגן וואָס עס רעדט זיך. פוסנאָטן וואָלטן זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין אַזאַ מין האַלב־בעלעטריסטישן בוך.

וויפיל שפּאַסיקע און ערנסטע טיטולן פאַר דעם בוך זענען מיר אין פאַרלויף פון די אַכט יאָר איינגעפאַלן, בכיסם, בכוסם, בכעסם — האָט מיך יאָרן־לאַנג נישט אָפּגעלאָזן. זאָל עס כאָטש אין די באַמערקונגען פאַרצייכנט ווערן — פאַר דער „אייביקייט״ . . .

ווי אָפט איך האָב מיך געזעצט שרייבן אַזאַ פּאָרטרעט — און איך האָב עס ביז איצט שוין דריי־הונדערט מאָל געטון — האָב איך אַלעמאָל געזאָגט אַ תּפילה: גיב מיר גאָט כּוח נישט צו באַהאַנדלען דעם מענש ווי ער האָט מיך באַהאַנדלט, נישט צום גוטן און נישט צום שלעכטן. גיב מיר בכלל — גאָט — כּוח צו רעגולירן מיינע באַציאונגען צו מענשן נישט לויט זייערע באַציאונגען צו מיר. אין מאַנכע פון די פּאָרטרעטן האָט גאָט מיין תּפילה אויסגעהערט. אין אַלע — אוודאי נישט. איך בין דאָך נישט מער ווי אַ זינדיקער מענש. אָבער מיר זענען ברידער אַלע, שוועסטערן אַלע, טינט־קרובה־שאַפט איז די איינציקע ראַסן־קרובהשאַפט אין וועלכער איך גלויב. און אַ פּשיטא שוין אַזאַ טינט מיט וועלכער די טייערע, יידישע אותיות ווערן געשריבן. און אַלע דאָ באַשריבענע האָבן אַ שייכות צו יידישע אותיות. אין דעם זינען איז קיין אויסנאַם נישטאָ.

אַ רייע פון שרייבער, וואָס זענען אין דעם בוך נישט אויפגענומען — און וועגן וועלכע איך האָב געשריבן נאָר „מאָמענטן״ — נישט קיין פּאָר־טרעטן — וועלן אַריינקומען אין צווייטן באַנד.

מען האָט מיר געעצהט צו געבן אויך פאָטאָגראַפישע בילדער פון די שרייבער. איז ערשטנס נישט מעגליך געווען אַלע בילדער צו קריגן, צווייטנס — בילדער מיט בילדער, בולבעס מיט בולבעס . . .

עס איז געווען נויטיק צו יעדן פון די וואָרט־פּאָרטרעטן צו געבן דאָס יאָר ווען ער איז געשריבן געוואָרן. נישט צוליב דער „געשיכטע״, נאָר — אַזיסט וואָלטן אַסך פּאָרטרעטן אויסגעקומען אַנאַכראָניסטיש און ענדערן זיי האָט קיין זין נישט געהאַט, מען וואָלט געדאַרפט אַלע יאָר ענדערן. די פּאָר ביאָגראַפישע דאַטעס זענען אַלע מאָל די לעצטע. אָפּט לעבט נאָך דער באַ־

שריבענער אין טעקסט פון פּאָרטרעט. אין דער ביאָגראַפישער נאָטיץ איז ער שוין טויט . . . נאָר ביי יענע חברים, טייערע, הייליקע חברים, וועגן וועלכע עס זענען געווען דעפיניטיווע, קאָנטראָלירטע ידיעות, אז זיי זענען שוין נישט מערביים לעבן, איז דאָס אָנגעגעבן געוואָרן — ביי אלע איבע־ריקע, און הלוואי זאָלן זיי אַלע, אַלע זיין ביים לעבן, אז דער גרויסער סוד וועט אנטפּלעקט ווערן, האָב איך בלויז צוגעשריבן די אומבאַשטימטע ווער־טער: טראַגישע ידיעות . . .

צום סוף פון בוך האָב איך צוגעגעבן מיין ארטיקל וועגן טלאָמאַצקיע 13, געשריבן אין בוענאָס איירעס אין יאָר 1938. א מין דעקאָראַציע צו דער פּאָרטרעטן־גאַלעריע.

די כוונה פון דעם בוך איז — ספּעציעל פון די צוויי בענד וועגן פּוילן — ברענגען צו אייביקער פּאַפּירענער רו א טומלדיקן, הארציקן, האָפנונגס־פולן יידישן קולטור־דור, וואָס וועט ווידער אויפשטיין אין א גרויסער גלאָ־ריע — אָבער אנדערש. אזוי ווי ער איז דאָ באַשריבן וועט ער שוין מער נישט זיין. זאָל ער זשע ווייטער לעבן, טומלען, האָפערדיק זיין אין אָט די בלעטלעך און דורך אָט די בלעטלעך.

און אָט האַלטן אויך די „באַמערקונגען" שוין ביים סוף. נעילה. נעילה און מחילה גראַמען זיך. בעט איך טאַקע שוין לכתחילה אנטשולדיקונג ביי יענע קאָלעגן, וואָס וועלן זיך פילן געטראָפן מיט דעם, אָדער יענעם וואָרט מיינעם. נאָך מער וואָלט איך געדאַרפט בעטן אנטשולדיקונג ביי יענע, וואָס קענען שוין די ווערטער אליין נישט לעזן . . . גלויבט מיר אלע, אלע — איר וואָס זענט דאָ, און איר וואָס זענט שוין דאָרט, ווו מיר אלע וועלן פריער אָדער שפּעטער זיין, ווייל אין מיין הארץ זענט איר אלע, אלע נאָך ביים לעבן — אז איך האָב קיין בייזע כוונות נישט געהאַט.

דאָס בוך איז א בייטראַג צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטע־ראַטור. צי עס וועט אויסנעמען, צי נישט, דער וואָס וועט שטודירן די יידי־שע ליטעראַטור פון אונזער צייט וועט עס — האָף איך — אויפזוכן און דאַנקבאַר זיין דעם מחבר פאַר דערלאַנגען אים אָט א דעם בונט שליסלען, צוויי ערגער און איינער בעסער אפשר, צו א בונד הארציקע לייַדנדיקע יידי־שע נשמות פון א גרויסן און טראַגישן יידישן דור.

מ.ר.

מאָנטרעאל, יולי 1944.

שמואל יעקב אימבער

1889 — געבוירן אין סאַסאָוו, גאַליציע, געוווינט אין לעמ־בערג, ווין, ניו יאָרק, קראָקע און ווידער לעמבערג. רייזעס: 1911 רוסלאַנד, 1912 ארץ ישראל, 1920 אַמעריקע. 1939 — טראַגישע ידיעות וועגן אים. ער איז אָבער גע־בליבן און געווען טעטיק אין לעמבערג. זינט יוני 1941 — ווער ווייסט.

אימבער איז מיין ליטעראַרישער לערער געווען. דער שטרענגסטער פון אַלע מיינע לערערס. ווען איך וואָלט שוין אין 1910־טן יאָר נישט געהאַט א ווענעטאַרישע נשמה וואָלט איך אים וואַרשיינליך געהרגט פאַר די סאַדיסטישע אָפּעראַציעס, וואָס ער פלעגט דורכפירן אויף מיינע ערשט־לינגס־לידער. ער איז איינער פון די גרעסטע לידערפאַרשטייער אין דער יידישער ליטעראַטור. ער פאַרשטייט קאָמפּראָמיסלאָז און צו גוט, אַזוי ווי א ליטעראַטור וואָלט באַשטאַנען פון לויטער דיכטער־פּאַכליט און נישט — אויך לעזער. דערפאַר איז א געפאַר אים איבערצוגעבן די אויפגאַבע אַרויס־צוגעבן אַן אַנטאָלאָגיע. ער האָט עס אָבער געטון.

אַז אימבער, מיין לערער, איז אין 1912־טן יאָר אויף א פּאָר חדשים אַוועק פון לעמבערג קיין ארץ ישראל, האָב איך באַלד אויסגענוצט די פריי־הייט און אַרויסגעגעבן דאָס ערשטע ביכל לידער מיינס. ביים דרוק פון לעצטן בויגן איז אימבער פּלוצלונג צוריקגעקומען. ווייס ווי קרייד פון שרעק פאַר מיין לערער בין איך געשטאַנען אין ווינקל פון דער דרוקעריי בשעת אימבער האָט מיט זיין זיכערער האַנט צורעכטגעמאַכט מיינע שלעכטע ערשטלינגס־לידער. דער קאָפּ האָט זיך מיר געדרייט און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מען לענקט מיר צוריק אַיין עטליכע אויף אַמאָל אויסגעלענקטע גלידער. אויב איך בין אין מיין לעבן ווען עס איז געווען ברוטאַל צו יונגע שרייבער, איז עס געווען די רעאַקציע אויף דער כירורגישער ברוטאַליטעט, וואָס אימבער האָט אַרויסגעוויזן צו מיינע ערשטלינגס־לידער. איך האָב געהאַנדלט ווי יענער יעפּרייטער ביי מיליטער, וואָס נעמט נקמה פון דעם רעקרוט: נאַ, פיל אויך אַ טעם !

אימבער איז אַ גאַליציאַנער. פון אַלע וועלטן, און אַפילו נאָך פינף יאָרן וווינען אין ניו יאָרק, האָט ער זיך סוף כל סוף אומגעקערט צו דער שטאָט פון זיין ערשטלינגס־בוך „וואָס איך זינג און זאָג״. וואָס איז געווען און געבליבן איינס פון די צאַרטסטע און אומבאַקאַנטסטע אין דער יידישער ליריק.

אימבער איז א ברודערן־זון פון דעם שעפער פון דער „התקווה", דעם שטאָלצן קעניג פון די יידישע דיכטער־שנאָרער נפתלי הערץ אימבער, דער ציוניזם איז אזויצוזאָגן אין זיין בלוט. ער האָט עס בירושה. און ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַפרייט פון אַ פרינציפיעלן העברעאיזם, כאָטש פאַקטיש איז ער דורכאויס יידיש — ניין, דאָס איז נאָך נישט אַלץ. פאַקטיש איז ער יידיש־פויליש. ער האָט בכלל ממש אַ קרענקליכן טאַלענט צו שפּראַכן־קענטשאַפט. ער מייסטערט משמעות די פוילישע שפּראַך, אין וועלכער ער האָט געשריבן פאָלעמיקעס קעגן אַנטיסעמיטישע עם־הארצים, נישט ערגער ווי די בעסטע מייסטערס אין פויליש.

אימבער שטייט אָן אַ זייט אין דער יידישער ליריק — נאָך אַלץ אין גאַליציע, מיט גאַליצישע קאָמפּלעקסן און איינרעדענישן, טראגיש ווי אַ בושעל אויף אַ שטיין־געבליבענעם קוימען פון א פאַרברענטן דאָרפהויז, פלעכט ער ווידער אין אָן איינזאַמען פרילינג זיין נעסט . . . ער זוכט נישט דעם קאָנטאַקט מיט דעם ברייטן שטראָם פון דער יידישער פּאָעזיע, דער יידישער ליטעראַטור. ווי אַסך צאַרטסטע ליריקער — וואָס ער איז — איז ער אויך געבענשט (אָדער פארקערט? . . .) מיט א שפּילקע־שאַרפן פאָלעמישן גייסט. ער האָט עטליכע מאָל פּרובירט דורכשטעכן פאַר זיך אַ ברייטן וועג אין דער יידישער ליטעראַטור, אָבער דאָ דאַרף מען אָדער דורכברעכן, אָדער דורכשמייכלען א וועג . . . אימבער קען ביידעס נישט.

25 יאָר אימבער־דיכטונג !

30 יאָר אימבער־דיכטונג !

קוים א ווינטל האָט זיך באַוועגט אין דעם יידישן צייטונגס-בלעטער־וואַלד.

אָבער אין וואונדערליך־צייטיקן פריהערבסט פון זיין דיכטערישער פול־קאָמענהייט האָט אימבער געזונגען:

אינמיטן טאָג — חלומות, אינמיטן נאכט — שפּאַצירן,
א לעבן אָן אַ חשבון — כאָטש אַלץ אינאיינעם שטימט —
איך בין נאָך אַלץ דערזעלבער: דורך פענסטער און דורך טירן
קומט ליבע אויף צו בלייבן, קומט רשעות און צעשווימט.

נישט די יידישע קריטיק, נישט די דאַנקבאַרע יידישע לעזערשאַפט, וועלן אימבערן ארויפהויבן אויף דער הויך אין דער יידישער ליריק, אויף וועלכער ער געפינט זיך אַבסאָלוט — כאָטש רעלאַטיוו אין שאָטן. עס וועט עס טון דער יידישער פראַנץ שובערט, וואָס וועט קומען און וועט אַזוי

קאָמפּלעט פּאַרװאַנדלען אימבערס ליד אין מוזיק, װי יענער האָט עס געטון מיט הײַנעס.

אַ גליק, װאָס איך האָב שױן מיט 27 יאָרן צוריק געהאַט די נשמה פֿון אַ װעגעטאַריאַנער, אַנישט װאָלט איך אימבערן געהרגעט פֿאַר זײַן אכזריות צו מײַנע ערשטלינגס־לידער. נישט אײן ברוטאַל ליד האָב איך אַפֿילו אין רײַפֿע יאָרן נור להכעיס מײַן דיכטער־לערערס איבער־צאַרטן, מוזיקאַלישן אויער געשריבן.

אָט זע איך אים, זײַן ײִנגלישע געשטאַלט, אַפֿילו צו זײַנע 40, זײַנע אײביק שמײכלענדיקע אויגן, אביסל גנבישע אפֿילו, זײַן הויכן, בלאַסן שטערן, זײַן גאָלן קאָפּ שױן צו זײַנע 30, זײַן פֿול מױל, פֿול מיט ליבע און מיט קושן צו דער גאַנצער, גאַנצער װעלט.

1936

שמריהו אימבער

1868 אין זלאָטשעוו, זינט 1914 ווין, קראקע, ארץ ישראל.

דער פאָטער פון שמואל יעקב אימבער, וואָס כאָטש נישט מער ווי פינף יאָרן עלטער פון מיר, איז שמואל יעקב מיין פּאָעטישער דערציער. א מין פּאָעטישער פאָטער. אויף דעם אופן וואָלט לאָגיש אויסגעקומען, אַז שמריהו אימבער, שמואל יעקבס פאָטער, איז מיין זיידע, מיין פּאָעטישער זיידע . . . אָבער דאָס איז נישט אזוי, דאָס איז געזאָגט אַזוי זיך, א קיבעץ, און מיט דעם אַלטען אימבער האָט מען געקענט א קיבעץ טון. געשריבן האָט ער אַלץ איינס זייער ווייניק. כמעט גאָרנישט.

צו באַרימטע שכנים געהאַט.

זיין ברודער איז געווען נפתלי הערץ אימבער, דער העברעאישער דיכטער, מחבר פון דער „התקווה", וועלטוואַנדערער און שיר נישט נביא, וואָס האָט זיך געלאָזט צאַלן אין שענקען גלעזלעך בראָנפן ביי גוטע ברידער און שפּעטער צוריקגעשליידערט דאָס גלעזל דעם גראָבן יונג אין פּנים אַריין מיט א פּאַר ביטערע אמתן. אָט אַזאַ מין ווילדער נביא און מען זאָגט, אַז פראָטאָטיפּ פון זאַנגווילס „קעניג פון די שנאָרער".

פון איין זייט דער זון און פון דער אַנדערער דער ברודער — איז שוין שווער געווען צו מאַכן אַ ליטעראַרישע קאַריערע.

אָבער פונדעסטוועגן האָט מען אָנגעשריבן א דערציילונג און זיך מיט איר נישט וויסנדיק געמאַכט פאַרן זון, אָדער אמאָל אן ארטיקל און געשוויגן וועגן דעם אין שטוב און אמאָל אויך רעדאַגירט א צייטונג, דער עיקר אין העברעאיש.

און טאָמער האָט מען גערעדט וועגן אימבער־ליטעראַטור, איז אָדער וועגן דעם זונס, אָדער וועגן דעם ברודערס. אמאָל — עס איז געווען אין ווין, אין יאָר 1913 — בין איך גראַד געשטאַנען אין איין לאָזשע צוזאַמען מיט שמריהו אימבער בשעת דער שליסונג פון דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. עס איז געווען נאָך ביאַליקס רעדע און דער גאַנצער עולם האָט זיך א הויב געטון צו זינגען די „התקווה". א מאַן 2000. שמריהו אימבער (וואָס ס'מזל האָט דווקא אים צוגעטיילט דעם סאַמע פּאָעטישסטן פון די אימבער־פאַרנעמען) האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און רוימט מיר איין אויפן אויער: און ווער וואָלט דאָס געגלויבט, אַז דאָ שטייט א שטילער ייד, וואָס איז געווען

אויף דער וועלט דער ערשטער לעזער פון דעם ליד ? און עס איז אים דווקא נישט צו שטאַרק געפעלן . . .

נאָר צום הערלעכסטן פון אַלץ איז געווען שמריהו אימבערס אָרים־לערערישע שטוב פון א באַראָן הירש־פונדאַציע שול־דירעקטאָר אין דעם גאַליצישן שטעטל אזיערנע. דאָס איז נישט געווען קיין שטוב, דאָס איז געווען א שטיק ליטעראַטור. אגב איז יענער גאַנצערווינקל אין גאַליציע (ביי טאַרנאָפּאָל) א שטיק ליטעראַטור. משה לייב האלפּערן איז פון יענער געגנט און א. מ. פוקס איז אפילו א אַזיערנער. אָבער דער עיקר די שטוב פון שמריהו אימבער. דאָרט זענען געווען דריי שיינע מיידלעך: צפורה און חנה און אַדעלע, און אַ ייִנגל איזיע, וואָס איז שפּעטער געווען אַן אוניווערסי־טעטס־דאָצענט אין איטאַליע, דאָקטאָר איסאַדאָרע אימבער. און אַלץ איז געווען פול מיט וויץ און הומאָר און ליד און טאַמער איז אנטדעקט געוואָרן ערגעץ א ניי, גוט ליד, האָט זיך די גאַנצע שטוב אָפּגעשטעלט אינמיטן מי־טאָג, אפילו זיך אויפגעכאַפּט אינמיטן דער נאַכט — אויסצוהערן דאָס נייע ליד .אויף דער ציכטיקער בריק זענען אלעמאָל געלעגן פאַרשפּרייט פרישע לעמבערגער „טאָגבלאַטן״, דערויף האָט די אַלטע פרוי אימבער, וואָס אויף איר האָט געזונגען איר זון, דער פּאָעט שמואל יעקב „דיין מוטער איז אַ שטילע טויב״, געהאַט איר אייגענעם וויץ. זי האָט געזאָגט, אז מיט דעם צעשפּרייטן די צייטונגען אויף דער בריק איז זי מקיים א פּסוק טאקע פון דערזעלבער צייטונג, אין וועלכער עס שטייט געדרוקט שוואַרץ אויף ווייס: לעזט און פאַרשפּרייט דעם „טאָגבלאַט״ . . .

אין אָט דער הערלעך־פּאָעטישער אָרים־לערערישער שטוב פון שמריהו אימבער בין איך אמאָל געווען א גאַסט אַ פּאָר טעג, זיבעצן יאָר בין איך דעמאָלס אלט געווען און שעמעוודיק ווי א זיבניעריקער. די שטוב, וואָס האָט אסך טיי געטרונקען, האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס איך טרינק בשום אופן נישט מיין טיי. ערשט שמריהו אימבער האָט אנטדעקט די סיבה: דער בחור שעמט זיך צו נעמען צוקער — און אזוי איז טאקע געווען.אָט שטייט ער פאַר מיינע אויגן, אַ מאַגערער, אַ שוואַרץ־גרויע, קורצע, שטעכיקע געשוירענע באָרד, אויגן פול מיט איראָניע און ביטול צו א אסך, אַסך, אָבער ער וועט עס נישט זאָגן, זיינע אייגענע זענען שוין געגנוג איינגעריסן מיט אַ האַלבער וועלט צוליב זייער שטאַלץ.

א פאַרזעצונג פון שמריהו אימבערס שטוב, וואָס איז געווען אַזוי אינטעליגענט, אַז אפילו די קאַץ האָט געגעניצט ביי א שלעכט ליד און זיך באַלעקט ביי א גוטס, האָט שפּעטער עקזיסטירט אין ווין, אָבער ווין איז שוין נישט געווען אזיערנע, אַ ווייטערדיקע פאַרזעצונג איז געווען שפּע־

טער אין קראָקע, אָבער דאָרט האָט שוין אימבער געוווינט בײַ זײַן אײדעם, אברהם זײַנפעלד.

איצט איז שוין בלויז א זכר פון דעם אַלעם געבליבן. און פון שמריהו אימבערס כתבים בלויז עטלעכע בראָשורן אין ייִדיש און העברעאיש.

1938

לייבל אַליצקי

1894 טריסק, 1932 וואַרשע, זינט 1941 אין ראַטן־פאַרבאַנד.

פאַרהאַנען שרייבער, וואָס קענען פון קליינע, אינטענסיווע איבערלע־בונגען, פון איינצעלנע מענשן מאַכן סימבאָלן פון גרויסע וועלט־געשעענישן, פאַרהאַנען אָבער שרייבער, וואָס קענען גרויסע וועלט־געשעענישן אריינ־פאַקן אין אַזעלכע ענגע רעמלעך, אז זיי זאָלן ווערן נישט מער ווי אינדי־ווידועלע איבערלעבונגען. אינטענסיווע, משונהדיקע איבערלעבונגען — אָבער נישט מער ווי פּערזענליכע. לייבל אַליצקי געהערט צו דעם צווייטן מין. ווען איך וואָלט נישט מורא געהאַט פאַר דעם צו הויכן וואָרט וואָלט איך געזאָגט: דאָסטאָיעווסקישע. אַזאַ מין ליטעראַטור איז אַן אומהיימליכע ליטעראַטור און אַזעלכע ביכער וואָלט מען געדאַרפט דרוקן מיט דער ערנס־טער באַמערקונג, אַז מענשן אונטער פערציק יאָרן זאָלן אָט אַזעלכע ביכער נישט לעזן . . .

דאָס פּאַראַדאָקסאַלע איז, וואָס לייבל אליצקי איז אַ לערער פון פאַך און נאָך מער פּאַראַדאָקסאַל איז, וואָס חוץ אויף אומהיימליכע ראָמאַנען און נאָ־װעלן ספּעציאַליזירט ער זיך אויף משלים פאַר קינדער. אַ פּסיכאָלאָגיש רע־טעניש. נור דאָס רעטעניש קלערט זיך אויף ווען מען לעזט די משלים און מען איבערצייגט זיך, אַז די דאָזיקע שרייבט בלויז דער פּעדאַגאָג, שרייבט זיי מיט קאָפּ, דאָס האַרץ זיינס אָבער איז ביי די נאָוועלן און די ראָמאַנען, דאָרט איז זיין עלעמענט.

מיר איז קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו זיין אין אַליצקיס שטעטל, אָבער וויזט אויס, אַז די מעשה מיט דעם פּסוק „ווער עס וויל דעם דיכטער פאַר־שטיין — מוז זיך אין זיין לאַנד מטריח זיין" — איז נישט מער ווי אַזאַ פיין קלאַסישע זאָגעכץ, ווייל אזיסט ווי וואָלט עס מעגליך געווען, אַז פון דעם זעלבן שטעטל שטאַמט אויך זישע ווײנפּער, א פריידפולער פּאָעט, א סאַנגוויניקער ממש ?

ער איז א שטילער — אַליצקי — און האָט אַלעמאָל שטילע טענות, וועלכע ער זאָגט נישט אַרויס. אַזאַ געפּל האָט מען נאָך אַ לאַנגען שמועס מיט אים, אז עפּיס האָט ער נישט דערזאָגט און וועט עס שוין קיינמאָל נישט זאָגן, און — ווייל אַזוי — ווילט זיך דווקא וויסן. נור די מי איז אומזיסט. עפּיס איז דאָ אין זיין שווייגן די פאַרביסנקייט און אומגלויבן פון דעם דאָרפס־מענש לגבי דעם שטאָטישן. איר קענט אים אָפט זען אין א הייסן זומערדיקן טאָג

מיט א שירעם. א שירעם אין א זוניקן טאָג — איז אַן אויסדרוק פון מיס־טרויען צום רבונו של עולם און צו דער גאַנצער וועלט.

אויב דאָס לעצטע וואָרט פון א שרייבער איז פון זיין שטאַנדפּונקט זיין שטאַרקסטע דערגרייכונג איז אַליצקיס אומהיימליכער, לעצטער ראָמאַן מיט דעם רעקאָרד־אומהיימליכן נאָמען „הונטמאַן" אויך פון אונזער שטאַנדפּונקט די דערגרייכונג. ער איז זיך געבליבן געטריי אין זיין סטיל — אַליצקי — געטריי מיט די פאַרגלייכונגען, וואָס מען ווייסט קיינמאָל נישט צי זענען זיי גאָר גוט, אָדער גאָר שלעכט („זיין שטערן קנייטשט זיך ווי וואַסער פאַרן איינפרירן" א. א.), געטריי מיט די טעמעס, עפּיס מאָדנע פון לעבן גענומע־נע, ווי האַלב־טויטע פליגן פון אַ שפינען־נעץ — אונטער דעם אײַנפלוס פון אליצקיס פאַרגלייכן האָבן מיר אויך אַזאַ אליצקישן פאַרגלייך באַנוצט . . .

פאַרהאַנען שרייבער, וואָס באַנוצן זיך מיט אומהיימליכע טעמעס נור עס ווערט אונז נישט אומהיימליך און שרעקעוודיק (איר קענט דאָך דאָס וואָרט פון טאָלסטאָיען וועגן אַנדרעיעוון?), פון אַליצקיס ביכער אָבער ווערט אונז אומהיימליך און שרעקעוודיק — דאָס איז אַן אויפריכטיקער דיכטער, און אויפריכטיקייט איז אלעמאָל מדרגה.

ער איז א שטילער און א פאַרזאָרגטער — לייבל אליצקי — א שוואַרצ־אויגיקער, טיפּיטשנער פּראָווינץ־ייד — און אַ ברודער האָט ער, אויך אַ שרייבער — ברוך אליצקי — א טיפּיטשנער, פּראָווינצער יידישער קראָסאָ־וועץ. זיי זענען זייער ענליך, איינער צום אנדערן, אָבער דער קראָסאָוועץ איז ברוך.

אַז ער האָט זיך פּאַיאָוועט אין וואַרשע — האָט עס אַזש אַ בליאַסק גע־טון. ווי אַן אָפּשיין פון די שיינע, וואַרשעווער פּרץ־מאַרקיש־יאָרן . . . אָבער עס איז שוין נישט געוועזן דאָס — נישט די יונגע יאָרן פון דער כאַליאַסטרע.

און לייבל האָט זיך געשראָקן ממש פאַר זיין ברודער, ער האָט כסדר גע־קוקט מיט חשד אויף אים בשעת זיי זענען ביידע געוועזן אין שרייבער־קלוב צוזאַמען, האָט כסדר געהאַלטן אַנגעשפּיצט די אויערן, אָט, אָט וועט איינפאַלן ערגעץ א קרעדענץ מיט גלאָזוואַרק — ברוך, ווער דען אויב נישט דער ווילדער ברוך, און ער — לייבל — וועט דאַרפן באַצאָלן דעם שאָדן פאַרן לאָבוז, און דערצו די שאַנד . . . און אויך פאַר ברוך'ס גוטע, כאַטש צעלאָזן ווילדע לידער האָט זיך לייבל כסדר געשראָקן . . . און זיי זענען טאַקע כסדר גע־גאַנגען אייגענע וועגן, קיין צפון ברוך און קיין דרום לייבל, ווי אין בראשית שטייט.

1937

מאַרק אַרנשטײַן

1879 — װאַרשע, רײזעס אין צפון און דרום-אַמעריקע, נאָך 1939 געבליבן אין װאַרשע.

אויף צװײ שטולן קען מען נישט זיצן און אויף צװײ חתונות קען מען נישט טאַנצן, דאָס הײסט זיצן קען מען און טאַנצן קען מען אויך, מען קען אַפּילו טון בײדע זאַכן צוזאַמען: זיצן אויף צװײ חתונות און טאַנצן אויף צװײ שטולן — נאָר װי צו אַזאַ זיצן און װי צו אַזאַ טאַנצן.

מאַרק אַרנשטײן הײסט אויך אַנדזשעי מאַרעק און פֿירט אַרײַן פּױליש־קײט אין ייִדיש און ייִדישקײט אין פּױליש און מאַרק אַרנשטײן איז אַ טעאַט־ראַל פֿון אַ פּאַרמעסט און אַ מדרגה און גרױסער גענײטשאַפֿט און דאָך איז נישטאָ מאַרק אַרנשטײן אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אַפּילו כּמעט נישט אין ייִדישן טעאַטער. כאָטש אין עטליכע דראַמאַטישע װעלט־אַנטאָלאָגיעס רעפּרעזענטירט גראַד ער די ייִדישע דראַמע. דאָס איז דערפֿאַר װײַל מען איז קײנמאָל נישט זיכער מיט אים, אָט רעדסטו צו מאַרק אַרנשטײן און אויסהערן הערט דיך גאָר אַנדזשעי מאַרעק. און אָט גלױבסטו שױן, אַז עס רעדט צו דיר אַנדזשעי מאַרעק און אַזעלכע אױערן האָסטו אָנגעשטעלט צו אים, און עס רעדט גאָר צו דיר מאַרק אַרנשטײן.

מאַרק אַרנשטײן איז אַלעמאָל זײער ערנסט, װי אַ טעאַטער־דירעקטאָר פֿון דער איבסען־תּקופֿה צו װעלכער ער געהערט אײגנטליך. ער איז אַלעמאָל זײער ענליך צו די יוגנט־בילדער זײַנע מיט דעם שײנעם, אַרטיסטישן פּנים און דער טשופּרינע און דעם הוט און דעם קראַװאַט — כאָטש דער װינט פֿון דער צײַט האָט שױן אַלץ אָװעקגעבלאָזן, דעם קראַװאַט, דעם הוט און די טשופּרינע מיט דער פֿעלערינע פֿון די צײַטן פֿון סטאַניסלאַװ פּשיבישעװסקי און סטאַניסלאַװ װיספּיאַנסקי מיט װעלכע מאַרק אַרנשטײן האָט זיך געחבֿרט און איז געװאָרן אַנדזשעי מאַרעק.

אײביק ענערגיש — אַלעמאָל אַפּילו געװאַגט, אויף זײַן חשבון איז צו פֿאַרשרײַבן די פּױלישע אינסצעניזאַציע פֿון לײװיקס גולם אין װאַרשעװער צירק, שיר נישט אַ רײַנהאַרד־אױפֿפֿירונג.

אויף צװײ שטולן זיצן און אויף צװײ חתונות טאַנצן קען מען אײגנטליך יאָ, װי מיר האָבן געזען, נאָר דאָס טראַגישע איז, אַז אַזאַ גאַסט פֿאַרגעסט מען גיך אויף בײדע חתונות.

און עס איז אַ מאָדנע פֿאָלק — דאָס ייִדישע — עס אָנערקענט נאָר דעם

שרייבער, וואָס האָט אויך דערפאָלג ביי די גוים, עס מעסט אייגנטליך די מאָס פון דעם דערפאָלג, וואָס עס גיט אַ שרייבער לויט דער מאָס וואָס עס האָבן אים געמאָסטען די גוים — נאָר דאָס איז אַלץ היינט; אין גרויסן מאָרגן, אין אייביקן מאָרגן נעמט דאָס יידישע פאָלק לחלוטין נישט אין אַכט די מאָס פון די גוים און עס מעסט אינגאַנצן לויט אַן אייגענער מאָס.

און מאַרק אַרנשטיין האָט אַלע זיינע טאַלענטן איינגעשטעלט אויף היינט.

איך האָב אים אמאָל געזען אראָפּקוקן פון באַלקאָן פון ליטעראַטן־פאַריין אין אַ שיינעם וואַרשעווער זומער־טאָג בשעת אונטן איז פאַרבייגעפאָרן אַ גרויסער רעקלאַמע־וואָגן פון דער גולם־פאַרשטעלונג זיינער אין צירק; ער איז געשטאַנען גלייך און שטאָלץ ווי ביי אַ דעפילאַדע, האָט אריינגעשטעקט די רעכטע האַנטפלאַך צווישן צוויי וועסטל־קנעפּלעך, אַ ווינטל האָט אראָפּ־געבלאָזן אַ פּאָר לאָקן אויף זיין שטערן אַרויף, נאָר דער נאַפּאָלעאָן־הוט האָט געפעלט אויף זיין קאָפּ. א טריומף־מאָמענט פון זיין לעבן.

אָבער פון דעם שידוך פון דער יידישער קולטור מיט דער פוילישער איז געוואָרן פּשיטיק און פון די חלומות פון דעם גוט־מיינענדיקן שדכן — רויך פון א קוימען אין א שטורם־ווינט אין אַ פינסטערער נאָוועמבער־נאַכט . . .

דאָך איז פּאַרט אַזוי פראָסט און שיין און שיר נישט אייביק זיין — אפשר שענסטער — איינאַקטער „דאָס אייביקע ליד”. עס איז אפילו טיף־יידיש אויך.

1938

שלום אַש

1880 — קוטנע.

ביי אַלע שרייבער פון דעם דאָזיקן פּריוואַטן לעקסיקאָן זענען צוגעשריבן עטליכע דאַטעס פון וווינערטער־בייטן און רייזן. נור ביי אַשן — וואָס האָט אַפשר צום אָפטסטן וווינערטער געביטן און צום מייסטן, כאָטש נישט צום ווייטסטן געדייזט — מער נישט ווי דער געבורט־אָרט און דאַטום ? דערויף זענען דאָ צוויי ענטפערס. דער ערשטער — לאָמיר זאָגן — ענטפער איז, אַז עס וואָלט פאַרנומען אַ פּאָר צענדלינג שורות אַט די אַלע ערטער ביי אַשן אויסצורעכענען, איז שוין בעסער גאָרנישט. אָבער דער צווייטער ענטפער איז: אַז אַש איז קיינמאָל פון קוטנע נישט אַרויס . . .

— וואָס ? ! — גיט אַ הלוש אין מיין אויער דער קאָנדענסירטער יידישער לעזער און וויל מיך שלאָגן.

— אָבער פּאָר אַ קאָנדענסירטן סימבאָלישן לעזער דאַרף מען אַלעמאָל ווייניקער מורא האָבן ווי פּאָר אַ פּאַקטישן איינציקן לעזער, האָב איך מוט און איך זאָג:

— יאָ !

און דער קאָנדענסירטער לעזער גיט אַ שאָט אויס אויף מיר אַלע זיבן און זיבעציק שטעט און זיבעצן לענדער און פערציק יאָרהונדערטן, וואָס זענען די הינטערגרונטן פון אַשס 28 בענד, שוין דעם צווייטן באַנד פון דעם ראָמאַן „ביים אָפּגרונט" אריינגערעכנט.

איך אָבער האַלט מיך ביי מיינס: קוטנע — און דערצו זאָג איך עס אַרויס מיט דער סאַמע ריכטיקסטער קוטנער אויסשפּראַך, וואָס קלינגט אַן ערך „קיטנעו". דער קאָנדענסירטער לעזער קען זיך שוין מער נישט איינהאַלטן און שפּרינגט אַרויס פון זיין הויט, דער צינערנער קאָנדענס־פּושקע, גלייך אויף מיר אַרויף. ער איז גרייט מיך צו הרגענען : סטייטש ? !

דערזען, אַז איך שפּיל מיך דאָ מיט דעם לעבן האָב איך געמאַכט אַ קליי־נעם סטראַטעגיש־דיפּלאָמאַטישן ריקצוג: אָבער קוטנע איז די וועלט — פּונקט ווי אין אַ טראָפּן וואַסער, נישט נור וואָס עס שפּיגלט זיך די גאַנצע וועלט אין אים, נור די גאַנצע וועלט איז אויך אין אים אַנטהאַלטן — אַ וועלט מיט אומאויסגעפאָרשטע און אומאויסגעשעפּטע נאַטור־סודות, אַן אומ־צאָל מיט אומבאַקאַנטע באַשעפענישן.

דער קאָנדענסירטער לעזער איז פון זײַן אַגרעסיװער פּאָזיציע צוריק אַרײַן אין זײַן הויט. איך האָב אויפגעאָטעמט פרײַער.

אַשס װערק דאַרף מען שאַצן פון אַ פּערספּעקטיװ פון קומענדיקע יאָרן — כאָטש זיבעציק, נישט װײניקער. פון דער דאָזיקער פּערספּעקטיװ װעט זיך עס אָדער ארױסװײַזן אין דער גאַנצער גיגאַנטישער גרױס, אױב אַזאַ גרױס־קײט איז אין דעם דאָ, אָדער עס װעט זיך צעפליסן װי אַ רױך, נעלם װערן אינגאַנצן.

עס איז אַ גרינגע פּאָזיציע — די דאָזיקע פּאָזיציע פון איבער זיבעציק יאָר ארום, װען מיר אַלע, װאָס מיר שרײַבן און לעזן און זעצן די דאָזיקע װערטער, װעלן שױן זײַן טױט. און דער קאָנדענסירטער אַש־לעזער שטעקט שױן װידער אַרױס זײַנע נעגל װי אַ קאַץ: װי װאַגסט איך —

— װײַל אין אַלע 28 רײזן־בענד פון שלום אַשעס װערק איז נישטאָ קײן אײן ניצוץ פון הומאָר און הומאָרלאָזע װערק קענען נישט באַזיגן די צײַט.

און גלײַכצײַטיק פיל איך, אַז דאָס װאָס איך זאָג דאָ איז נישט ריכטיק, װײַל די ביבל איז אויך הומאָרלאָז און זי האָט די צײַט װי נישט איז באַ־זיגט . . .

— װײַל אין אַלע 28 בענד איז נישטאָ קײן פּראָסטע גוטמוטיקײט און אַ מענטש האָט ליב פּשוט גוטמוטיקײט —

אָבער אַזױ איז די טבע פון אָקסיש־ברוטאַלע שעפערישע נאַטורן — זײ האָבן נישט קײן הומאָר און האָבן נישט קײן גוטמוטיקײט. דערפאַר טאַקע דאַרף מען זײ זען פון א דיסטאַנץ פון אַ זיבעציק יאָרן, װען אַש װעט װידער צו אַש גײן און נור דאָס װערק װעט בלײַבן.

אַש איז קײנמאָל נישט גוטמוטיק — אין לעבן װי אין װערק. אין לעבן איז ער אויך נישט גוט, אָבער אין די װערק האָט ער אָן א שיעור גוטסקײט, דערטשמעלעט מיט דער גוטסקײט. דערפאַר אָבער האָט ער אין זײַנע װערק קײנמאָל נישט אָפּילו דעם מינדעסטן ניצוץ פון הומאָר און אין לעבן מאַכט ער אָפּטמאָל א װיץ. ער מוז זיך אָבער באַלד נאָך דעם געזאָגטן װיץ אַלײן צעלאַכן, װײַל קײנער כאַפּט זיך נישט, אַז דאָס איז געװעזן א װיץ און מען האָט געדאַרפט לאַכן. נאָך אַזאַ װיץ װערט באַלד אַזאַ אָנגעצױגענע אַטמאָס־פערע, אַז מען האָט מורא פאַר בלוטפאַרגיסונג און מען געזעגנט זיך װאָס גיכער אײדער דאָס געװיטער ברעכט אױס.

װען איך זע א מענשן, װאָס מיר איז עס אומהיימליך מיט אים צו זײַן פון דער נאָענט — האָב איך אַלעמאָל שטילערהייט א נקמה אין אים: מיר איז אומהיימליך מיט דיר צו זײַן, הייסט דאָס, אז דו ביזט אַן אומהיימליכער מענש, אָבער איך שטעק דאָך אין מײַן הויט און אָט אז איך װיל גיי איך מיר אַװעק פון דיר — אָבער דו קענסט דאָך אַזאַ קונץ נישט באַװײַזן, דו קענסט דאָך פון דײַן הויט נישט ארויסשפּרינגען, דו מוזט דאָך אײביק בלײַבן אין דײַן אומהיימליכער געזעלשאַפט . . . אָט דאָס איז אַלעמאָל מײַן שטילע נקמה אין אשן . . .

אָבער די דאָזיקע געניאַלע אייביקע אומצופרידנקייט זיינע מיט זײַן אומהיימליכער, װעלטפאַרשלינגערישער פּערזענליכקייט—דאָס דאָזיקע לױפן און נישט קענען אנטלויפן פון זיך ברענגט צו דעם אַנכאַפּן זיך אלעמאָל אין אַנדערע מזבח-הערנער פון גרויסע װערק.

אַזאַ דיספּראָפּאָרץ אין זײַן ראַסיקער מענער־געשטאַלט און דערשײַנונג און — אַפּט אין געװיין־טאָן איבערגײַיענדיקער שטימע — עפּיס אַזאַ מידקייט אין דעם, מידקייט פון אײנעם, װאָס קוים האָט ער דערגרייכט דעם שפּיץ־באַרג איז ער שוין מיט די לעצטע כוחות אומגעפאַלן. אַזאַ דיספּראָפּאָרץ אין דער געשטאַלט און די װייסע, שװאַכע, קאַלטע הענט, װאָס ער דערלאַנגט װי אַ פּױלישער חסידישער רבי, אָדער ענגלישער לאָרד — נור שפּיצפינגערדיק. אַזױ װי די הענט װאָלטן קײן שום אַנדערן זין אין דער װעלט נישט געהאַט װי נור צו זײַן שרייב־אינסטרומענטן פון אײנעם, װאָס האָט נישט געקענט פון קוטנע אַרויס קײנמאָל, קײנמאָל, און האָט זיך פאַרמאָסטן א ײדישע װעלט פון עק ביז עק שטח און פון עק ביז עק צייט אויפצושרייבן.

צי דאָס איז אים געלונגען — װעט משפּטן די אייביקייט.

שוין דאָס איז אָ גרויסע מדרגה — צו שטיין צום משפט פאַר דער אייביקייט. נישט פילע שרייבער פון דער פאַרגאַנגענהייט און נישט פילע פון דער קעגנװארט האָבן זוכה געװעזן.

איך װאָלט שוין געװאָלט דערלעבן אין זיבעציק יאָרן ארום.

1936

אַלערליי שלום אַש-יאַרן אין וואַרשע

מיין ווייניקייט האָט געוווינט אין וואַרשע אין די יאָרן 1921—1934. אין אָט דער צייט האָט שלום אַש, — דער מעטראָפּאָליט פון דער יידישער ליטעראַטור, געוווינט אין דער מעטראָפּאָליע אירער צוויי יאָר, אומצאָליקע מאָל זיך דאָרט פּאָיאַוועט אויף אַ פּאָר טעג, נאָר געוווינט דאָרט אויף „סטאַלע״, וואַרשעווער גערעדט, אין די יאָרן 1924־1925.

מיט אַשן האָב איך בכלל א פּראָבלעם אין די ראַמען פון דעם „לעקסיקאָן מיינעם״. איך נעם דאָך דאָ נאָר אַריין שרייבער, וואָס איך האָב פּערזענליך געקענט און וואָס האָבן געוווינט אין פּוילן אין די אויבן דערמאָנטע יאָרן.

די ווערטער דאָ אויבן וועגן אַשן האָב איך געשריבן אין יאָר 1936. וואָלט איך זיי היינט געשריבן — וואָלטן זיי אַנדערש געקלונגען, אָבער נאָר אין פּרט — נישט אין כלל. דעריבער לאָז איך זיי. נאָך אַלע זאַכן זענען דאָך נישט בלויז אינטערעסאַנט די פּאָזן אין שלום אש, נאָר אויך די פּאָזן פון דער באַציאונג צו אים. און מיין באַציאונג איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ געוויסן טייל פון יידישע שרייבער.

און אָט איז אַ וואָרט וועגן אַלערליי אַש־יאָרן אין וואַרשע.

1921. פּלוצלונג באַוויזט ער זיך. פערציק איז ער אלט געווען דעמאָלט און בן ארבעים לבינה — לויט אונזער הייליקן פּרק. אָבער ביי אַש׳ן זענען אַלע מידות אַלעמאָל אויסגעמישט. איך געדענק די מינוט ווי ער איז אַריינגעקומען, אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, אין אונזער פאַרויכערטן בינשטאָק אויף טלאָמאַצקיע 13. עס איז געווען 6 יאָר נאָך פּרץ׳ס טויט און וואַרשע איז געווען פּירערלאָז ווי אַלעמאָל א מלוכה נאָכן טויט פון א גרויסן פּירער. א פּאָר אַלטע באַקאַנטע זענען צוגעקומען אין האַלבטונקל געמישט פון טשייניק־פּאַרע, ציגאַרעטן־רויך, רכילות, אָפּגעשיילטע ווענט, זעלבסט־לויב, עטליכע ביי־סטעליעדיקע באַפּליגנטע עלעקטרישע לעמפּלעך. אַש האָט זיי קוים דערקענט און נאָך ווייניקער געוואָלט דערקענען. זענען זיי אַוועק. האָט ער זיך אַרומגעדרייט א האַלבע שעה, באַשטעלט קאַווע ביים קעלנער, נישט געטרונקען זי און אַוועק. נישט אַזוי האָט ער זיך פאָרגעשטעלט זיין טריומפאַלן צוריקקער קיין וואַרשע, ווו ער האָט אַזויפיל יאָרן געוווינט און אַפילו אַ זון באַגראָבן אויפ׳ן דאָרטיקן בית עולם.

און אָט רודערט גאָר די „כאַליאַסטרע״. און אָט איז אַן אָוונט, א גרויסער עולם. עס טרעטן אויף מאַרקיש, גרינבערג, זינגער, ווייכערט, קירמאַן,

קאַציזנע, מייזיל, ראַוויטש. מען וואָלט אַשן געלאַדן, זיכער, נאָר וועט ער דען קומען? ער איז אָבער געקומען, געדרייט זיך מיט כעס אויף דער גאַס, צוגע-לאָפן צו דער קאַסע, אויסגעקויפט דעם בעסטן בילעט — דער איינציקער וואָס האָט דעמאָלט אַזאַ בילעט געקויפט — אַריין מיט אימפּעט אין זאַל און אין צען מינוט אַרום צוריק אַרויס.

און יידיש קולטור־וואַרשע האָט געבענקט נאָך אַ פּרץ . . . געדענקט איר יענעם הערליכן עפּיזאָד אין דער אַלט־רוסישער געשיכטע ? זיעמליא נאשאַ וועליקאַ אי אבילנא — פּריכאָדי קניאזיט נאַד נאַמי . . . אונזער ערד איז גרויס און פּרוכפּערדיק, קום און זיי אַ מלך . . .

נאָר אַש קען נישט זיין אַ מלך איבער זיך אַליין אַפילו. מען דערציילט, אַז אַמאָל איז ער געוועזן אין טאַללין, עסטלאַנד, ביים באַלטישן ים מיט פרוי אַש. גייט ער אַרום ביים ברעג ים, אַנגעכמורעט ווי דער באַלטיק אליין: וואָס טו איך דאָ, מאַדזיע, נישטאָ דאָ קיין יידן, לאָמיר נאָך היינט אנטלויפן, קום שוין צו דער באַן. — אָבער פרוי אַש האָט געוווּסט, אַז מען דאַרף דאָרט נאָך בלייבן אַ וואָך, זאָגט זי: שולעמשי, האָסט נישט באַמערקט, אָט ערשט איז פאַרביי אַ ייד און אויסגעשריגן „אוי, שלום אַש״ . . . אַש גייט ווייטער, פלוצלינג פאַרשווינדן די כמאַרעס פון פּנים. ער שמייכלט: — ווייסט גאָר, מאַדזיע, דאָס שטעטל געפעלט מיר, וואָס דאַרף איך וווינען ערגעץ־ווו, לאָמיר דאָ ברענגען אַלע אונזערע זאַכן, אונזערע קינדער און לאָמיר זיך גאָר באַזעצן אויף שטענדיק אין, ווי הייסט די שטאָט? טאַללין — —

נאָר באַזעצט אין טאַללין האָט ער זיך נישט. ער האָט זיך באַזעצט אין יאָר 1924 אין וואַרשע. שוין אויף אייביק, האָט עס געהייסן. געדונגען אַ דירה אויף דער קרולעוסקע, נישט ווייט פון דעם אָרט ווו עס איז געוועזן פּרץ'ס לעצטע דירה אויף די „אַלעיעס״, די דירה האָט ער געזוכט מיט אַן אָנאָנס אין „היינט״: „אַ דירה, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ בעל חלומות, אַ פּאָעט״.... נאָר אין דריי טעג אַרום נאָך'ן וווינען אין וואַרשע האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אויף דריי חדשים קיין בערלין. דאָך האָט ער אויסגעהאַלטן נאָענט צו צוויי יאָר צו זיין געמאָלדן אין וואַרשע. אסך מער ווי דאָס — נישט. באַזונדערס פלעגט אים אויפרעגן דער שיינער און דערפאַלגרייכער פרץ מאַרקיש. איינמאָל דוצט ער אים גאָר און רופט אים מלך מארקיש . . איז מאַרקיש נישט פויל און דוצט צוריק און רופט אים צוריק הערש דוד אַש . . . (נאַמבערגס ערשטע נעמען). אפילו דאָס איינקויפן זיך אַ פלאַץ נישט ווייט פון וואַרשע האָט נישט געהאָלפן, אַש האָט נישט גענומען דעם צעפּטער און די קרוין וואָס מיר האָבן זי אים אונטערגעטראָגן . . . עס האָט זי בכלל קיינער נישט געוואָלט אָננעמען

אין וואַרשע און מיר פלעגן זי אָנביטן אסך געסט: הירשביינען, אָפּאַטאָשון, לייוויקן — עס איז אונז באַשערט געווען אָט אַזוי, יעדער א מלך פאַר זיך.

נאָכן ליקווידירן די דירה פון דעם בעל חלומות, וואָס די אַשעס האָבן קיינמאָל נישט ריכטיק אויסמעבלירט אַפילו; פרוי מאַטילדע אַש פלעגט דאָס פאַרענטפערן מיט דעם, אַז אַש מוז האָבן אסך פרייעם שטח, אַנדערש קען ער נישט שרייבן, מיר אָבער האָבן געוווסט, אז אַ ליאַדע טאָג וועט דאָס איי־ביקע ווינען אין וואַרשע זיין אויס. אָבער דאָס פּראַכטפולע בוך „וואַרשע" איז דעמאָלט און דאָרט געשריבן געוואָרן . . . און שפּעטער פלעגט זיך אַש כמעט אַלע יאָר ווי נישט איז אַריינכאַפּן קיין פּוילן און באַגרינדן פלעגט ער עס ברוטאַל: איך ווער פשוט דאַרשטיק נאָך יידן, הונגעריק, קום איך מיך אָנטרניקען, אָנעסן מיט יידן קיין וואַרשע. אַנדערש קען איך נישט לעבן . . . אַז מיר האָבן אין 1931 געפּראַוועט אויף א נאַציאָנאַלן פאַרנעם זיין יובל, האָט ער זיין גאַנצע משפחה, זיין אכציק־יעריקע מאַמע אַפילו, צוזאַמענגעבראַכט אויפן גרויסן אָוונט. און ווידעראַמאָל האָבן מיר אים אָנ־געבאָטן דעם צעפּטער, אָבער אַפילו מיר האָבן שוין נישט געגלויבט אין דעם. איבער וואַרשע האָט שוין געאומרוט די דאַמאָקלעס־שווערט . . .

1944

מאַטילדע אַש

פון דער הײם שאַפּירא, שטאַמט פון לאָדזש, די פרוי פון שלום אַש.

דאָס איז געװען אין יאָר 1911, דעמאָלט בין איך געװען אין לעמבערג. דעמאָלט איז קײן לעמבערג צוריקגעקומען פון אַ קורצן באַזוך אין װאַרשע מײן לערער אין די פּאָעטישע קונסטן — שמואל יעקב אימבער. װאַרשע איז דעמאָלט פאַר מיר געװען אַ צויבער־מדינה אין װעלכער עס דרײען זיך אַרום אַ סך כישופמאַכערס און דערצו אײן גאָט — פּרץ. דעמאָלט האָט מיר אימבער דערצײלט װעגן דער פרוי פון שלום אַש, װאָס איר נאָמען מאַטילדע — אָדער יידיש: מאַטל — אָדער װי אַש רופט זי מאָדזיע — האָב איך שוין געהאָט באַגעגענט אין װידמונגען אויף אַשס ביכער. אימבער האָט דעמאָלט דערצײלט, נײן, נישט דערצײלט, נאָר געזונגען װעגן אַ װוּנדערלעך שײנער פרוי, װאָס רעדט אַזוי פּויליש, װי זי װאָלט געװען אַ גאַליציאַנערין, װאָס מען קען מיט איר רעדן װעגן אַלע ליטעראַטורן פון דער װעלט, װאָס איז פול מיט פּאָעזיע, װאָס איז אַלײן אַ ליד.

דער אײנדרוק איז געבליבן. דער אײנדרוק האָט נאָר באַקומען לעבע־דיקע פאָרמען אין מײנע אײגענע אויגן מיט אַ צװעלף יאָרן שפּעטער, װען איך האָב פרוי מאַטילדע אַש דאָס ערשטע מאָל באַגעגענט אין װאַרשע.

שװער איז די קרוין פון דער „קװין־קאָנסאָרט״, װי דאָס רופט זיך אין ענגליש, קעניגין־באַגלײטערין פון אַ שלום אַש אין דער יידישער ליטעראַ־טור. מיר האָבן מזל געהאַט מיט דער קװין־קאָנסאָרט אין אונזער ליטעראַ־טור. איך װאָג גאָרנישט צו טראַכטן, װאָס עס װאָלט געװאָרן פון אַזאַ כװאַ־ליענדיקער שאַפערישער פּערזענלעכקײט װי שלום אַש — אָן זײן מאַטילדע, אין װעלכער ער איז אײביק פאַרליבט און פאַרדאַנקט. איך האָב געברויכט אַ װאָרט, װאָס איז קײן װאָרט נישט — פאַרדאַנקט — עס איז אָבער דאָ אויף דעם אָרט. זאָל עס בלײבן.

אומצאָליק זענען די אַנעקדאָטן שלום אַש — מאַטילדע אַש. אָבער אַש האָט פײנט אַנעקדאָטן, לאָמיר זײן פּיעטעטפול — אויס פּיעטעט צו פרוי מאַ־טילדע אַש. װי אָפט האָב איך געזען אַשן צעבושעװעט: אין װאַרשע, אויף דעם פּען־קאָנגרעס אין װין; אײן װאָרט „שולעם״ מיט דעם אור־פּױלישן אַקצענט פון פרוי מאַטילדע אַש — און דער לײב האָט די נעגל אײנגעצויגן, דער לײב האָט אַ שמײכל געטון.

און מיט װיפיל װירדע פלעגט זיך פרוי אַש, װאָס באַהערשט גוט עט־

לעכע אײראָפּעישע שפּראַכן, ארומטראָגן מיט איר ייִדיש אין מויל. אין איר מויל איז ייִדיש אַזוי נאַטירלעך געװאָרן אײנע פון די אײראָפּעאישע שפּראַכן, װי שװעדיש, נאָרװעגיש, פראַנצױזיש.

פרוי אַש לאָזט בײַ יעדער געלעגנהייט װיסן, אַז זי קען די װערק פון איר מאַן, אָבער בײַ קײן שום געלעגנהייט רעדט זי װעגן זײ. העכסטנס טעכנישע זאַכן, װען און װו עפּיס איז געדרוקט, אױפגעפירט, איבערגעזעצט געװאָרן. נאָר עטלעכע מאָל האָב איך געזען די פרוי אַש ענטוזיאַזמירט, װען עס האָט זיך גערעדט װעגן די װערק פון אַש. דעמאָלט האָט זיך עס אָבער נישט געהאַנדלט װעגן די װערק פון שלום אַש — נאָר די װערק פון דעם זון נתן אַש. דעמאָלט איז די פרוי פון שלום אַש אַרױסגעפאַלן פון איר ראָלע און אַרײַן אין דער אײביקער, הײליקער ראָלע פון דער מוטער. און זי האָט זיך שטאַרק געחידושט, װען מען האָט דאָס, אָדער דאָס אַנדערע װערק פון נתן אַש נישט געקענט. און זי האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל עס לעזן, װײַל אַלע זאָגן, אַ נתן אַש װאַקסט גרױס און גרעסער.

אַמאָל האָב איך אױף אַ באַל געזען אַ פּאָר טאַנצן אַ װאַלצער. דער מאַן — דעמאָלט אַרום די פופציק, די פרוי אַן ערך אַזױפיל, אָבער זײער יונג אױסזעענדיק. אַ ראַסיק פּאָר, הױך דער מאַן — און פונקט צו דער מאָס, אַביסל נידעריקער — די פרוי. זײ האָבן געטאַנצט שװײַגנדיק און עלעגאַנט. איך האָב זײ מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ באַװוּנדערט, באַװוּנדערט װי אַ געט־לעכע לאַנדשאַפט און געטראַכט האָב איך: אָט דאָס איז אַ זיװוג פון גאָט.

דאָס פּאָר: מאַטילדע און שלום אַש. עס איז געװען אין װאַרשע אין לי־טעראַטן־פאַרײן זאַל אױף טלאָמאַצקיע 13 — אין יאָר 1931.

1938

ישראל אַשענדאָרף

1909 אין א גאַליציש שטעטל, אַלע זײַנע יאָרן אין לעמ־בערג, זינט 1939 — ראַטן־פאַרבאַנד.

מיר זאָגן זיך „דו״ אַזוי ווי אַ טאַטע מיט אַ זון, א דערוואַקסענער זון מיט נישט קיין צו אַלטן טאַטן.

אַשענדארף האָט אַלעמאָל אַ האַלב־איראַנישן שמייכל, ווי אַלע גאַליציאַ־נער, אויף זײַן ברייטן פּנים, וואָס איז אַלעמאָל מיט פינף יאָר עלטער ווי ער אַליין. דאָס איז דערפאַר ווייל ער האָרעוועט שווער דאָס גאַנצע לעבן און זײַן געלעגער איז נישט אויף רויזן געבעט. דעריבער זענען דערנערדיק די לידער, וואָס ער שרייבט. און ער שרייבט פּראָסט און ער לאָזט זעלטן ווען דורך א שורה, און קיינמאָל נישט אַ סטראָף — אַן דעם ספּעציפישן גלאַנץ פון טאַלענט. ער איז נישט צו ריטמיש, אַמאָל דאַכט זיך, אַז ער שרייבט גאָר פּראָזע. אינמיטן זינגען הויבט ער גאָר אָן צו רעדן. פּשוט צו רעדן, אָבער צו רעדן ווי אַ פּאָעט רעדט. מען דערקענט אין זײַן פּאָעזיע, אַז ער שטאַמט פון דער מדינה פון משה לייב האַלפּערן. און אַז ער שטייט אַפילו אונטער יענעמס דײַטליכן אײַנפלוס איז וואָס ? מיט די פּאָעטן, איז אַזוי ווי מיט יענעם קאָפּ, וואָס שווימט אויף דער אויבערפלאַך פון פּרק־טײַך: ווייל דו ביזט באַאײַנפלוסט געוועזן האָסטו אנדערע באַאײַנפלוסט. און די, וואָס וועלן פון דיר באַאײַנפלוסט ווערן וועלן אַנדערע באַאײַנפלוסן.

נישטאָ נאָך קיין ריכטיקע זאַמלונג פון אשענדאָרפס לידער. אז עס וועט אויך מיט אים געשען דאָסזעלבע נס, וואָס געשעט מיט אַלע אַנדערע יידישע פּאָעטן (אַלע: פון קאָפּ ביז עק, פון קעניג ביז קנעכט) און זײַנס א גרויס, זאַט, פול בוך וועט דערשײַנען, וועט מען דערזען אַן עכט־קינסטלערישן פּאָעט, וואָס זײַן הויפּט־אײַנשטעלונג איז אַ פּראָלעטאַרישע, אַן אויפריכטיקע, האַרצענדיקע, איבערגעלעבטע און הויך קינסטלעריש איבערגעגעבענע. אין זײַן סאַמע ערשטן ליד, וואָס ער האָט געדרוקט, מאָלט ער אַ שטוב פון אַן אַרבעטסלאָזן, וואָס אַפילו די טעפּ אין איר מאַכן אויף די אומעטיקע מײַ־לער און ווילן עסן . . . ווי פּראָסט און ווי נײַ (דעמאָלט, אַרום 1927) ווי שאַרף בילדעריש און ווי איבערצײַגנדיק. אשענדאָרפיש — יאָ אַשענדאָר־פיש — ווייל די, וואָס זענען באַאײַנפלוסט געוואָרן וועלן אין דער צוקונפט אַנדערע באַאײַנפלוסן. אשענדאָרף געוויס !

דאַכט זיך, אַז איך בין דער ערשטער, אונטער וועמעס רעדאַקציע — אין דער „פאָלקס־צײַטונג פאַר ליטעראַטור״, דער וועכנטלעכער בײַלאַגע פון

דער „נייער פאָלקס־צייטונג" אין וואַרשע — אַשענדאָרפס לידער האָבן זיך געדרוקט.

זיין פרייד איז געווען גרויס און ער האָט מיר געשריבן באַגייסטערטע בריוו, אַז זיינע ערשטע לידער האָבן זיך געדרוקט מיט די אַשורישע אותיות, שוואַרץ אויף ווייס, אייגנטליך שוואַרץ אויף גרויליך, ווייל אַזאַ פאַרב האָט געהאַט דאָס אָרימע פּאַפּיר אויף וועלכער די פאָלקס־צייטונג האָט זיך געדרוקט. נאָר באַלד האָבן מיר בייזע צינגער איבערגעגעבן, אַז אַשענדאָרף בונטעוועט זיך קעגן מיר, ער וויל מיך דורס זיין פאַר די פּאָר שורות, וואָס איך האָב אין זיין ליד פאַריכט. וואָס אין דער קאָרט, דאָס רעדט ער אויס אויף זיין „רבין". און ביי מיר זענען ממש טרערן פון פרייד אין די אויגן געווען, אַז איך האָב דאָס דערהערט. — עס איז אַ יונג, האָב איך מיר גע־טראַכט, אַ יונג מיט ביינער. ער וועט זיין שטעטל באַשטיין.

איינמאָל איז ער געקומען צו מיר אין אַ פּוילישן מיליטערישן אוניפאָרם אין וואַרשע, עס האָט געמוזט זיין אַרום 1930, און וואָס האַרציקער איך האָב אים אויפגענומען, אַלץ שולדיקער האָט ער זיך געפילט, ביז מיר האָבן ביידע אַרויסגעפּלאַצט — נישט מיט כעס, נאָר מיט געלעכטער. — מיינסט, אַז איך ווייס נישט? — האָב איך געזאָגט. — מיינסט, אַז איך ווייס נישט, אַז דו ווייסט? — האָט ער געלאַכט מיט חוצפה, ווי נאָר אַ גאַליציאַנער פּאָעט קען.

דאָ און דאָרט — בשעת מיינע רייזעס איבער דער גאָרער וועלט — פלעגן דערגיין צו מיר זיינע בריוו, זיינע לידער, וואָס זענען געווען אַלע צוזאַמען ווי איין לאַנגער רוף מיט קורצע אָטעם־פּויזעס פון דעם גאַנצן פּוילישן יידנטום: — מיר ווילן אָדער אַרויס פון דאַנעט, אָדער דאָס לעבן פון דאַנעט זאָל אַרויס פון דער שטיקעניש! — — אפשר דער שטאַרקסטער, ממש נאַציאָנאַלער אויסדרוק פון דעם אַלעמען — אַשענדאָרפס ליד וועגן די אָנגעגרייטע טשעמאָדאַנעס . . . כמעט ערב קריג האָט ער מיר געשיקט אַ ביכל „גריסן אין דער וויַיט" — צוגעשריבן דרייסט: דיין זון — — אַזוי ווי קיין ירושה איבערצולאָזן האָב איך סאַי ווי נישט, וועט מיין — מיט עלף יאָר יינגערער — אמתער זון נישט האָבן קיין טענה צו זיין טאַטנס „לינקער" פּאָעטער־ליבע . . .

1939

יצחק באַשעוויס

1904 בילגאראי, פוילן, 1923 ווארשע, 1935 ניו יאָרק.

באַשעוויס איז א ברודער פון י. י. זינגער — צו וועלכן ער איז מוראדיק ענליך און פון וועלכן ער איז מוראדיק אַנדערש. דעם פסעודאָנים האָט ער זיך אויסגעקליבן מיט רעכט לויט דעם נאָמען פון זיין מאַמען, וואָס אַלע אירע דריי קינדער־שרייבער (אויך א שוועסטער שרייבט, נור איין ברודער איז אַ רב, פונקט ווי דער טאַטע איז געווען) זענען מאָדנע ענליך צו איר. פיזיש און צום גרויסן טייל אויך אין דער אומדערמידליך נייגעריקער און קריטישער נאַטור. אַ צופעליקע האַלבשעהדיקע באַקאַנטשאַפט מיט דער פרוי — איז פאר מיר געווען ווי א גאָלדענער שליסל צו דעם שרייבערישן ווערק פון אירע קינדער — אָבער איך רעזערוויר מיר די גענויערע באַשרייבונג פון דער באגעגעניש צום קאַפּיטל וועגן דעם סעניאָר פון די זינגערס — י. י. זינגער אַליין.

איציק — פלעגן מיר אים רופן, באַשעוויסן, ווייל מיר האָבן אים אַלע געקענט אַלס יונג יינגל און גענוי אבסערווירט זיין ווערן פון דעם ערשטן טאָג אָן, ווען ער איז, אַ וויסן־זשעדנע רבניש בחורל געקומען קיין ווארשע. איציק פלעגט מיר אָפט דערציילן ווי ער פלעגט טראַכטן וועגן אונז „קלאַ־סיקער", ארויפקוקן צו אונז, מערוויניקער אײנגעפונדעוועטע יידישע שריי־בער, ווי צו געטער . . . אָבער גלייכצייטיק האָט ער זיך זיכער פאַרגענומען אַזאַ — — גאָט צו ווערן. משונהדיקע איינפאַלן פלעגט ער האָבן, זיי זענען אַזוי אומנאַטירליך, ווי ער וואָלט זיי שוין דעמאָלט צוגעגרייט פאַר זיין קומענדיקער ביאָגראַפיע, אָבער דאָס אַלץ איז אַזוי אמתדיק געווען ביי אָט דעם בחורל, וואָס האָט געהאַט רויטע האָר און פלעגט רויט ווערן ביי יעדער געלעגנהייט ווי אויף דעם אייבערשטן טרעפל פון שוויצבאָד. באשעוויס איז געווען אַזוי וויסנסהונגעריק, עפּיס אַזוי ווי נאָך אַ קרענק — און אפשר האָט ער ווי אַ קרענק געפילט די יאָרן אין חדר — ער פלעגט ממש אויפ־עסן די ביכער, וואָס מען פלעגט אים לייען. צעריסענע רעשטלעך האָט מען צוריקגעקריגן. זיין שטודירצימער האָט ער זיך אמאָל אין אַ זומער איינ־געאָרדנט אויף אַ בוים אויף זיין ברודערס דאַטשע, דאָרט פלעגט ער אַרויפ־קריכן אין דער פרי מיט א דאַר שטיק ברויט און מיט אַ בוך און פלעגט זיי ביידע אויפעסן איבער טאָג. אז באשעוויס האָט זיך דאָס ערשטע מאָל ריכטיק אויסגעבונדן א קראַוואַט, דאָס ערשטע מאָל נישט פאַרביטן ביים אָנטון זיך די ווייסע וועש־בענדלעך מיט די שוואַרצע שיכבענדלעך, און מען האָט אים מאָמענטאַן גענומען שטארק ערנסט, האָט מען באַמערקט, אַז ער

איז אײנער פֿון די סאַמע טיפֿגעבילדעטסטע, װויציקסטע און טאַלענטפֿול־סטע, רײפֿע, כאָטש יונגע, ײדישע שרײַבער. מען האָט ממש געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז מען האָט דאָ צוגעזען דעם פּראָצעס װי אַזױ אַ ײדישער שרײַ־בער שײלט זיך אױס פֿון שאָלעכץ — פּלוצלונג איז ער געשטאַנען פֿאַר אונז אַ פֿאַרטיקער.

און דער עיקר איז געװען, װאָס באַשעװיס האָט אױך געהאַט אַן אײגן פּנים, באַלד פֿון אָנהױב פֿון זײַן שרײַבערישער קאַריערע, און דאָס איז נישט געװען אַ צוגעטראַכט פּנים, װי דאָס פּאַסירט אַזױ אָפֿט, נור דאָס איז געװען טאַקע זײַן פּנים, אױסגעװאַקסן מיט אים. פֿאַרהאַנען ערגעץ אַן אָרט אין „מאָטל פּײסי״ שלום עליכם׳ס, װו ער זאָגט, אַז אַ היטל מיט אַ פּנים דאַרפֿן זײַן װי פֿון אײן שטיק — װי פֿון אײן שטיק דאַרפֿן זײַן דער שרײַבער און דאָס פּנים פֿון זײַן װערק. באַשעװיס האָט באַלד געפֿונען זײַן געשטאַלטן־גאַלעריע, פֿאַרהױלענע, מיסטעריעזע טיפּן, געשילדערט מיט אפֿשי אָבער דאָך נאַטור־ראַליסטיש, מן הצד. װי אַן אָבסערװאַטאָר, אָבער װי אַ שטאַרק מיטפֿילנדי־קער און מיטלעבנדיקער אָבסערװאַטאָר. באַשעװיסעס העלדן זענען מענטשן מיט אַ דיבוק, מענטשן מיט אַ טראַגישן גורל, אָפּט מענטשן מיט אַ קין־צײכן. זײַן שפּראַך איז זײער קלאָר, און װי אַלעמאָל אַ קלאָרע שפּראַך — זאָגט זי עפּיס.

אַלע שרײַבער הױבן אָן זײערע קאַריערעס אױף דער ערד, בלאָנזשען זײ, זוכן סטעזשקעס ביז זײ געפֿינען זײערע אײגענע, זײער װעג; באַשעװיס האָט אָבער אָנגעהױבן זײַן ליטעראַרישע קאַריערע אױף אַ בױם . . . מען האָט דעם אײַנדרוק, אַז ער האָט דאָרט פֿריער גרינדליך אױסגעקוקט אַלע סטעזשקעס, און װען ער איז אַראָפּגעקומען האָט ער שױן געװוסט, אױף װעלכער ער האָט צו גײן, אױף װעלכער קײנער גײט נישט און װעלכע װעט זײַן זײַן אײגענע. באַשעװיסעס װעג איז נישט דער װעג נאָמבערגס און אױך נישט דער װעג יונה ראָזענפֿעלדס — כאָטש צו זײ בײדן שטײט ער צום נאָענסטן.

באַשעװיס איז אַזױ דורכאױס געװען באַלד פֿון אָנהױב אַ פּראָפֿעסיאָ־נעלער שרײַבער. ער האָט זיך קײנמאָל צו קײן אַנדערער אַרבעט נישט גע־נומען, נישט געװאָלט נעמען, אַז אין דעם זין איז ער ממש אַן אוניקום בײַ אונז. אפֿילו אַש איז געװען אַ הױזלערער אַ געװיסע צײַט. אָבער, אָבער כדי צו בלײַבן בלױז אַ פּראָפֿעסיאָנעלער שרײַבער, האָט ער קאָמפּראָמיסװועט אין שױן אַביסל צו פּאָפּולערע נאָכמיטאָג־אױסגאַבעס, געשריבן דאָרט שפּאַ־נענדע ראָמאַנען, װאָס האָבן זיך געשפּאַנט איבער האַלבע יאָרן. מען זאָגט, אַז דער צװעק הײליקט די מיטל. מיר נעמען די דאָזיקע טעזע נישט אָן —

דערפאר אָבער נעמען מיר אָן אַלס אַ פאַקט די ביאָגראפיש פעסטגעשטעל־
טע זאַך, אַז אַסך וועלטשרייבער, וואָס האָבן זיך דערוואָרבן פלעצער אין דעם
פאַנטעאָן פון דער אייביקייט האָבן דאָס זעלבע געטון.

1936

מ. בורשטין

1896 — פּלאָנסק, געוווינט אין וואַרשע. 1939 — ראַטן־פֿאַרבאַנד.

אַז דו נעמסט אין האַנט אַרײַן אַ לעקסיקאָן, אָדער אַן אַנטאָלאָגיע פֿון וועלכער עס איז ליטעראַטור און דו בלעטערסט די רשימה פֿון די באַשרײַבענע אָדער באַטײליקטע און לעזט עטליכע דאַטעס פֿון זייער לעבן, וועסטו אַלעמאָל באַמערקן, אַז כמעט יעדער פֿון די שרײַבער האָט מיטלבילדונג. מער ווי אַ העלפֿט האָבן הויכע בילדונג און שרײַבער אָן אַפּיציעלער בילדונג זענען אַן אויסנאַם, וואָרפֿן זיך אין די אויגן. בײַ אונדז איז דאָס ביז צו דער לעצטער צײַט געווען פּונקט פֿאַרקערט. כאָטש ווי האָט דאָס אַמאָל עמיץ געזאָגט: דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט שוין זינט טויזנטער יאָרן קיין אַנאַלפֿאַבעטן נישט, יעדער ייִד קען לכל הפּחות דאַווענען. און יעדער ייִדישער שרײַבער איז לכל הפּחות געגאַנגען אין חדר אַרײַן. און חדר איז דאָך אויך אַ שטיקל גימנאַזיום, ישיבה — אַן אוניווערסיטעט. קאָן זײַן, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי, אָבער סײַ די ישיבה און סײַ דער חדר זענען זייער וועלטפֿרעמדע שולעס און די אינטעליגענץ, וואָס זיי אַנטוויקלען איז זייער אַן אײנזײַטיקע — אויב עס איז נישטאָ קיין וועלטליכער צוגאָב.

כאָטש די ייִדישע ליטעראַטור האָט אין איר גלאַנץ־תּקופֿה געהאַט אַלס איר'ע פֿירער אַזעלכע געבילדעטע מענער ווי פּרץ און מענדעלע, כאָטש מענדעלע האָט געקענט נאַטורוויסנשאַפֿט בעסער ווי צען דאָקטוירים, קיין אַפּיציעלע אַטעסטאַטן האָבן זיי נישט געהאַט — און צו דער ליטעראַטור, וואָס זיי האָבן געפֿירט, האָבן זיך לרוב געשאַרט קינדער פֿון פּראָסטן פֿאָלק. די אַפּיציעלע אינטעליגענטן האָבן בעסער ליבגעהאַט די קאָרידאָרן פֿון נישט־ייִדישע ליטעראַטורן.

ערשט אין דער לעצטער צײַט איז אַנדערש געוואָרן, אָדער ריכטיקער: איז געמאַכט געוואָרן אַז עס זאָל אַנדערש ווערן. מ. בורשטין — אײנער פֿון די נײַמאָדישע.

אַז איך לעז מ. בורשטינס אַ בוך האָב איך אַלעמאָל דאָס געפֿיל, אַז די געשעענישן קומען פֿאַר הינטער אַ לײַוונט, אַזוי אַז די קולות זאָלן קומען געדעמפּטע. אַפֿילו ווען מען שיסט פֿון האַרמאַטן אין זײַנע ביכער, און אין זײַן לעצטן בוך שיסט מען אָן אַ שיעור, ווײַל „גורל" איז אַ קריגסבוך, דאַכט זיך מיר אויך, אַז מען שיסט מיט קוילן אַרומגעוויקלט מיט וואַטע. פֿון וואַנעט נעמט זיך דער אײַנדרוק? אפשר פֿון די פּערסאָנאַזשן פֿון בורשטינס

ביכער, וואָס זענען אַלעמאָל (יעדנפאַלס ביז איצט) מענשן, וואָס שטייען שוין אויף יענער זייט שוועל מיט איין פוס, מענשן, וואָס די גרעסערע העלפט פון זייער לעבן איז געזעגענען זיך מיט אונז.

און אפשר איז דאָס א פערזענליכער איינדרוק פון דעם מחברס פּער־זענליכקייט. ער איז אַזוי באַשיידן און שטיל אַלעמאָל ווי אַ נאָבעלער יורד אין אַן אומזיסטן שפּיטאָל פאַר אָרימע קראַנקע. דער פאַרגלייך איז אביסל ברוטאַל און זייער אַגרעסיוו — וויל איך אים דעריבער דאָ געבן מיט אַן אנטשולדיקונג, אָבער רעזיגנירן פון אים וויל איך נישט.

אַ בלאָנדער און אַן איידלער און אַ שטילער און אַ לערער אין אַ גימנאַ־זיע איז בורשטין און איז אַמאָל צו מיר אַריינגעקומען אין וואַרשע אין ביוּ־ראָ. איז ער ערשטנס געזעסן א פערטל שעה, איידער מען האָט אים בכלל באַמערקט, און שפּעטער האָט ער דיר געגעבן א פערטל שעה צייט אויף צו רעדן מיט אַנדערע און אַז דו האָסט שוין גערעדט מיט אים האָסטו ערשט אין אַ פערטל שעה אַרום פון דעם שטילן אויסגעפינען, אַז ער איז דאָס דער מחבר פון דעם בוך „איבער די חורבות פון פלוינע״, וואָס האָט דעמאָלט צוזאַמען מיט דעם מחבר דורכגעמאַכט די ערשטע שטאַרק דערפאָלגרייכע שריט אין דער יידישער ליטעראַטור. אַז אַ שרייבער איז ענליך צו זיינע ווערק איז דאָס אלעמאָל אַ מדרגה.

און אָט דאָס איז געווען דער איינדרוק ביזן ריכטיקן פונאנדער־רעדן זיך.

כאָטש גערעדט האָט מען שטיל — זייער, זייער שטיל. אזוי שטיל ווי דאָס אָנציען פון אַ סטרונע . . .

און כאָטש מיט יעדער רעפּליק, סיי פון דעם גאָסט און סיי פון דעם צו וועמען ער איז אַריינגעקומען, איז די סטרונע געוואָרן אלץ מער און מער אויסגעצויגן — זענען אָבער ביידע ציערס געווען זיכער, אַז פּלאַצן וועט זי נישט.

בורשטין קען די גרעניצן אין זיין קונסט און ער קען זיי אין לעבן אויך.

זיין קומען אין דער יידישער ליטעראַטור איז נישט געשען אין זיין ער־שטער יוגנט. אפשר האָט ער אויך ערגעץ פריער פארזוכט דעם טעם פון גוישע רעדאקציע־קאָרידאָרן — און אפשר — און דאָס איז וואַרשיינלעכער — האָט ער דורכגעמאַכט דעם פּראָצעס פון וועלן אוועק פון אייגן פאָלק און שפּראַך — אין די קאָרידאָרן פון זיין אייגענער נשמה. נאָר דאָס באַ־ווייזן זיך פון אָט אַזעלכע מ. בורשטינס צווישן עמך אין די לעצטע פאַר יאָרן

פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז געווען כאַראַקטעריסטיש. זיי זענען געקומען מיט א ווינט, וואָס האָט געבלאָזן צוריק מיט קעלט און מיט כעס פון פרעמדע פעלקער. און דער ווינט האָט געוואָיעט: אהיים —

און אין דער היים איז נישט געווען צום בעסטן. און דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין יענעם שמועס צווישן מ. בורשטין און מיר. עס איז געווען כאַראַקטעריסטיש — און דעריבער אַזויפיל ווערטער דאָ וועגן דעם. דאָס לענגליכע פּנים — אָהן א שמייכל, די גרין־גרויע אויגן ווילן זיך בשום אופן נישט באַגעגענען מיט דיר — און אין די רייד איז דאָ טענה און סור־פּעריאָריטעט לגבי די נייע חברים, וואָס דאַרפן שוין בלייבן אויף שטענדיק. דער האָט נישט קיין שפּראַך, יענער קיין שפּור פון וויסן, דער דריטער קיין טאַלענט, דער פערטער קיין טאַקט, דער פינפטער וואָלט געדאַרפט שרייבן לידער און דער זעקסטער וואָלט גאָר געדאַרפט שרייבן דראַמען. און אַלץ — אַזוי שטיל, אַזוי שטיל.

אַז אַ שרייבער איז ענליך צו די העלדן פון זיינע ווערק — און איך רעד בלויז וועגן די סאַמע ערשטע ווערק בורשטינס — איז דאָס א מדרגה.

1937

הערץ בערגנער

1907 — רעדים — א שטעטל אין גאַליציע, 1915—1918 ווין, 1923 וואַרשע, 1938 אויסטראַליע.

מיין לייבליכער ברודער, 14 יאָרן יינגער פון מיר, נאָך איין ברודער האָבן מיר געהאַט, איין יאָר עלטער פון מיר — האָט ער זיך מיט אייגענער האַנט אין יאָר 1921 אויסגעשטראָכן פון בוך פון די לעבעדיקע. מער זענען מיר נישט געווען. אַלע דריי זענען מיר געבוירן געוואָרן מיט א פּאַטום אויסצולייזן זיך מיט דעם וואָרט. אויך אונזער עלטסטער ברודער האָט גע־שריבן, אָבער ער האָט זיין שפּראַך נישט געקענט געפינען און דעריבער נישט זיך אויסלייזן דורך און מיט איר. ער האָט געשריבן העברעיש און פּויליש. יידיש האָט ער נישט געקענט — אַזאַ מין מאָדע געווען אין פאַר־מלחמהדיקן גאַליציע צווישן די אינטעליגענטן. ער האָט שפּעטער נאָך אין דער מאַלערייַ געזוכט זיין אויסדרוק, דערגרייכט אסך, אָבער נישט צופרידן געווען און אַוועק. משה האָט ער געהייסן. אויך הערץ האָט זיך לאַנג גע־באַרעט מיט דער פאָרם ביז ער האָט זי געפינען, דורכגעריסן זיך צו איר, אויפגעשריבן זיין ערשטע פּערפעקטע קליינע נאָוועלע „דער טאַטע און דער זון" — און ביי אונז איז דאָך טראַדיציע, אַז מיט נאָוועלעס וועגן טאַטע און זון גייט מען אויף אַ גוטן דרך . . . איך וויל די נעמען נישט אָנרופן, אַז מיין ברודער זאָל זיך נישט איבערנעמען . . . ער האָט נאָך אַ ווייטן וועג פאַר זיך, ער האָט ערשט די ערשטע ווענט דורכגעריסן און ערשט די ערש־טע שריט געשטעלט.

איך געדענק: דאָס איז געווען, ווען הערץ איז 8 יאָר אַלט געווען. אין ווין. אונזערע עלטערן זענען דעמאָלט געווען „פּליכטלינגע" פון דער מלחמה. 1915 האָט הערץ געהערט ווי מען רעדט וועגן מיינע לידער, וואָס איך אַליין שרייב . . . האָט ער זיך אָוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און פאַר־פאַסט אַליין אַ פערז מיט גראַמען אין דייטש. שיכור פון דערגרייכונג און פון ערשטן ערפאָלג, און א לאָבוז אַ גרויסער איז ער געווען, איז ער אַרויפ־געשפּרונגען אויף דעם טיש און, ווי דאָס יינגל וואָלט משוגע געוואָרן, האָט ער גענומען דעקלאַמירן זיין שאַפונג. דערביי האָט ער איבערגעקערט אַלע כלים אויף דעם טיש און ווען נישט די מאַמע וואָלט באַצייטנס דעם נאַפט־לאָמפּ אראָפּגעכאַפּט וואָלט א שריפה געוואָרן.

יענע פּאַניק־סצענע שטייט היינט אַזוי קלאָר פאַר די אויגן.

גוט, אָדער שלעכט, וואָרט איז אונזער פּאַטום. פאַרוואָס איז דאָס פּאַטום

גראַד הענגען געבליבן איבער דער קליינבירגערליכער, קליינשטעטלדיקער בערגנער־פאַמיליע — ווער קען א פאַטום פאַרשטיין ?

חוץ זיין ערשטן „ליד" האָט הערץ בערגנער מער קיין לידער נישט געשריבן צו זיין גליק. זיין באַשטימונג איז פּראָזע — נאַטוראַליסטישע פּראָזע.
1936

* * *

אונזער משפּחה איז א מאָדנע משפּחה. דער עיקר מיר — די דריי ברי־דער. מיר האָבן זיך שטאַרק ליב — נאָר מיר זעען זיך כמעט קיינמאָל נישט. מיר בענקען צו זיך ווי מיט אייזערנע צוואַנגען — נאָר אַז מיר באַגעגענען זיך איז די צוואַנג ווייט אַפּן — שליסט נישט. איינמאָל האָב איך מיט הערצן גערעדט וועגן אונזער ברודער משה. יענער האָט געלעבט 28 און א האלב יאָר· אין 1910 איז ער פון פּאַטערס שטוב אנטלאָפן — ווי איינער פון די ערשטע העראָישע חלוצים קיין ארץ ישראל — הערץ געדענקט ווי אין אַ ווייטן חלום בלויז זיין פּנים און עפּיס א סצענע מיט וואַרפן אן עפּל. מער גאָרנישט.

אָבער טאָמער איז אין אונזער משפּחה דאָ אַביסל געניוס — איז דאָס געוועזן משה. ער, דער טויטער איז אונזער רוקנביין מאָראַליש. כאָטש דאָס איז אַזוי — הערץ ווייסט ווייניק דערפון. עס איז אין אים. אין די אטאָמען פון זיין בלוט, אין די עלעקטראָנען פון זיין נשמה. (וויסנשאַפט — זיי מיר מוחל פאַר באָרגן ביי דיר אַ פּאָר ווערטער).

דעם ערשטן טייל פון די דאָזיקע רייד געשריבן אין יאָר 1936, דעם צווייטן אין יאָר 1944. אַזויפיל פּנימער צייכן איך, מאָל איך אויף אָט די בלעטער — נאָר מיין ברודערס פּנים קען איך נישט מאָלן. שוין מער ווי צען יאָר אים נישט געזען. ער איז אַ בלאָנדער און פאַרשפּיצטע, איינגע־שפּאַרטע פּנים־שטריכן האָט ער, אונזער טאַטנס פּנים איז געוועזן דורכאויס סעמיטיש און אונזער מאַמעס — דורכאויס סלאַוויש און הערץ׳ס פּנים איז נישט קיין סינטעז פון ביידע, נאָר גיכער קאָנפליקט, צוזאַמענשטויס פון ביידע כאַראַקטערן . . .

האלבע יאָרן שרייבט מיר נישט הערץ. פּלוצלונג פאַלט אַ בריוו ווי א שטיין, און באלד ווידער איינער, נאָך א שטיין, און ווידער ווערט שטיל. ער האָט אַלע זיינע טענות צו דער וועלט — צו מיר· און די טויזנט ערשטע טענה — פאַרוואָס איך האָב צו אים קיין טענה נישט . . .

נישט קיין טענה, נאָר אַ פאָדערונג האָב איך צו אים. ער איז יינגער

מיט א יאָר אנדערט־האלבן צענדלינק און ער דארף דערשרייבן, דאָס וואָס איך קען שוין נישט מער. אין מיר איז דאָ בלויז א בענקשאפט צו פראָזע־שרייבן — אין אים טאַלענט. פארלאנג איך פון אים מער און מער, ווי אַ זלידנע פליג. זע איך אַ פערפעקטע דערציילונג ביי אים — פארלאנג איך אַ גאַנצן ראָמאַן, וועל איך דאָס דערלעבן — וועל איך פאָדערן אַ טרילאָגיע, מער, מער. אונזער עלטסטער ברודער משה האָט אונז איבערגעלאָזן דעם אָפשיין פון זיין גניוס ווי א ירושה און די אומרו פון זיין נשמה ווי אַ צוואה. און די שורות, וואָס מיר שרייבן זענען ווי די שלאנגען אַרום לאַאָקאָאָן.

דער איינציקער מענש אין דער גאָרער וועלט, און אין מיין גאָרן לעבן, ווען איך האָב אַמאָל אַ קלאַפּ געגעבן איז הערץ. צו זיינע ניין יאָר. אונזער סענטימענטאלער טאַטע איז אָוועק צו מיליטער; פּאַרטאָג, געוויין, קעלט. אין אַ חודש אַרום האָב איך געזאָלט אָוועק צו מיליטער. אַז איך בין גע־קומען פון דער באַן איז הערץ געשטאנען אויף א בארג פליכטלינג־קישנס און געשריגן: דער טאַטע — אָוועק, דו וועסט אָוועק און איך וועל בלייבן דער קעניג פון שטוב . . . איך האָב אַראָפּגעצויגן דעם „קעניג" פון קישנס־בארג און אים א קלאַפּ געטון און בלוט האָט זיך געלאָזן פון זיין איינגע־שפּאַרט, קליין נעזל. ער האָט דאָס בלוט שווייגנדיק צעשמירט איבערן גאנצן פנים און איך האָב שטאַרק געוויינט, נאָר קיין שום טרערן האָבן שוין מער נישט געקענט אָפּווישן דעם איינציקן קלאַפּ, וואָס איך האָב ווען עס איז אַראָפּגעלאָזן אויף מענשליכער הויט.

* * *

איז דאָס ליטעראַרישע כאַראַקטעריסטיק — דאָ אויבן ? איז דאָס כאָטש פּערזענליכע כאַראַקטעריסטיק? ניין. אָבער זאָג מיר — חשובע לעזערין אָדער לעזער — וואָלסטו אין אַן ענליכן פאַל אַנדערש געשריבן ? קען זיין, אַז דאָס זענען שורות פון אַ טאָגבוך, אפשר נאָך אינטימער: שורות פון אַ נישט־געשריבענעם בריוו פון אַ ברודער צו אַ ברודער, ווען מען האָט ליב מיט א גורלדיקער ליבע און אין וועמעס פראָזע־טאַלענט מען גלויבט און אויף וועמעס דערגרייכונגען מען וואַרט נאָך און נאָך, מער און מער, העכער און העכער.

1944

ש. בערלינסקי

1896 אַ שטעטל בײַ קעלץ, לאָדזש, װאַרשע, 1939 ראַטן־פאַרבאַנד.

קענט איר דעם אומעט פון די לאָדזשער הױפן מיט די געקאַלכטע רינשטאָקן טיפע, װאָס קלײנע קינדער קענען אין זײ דערטראָנקען װערן? קענט איר דעם אומעט פון די הױפן ברוקירטע מיט קײלעכדיקע שטײנער פון אַלע גרױסן, קײלעכדיקײטן און שפּיציקײטן ? קענט איר די בײַערדיקע פענסטערלעך פון די דאָזיקע הױפן, װאָס אָפט ליגט אױף זײ, מיט די הענט אונטער די קינבאַקן, אַ מײדלישער צעפּאַטלטער קאָפּ און חלומט ? קענט איר די דרױסנדיקע טרעפּן־גענג פון די דאָזיקע הױפן, גענג װאָס פירן אױף שלאַבעריקע גאָרנס און די דרענגלעך זענען אין זײ צעפּוילט און צעפליקט װי די צײנדלעך פון אַ אָרעם קינדער־מויל?

אויב איר קענט אָט דעם אומעט װעט אײַך לײַכט זײַן צו פאַרשטײן די אויפריכטיקײט פון ש. בערלינסקיס נאָװעלן.

„איך האָב מיך געהאַדעװעט צװישן פּרויען מיט הענט אויפגעלאָפּענע מיט בלאָזן פון כלאָריק, עסנדיקער זאָדע פון דרענגען און רײַבן אויף סענ־קעװאַטע װאַש־ברעטלעך". דאָס איז אַ ציטאַט פון ש. בערלינסקי.

לאָדזש איז אַ קינסטליכע שטאָט, אַ שטאָט פון קאָנטראַסטן, אַ גרױסער יריד, װאָס ציט צו דעם גלידעראָלזן בעטלער פונקט װי דעם בײַכיקן גרױס־סוחר, לאָדזש אַלס טעמע איז אומדערשעפּליך אין דער ליטעראַטור און װי אַ שטאָט מיט אַזאַ קאָלאָסאַלער ײדישער באַפעלקערונג װעט זי אױך לאַנג בלײַבן אומדערשעפּליך אין דער ײדישער ליטעראַטור.

אַש און זינגער האָבן װעגן לאָדזש געשריבן פון אויבן אַראָפּ אַזױ־צו־זאָגן, עס זענען אָבער אויך פאַרהאַנען שרײַבער, װאָס שרײַבן װעגן לאָדזש פון אונטן אַרויף. טאַקע פון דער פּערספּעקטיװע פון דעם קעלער־פענס־טער . . . פאַרהאַנען עטליכע אַזעלכע. צװישן זײ איז ש. בערלינסקי.

אַ ייד אַ װאָכעדיקער און אַ האַרט־געפּריװוטער. אַ ייד מיט אַן אײביקער עקסמיסיע־זאָרג אױפן ייד־פון אַ גאַנץ־יאָר פּנים. דאָס מויל מיט אַן אײ־ביקער גרימאַסע פון טענה, און טאַקע גערעכטע טענה. אפשר װוינט ער מיט װײַב און קינדער אין אַ בוידעם־שטיבל און אפשר אין אַ קעלער־שטיבל — אין די מיטלסטע שטאָקן — זיכער נישט. און לאָמיר זיך טאַקע נישט נאַרן, אָט די אײביקע עקסמיסיע־זאָרג איז דאָך טאַקע די זאָרג פון מיליאָנען.

אפשר זענען בערלינסקיס נאָוועלן מער מאַטעריאַל ווי קונסט, מער וואַרהייט ווי דיכטונג, מער אמת ווי ליגנס — וואָלט איך געוואָגט צו זאָגן . . .

אפשר. — אָן אומעט פון אמת ווייעט פון זיי. אַז מען לעזט אַזעלכע נאָ־וועלן פול מיט לעבנס־אמת און אומעטיקן צער ווילט זיך נור אויסרופן: הלוואַי מען זאָל שוין דערלעבן צו לעזן זיי אין פריידן . . .

דער גאָט, וואָס פורעמט די נעפל־וועלטן פון אוניווערז, די גאַלאַקסן, די שטערן, די פּלאַנעטן, דאָס פּנים פון דער לבנה און אויך די מענשליכע פּנימער האָט צוליב עפּיס א סיבה מיר געגעבן א קיילעכדיק פּנים — דערצו האָב איך נאָך א נייגונג צו דיק־ווערן. בערלינסקין האָט גאָט, דער אלמעכ־טיקער און גערעכטער צו די אַלע צרות צוגעגעבן נאָך א מאָגער פּנים, בלאָס און שאַרסטקע, א פּנים מיט שטשאָקעס — א פּנים, וואָס לאָדזשער טוך־פאַבריקאַנטן האָבן ליב געהאַט פון דער ווייטנס, אַ קאָלעקטיוו וועבער־פּנים, אַ פּנים, וואָס דערמאָנט אין שטרייקן, לוין־העכערונגען, רעוואָלוציעס, אַ פּנים פון א מענשן, וואָס ווייסט, אַז מען עקספּלאָאַטירט אים . . . אַ פּנים, וואָס קומט צו וואָך־חלום אין שלאָפלאָזע נעכט . . .

און ווי אָפט בערלינסקי פלעגט קומען קיין וואַרשע, און ווי אָפט ער פלעגט זיין אין וואַרשע — פלעגט ער עפּיס דאַרפן פון מיר — פלעגט אַ דיבוק אין אים בורטשען אויף מיר. עפּיס איז אים מיין פּנים נישט גע־פעלן געוואָרן. אין זיין אייבקער דירה־געלט־זאָרג האָט ער אייביק גע־טראַכט וועגן דירות, און הינטער מיין פּנים — האָט זיך אים געדאַכט — שטייט א באַקוועמע, פיר־צימערדיקע דירה מיט קרעדענצן און שווערע דעמבענע שאַפעס, מיט פּאַרטיערן, קאַנדעלאַבערעס, לוסטערס גלאַנציקע, גרויסע וואַנטשפּיגלען, טעפּיכער, געדעמפּט ליכט און ווייס איך, וואָס נאָך זיין פאַנטאַזיע האָט געמאָלן.

איינמאָל האָט מיך בערלינסקי געדאַרפט עפּיס האָבן גאַנץ פרי און ער איז אַרויפגעקומען צו מיר אין דער פּריוואַטער דירה. שוין דאָס גיין צו מיר האָט אים באַרויקט. איך האָב געוווינט אַ פּאָר שריט אינגאַנצן פון דער סאַמע געדיכטער סמאַטשע־גאַס, אויף נאַוואַליפּקי. דער הויף האָט אים נאָך מער באַרויקט. ווי באַלזאַם האָבן אויף אים געווירקט די פיר האַלצערנע צע־בראָכענע טרעפּן־געגנג צו מיר אויפ׳ן „בוידעם״ אַרויף און אַז ער האָט אָנ־געקלאַפּט אין דער טיר און ערשט דערזען די געבויגענע ווענט מיט פּאַר־שאַלעוועטע פענסטער אויפן דאַך אַרויס, האָט ער מיך באַגריסט מיט אַ ברייטן שמייכל — אפשר דעם איינציקן שמייכל, וואָס איך האָב ווען עס איז געזען אויף זיין פּנים:

— אַט אזוי זאָגט, פאַרוואָס האָט איר פריער נישט געזאָגט?

— וואָס ?

— זענט איר דאָך איינער פון אונז, דערלאַנגט אַ פּיפּטל.

(איך וויל מיך דאָ חלילה נישט באַרימען מיט נויט — אין ווארשע איז געווען אַ גרויסער דירה־מאַנגל און מיר איז גלאַט געפעלן געווען צו וווי־נען אַרום דער סמאָטשע־גאַס).

אָבער ביי בערלינסקין האָט עס מיך גאָר איינגעקויפט אין ייחוס.

1937

משה בראָדערזאָן

1890 מאָסקווע, 1894 נעסוויזש, 1900 לאָדז, 1914 מאָס־קווע, 1918 לאָדז. מערב־איירפּעיִשע לענדער, 1939 ראַטן־פאַרבאַנד.

וואָס פאר אַ וווּנדערליכע ראַסן־מישונגען האָבן דאָס אין דער לאַבאָ־ראַטאָריע פון יידישע דורות אויסגעארבעט אַזאַ פּערפעקט אומיידישן פּראָ־דוקט, אַזאַ איבערראַסישע פיזיק ווי די פיזיק פון דעם דיכטער משה בראָ־דערזאָן ? און וואָס פאַר א וויץ איז דאָס ווידער געווען דווקא אין דעם מענש, מיט דעם פּנים, וואָס אַלץ איז אין אים איבערמעסיק גרויס, אַ גרויס מויל, א גרויסע נאָז, גרויסע אויגן — א גרויסער שטערן — און דאָס פּנים אַליין איז פּראָפּאָרציאָנעל און זייער עסטעטיש — נישט שיין, נור עס־טעטיש, ווי א קונסט ווערק איז — יאָ, וואָס פאַר אַ וויץ איז דאָס געווען דווקא דעם ראַסן־לאָזן מענש, וואָס דערמאָנט אביסל אן אַמעריקאַנישן אינ־דיאַנער גאָר — צו געבן אַזויפיל יידישע שפּראַך ? דערצו די קלאַנגיקע, אָרגלדיקע, צו גרויסע שטימע (פאַרגעסט נישט, אז אַלץ אין בראָדערזאָנס פּנים איז צו גרויס —), וואָס קען דעם גאַנצן אָרקעסטער פון זיין שפּראַך אויסשפּילן.

דאָס איז אַן אומגליק צו האָבן אַזויפיל שפּראַך, דאָס איז עפּיס פּונקט ווי צו פאַרמאָגן אַן אויטאָמאָביל, וואָס אַז מען זעצט זיך אין אים אַריין, הויבט עס אָן אַליין צו פאָרן. אין אַזאַ אויטאָ קען מען נישט אלעמאָל פאַר־פאָרן וואוהין מען וויל. דאָס איז עפּיס פּונקט ווי מען האָט א קלאַוויר אין שטוב, וואָס קוים מען זעצט זיך צו צו דעם הויבט עס אָן אַליין צו שפּילן, רוקט דיר אונטער מעלאָדיעס, לאַשטשעט זיך, קוים רירסטו אָן איין קלאַ־וויש האָבן געענפערט צוועלף — אויף אַזאַ קלאַוויר איז שווער אויסצושפּילן וואָס מען וויל.

בראָדערזאָן איז אַן עכטער דיכטער ,אַ דורכאויסיקער — און א דיכ־טער גלייכמאָסיק, אריינגעפּאסט, צוגעפּאסט, א נשמה־גופיקער, וואָלט איך געזאָגט. מיט איין וואָרט — א גאַנצער. פירנדיק איז זיין ראָל אין שפּראַך און קונסט־פאָרמען — פירנדיק אין דעם געביט פון דער עסטעטיק פון דעם יידישן ליד — אָבער לחלוטין זעט זיך נישט אָן זיין איינפלוס אויף דעם אַנדערן געביט, דעם, וואָס מען רופט עס פּאָפּולער מיט דעם נאָמען: עטיק.

ווי אסך זאַכן אין אונזער ליטעראַטור איז אויך דער ענין בראָדערזאָן, שפּראַך, פאָרם, סטיל, ריטם, קלאַנג, אינהאַלט, גראַם, אַלליטעראַציע און

אַלע אַנדערע עסטעטישע צוגעהערענישן, נישט געהעריק אויסגעפּאַרשט געוואָרן ביז איצט. דאָ איז נויטיק א סטודיע פון א ספּעציאַליסט. זי וואָלט גרויסע און אינטערעסאַנטע רעזולטאַטן געגעבן, עס וואָלט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער דיכטער האָט באַרייכערט דעם אוצר פון דער יידישער שפּראַך — נישט געטון די גרויסע און הייליקע אַרבעט פון קאָנסערוואַציע, ווי די קלאַסיקער — נור טאַקע באַרייכערט, נייגעשאַפן, ווייל עס איז שוין צייט געוועזן, ווייל די אַרבעט פון דער קאָנסערוואַציע איז שוין געווען דורכגעפירט, און מען קען שוין גיין ווייטער. אגב געהערט די אַרבעט פון שפּראַכבאַרייכערונג דווקא צו פּאָעטן און נישט צו פּראָזאַיקער. און בראָדערזאָן איז פון קאָפּ ביז פוס. פון זיין קאָלאָסאַלער קראַוואַטן־נאָדל ביז זיין איבערדימענזיאָנאַלן פינגער־רינג אַן עסטעטישער דיכטער.

ביי בראָדערזאָנען איז פאַרהאַנען צופיל פאָרם — שווימט אַרום דער אינהאַלט, אָפּט ווי א קינד אין טאַטנס קליידער, אָבער ניין, דאָס איז א נישט עסטעטישער פאַרגלייך — און בראָדערזאָן איז דאָך עסטעטיק. נור די פאָרם איז אָפּט צו גרויס ביי אים פאַר דעם אינהאַלט, און דאָס איז פּונקט אַזוי נישט גוט, ווי ווען די פאָרם איז צו קליין און זי פּלאַצט און עס זעט זיך אַרויס דער — נאַקעטער אינהאַלט. אָבער אויך דאָס איז נישט עסטעטיש — און מען טאָר נישט אַזוי זיין, ווען מען רעדט וועגן בראָדערזאָנען.

בראָדערזאָן האָט געשאַפן: דאָס וואָרט „יונג־יידיש״, דאָס וואָרט „כאַליאַסטרע״ אלס נאָמען פון א ליטעראַרישער גרופּע, אַן אייגענעם דיכטער־סטיל, וואָס כאָטש ער איז נישט געוואָרן שולע, א סטיל איז ער דאָך געבליבן, דעם ערשטן באַנייטן יידישן מאַריאָנעטן־טעאַטער, די ערשטע הויכקינסטלערישע יידישע רעווי־בינע.

און דער עיקר: בראָדערזאָן האָט געשאַפן אַזאַ ריזן־מאַסע לידער און קינדער־לידער און גראָטעסק־סצענעס און צום סוף „פאַרשטעלונגען״, וואָס משמעות אויף דעם לעצטן וועג וויל ער תשובה טון, אַפּטרייסלען אביסל די פאָרם און אָנפילן זי מיט אינהאַלט, מיט מער אינהאַלט. עס גייט — די סצענע „שיילאָק לאַכט״, דער עיקר איר שטאַרקער אַנהויב, באַווייזן עס· ווי זאָגן די פרעדיקער פון דער „סאַלוויישאַן־אַרמיי״ אויף אַלע גאַסן־ראָגן, אין אַלע זונטיק־פאַרנאַכטן פון אַלע אַנגלאָסאַקסישע לענדער פון דער וועלט: אויף חרטה און תשובה איז קיינמאָל נישט צו שפּעט.

און דאָך זאָג איך אייך, אז ווען אונזער ליטעראַטור וואָלט זיך געקענט אויף מער לוקסוס פאַרגונען און ווען עס וואָלט בכלל געווען אַן אַנדערע צייט אין דער וועלט וואָלט מען דעם דורכאויסיקן עסטעט־פּאָעט משה

בראָדערזאָן, דעם שוין אַזוי עסטעטיש געבוירענעם — אין מאָסקווע, נישט געדאַרפט דרייען א קאָפּ מיט עטיק, און פּונקט ווי מען זיצט אין אַ גאָרטן אין אַ זומער־פאַרנאַכט און שעפּט נחת פון זונפאַרגאַנג און פייגלגעזאַנג און עס איז זייער עטיש . . . פונקט אַזוי וואָלט מען געקענט זיצן אין אַן אָוונט אין אַ פיינער פּאָעטישער רעווי און הערן די וווּנדערליכע אַרגלדיקע שטימע — אגב איז ער א מייסטער־רעציטאַטאָר — און זען דעם דיכטער משה בראָדערזאָן אויף דעם פאַן פון זיינע אייגן־געצייכנטע דעקאָראַציעס און שעפּן נחת פון דעם ווערטערשפּיל און געדאַנקען־טאַנץ, און עס וואָלט אויך געווען זייער עטיש — פּונקט ווי יענער גאָרטן־פאַרנאַכט . . .

1936

שלמה גילבערט

1885 — אין ראַדזימין ביי ווארשע. אַלע זיינע יאָרן אין ווארשע, אָדער אין אָטוואָצק. 1943 — טראַגישע ידיעות וועגן אים.

מען הערט נישט און מען זעט נישט פון אים. אַלע זענען דאָ אויפן יריד מיט ביכער, מיט קרעמלעך, מיט גאַנצע קראָמען. ער דרייט זיך גאָר אַרום מיט אַזאַ מין מינע, ווי ער וואָלט זיך אַרומגעדרייט פוסט און פּאַס. פון צייט צו צייט באַווייזט ער זיין שפּיץ שפּיציקע, בייזע און בלאַסע נאָז און פאַר־שווינדט. ער לאַכט גאָר פון גאַנצען מארק. ער ווינט גאָר אין אָטוואָצק, גאָר נישט אין וואַרשע, ער האָט גאָר גאַנץ ווארשע אין ד׳רערד, ער האָט זיך ליב צו שעלטן מיט א מינע פון א נביא און פּלוצלונג זיך צעלאַכן מיט דער מינע פון א משוגענעם.

מען טאָר אַ שרייבער נישט משפּטן און אוודאי נישט פאַרמשפּטן פאַרן סוף פון זיינע זיבעציק יאָר און דעריבער וויל איך נישט רעדן וועגן דעם שלמה גילבערט, וואָס האָט געזאָלט זיין נאָר וועגן דעם, וואָס איז, און גע־זאָלט האָט ער זיין א פּראָדוקטיווער נאַטוראַליסטישער נאָוועליסט, נור ער האָט גאָר ווייניק געשריבן. ס׳׳ה א צוויי ביכלעך.

גילבערט דאַוונט, אָן א פאַרוואָס צי מיט א פאַרוואָס, נישט דאָס איז דאָ וויכטיק, געזוג, אז ער דאַוונט אָט ווי אַלע יידן פון אַ גאַנץ יאָר דאַוונען, אָבער שיר נישט בין מנחה למעריב גיט ער זיך אָפּטמאָל א כאַפּ אַריין צו אַ חבר, אָדער גאָר אין ליטעראַטן־פאַריין, וואָס ער האָט פיינט ווי חזיר, און לאַכט אויס ס׳גאַנצע דאַוונען, מיטן גאנצן פרומקייט, מיטן גאנצן קלאַפּער־געצייג, מיט אלץ מיטאַנאַנדער. אָפּגעלאַכט גיט ער ווייטער א לויף אַרויס. קיין צען פּאָר פערד וואָלטן אים נישט געקענט איינהאַלטן. דאָס לויפט ער מיט אַלע פרומע כוונות דאַוועגען מעריב און טאַקע דאַוונען מיט א התלהבות, נישט אָבי געדאַוונט.

שמואל לעהמאַן, דער זאַמלער פון פאָלקסלידער, האָט זיך אַמאָל פּיר־געגנומען צו געפינען דעם לעבעדיקן פּאָעט פון א פאָלקסליד, ווייל ער האָט רעזאָנירט מיט רעכט, אז קיין תורת משה איז עס נישט מוז ערגעץ זיין אַ בן אדם, וואָס האָט עס אויפגעשריבן .און ער האָט זיך געפינען סוף סוף. מיר דאכט זיך, אז ווען לעהמאַן וואָלט זיך אַריינגעלאָזט אין זיבעצעטן יאָר־הונדערט אין ערגעץ אַ יידיש־פּוילישן געטאָ אויף צו געפינען דעם מחבר פון יידישע פאָלקסטימלעכע כישוף־און שדים־מעשיות — וואָלט ער סוף,

סוף געפינען שלמה גילבערטן. ער וואָלט געפינען א ייד מיט האלב כיטרע און האלב משוגע־צעלאכטע און שפּיציקע אויגן, א ייד מיט א ווייסן ליס ביז הינטער די אויערן, מיט א קאַפּעליטש ארויפגערוקט אויפן שפּיץ קאָפּ, מיט אפּגעלאָזענע מלבושים, זיצן הינטערן אויוון, א מנין ווייסע חברה נעבן אים, זיי האַלטן פון אים, ער איז איינער פון זיי. ער וואָלט געפינען ווי שלמה גילבערט דערציילט, ניין נישט דערציילט, נאָר פארפּאַסט א מעשה פון שדים און כישופמאכערס אין וועלכע ער אַליין גלויבט יאָ און גלויבט נישט און עס איז נישט מעגלעך צו דערגיין דעם גאנצן אמת פון די כיטרע אויגן.

און פּלוצלונג וואָלט זיך דער שלמה גילבערט א כאַפּ געטון און גע־שאָלטן מיט טויטע קללות דעם גאנצן מזרח . . . און אַלעמען וואָלט ארומ־געכאפּט א ציטער, ווייל ער וואָלט די ווערטער געזאָגט מיט אַזאַ איבער־צייגנדיקער קראַפט, אזוי ווי זיי וואָלטן געדארפט היינט און שוין מקוים ווערן.

א פּאָר דינע ביכלעך מיט נאָוועלן איז אלץ אויף וואָס דער נאָוועליסט שלמה גילבערט בליקט צוריק נאָך צענדליקער יאָרן שרייבן און אנערקענונג. ער איז דאָך איינער פון די וואָס האָבן נאָך סמיכה פון רב יצחק לייבושן זצ״ל אַליין. (אין סטיל פון גילבערטס רייד האָב איך דאָ געניצט די דאָזיקע עטלעכע חוצפּהדיקע ווערטער). פּאַרוואָס? אפשר דאָס ביטערע לעבן. די אומענדלעכע בחורשאפט צוליב נויט און שפּעטער א מיסטישע חתונה מיט א יונגער פּרוי שיר נישט אַ יאָר פּאַר איר גסיסה צוליב טובערקולאָזיס, און שפּעטער אן אלמן מיט א פּיצל שיין און אייביק קרענק־לעך קינד. ווער קען וויסן פּאַרוואָס אן עכטער שרייבער שרייבט און ווער קען וויסן פּאַרוואָס ער שוויגט. דאָס געשעט דאָך אלעמאָל צוליב אן אינער־לעכן געבאָט פון ערלעכקייט.

גילבערטס מינדעסטער מאַנוסקריפּט באשטייט פון הונדערטער בלעט־לעך, א בלעטל א וואָרט, א בלעטל אַ וואָרט. דאָס איז נישט אַזוי ביי און אַזוי אָריגינעל אין דער שרייבערישער וועלט. איך אַליין קען אַ צענדליק שריי־בער אזעלכע — א בלעטל אַ וואָרט, א בלעטל א וואָרט. און לויט ווי מיר דאכט זיך האָבן זיי צווישן זיך קיין שום געמיינזאַמס נישט חוץ דער שיטע־רער שריפט. די געדיכטקייט פון זייערע טאַלענטן איז דווקא זייער א פּאָר־שיידענע.

ווי א שטורמווינט וואָלט אַריין, גיט זיך פּלוצלונג א רייס אויף די טיר— גילבערט !

— ראָוויטש, הערט איר, שרייב איך אַ ווערק, וועט עס אייך אַלע צודעקן ווי מיט א נאסער שמאַטע, אַ בראָך אין ענק אַלע! (ער רעדט מיטן פוילישן פאָלקס־דיאַלעקט).

ווירדיק ווי צו אַזאַ מין בשורה, כאָטש אין אַזאַ מין מאָדנער פאָרם אי־בערגעגעבן, הויב איך מיך געשעפטיק אויף צום שטורמווינטיקן גאסט און דערלאנג די הענט. און גילבערטן האָט זיך שוין דער ענטוזיאזם דער־וויל איבערגעקערט אויף דער לינקער זייט און ער אַליין איז שוין ווידער אויף יענער זייט פון דער טיר און אײדער ער פארקנאקט זי באוויזט ער נאָך אריינצוזאָגן אין סטיל פון דעם פארצייטישן דערציילער פון שדים־מעשיות:

— מען וואָלט ענק אַלע געדארפט שניידן אויף די נאַקעטע רוקנס מיט גליענדיקע ריטער, מער ווי ס׳גהינום זענט עץ נישט ווערט!

1936

משה דוד גיסער

1893 ראַדאָם. קעלן, דײַטשלאַנד 1917. װאַרשע 1921.
אַרגענטינע 1924. 1933 סאַנטיאַגאָ אין טשילע.

משה דוד גיסער איז א צאַרטער פּאָעט פול מיט פּאַרם, מיט לשון, מיט זאַפטיקער פּױליש־ייִדישקייט, מיט אַסך נאַיװקייט און אַסך פּאַטאָס פון איי־נעם. װאָס װען ער װאָלט נאָר געהאַט פליגלען װאָלט ער כסדר געפלויגן ווי א פויגל. אין זיין ערשטען פאַך, פרנסה־פאַך, איז ער געװעזן א מעטאַל־גיסער, אין זיין צווייטן פאַך א לערער אין ייִדישע שולעס אין אַרגענטינע. מען דער־ציילט, אַז ער פלעגט זיך ביי די װילדע אַרגענטינער ייִדישע יאַטן מיט טרערן אין די אויגן בעטן, אַז זיי זאָלן זיך לערנען, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. אַז דער לערער, דער סענטימענטאַל־לירישער פּאָעט, איז אַמאָל דערשעפּט אַנידערגעפאַלן אויף זיין לערער־שטול, האָבן זיי זיך דערשראָקן, אַזוי ווי זיי וואָלטן דערהרגעט דעם לערער, זענען געלאָפן רופן א דאָקטאָר, אָבער אויף צו מאָרגנס זענען זיי ווידער געווען די זעלבע רוצחים. דעמאָלט האָט גיסער באַשלאָסן אריבערצושפאַנען די צווייטהעכסטע בארגוואַנט פון דער וועלט, די אַנדן, און האָט זיך באַזעצט אין טשילע, דאָ איז ער געוואָרן א ייִדישער דרוקער. ווידער אומגעקערט זיך אין א געוויסן זינען צו מע־טאַל, צו בליי, כדי אָנצוהאַלטן די מעטאַל־טראַדיציע פון זיין משפּחה.

משה דוד גיסער באַנוצט זיך זייער אָפט אין זיין ליד מיט דעם וואָרט „שפּיאַלטער”. דאָס איז אַ וואָרט פון זיין קינדערשטוב. אָבער אַזוי ווי מיין טאַטע איז נישט געוועזן קיין מעטאַלגיסער, נאָר א וואַלדסוחר, איז אַזוי ווי גיסער ווייסט נישט פון די ווערטער „גרובן־פּאָסטן” און „קוביק־צאָל”. די ווערטער פון מיין קינדער־שטוב, אַזוי ווייס איך נישט פון „שפּיאַלטער” און זאָל עס אונזביידע צו קיין שאַדן נישט זיין.

משה דוד איז אייביק אויפגערוימט און אייביק גרייט אָדער אייך צו לעזן זיינס א ניי ליד, אָדער צו הערן אייערס א ניי ליד. און אַז ער לייגט אָ ליד, סקאַנדירט ער, אַזוי ווי א שולייִנגל: טראַטאַטאַ — טאַטאָ — טאַ. און דעמאָלט לייכט אויף דאָס פּנים זיינס, לייכט יונג און יינגליש דורך אַלע הונדערט קנייטשן פון א שווער און האָרעפּאַשנע לעבן פון אַ דור־דורתדיקן האָרעפּאַשניק, אָן אמתן האָרעפּאַשניק, אָט אַזוי ווי אין די קליינע אותיות איז פאַרשריבן, און דעמאָלט ווילט זיך אייך אים זאָגן: רבי משה דוד הקו־פּערגיסער האָט געזונגען:

ווייסע רויזן, רויטע רויזן,
ליליען און נאַרציטן,

קינדער הונגעריק און עלנט
גייען אָפּגעריסן.

משה דודס ווייב איז אַ אוקראַיִניש־יידיש פֿאָלקסקינד און אָט אַזוי ווי זי וואָלט צו אים געקומען גלייך פֿון זיין אייגן פֿאָלקסטימלעך ליד אַרויס. און קינדער האָט ער דריי און יעדעס מיט אַלע זיבן חנען. און איצט הערט, פֿרויען פֿון יידישע פּאָעטן: אַז משה דוד איז שוין געוועזן אין טשילע און זיין ווייב מיט די קינדער אין אַרגענטינע, האָט זיין פֿרוי באַשלאָסן וואָס גיכער אַריבערצופֿאָרן צו איר מאַן. געלאָזט זיך אין וועג אַריין מיט קינד און קייט, אָבער פּונקט האָט זיך די „טראַנסאַנדינאָ״־באַן אָפּגעשטעלט צוליב שניי־זאַווערוכעס. די מוטיקע פֿרוי איז דעמאָלט אויף אייזעלעך מיט די קינדער אַריבער די אַנדן־בערג. פֿאַר און נאָך איר זענען מענטשן דערהרגעט געוואָרן אויף דעמזעלבן וועג, אָבער זי איז בשלום אַריבער. וואָלט דער מאַן, דער פּאָעט, די אַוואַנטוריסטישע רייזע מיטגעמאַכט וואָלט ער אַ גאַנץ בוך לידער וועגן דעם געשריבן, אָבער אַזוי האָט ער נאָר דאָס נאָענסטע בוך זיין פֿרוי געווידמעט פֿאַר איר מוטיקער טאַט.

אין 1924, ווען גיסער האָט געהאַלטן ביים פֿאַרלאָזן וואַרשע, האָבן מיר מיט ליבשאַפֿט, די „כאַליאַסטרע״־גרופּע, אָרגאַניזירט אַ געזעגענונגס־אַוונט, אָבער ווי דאָס מזל וויל און דער שטייגער איז, זענען געקומען זייער ווייניק מענטשן צו געזעגענען זיך מיט דעם דיכטער, וואָס האָט אַזוי שיין באַזונגען דעם פּויליש־יידישן שטייגער. יומטובדיק איז אָבער אויך אין אַזאַ סיטואַציע געווען דעמאָלט גיסערס פּנים און יומטובדיק האָט עס געשטראַלט פֿון ווייסן קעלנערל אַרויס. מען האָט עס באַמערקט ווייל געוויינטלעך האָט דער שווער־אַרבעטער געטראָגן אַן אַרבעטסהעמדל. און אָט זענען פֿערצן יאָרן אַריבער. אין 1937 בין איך אָנגעקומען קיין סאַנטיאַגאָ דע טשילע — און דאָסזעלבע שטראַלנדיקע פּנים גריסט מיך ביים אָנקומען פֿון דער באַן. דערזעלבער שמייכל — נאָר קנייטשן מער·

און אָט זענען שוין אַ פּאָר וואָכן אַריבער. לאַנגזאַם פֿאָרט אַרויס די באַן פֿון דעם וואָקזאַל פֿון סאַנטיאַגאָ. נאָך גריסט מיך דער דיכטער פֿון דער ווייטן מיט דער האַנט, איך הויב אויף דעם בליק, איבער זיין קאָפּ איז „אַלפּענגליען״ פֿון די שנייבאַדעקטע שפּיצן פֿון די בערג אַרום דער שיינער הויפּטשטאָט פֿון טשילע, פֿאַרנאַכט.

פֿאַרנאַכט ביי אונז, מיין ליבער צעשמייכלטער משה דוד, פֿאַרנאַכט ביי אונז. איך בין אין דעם זעלבן יאָר געבוירן, וואָס דו.

1938

אורי צבי גרינבערג

1894 בילקאָמען ביי זלאָטשעוו, גאַליציע. וועלט־מלחמה אַלס סאָלדאט, לעמבערגער געשעענישן 1918, 1920 ווארשע, 1923 בערלין, 1924 פּאַלעסטינע, שפּעטער מע־רערע מאָל ווידער אין ווארשע, 1939 בעצייטנס אַוועק פון וואַרשע קיין ארץ־ישראל.

אין אונזער אייביקן אלטן תנ״ך פּלאָנטערן זיך עטליכע מאָדנע נביאים, וואָס רעדן אומפארשטענדליכע רייד און אלעמאָל אויף די העכסטע אָקטאַוועס, אַזוי ווי זיי וואָלטן מיט אַלע כוחות געוואָלט איבער־שרייען די גרויסע אוניווערסאַלע נביאים, וואָס האָבן זיך אַוועקגעלייגט ווי בערן אויף די בלעטער פון דער ביבל אין שכנות מיט זיי און לאָזן נישט א וואָרט אַרויסרעדן א חבר אין נביא־פּאַך . . . מוז מען ארבעטן מיט די עלנ־בויגנס און מיט אַלע שטימבענדער אויף אַמאָל.

איך האָב אַזאַ נביא געזען אין חלום אמאָל. אָט איז ער: א דאַרער, אַ הויכער, א רויטער קאָפּ האָר, א געזומערשפּרענקלטער, לאַנגע רויטע פּאות, אַ דעמאָנסטראטיוו ברייטער גארטל, דעמאָנסטראטיוו לאנגע ציצות ביי די עקן פון דעם מער צעריסענעם ווי געלאָטעטן קלייד. ער איז געשטאַנען אינ־מיטן א טומלדיקן מארק, איך געדענק נישט צי איז עס געווען שומרון, אָדער ירושלים, אַרום אים איז געווען א בינטל יידענעס און יידן מיט פּעק און קינדער אויף די רוקנס און אויף די היפּטן. דער קליינער און אומבאקאנ־טער נביא האָט גערעדט פאר פייער און פאַר וואַסער. מען האָט אים עפּיס יאָ און מען האָט אים עפּיס נישט פאַרשטאַנען. האָט א ייד מיט א שווערן פּאַק אויף די פּלייצעס א שלעפּ געטון א יידענע מיט א קרוג אויפן קאָפּ און אַ קינד ביי דער ברוסט: (דער דאָזיקער ייד איז שוין דעמאָלט געווען א גאַ־ליציאנער).

— ווייסעך וואָס ער דולט מער דאָרט א קאָפּ ! קום זלפּה !

דער נביא האָט עס דערהערט און דערזען און אין אַ גרויסן בויגן אָפּ־געשפּיגן דעם אָפּטרעטנדיקן.

— טפו זאָלסטו ווערן ! — און דער קליינער אינצידענט האָט אים נאָך מער קוראַזש און פייער צוגעגעבן און ער האָט נאָך שאַרפער גערעדט און טייל פון די דאָזיקע רייד זענען אפילו אַריין אין תנ״ך. ער האָט עס שפּע־טער אויפגעשריבן און ארייגעגעבן דעם שעף־רעדאקטאָר פון תנ״ך און צוגעפּילנעוועט, אז עס זאָל אריינגיין. ער האָט אפילו געזאָגט, אז ירמיהו מעג ביי אים די שטיוול פוצן — ווייל זיין נבואה איז בעסער.

יענער בייזער נביא האָט דעמאָלט געהייסן אורי צבי הר־ירק. היינט הייסט ער אורי צבי גרינבערג.

איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט אין לעמבערג אין 1910. דער רבישער זון האָט דעמאָלט געטראָגן א זיידענע קאַפּאָטע מיט א גאַרטל און אַ סאַמעטן, ספּעציפיש גאַליציש קאַפּעליטשל און צוויי לאַנגע רויטע פּלע־שעלעך־פּאות. שוין דעמאָלט האָבן זיינע לידער געבליצט מיט טאַלענט. שפּעטער האָט ער אַסך, אסך איבערגעלעבט און זיין פון דער נאַטור אומ־רויק בלוט איז נאָך אומרויקער געוואָרן פון דער היץ פון די טראַגישע אי־בערלעבונגען און פון די נשמה־אויפטרייסלונגען און איז געוואָרן ווי בלוט פון פּאַגראָמירטע, וואָס זידט אין אייביקער שרעק און נקמה־ווילן.

מיט גרינבערגן האָבן מיר אין די שטורם־און־דראַנג יאָרן פון 1921־1924 געכאַליאַסטרעוועט צוזאַמען און איך וועל אייביק פון אים האַלטן אלס דיכטער, כאָטש איך פאַרשטיי אים שוין היינט דרייפאַך נישט: ערשטנס וואָס ער איז א רעוויזיאָניסט, צווייטנס פאַרשטיי איך אים גלאַט נישט מער און דריטנס פאַרשטיי איך נישט זיין העברעיש. און מעגן מיר זיך ווי קריגן, אַמאָל האָבן מיר זיך אפילו געקריגט שטייענדיקביידע אויפן טיש אין וואַר־שעווער ראַטהויז־זאַל, (אומגלויבליך, אָבער וואָרט אין וואָרט אמת, טויזנט עדות דערביי געווען), קיין שונאים ווערן מיר נישט.

ערשט ניט לאַנג האָב איך געבעטן גרינבערגן: רעד צו מיר א האַלבע שעה, איבערצייג מיך אין דער ריכטיקייט פון דיינע טעזן. ער האָט עס גע־טון, מיט פלאַם און מיט פייער פון יענעם בייזן נביא פון שומרון אָדער ירושלים, איך האָב אָנגעשטרענגט אַלע מיינע כוחות און געהאָרכט, יעדן זאַץ באַזונדער האָב איך פאַרשטאַנען, אָבער דעם זין האָב איך דאָך נישט באַ־גריפן. שוין לייכטער צו פאַרשטיין, וואָס גרינבערג שרייבט.

און א דיכטער איז ער זיכער. און אפילו א נביא, נור נישט פון די וואָס זענען די גאַנצע וועלט, נייערט פון די נאַציאָנאַליסטישע, וואָס זענען זייערע פיר איילן; אפילו נישט דאָס גאַנצע פאָלק זייערס, נור די פּאַרטיי וועלכער זיי זענען איבערגעגעבן.

דריי זענען מיר צוזאַמען געריטן אויף דעם וואַרשעווער פּעגאַזוס פון דער יידישער דיכטונג אין די יאָרן 1921־1923. פרץ מאַרקיש, אורי צבי גרינ־בערג און איך. דריימאָל ווייט זיינען מיר היינט איינער פון אַנדערן, אויף דריי עקן וועלט און אויף דריי עקן וועלט־אַנשויאונגען.

1936

לעאָן דרייקורס

לעמבערג 1894· 1914 — ביז 1918 עסטרייכישער סאָלדאט. ראָמאַניסט, זשורנאַליסט, אַקטיאָר. זינט 1926 אין וואַרשע. פריער געמאכט דרום־מיטל־אייראָפּעישע רייזעס מיט טע־אַטער־טרופּעס. 1939 געוועזן ספּיקער אויפן לעמבערגער ראַדיאָ.

אין יאָר 1911 האָט זיך אין דער יונג־יידישער ליטעראַרישער גרופּע, וואָס האָט גאַנצע טעג און דרייפערטל נעכט געפּלעגט צו שפּאַצירן אויף דעם קאָרסאָ פון דער דעמאָלטיקער קאַראַלאַ־לודוויקאַ־גאַס אין לעמבערג, באַוויזן א ניי פּנים. ער האָט עפּיס נישט געהאַט קיין נאָמען און נישט געוואָלט אים אויסזאָגן. ער האָט אָבער געדרוקט גאַנץ שיינע לידער אין די פּועלי־ציוניסטישע בלעטער אונטער דער רעדאַקציע פון בערל לאָקער. אונטערגעשריבן האָט ער זיך מיט „***" אָדער גאָר מיט איניציאַלן, וואָס האָבן זיך אַלעמאָל געביטן. ער האָט געהאַט גרויסע, טונקל־בלויע אויגן, א טשופּרינע געדיכטע ברוינע האָר, א טיפּיש יידיש־אונגאַריש פּנים מיט א אָדלער־נאָז. ער האָט אַסך געלאַכט, נישט געקוקט איינעם גלייך אין די אויגן, געטראָגן עפּיס אַזאַ מין סטודענטישן מונדיר, וואָס, אַז איר ווילט איז ער גאָר געוועזן א ציווי־לער; און ער האָט געקענט שיין זינגען. דעמאָלט איז ער געוועזן אַן אויפגייענ־דיקער שטערן און מיר, ליטעראַריש יונגוואַרג, מיט א. מ. פוקס, ש. י. אימבער און דוד קעניגסבערג בראָש, האָבן געדאַרפט נעמען שטעלונג צו דער נייער דערשיינונג, וואָס האָט נישט געהאַט קיין ריכטיקן נאָמען.

א צייט שפּעטער האָט די נייע דערשיינונג אינגאַנצן אויסגעטון דעם סטודענטסקען מונדיר, וואָס איז עס יאָ און איז עס נישט געוועזן, האָט אָפּטער געפּלעגט אויפצוטרעטן אויף היימישע וועטשערינקעס מיט געזאַנג פון אייגענע און פרעמדע לידער און מלכה לאָקער, די פרוי פון בערל לאָקער, די שפּעטערדיקע דיכטערין און דעמאָלט נאָר זינגערין — איז געוואָרן די באַשיצערין פון דער נייער דערשיינונג, וואָס האָט שוין איצט געהאַט א פּשוטן לעמבערגער נאָמען: לעאָן דרייקורס.

אין 1913 איז דער שרייבער פון דעם „לעקסיקאָן" אוועק קיין ווין, אין 1914 איז געקומען די ערשטע וועלט־מלחמה און לעאָן דרייקורס האָט זיך ערגעץ־וואו ארומגעדרייט אין דרום־מיטל־אייראָפּע; יענעם ווינקל, וואָס איז עפּיס אייביק געוועזן נישט אַהין און נישט אַהער פון יידישן קולטור־שטאַנד־פּונקט. דאָרט — צווישן פּוילן, דייטשלאַנד, רומעניע און יוגאָסלאַוויע — ווו עס איז יאָ אונגאַרן געוועזן און נישט אונגאַרן, האָבן זיך עפּיס ארומגעטריבן

גייסטער פון אלערליי אמאָליקייטן. דאָרט האָבן זיך געמישט יידן מיט קורצע קאַפּאָטעס און גרויסע קאַפּעלושן און ביז צום פּאַס לאַנגע פּאות און „שיך־און־זאָקן״, מיט משומדים בני משומדים. דאָרט האָט זיך געמישט פּיינער דייטש־לשון מיט קנאַקעדיקן מאַדיאַריש־אונגאַריש מיט עפּיס א מאָדנעם יידיש, אזוי ווו ארויסגענומען פון גליקל פון האמעלנס עברי, און דאָרט האָבן דווקא געלעבט אין אָט די ראַנדגעביטן פּילע הונדערטער טויזנטער יידן. אין גאַליציע האָט מען זיי גערופן „וואַסער־פּאַלאַקן״. פאַרוואָס וואַסער־פּאַלאַקן? הונדערט און איינס אויפקלערונגען האָב איך וועגן דעם געהערט און קיין איינע קלינגט מיר נישט לאָגיש. — אָט צווישן די וואַסער־פּאַלאַקן, ווו מען פלעגט פאַרפאַלן ווערן ווי אין וואַסער אַריין, האָט זיך יאָרן־לאַנג מיט א טרופּע ארומגעדרייט לעאָן דרייקורס. ער איז געוואָרן אן אַקטיאָר.

צווישן דעם סוף פון דער ערשטער מלחמה און דעם יאָר 1926, ווען ער איז ארויפגעשווומען אין וואַרשע, איז ער אָפּטמאָל ארויסגעשווומען פון דער וואַסער־פּאַלאַקאַי אין לעמבערג אלס רעדאקטאָר פון יענע בלעטער, וואָס ער האָט אין זיי צוריק מיט אן אנדערטהאלב צענדלינק יאָרן דעביוטירט. אָבער אין די יאָרן 1923 ביז סאמע 1939 איז אָנגעגאַנגען א גרויסע עמיגראַציע פון גאַלי־ציע קיין וואַרשע און דרייקורס איז מיטגעקומען מיט אָט דעם שטראָם. די גאַליציאַנער קאָנקוויסטאַדאָרן, וואָס האָבן דערשנאַפּט מיט זייערע דאָקטאָרסקע נעז, אַז ערגעץ איז דאָ אַ לאַנד — זאָל עס הייסן וואַרשע — זענען געקומען און האָבן עס איינגענומען. אלע אינטעליגענטנע פּאָסטנס האָבן זיי באזעצט. אויך דרייקורס האָט זיך אַזוי לאַנג געדרייט אַרום יידישן טעאַטער אין וואַרשע ביז ער איז אַרויפגעשווומען ווי איינער פון די פּעיקסטע רעדאַקטאָרן פון דעם פּויליש־יידישן „נאַש פּשעגלאַנד״. א ליטוואַק קען ווערן אן אַם, אַז מען מוז, אָבער א גאַליציאַנער קען נישט נאָר ווערן אן אַם, נאָר אפילו אָנזויגן א קינד אויך. (אז מען מוז).

וואָס לעאָן דרייקורס איז — ווייס איך נאָך ביז היינט נישט — (1940) נאָך דרייסיקיעריקער באַקענטשאַפט· ער האָט אויפגעשריבן א גאַנץ פּיינעם ראָמאַן, און האָט געשריבן גאַנץ פּיינע לידער און אפילו פּאָעמעס, און איז געווען אן אַקטיאָר, און א פּאָלקס־זינגער, וואָס פלעגט געבן קאָנצערטן, און א יידישער זשורנאַליסט אין א געלער טאָגצייטונג, און אַ זשורנאַליסט אין א פּוילישער צייטונג און א סופלאָר אין א טעאַטער און א ראַדיאָ־אויסרופער.

איינמאָל האָט מיר דרייקורס געזאָגט, אז ער איז נאָר דערפאַר נישט געוואָרן קיין וועלט־באַרימטער אקטיאָר, ווייל ער קען נישט זאָגן אויף דער בינע: איך בין דאָרשטיק, דערלאַנג מיר א גלאָז וואַסער . . . אָט — זאָגט ער — קוק מיך אָן; איך בין נישט קיין מיאוסער, שיין געבויט, האָב א גוטע

שטימע, שארפע פּנים־שטריכען, גרימיר מיך גוט, האָב א גוטע דיקציע, בין זייער באַוועגלעך, זייער באַלעזן, גענענדיגט א דראַמאַטישע שולע, רעד א גוטן יידיש, בין נישט איבערגעטריבן אין מיין אינטעליגענטישקייט, ווייס וויאַזוי צו שפּילן און וואָס מען דאַרף, נאָר — — אַז איך קום אַהיים א מידער, גיב איך אַ זאָג צו מיין ווייב „רעגינעלע, דערלאַנג מיר א קאַלט גלאָז וואַסער"— אָט אַזוי ווי א מענטש דאַרף רעדן, נאָר אַז איך דאַרף דאָסזעלבע זאָגן אויף דער בינע, גיב איך מיך אַ בלאָז אָן ווי אַן אינדיק און גיב אַ נעם צוזאַמען מיין טיפסטן העלדן־באַס און דערלאַנג א זאָג העראָיש און מעכטיק: „רעגינע! דערלאַנג מיר א גלאָז וואַסער!" — אָט דערפאַר בין איך נישט געוואָרן קיין וועלט־באַרימטער יידישער אַקטיאָר. — אָט דאָס איז לעאָן דרייקורס א פריינט פון יונגע, שיינע, לעמבערגער יאָרן, וואָס וועלן קיינמאָל שוין נישט ווידער קומען, נישט נור פאַר מיר, נור פאַר קיינעם נישט.

1940

בער האָראָוויץ

1895 אין מאָידאַן, א דאָרף אין מזרח־גאַליציע. סאָלדאַט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. ווין, בערלין, פּאַריז רײַזעס. געוווינט א צײַט אין ווילנע, שפּעטער — ביז 1939 — אין סטאַניסלאַוואָוו. אין 1939 טראַגישע ידיעות וועגן אים. ער האָט אָבער געלעבט און געאַרבעט. 1943 ווידער טראַגישע ידיעות וועגן אים.

בער האָראָוויץ איז אײנער פון די קראַפטפולע יידישע פּאָעטן. ער זינגט הויך· זײַן פּאָעזיע איז טומלדיק, אַפילו די שטילע טענער פון זײַן ליריק זענען זײער טומלדיק. עס איז אַזוי ווי אין יענעם פאָלקסליד: וויאַזוי שלאָפט דער קייזער בײַנאַכט ? — שטייען הונדערט סאָלדאַטן און שרײַען שאַ, שאַ, שאַ . . . האָראָוויצעס ערשטע לידער־בוך האָט געהייסן „פון מײַן היים אין די בערג". ער האָט דאָס דאָזיקע ביכל זײַנס קײנמאָל נישט איבערגעזונגען. אָפּגעלאָזן דעם עכטסטן טאָן זײַנעם און אים קײנמאָל מער נישט אָנגעכאַפּט צוריק.

ער האָט אויך געשריבן משעהלעך וועגן בעל שם. אַליין זײַ אויסגעטראַכט און אַליין זײַ אילוסטרירט און ערגעץ איז ער אונז פאַרבלאָנזשעט געוואָרן אין די בערג . . . ער נוצט א שפּראַך, וואָס איז חצי גויש — פּאָלאָווינע יידיש . . .

ער האָט אין זיך אנטדעקט אן אויסערגעווײנטלעך שטאַרקן צײכן־טאַלענט, ער איז א גלענצענדיקער פּאָרטרעטיסט און דאָס אַליין האָט אים אביסל צעטומלט: וואָס בין איך ? כאָטש דאָס איז ניט קײן נײַעס, אז דיכטער זאָלן גלײכצײטיק זײַן מאָלער — און פאַרקערט.

אָבער וואָס האָב איך מיך דאָ צערעדט ווי א קריטיקער וועגן א פרײַנט, וואָס איך קען שוין זינט דעם יאָר 1908. נאָך אמאָל — טויזנט נײַנהונדערט און אַכט· מיר זענען בײדע געווען שולחברים אין דער העברעישער שולע אין סטאַניסלאַוואָוו אין גאַליציע.

א לערער האָבן מיר געהאַט, א העברעישן שרײַבער שמאי כאַלאַטניקאָוו, ער האָט פײַנט געהאַט אַז מען פאַרשפּעטיקט זיך, און האָט פײַנט געהאַט, אַז מען טומלט. האָראָוויץ איז דעמאָלט אַלט געווען דרײַצן יאָרן און געטראָגן א סטודענטיש מונדירל מיט דרײַ זילבערנע פּאַסיקלעך אויפן קעלנערל. ער איז געווען א שילער פון דריטן קלאַס גימנאַזיום און איך בין געווען א שילער פון א האַנדלס־שולע. די העברעישע שולע האָבן מיר באַ־

זוכט אין אָוונט. האַראָוויץ האָט זיך אַלעמאָל פּאַרשפּעטיקט און אַלעמאָל אָנגעוואָונדט דעמזעלבן פּאַרטל נישט באַמערקט צו ווערן פון דעם לערער. ער האָט׳ א שפּרונג געטון איבער אַלע בענק צו זיין פּלאַץ. איבער אַלע קעפּ, טינטערס, העפטן, ביכער — און גרויס איז ער געווען, האָט ער געגרייכט ביז צום באַלקן בשעת שפּרינגען. אין קלאַס איז געוואָרן א בהלה, א רע־וואָלוציע. דער איינציקער, וואָס איז באַלד רויק געזעסן אין דער אַלגעמיינער בהלה, רויק אין זיין ווינקל ביי דער וואַנט, איז געווען האַראָוויץ . . . עס איז נאַטירלעך. זיין קאָפּ האָט ער דאָך נישט געטרעטן מיט די פיס, נישט איבערגעקערט זיין טינטער און נישט צעטראָטן זיינע ביכער. די אויספאָר־שונג, וואָס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן האָט צו גאָרנישט נישט געפירט, און דער, וואָס האָט איצט געמאַכט דעם גרעסטן טומל און זיך צום שטאַרקסטן געוואונדערט ווער עס איז דאָ ווי א שד אַריבערגעפלויגן איבער דער קלאַס, איז געווען האַראָוויץ אַליין.

שפּעטער האָב איך מיך מיט אים געטראָפן אין ווין. איצט זענען מיר ביידע סאָלדאַטן געווען. פּאַרטיידיקט די עסטרייכישע אימפּעריע . . . האָ־ראָוויץ איז שוין געווען א סטודענט פון דער מעדיצין און א סאַניטעטס־קאָרפּאָראַל. איך שטעל מיר פאָר דעם טומל מיט וועלכן האַראָוויץ פּלעגט פאַרטרייבן דעם מלאך המות. נאָך דער מלחמה זענען מיר געשטאַנען נאָענט צום זשורנאַל „קריטיק״ אין ווין. דעמאָלט ערשט האָט האַראָוויץ דעביוטירט מיט א ביכל לידער. און געוויינטלעך האָבן מיר זיך אויך אומצאָליקע מאָל געטראָפן אין וואַרשע.

האַראָוויץ איז א בן יחיד געווען, פרי דעם טאַטן פאַרלוירן, געהאַט א קאָמפּליצירט פאַמיליע־לעבן און ער איז זעלטן אויסגעזעסן אויף אָן אָרט, זעלטן געשריבן. דאָס האָט אים אַביסל אָפּגעפרעמדט פון דעם גאַנג פון דער ליטעראַטור. ער איז אַלעמאָל געווען ווי אַ יאַסטריב, וואָס פאַלט אַראָפּ פון דער הויך, מאַכט אָן א גערודער און הויבט זיך ווידער אויף.

האַראָוויצעס ליד „אויפן וועג צום עקזערציר־פּלאַץ״ איינס פון די עכטסטע, אמת פּאַציפיסטישע לידער ביי אונז. עס איז ווייניק באַמערקט געוואָרן, ווערט ווייניק רעציטירט. ביי אונז מוז קוואַליטעט שווימען אין אַ גרויסער שיסל קוואַנטום. אַזיסט ווערט מען נישט באַרימט.

בער האַראָוויץ, דער מאָלער, איז א קאַפּיטל פאַר זיך. אפשר דאָס הויפּט־קאַפּיטל. גאַנצע וועגנט האָבן מיר באַהאַנגען מיט זיינע קאַריקאַטורן פון יידי־שע שרייבער אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַריין. אין די לידער איז ער פּראָסט און אָפּט רוי — אין די צייכנונגען איז ער פיין און ראַפינירט און

זייער וויציק. ער ברענגט אַרויס דעם טיפסטן אויסדרוק פון די פּערזאָנען, וואָס ער מאָלט. ער קען די מאַלעריי פון דער וועלט. שרייבט אַ ציקל לידער וועגן וועלט־באַרימטע מאָלער, אָבער ער פּאַרפּולקאָמט זיך נישט אויף דעם געביט, האָט נישט קיין געדולד. ער נעמט די וועלט שפּרינגענדיק איבער בענק, טינטערס און אָפענע ביכער, ווי דעמאָלט אין זיין פריסטער יוגנט אין דער העברעישער שולע. אזוי איז ער; ער קען נישט אנדערש.

1938

שמעון האַראַנטשיק

1889 ווילון. געווינט אין מערערע שטעט אין פוילן.
רייזע קיין פראַנקרייך. קומט צוריק קיין וואַרשע. 1939
זיך גענומען דאָס לעבן נאָכן אַריינמאַרש פון די נאַצים.

א הונדערטפּראָצענטיקער פוילישער ייד, א געדיכטער, א פּולבלוטיקער איז שמעון האַראַנטשיק. ער האָט טאַקע א פּולבלוטיק פּנים, אַן אָנגעגאָסנס און א פליישיקס. כאָטש קיין גיבור איז ער דווקא נישט. ער דערציילט אַליין וועגן זיך אַן אַנעקדאָט, אַז ער איז אַמאָל אַריינגעקומען קויפן א קאַפּעלוש אין א קראָם. מען מעסט אַהין און מען מעסט אַהער און עס גייט עפּיס נישט. זאָגט דער אומגעדולדיקער סוחר: ערשט אָ איז דאָ געווען אַן אַנדער קצב און ער האָט זיך אַוי לייכט צוגעפּאַסט אַ קאַפּעלוש און איר קענט עפּיס נישט. אָט פּונקט דעמזעלבן קאַפּעלוש, וואָס איר מעסט און ער געפעלט אייך נישט — האָט ער געקויפט. אז שמעון האַראַנטשיק רעדט מיט אייך, דאכט זיך אייך, אַז ער קריגט זיך מיט אייך, אַזוי גראָב־שטימיק רעדט ער. אָבער ער איז דווקא זייער נישט אגרעסיוו, זייער צוריקגעהאַלטן.

האַראַנטשיק איז געווען א קרעמער און א שרייבער איז ער געוואָרן ערשט אַרום זיינע דרייסיק. ער האָט מיר אַמאָל אויף זיין פּשוטן שטייגער פון דער־ציילן, אין זיין טיף־פּוילישן דיאַלעקט, איבערגעגעבן די סצענע פון זיין דער־זען דאָס ערשטע מאָל זיינס א געדרוקטע זאַך:

— עס איז געווען א גאַנץ פיינער יריד — איז געווען. מ׳האָט גאַנץ פיין געלייזט. נאָר אַרום מיטן טאָג האָט מער דער בריוטרעגער געברענגט דעם זשורנאַל. יעך גיב א קוק און זע געדרוקט שוואַרץ אויף ווייס „שמעון האַראַנ־טשיק" אויף מיינס א ליד טאַקע. (האַראַנטשיק האָט געשריבן עטלעכע צענד־ליק פּשוטע לירישע לידער אויך). יעך האָב געוואָלט איבערקערן די לאַדע מיט דער גאַנצער סחורה. יעך האָב שוין מער נישט געהאַנדלט. יעך האָב שוין נישט געוווּסט, וואָס מיט מיר טוט זיך, אפשר האַלב סחורה האָט מען מיר אויף יענעם יריד צעגנבעט. קונים האָבן צו מער גערעדט, נאָר יעך האָב גאָרנישט געוווּסט, וואָס מיט מיר טוט זיך. און אז קונים דערזעען אזאַ זאַך, הויבן זיי אָן צו שלעפּן, אַ האַלבע קראָם האָט עס מעך געקאָסט, דאָס אָפּגע־דרוקטע ליד.

האַראַנטשיק נעמט גוואַלטיק ערנסט זיין פאַך. יעדעס שטיקל קריטיק נעמט ער זיך צום האַרצן, טיף צום האַרצן. ער איז דער איינציקער יידישער שרייבער, וואָס האָט אַמאָל אפילו געפּרווט צו טרינקען סם אויס פּראָטעסט פאַר שלעכטער קריטיק.

איך האָב אים אמאָל באזוכט אין זיין אָרימער היים, אין אַן איינציקן שטיבל אין וולאצלאַוועק, ווען ער האָט דאָרט געוווינט. אין זויבערן שטיבל, כמעט אָן מעבל, זענען געווען נאָר אביסל קאָכמכשירים — און שרייבמכשי־רים. האָראַנטשיק איז געווען זיין אייגענער קוכאַר דעמאָלט, זיין פרוי איז דעמאָלט געווען אין אויסלאַנד. איבער דעם שרייבטישל איז געהאָנגען אַן אויסשניט פון אַ צייטונג מיט „צען געבאָטן פון א שרייבער״. איך געדענק מער נישט וועמעס חיבור דאָס איז געווען, אָבער האָראַנטשיק האָט די דאָ־זיקע צען געבאָטן גענומען זייער ערנסט. דאָס שטיבל איז געשטאַנען אין א נישט־יידישן און אומהיימלעכן געגנט. דורכגיין דאָרט ביינאַכט האָט מען גע־מוזט דורך שורות שיכורע סאָלדאטן און ווילע יונגען און גאַסן־מיידלעך, און דער האנדל איז אָנגעגאַנגען ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַ פּאָר מאָל האָט מען דאָרט אויסגעהאַקט די שויבן ביי האָראַנטשיקן אין דער פאַרטער־שטוב. האָט מען געמוזט שלאָפן הינטער פאַרהאַקטע לאָדנס, און אָן ליכט, און רעדן האָט מען געמוזט זייער שטיל, אַז מען זאָל אויף דער גאַס גאָרנישט וויסן, אז אין דער שטוב זענען דאָ מענטשן.

אָבער אַ שרייבער, וואָס האָט הינטער זיך א לעבן פון דרייסיק יאָר לעבן טאַקע — אַן שרייבעריי — האָט זייער אסך איבערלעבונגען אָנגעזאַמלט און עס איז דאָ וועגן וואָס צו שרייבן. די בעסטע ווערק פון אַלע שרייבער זענען די ווערק פון זייער יוגנט, פון יענער צייט, ווען זיי פלעגן דאָס לעבן אויפנע־מען עכט און אָן אַ שרייבערישן בליק. און אין דעם זין וואָלט איך געזאָגט, אַז האָראַנטשיקס יוגנט האָט זיך געצויגן דרייסיק יאָר . . . שעפּט ער טאַקע פון זייער א רייכן און אומפאַרפעלשטן קוואַל פון יידיש־פוילישן לעבן. וואָס איבערגעלעבטער זיינער א ראָמאַן איז, אלץ עכטער און אַלץ בעסער. האָ־ראַנטשיק שרייבט צעצויגן און ברייט און פאַרלירט זיך אין ענדלאָזע דעטאַלן. און א שריפט האָט ער אויך אַזאַ, וואָס עס ציט זיך איין אות אין אנדערן אַריין, כאָטש ער שרייבט באַזונדערע אותיות, און איין שורה אין דער אנדערער. און א גאַנץ זייטל זעט אויס, אַזוי ווי אַ קופּע פאַרטרוקנטע צווייגן אַרום א בוים אין טיפן הארבסט. נאָר כאָטש ער שרייבט צעצויגן און ברייט, און דערצו האָט ער אַזאַ מין שרעקלעכע האנטשריפט, האָב איך מיך אַמאָל אַריינגעלעזן אין זיינעם א ראָמאַן, און טאַקע אין מאַנוסקריפּט, און עס האָט מיך געצויגן און געצויגן אָן אַן אויפהער. ווייל עס איז געווען לירישׂ און וואַרעם און איבערגעלעבט און בילדעריש און דער עיקר: עס האָט זיך גע־לעזן. גייט ער אַרויס פון זיין עלעמענט פון די יידישע באַלעבאַטישע און אַרבייטער־שטיבער פון דער צייט פון פאַר דער וועלט־מלחמה — הויבט ער אָן צו בלאָנזשען, נאָר בלייבט ער אין זיין עלעמענט און אויף זיינע פעלדער — איז ער ביי זיך אין דער שרייבעריש־קינסטלערישער היים זיי־

נער, אזויצוזאָגן איז ער איינער פון די בעסטע אויף דעם געביט פון דעם דאָזיקן לעבנס־שטייגער. אלץ איז עכט און גאַנץ. מעור אחד. טראַדיציע פון דורות גייט אריין אין בלוט. דאָס קען מען נישט אוועקמאַכן מיט דער האַנט.

האראַנטשיקס פּראָזע־אנטדעקער איז געווען ווייסענבערג און, אויב איך האָב נישט קיין טעות, האראַנטשיקס פּאָעזיע־אנטדעקער איז הערשעלע. אים האָט ער דאָס צו פאַרדאַנקען דעם יריד־חורבן פון זיין קראָם. ווייסענבערג האָט אים ווידער אַן אנדערן חורבן אמאָל אָנגעמאכט מיט אריינשרייבן אַ גאַנצן קאַפּיטל אין זיינס אַ ראָמאַן. דאָס איז געווען דער בארימטער „קאפּיטל 46״, וואָס איז אין זיין צייט געווען אַ שם־דבר אויף דער פוילישער פּאָדווירע פון אונזער ליטעראַטור. דאָס איז געווען אַ מין האַמאַליטעראַרישע פארגוואַלטיקונג, וואָס איז אַ חד במינו . . און נאָר די שטאַרקע און פּשוטע נאַטור פון האראַנטשיקן האָט די פאַרגוואַלטיקונג מיט אלע אירע קאָנסעקווענצן געקענט איבערטראָגן. זינט דעמאָלט האָט ער שוין אַ האַלב טוץ ראָמאַנען אָנגעשריבן און דאָס „קאפּיטל 46״ איז שוין לאַנג פאַרגעסן. אפילו „טלאָמאצקיע 13״ דער פּראָטאָטיפּ פון קאַפּיטל, וועט אויך באַלד פאַרגעסן זיין.

1938

מנחם מענדל הורוויץ

1881 אין ליבאָוויטש, מאָהילעווער גוב. כמעט אַלע זיינע יאָרן געלעבט אין ווארשע. 1939 — דאָרט געבליבן.

צו הייסן הורוויץ און זיך פונדעסטוועגן ארויסצוזען פון די הונדערטער טויזנטער הורוויצעס, וואָס דאָס יידישע פאָלק פארמאָגט, איז נישט פון די גרינגע זאכן. פונקט אזוי איז ניט לייכט זיך ארויסצוזען, הייסנדיק מנחם מענדל, צווישן די מיליאָנען מנחם מענדלס פון דעם יידישן פאָלק. צו הייסן מנחם מענדל הורוויץ און זיך פאָרט ארויסצוזען — דאָס האָט טאקע געקענט נאָר מנחם מענדל הורוויץ. אמת איז, אז אין „יידישן פאָלק" אזויצוזאָגן, האָט ער זיך נישט שטארק ארויסגעזען, אָבער צווישן יידישן פאָלק פון שרייבער און זשורנאַליסטן האָט ער זיך בולט ארויסגעזען און מען האָט אים ליב געהאט, נישט געקוקט אויף די זיבן און זיבעציק חסרונות זיינע.

ערשטנס איז ער געווען אן אייביקער בחור, און שוין נישט אין דעם סאַמע פרילינג פון זיין בחורשאפט, און ער איז געווען א קאפריזנער און זייער א גרויסער קבצן און פון א קאַפּריזנעם גביר איז שוין אויך שווער אויסצוהאלטן מכל שכן פון א קאפריזנעם קבצן. צווייטנס איז מנחם מענדל הורוויץ געווען זייער א געבילדעטער אין אַלע וויסנשאפטן און ארומגעדרייט האָט ער זיך כל ימיו צווישן מענשן, וואָס נישט אַלע האָבן געטרונקען ווי געהעריק פון די טיפע קוואַלן פון וויסן, אַנדערע האָבן נאָר געלעקט אביסל. און אַ מענש, וואָס ווייסט אַלץ אין אַזאַ מין געזעלשאפט איז אביסל אומבאקוועם. דריטנס איז מנחם מענדל הורוויץ אַלע זיינע טעג געווען שטאָק-הייזעריק און גערעדט האָט ער הויך, דאָס הייסט ער האָט נישט גערעדט, ער האָט געזעגט מיט א גרויסער זעג — וואָס איז אַליין אויך געווען אלט, פארזשאווערט און הייזעריק. מען קען נישט זאָגן, אז דאָס איז נישט געגאַנגען אויף די נערוון. אדרבא, עס איז טאקע געגאנגען אויף די נערוון ווי אַ פארזשאווערטע, הייזעריקע זעג. פערטנס איז מנחם מענדל הורוויץ געווען אַביסל אָפּגעלאָזן אין הילוך, זעלטן געראזירט, דערצו האָט ער געהאַט אַזעלכע ארויסגעזעצטע אויגן, וואָס א לאדע מינוט גיבן זיי א שפרונג ארויס אויף דיר און וועלן אָנהויבן צו גיין איבער דיר אַזוי ווי אַזעלכע באשעפענישן, וואָס רופן זיך גאנץ פשוט — אויגן . . . און זיי גייען נישט אויף פיסלעך, נאָר זיי קוילערן זיך אַזוי, קוילערן זיך און קוילערן זיך. איז ביי ווי-פיל האלטן מ׳ירז פיר. פינפטנס איז מנחם מענדל הורוויץ געווען כל ימיו א קאַרעקטאָר. און ער איז נישט גלאַט געווען א קאַרעקטאָר. ער איז געווען א קאַרעקטאָר, וואָס הלוואי האָבן מיר א פּאָר הונדערט אַזעלכע, וואָלט אונ־

זער גאַנצע יידישע ליטעראַטור אַן אַנדער פּנים געהאַט. ער איז געווען א געבוירענער קאַרעקטאָר. ער האָט ליב געהאַט צו כאַפּן ביי א גרייז. משמעות, אַז זיינע אייגן זענען געווען אזוי ארויסגעזעצט צוליב זיין שטענדיקער אָנ־שטרענגונג צו כאַפּן גרייזן. עס איז אויסגעקומען, אַז מנחם מענדל הורוויץ איז א קאָרעקטאָר נאָך פון יענע צייטן אָן ווען דער דרוק איז אויסגעפינען געוואָרן. עס האָט פון אים געווייעט מיט יאָהאַן גוטענבערג, מיט אינקו־נאבלען, מיט ערשטע ביבלען, מיט אמסטערדאם און פראנקפורט און פלאָ־רענץ, מיט אליהו בחור, יאָ, דער עיקר מיט אליהו בחור, וואָס איז אויך געווען אַזאַ מין בעל מדקדק ווי מנחם מענדל־בחור . . . זעקסטנס איז מנחם מענדל (מיר פלעגן אים רופן נאָר מיט די צוויי פאָרנעמען זיינע און אלע האָבן שוין געוווסט וועמען מען מיינט, ווייל מנחם מענדל איז געווען דער מנחם מענדל הידוע) געווען א דיכטער, וואָס האָט געהאט א היפּש ביסל דיכטערישן טאלענט. און זיבעטנס האָט זיך מנחם מענדל ארומגעטראָגן מיט אַן אייביקער דיכטערי־שער ווונד, ר׳האָט אַ זאמלונג פון זיינע שירים, וואָס איז געווען פאַרטיק צום דרוק מיט אסך צענדליקער יאָרן צוריק פארלוירן. און כאָטש א זכרון האָט ער געהאָט אַן אייזערנעם און ער האָט דאָך לייכט געקענט די זאמלונג רעקאָנ־סטרואירן, האָט ער עס אָבער קיינמאָל נישט געטון. דאָס איז געווען ביי אים עפּיס א מין פּערזענלעכע באליידיקונג פון זיין מזל און ער האָט דאָס מזל שוין מער נישט אויסגעפריווט. עפּיס אזוי ווי איינער, וואָס עס שטאַרבט אים א כלה און כאָטש אפילו ווען עס שטאַרבט חלילה א ווייב, זאָגט ערגעץ די גמרא, איז עס אויך נישט מער ווי א קלאַפּ אין אַן עלנבויגן, שאַרף און קורץ, מכל שכן א כלה — פארשווערט ער זיך אָבער פאַרט קיינמאָל מער נישט חתונה צו האָבן — אזוי איז געווען מנחם מענדל מיט זיין פארלוירענעם כתב יד. ער האָט זיך פארשווירן אייביק צו טרויערן. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער דערמאָנט און אויסגעהייזעריקט פאַר אַייך אַן אנדער ליד פון זיין פארלוירענער זאמלונג, נאָר אויפגעשריבן האָט ער די זאמלונג מער קיינמאָל נישט. איך וויל נישט זאָגן, אז צוליב דעם פעלן פון אַ זאַמלונג פון מנחם מענדל הורוויצעס לידער איז די יידישע ליריק געבליבן א פאריתומטע, עס וואָלט אָבער בעסער געווען, ווען אַזאַ זאמלונג וואָלט יאָ געווען. די לידער זיינע — און אביסל זענען דאָך באקאַנט געווען, און מנחם מענדל האָט אפילו מיט דער צייט געשריבן פרישע אויך — זענען געווען זייער מעלאָדיש און האָבן געהאט א האנט און אַ פּוס און א זין און אויפריכטיק פּאָעטיש גע־פּיל.

מנחם מענדל האָט זייער ליב געהאָט צו לעזן לידער און ליב געהאָט זיך ארויסצושטעלן פאַר א מבין פון א גוט ליד. נאָר איידער ער האָט ארויס־געזאָגט זיין פּאָעטישע מבינות האָט ער צוערשט געמוזט ארויסזאָגן זיין

מײנונג װעגן דער קאַרעקטור פֿון דעם ליד, שפּעטער האָט ער אױסגערעכנט די ליטעראַרישע קוריאָזן און ערשט שפּעטער דעם פּאָעטישן װערט. ער פֿלעגט כּסדר אַרבעטן אַלס קאָרעקטאָר אין צײַטונגען, און ער האָט אָנגעטון געװנוג צרות. נישט אײנמאָל פֿלעגט ער אָפּשטעלען די ראָטאַציאָנס־מאַשין צוליב אַ גרײַז, מעג די גאַנצע אױפֿלאַגע פֿאַרשפּעטיקן די פּראָװינץ־באַנען, אַבי קײן גרײַז זאָל נישט זײַן. די צײַטונגען אָן אַ גרײַז װעלן אָנקומען מאָרגן אױך, נאָר די צײַטונגען מיט אַ גרײַז װעלן בלײַבן אַן אײביקער שאַנדפֿלעק. „אין אָנהױב איז געװעזן דאָס װאָרט״ זאָגט דער עװאַנגעליסט. „מיט אַ דרוק־פֿעלער, אָדער אָן אַ דרוקפֿעלער״ פֿרעגט דער עװאַנגעליסט פֿון אַ גוטער קאָרעקטור — מנחם מענדל . . . מען זאָגט, אַז ער איז געשטאַנען ביז צו דער לעצטער רגע אױף זײַן קאָרעקטאָר־פּאָסטן אין װאַרשע. אַזױ לאַנג מען האָט — ביז היטלער איז געקומען אין 1939 — געדרוקט אַ ײדיש װאָרט אין װאַרשע, אַזױ לאַנג האָט עס מנחם מענדל קאָריגירט. הונדערטער גרײַז־לאָזע ײדישע און העברעישע ביכער בלײַבן זײַן שטומער מאָנומענט, שטום און נאָמענלאָז. אפשר װעט אַמאָל אױך נאָכקומען אַ זאַמלונג פֿון זײַנע לירישע שירים.

1942

פאַלק הײלפּערין

1876 אין נעסוויזש — געוווינט אין פיל שטעט פון אַמאָ־ליקן רוסלאַנד. 1921 זיך באַזעצט אין ווילנע און אויס־געוואַנדערט קיין ארץ ישראל ארום 1935.

מען מוז שוין זיין אַ קענער פון דער יידישער ליטעראַטור, אַז מען זאָל וויסן וועגן דער עקזיסטענץ פון פאַלק הײלפּערין און שוין גאָר אַ גוטער קע־נער פון יידישע דערציילונגען און דראַמעס, אַז מען זאָל זיי האָבן געלעזן — און דאָך איז דאָס גאָר קיין ראיה נישט, אַז די ווערק זענען נישט קיין באַדייטנדיקע.

מאָדנע איז ער דורכגעגאַנגען דורך די סטעזשקעס און דורך די פּאַלאַצן פון דעם קעניגליכן גאָרטן פון דער יידישער ליטעראַטור. שוין לאַנג האָב איך זיין נאָמען נישט געהערט און איך שטעל מיר נישט פאָר, אַז ער זאָל נאָך איצט — בשעת דאָס ווערט געשריבן אין מיטן 1942 — צו זיינע 66 זיין שטאַרק אַקטיוו. עפּיס אַזוי ווי אַ משולח פון אַן־סקיס „דיבוק" איז ער דורכ־געגאַנגען, נישט שווייגנדיק און נישט רעדנדיק. און אַז ער האָט גערעדט אַסך איז עס נישט ער געווען, נאָר עס האָט עפּיס א דיבוק פון אים אליין ארויסגערעדט, און אז ער האָט כמעט געשוויגן אָדער גערעדט זייער ווייניק, האָט מען זיך צו אים כמעט נישט צוגעהערט.

אָבער דו האָסט נאָר געדאַרפט א בליק טון אויף פאַלק הײלפּערין און דו וואָלסט זיכער ביי זיך באַשלאָסן, אַז צו עפּיס מער איז ער באַשטימט, כאָטש דאָס, וואָס ער האָט געטון איז נישט ווייניק. ער איז געווען אַקטיוו אַלס פּעדאַגאָג און לערער און אַלעמאָל אין די וויכטיקסטע יידישע לערן־אַנשטאַלטן מיט דער יידישער לימודים־שפּראַך. לרוב איז ער געווען א לערער אין גימנאַזיעס. צו זיין וואָרט אין דער פּעדאַגאָגיק האָט מען זיך צו־געהערט. ער האָט אַרויסגעגעבן אומצאָליקע קינדער־ביכער און ערשט ווו זענען זיינע גראַמאַטיקעס און כרעסטאָמאַטיעס . . . אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. איצט קומען ערשט איבערזעצונגען פון קאַפּיטאַלע ווערק אין פּראָזע, גאַנצע ליטעראַטור־געשיכטעס און איבערזעצונגען פון קלאַסיקער פון דער אייראָפּעישער ליטעראַטור — פרידריך שיללער. און איצט ערשט קומען אייגענע ווערק, עטלעכע בענד דערציילונגען און אַלע עפּיס אַזעלכע מאָדנע — אי עס איז פּראָזע און אי עס איז נישט, אי דו פאַרשטייסט און אי דו פאַרשטייסט נישט. און צום סוף קומען ערשט די לרוב נישט־פאַר־עפנטלעכטע דראַמעס — און דאָ קומט דער שפּיץ־באַרג פון דער אינערלע־כער טראַגעדיע פון פאַלק הײלפּערין. דאָס איז דער שפּיץ־באַרג פון וועלכן

עס איז אים ביז איצט באַשערט געווען נאָר אַ קוק צו טאָן אין דעם געַ־חלומטן לאַנד זיינעם.

אַז איך האָב מיך באַקענט מיט אים דאָס ערשטע מאָל איז ער שוין געַ־ווען נאָענט צו זיינע פופציק. דאָס איז געווען אין וואַרשע. צוויי טעג פריער האָט מיר פרץ מאַרקיש מיט גרויס פיעטעט באַוויזן אַ לאַנגען בריוו מיט זייער ציכטיקע אותיות, קליינענקע, דריבנינקע — פּאַרפּילט, און מיט גרויס פיעטעט האָט ער מיר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ בריוו פון פאַלק הייל־פּערין און אַז ער קומט צו פאָרן און אַז מען דאַרף מאַכן דעם אמת׳ן טומל. אויך איך — פון מיינע זינד זאָל עס מיר נישט אָראָפּגערעכנט ווערן אויף יענער וועלט, ווייל איך וויל דערפאַר אָפּקומען — האָב דעמאָלט כמעט נישט געוווּסט עפּיס גענויער וועגן פאַלק היילפּערין. וואָס איך האָב יאָ געַ־דענקט, איז, אַז ער איז דער מחבר פון לערנביכער פון דער העברעישער שפּראַך פאַר די יידישע שולעס, האָב איך אָבער נישט פאַרשטאַנען מה רעש? עפּיס האָב איך יאָ געוווּסט, אַז היילפּערין איז אויך אַ מחבר פון זייער וויניק פּאָפּולערע דערציילונגען. מאַרקיש האָט מיך געוואָלט לינטשן פאַר מיין גראָביונגישקייט, נישט אַזוי צוליב פאַלקן וויפל מער צוליב דעם, וואָס איך האָב נישט געוווּסט, אַז מאַרקיש האָט אים מיט דאַנקבאַרקייט געוויד־מעט אַסך פון זיינע לידער און ער האָט געהאַט אַ גרונט דערצו. אין די יאָרן פון מאַרקישעס גרינקייט, אַזוי אַרום 1918, האָט סאַי פאַלק היילפּערין און סאַי מאַרקיש געוווינט אין קאַטערינאָסלאַוו און דער עלטערער חבר האָט דעם אָנהויבער ממש מיט זיין שטרענגער און גוטער האַנט אַריינגעפירט אין דער יידישער ליטעראַטור. און . . . זיין טראַגעדיע: ער איז געווען מער פּעדאַגאָג, אויך אַלס שרייבער פון און אַרום ליטעראַטור, ווי דיכטער. פון גרויסן טומל איבער גאַנץ וואַרשע, וואָס מאַרקיש האָט געוואָלט מאַכן, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ חברישער צונויפקום און אויף אָט דעם צונויפקום האָט פאַלק גערעדט אַסך מער וועגן מאַרקישן ווי פאַרקערט. בשעת מעשה האָט ער אַלעמאָל שטרענג באַמערקט, אַז אַזוי דאַרף עס טאַקע זיין, אָבער אין דער טיף פון דער נשמה האָט עס געראָפּעט.

וואָס פאַר אַ שטרענג און שיין פּנים. אַ פּנים פון אַ נביא. גרוי. שיטערע האָר, אַרטיסטיש לאַנגע, נישט ביז די אַקסלען — נאַטירלעך. גרויסע אויגן־גלעזער. הינטער די אויגן־גלעזער שטרענגע, גרויסע טונקלע, גרינ־לעך — גרויע אויגן; דער שטערן אַלעמאָל געמאַרשטשעט און גרויס. שטרענג. דאָס מויל ברייט, ליידנשאַפטלעך, אויסדרוקספול שווייגנדיק. אַלעמאָל איז ער זייער מאָגער. מיטעלער וווּקס. אַלעמאָל טונקל און שטרענג אָנגעטאָן. ביינערדיקע אָבער גוטע הענט. די שטימע שטיל, הייזעריקלעך אַביסל. דורכ־

דרינגענדיק. דאָס מויל לאָזט נישט דורך קיין איין נישט וויכטיק וואָרט. א וויץ לחלוטין נישט. — איינמאָל האָב איך פאלקן באזוכט אין זיין אָרימלע־כער דירה אין ווילנע. אויסער א פּאָר מאָגערע שטיקלעך מעבל און זייער אסך ביכער געדענק איך פון דער דירה גאָרנישט מער. — ער איז א גרוי־סער עניו, היילפערין, אָבער ווי עס טרעפט אָפט, נעמט זיך דאָס עניות פון אַ שטאַרקער דערשטיקטער גאווה. ער פלעגט מיט נאַטירלעכן ביטול רעדן וועגן דער שרייבערישער מאַסע. עס איז קלאָר געווען, אז אין טיפן האַרצן רעכנט ער זיך צו דער סאָמע מזרח־וואַנט. און אפשר איז דאָס סוף כל סוף זיין שולד טאקע געווען, וואָס מען האָט אים ביי דער מזרח־וואַנט נישט געזען. ער האָט זיין שטאָלץ געוואָרגן אין זיך און זיינע וויכטיקערע ווערק — א גרויסע היסטאָרישע דראמע צ. א. — אין זיינע שופלאָדן.

איינמאָל איז אין אונזער שרייבער־פאריין קיין וואַרשע געקומען אַן אויפרוף ארויסצוגעבן א גרויסע יובל־אויסגאַבע פון פאלק היילפּערינס ווערק. גאַנץ ווילנע איז געווען אונטערגעשריבן און א פאלקס־סובסקריפּציע פאַר־געזען. מער ווי דאָס האָב איך וועגן דער „נאַציאָנאַלער אונטערנעמונג" קיינמאָל נישט געהערט. שטאָט דעם איז מיט א פּאָר יאָרן שפּעטער פאלק געווען אין וואַרשע, נאָך מאָגערער און נאָך שטרענגער, אלס שליח אבאָ־נעמענט־זאַמלער פון ייוו"א. איך האָב אים געזען· ער האָט גערעדט מיט ביטערניש וועגן אונזער גאנצן האָב און גוטס און כלי קודש, ער האָט ממש געשאָלטן מיט כעס. זיינע אויגן האָבן געוואָרפן מיט פונקען, זיין הייזעריק־לעכע שטימע האָט שטיל געצישעט הינטער די אויפגערעגטע ווערטער. בקרוב איז ער אַוועק פון ווילנע.

אין ארץ ישראל האָט זיין גרויסע הורדוס־דראמע געפונען א תיקון, געהאט גרויסן דערפאָלג אין העברעישן טעאטער.

1942

קלמן חיים הײשעריק

ארום 1890 אין טורעק, פוילן, געדינט אין רוסישן און אין פוילישן מיליטער בשעת ערשטער וועלט־מלחמה, געווען אין געפאנגענשאפט ביי די דייטשן, קליינע רייזע קיין מערב אייראָפּע, געוווינט לרוב אין וואַרשע. אַנטלאָפן 1939. 1942 געפינט ער זיך אין צענטראַל־רוסלאַנד.

אז א שרייבער וויל שילדערן א מענטש פון דער מאסע, אַן „אומבאַקאַנטן סאַלדאט" פון דער ארמיי פון דער מענטשהייט, איינעם פון די מיליאָנען נאָמענלאָזע — שילדערט ער אַזאַ מענטש אַזוי ווי קלמן חיים הײשעריק, אָדער הײשריק. דער נאָמען איז וואונדערלעך צו אים צוגעפּאסט — הײשעריק, א מיליאַרדיקע, אומבאַשטימטע, אומאינדיווידועלע מאַסע, וואָס גייט ערגעץ, גייט, גייט, איז פאַרהאַנען עפּיס צו עסן אויפן וועג — עסט מען, איז נישט פאַרהאַנען עסט מען נישט, און אויב עס איז א לאַנגע צייט גאַרנישט פאַרהאַנען, שטאַרבט מען אויס אין מיליאָנען, מיליאַרדן. — אָבער קלמן חיים הײשעריק, אונזער הײשעריק, האָט נישט געוואָרט ביז עמיץ וועט אים באַשרייבן, ער האָט זיך אליין באשריבן אין עטלעכע ריין אויטאָביאָגראַפישע ביכלעך. און ער שטרייכט כסדר אונטער אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע דערציילונגען — מאַנכע וועגן זיינע פיזישע ליידן און די אַנדערע וועגן זיינע גייסטיקע ליידן און איבערלעבונגען — אז ער שרייבט נישט קיין ביכלעך, ער איז נישט קיין קינסטלער, ער קען נאָר האלטן אַ פען אין האנט, שרייבט ער אַט אַזוי אומפּאָלירט און אַזוי נישט געשליפן ווי עס קומען די אַלע ווערטער אונטער זיין פען. דאָס בעסטע פון זיינע ביכלעך איז זיכער דאָס ביכל „אין פייער און בלוט", וווּ ער באשרייבט זיינע איבערלעבונגען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, רעוואָלוציע, שפּעטער זיינע איבערלעבונגען אין באַפרייטן פוילן. עפּיס אזוי ווי דער אומבאַקאַנטער סאַלדאט, וואָס אַלע ווילן שטום מאכן און האלטן שטומערהייט אין קבר ווייל אזוי פּאַסט עס אים צום שענסטן, דעם אומבאקאנטן סאַלדאט, וואָלט פּלוצלונג אויפגעשטאַנען פון זיין אומבאקאַנטקייט און א זאָג געטון: — זייטס מיר נאָך נישט געזונט איך בין נאָך נישט געשטאָרבן . . . און דאָס איז טשיקאַווע ביז גאָר, וואָס אַזאַ מין אומבאַקאַנטער סאַלדאט האָט צו זאָגן. האָט טאַקע הײשעריקס בוך געהאַט א היפּשן דערפאָלג.

און חוץ די אַלע מעלות איז דאָ נאָך איין מעלה אין הײשריקן, ער איז ערלעך. ער איז ערלעך ערלעך — אַזויצוזאָגן . . . אמאָל זענען מיר אין וואַרשע געזעסן אין דער געזעלשאפט פון משה נאַדיר און גערעדט וועגן דער

ערלעכקייט פֿון אַ געװיסן אַרבעטער־פֿירער. אַלע האָבן מסכּים געװען, אַז נישטאָ קײן פּינטעלע אויף יענעמס ערלעכקייט. אויך נאַדיר האָט מסכּים געװען. — דאָס אײנציקע, האָט ער צוגעגעבן, װאָס אונטערשיידט דעם אַר־בעטער־פֿירער פֿון אַלע איבעריקע ערלעכע מענטשן איז, װאָס אַלע די אי־בעריקע לעבן ערלעך און ער לעבט פֿון ערלעכקייט . . . און אין דעם דאָ־זיקן לעבן פֿון ערלעכקייט איז אויך פּאַרהאַנען קלאַסן, מען קען ערלעך לעבן פֿון ערלעכקייט און אויך נישט. און אונזער קלמן חיים היישעריק לעבט נישט פֿון זײַן ערלעכקייט, כאָטש ער װאָלט עס גערן געװאָלט, און װאָלט ער עס דערגרייכט װאָלט ער זיכער זײער ערלעך געלעבט פֿון זײַן ערלעכקייט. אוי װי ערלעך ער איז . . . אַמאָל מיינט מען אין זײַן גזעלשאַפֿט, אַז מען לעבט מיט הונדערט־טויזנט יאָר צוריק, אָדער אַזויפֿיל פֿאָרויס, אָדער גאָר אויף דער לבֿנה.

איינמאָל האָט מיר היישעריק געזאָגט, אַז ער װיל פֿאָרן קײן לאָנדאָן. און ער האָט מיר פֿונאַנדערגעלייגט זײַן פּלאַן צו קומען ביז קײן בעלגיע און פֿון דאָרט „װעט ער זיך שוין אַריבערכאַפּן" קײן לאָנדאָן. דער עיקר איז די חבֿרה זאָל אים העלפֿן צו קומען קײן בעלגיע. דער שרייבער־פֿאַריין איז ביי היישריקן געװען „אַ חבֿרה". פֿרעג איך אים װיאַזוי ער װעט זיך דאָס אַריבערכאַפּן פֿון בעלגיע קײן לאָנדאָן, זאָגט ער „צו פֿיס". װייס איך, אַז היישעריק איז זייער אַ פֿרומער און האָט קיינמאָל נישט געלעזן דעם ברית החדשה און װייסט נישט, אַז מען קען גיין איבערן ים צו פֿוס, פֿרעג איך װיאַזוי צו פֿיס ? . . . עס האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז היישריק האָט נישט גע־װוסט, אַז ענגלאַנד איז אַן אינזל. און דאָס הערלעכסטע איז, אַז ער איז גאָר־נישט רויט געװאָרן פֿון זײַן נישט װיסן, עס האָט אים נאָר געקרענקט, װאָס ער האָט געהאַט אַ טעות. תּמימות — 101 פּראָצענט. אין יאָר 1934 האָב איך אים טאַקע געטראָפֿן אין בעלגיע, אין אַנטװערפּן. ער איז דאָרט אין דער געדיכטער ייִדנשטאָט געשװוּמען װי אַ פֿיש אין װאַסער.

איינמאָל האָט זיך היישריק אַרײַנגעכאַפּט צו מיר, ער פֿלעגט זיך אַרײַנ־כאַפּן, נישט אַרײַנקומען. באו מים עד נפש . . . ער גייט אויס. ס'װײַב און די קינדער איז שוין אין דאָרף ביי יישובניקעס, און ער גייט אויס ממש. דינ־גען מיר אים אַ װעגעלע, לייגן אַרויף אויפֿן װעגעלע אַלערליי פֿאַרלעגענע ביכער — און ס'איז געװען ברוך השם געװנג צװישן ברידער — און הייש־ריק לאָזט זיך איבער די גאַסן פֿון װאַרשע מיט דער סחורה. די פּרייזן פֿון די ביכער אונטערן פּרייז פֿון פּאַפּיר־װערט . . . און עס איז אַװעק אַ גאַנג. ער איז ממש אויפֿגעריכט געװאָרן, אין קעשענע האָט געקלונגען מיט קו־פּערנע גראָשנס ,און ניקלנע מטבעות און אפֿילו אַ פּאָר זילבערנע זלאָטעס.

און ווי לאַנג די סחורה האָט געקלעקט האָט ער געשיינט. די פּאַליציאַנטן האָבן אים געיאָגט, אָבער ער פלעגט זיך כסדר אַרויסדרייען פון די פּראָטאָקאָלן מיט דער לעגיטימאַציע פון פּאַריין. אַ שרייבער און פאַרקויפט ביכלעך אויף אַ וועגעלע. אפילו די פּוילישע פּאָליציאַנטן זענען גערירט געוועזן און געגלויבט. ווייל היישריקן נישט גלויבן איז געוועזן נישט מעגלעך. און וואונדערבאַר האָט ער זיך אַזוי דורכגעגלויבט און דורכגעערליכט און דורכגעראַטעוועט מיט אַסך יידישע שרייבער ביז קיין סאַמאַרקאַנד . . .

איינמאָל האָט זיך קאַגאַנאָווסקיס יינגל — זעקס יאָר דעמאָלט אַלט געוועזן — שטאַרק פאַרגאַפט אויף היישריקן, ממש נישט אָפּצורייסן. — פּרצל, וואָס האָסטו אין אים אַזוינס געזען? פרעגט מען אים. — עס איז זייער אַ שיינער מענטש . . . האָט געענטפערט דאָס נאָך אַלץ פאַרוואונדערטע קינד. און אָט אַזוי זעט אויס קלמן חיים היישעריק: אַ מיטלוווקסיקער, נישט־רעגולערע, פאָלקס־יידישע, אָבער נישט־סעמיטישע פּנים־שטריכן. אַ פּנים, וואָס עס דאַכט זיך, אַז עס איז צו קליין און עס פאַלט אַרויס פון עפּיס . . . דער איינדרוק אפשר דערפאַר ווייל זיין אַלט קאַפּעלוטשל איז אַלעמאָל צו גרויס אויף אים און ער טראָגט אים אויפן קאָפּ כסדר ווייל ער איז פרום. און ער רעדט אַלעמאָל זייער דערשראָקן, און די שיטערע, גרויסע עטלעכע ציין אין מויל שטאַרן אַרויס און מישן זיך אויס מיט דער קורצער, היימיש צוגעשווירענער, שוואַרצער, אַנגעיאַזשעטער באָרד און וואָנסעס. און נאָר די אויגען זיינע שמייכלען כסדר תמימותדיק און גלויביק, אפילו ווען ער זאָגט צו אַ פאַרמעגלעכן חבר מיטן עכטפּוילישן אַקצענט: באַרגט מער אַ זלאָטע, ס׳הינגערט מעך — —

1942

הערשעלע

הערש דאַנילעוויטש, 1882 ליפּנע, 1908 רייזע קיין גענף, געוווינט אַרום וואַרשע. געשטאָרבן אין וואַרשעווער געטאָ אין יאָר 1941.

אַז איך בין נאָך געווען אין די יונגע „צן״ יאָרן האָב איך אַמאָל געזען אַ בילד פון הערשעלען — דעם פאָלקסטימלעכן דיכטער, עס איז געווען אַ בילד פון אַ שיינעם יונגען מאַן, מיט אַ שריינט אינמיטן קאָפּ, ממש אַ העלד פון אַ שבת נאָכמיטיקדיקן, שטעטעלשן וועלדל־שפּאַציר. לויט דעם בילד האָב איך געמיינט, אַז הערשעלע איז זייער אַ שלאַנקער און אַ הויכער. דער אמת איז דאָסמאָל נישט אינמיטן וועג אפילו — ער איז אויף יענער זייט.

הערשעלע שרייבט זיינע לידער אין אַ קליין ביכעלע אַריין, מיט זייער אַ דריבנעם שריפט און טראָגט אַלעמאָל אַלע זיינע ווערק אין אַ געשריבענער פאָרם מיט זיך. זיי זעען אויס ווי אַ מיניאַטור־ביבליאָטעק. זיי זענען אויך נומערירט לויט די בענדער. זיי גייען דאַכט זיך ביז צען. אויב הערשעלע זאָל ווען עס איז געפינען אַ פאַרלעגער אויף דער געזאַמלטער אויסגאַבע פון זיינע לידער, וועט ער קענען אויפן אָרט שליסן דעם קאָנטראַקט און איבער־געבן דעם פאַרלעגער די ווערק. פאַר דעם אוואַנס וועט הערשעלע באַלד איינ־קויפן אַביסל סחורה פאַר זיין אייביק לײדיקער קראָם אין אַ וואַרשעווער פאַר־שטעטל, וווּ ער וווינט מיט זיין פאַמיליע, זיין ווייב און זיינע קינדערלעך, וואָס ער האָט נאָך מער ליב ווי ער האָט ליב זיינע לידעלעך.

הערשעלע איז יאָרן־לאַנג געווען דאָס רעגימענטס־קינד פון וואַרשע־ווער ליטעראַטן־פאַריין. זיין חתונה — און ער האָט נישט חתונה געהאַט זייער יונג — איז געפּראַוועט געוואָרן אין לאָקאַל פון פאַריין, די איינציקע חתונה, וואָס איז דאָרט געפּראַוועט געוואָרן. נאָך דער זייער רוישיקער חתונה זענען זייער באַלד געקומען טעג פון פרנסה־זאָרגן און הערשעלע האָט נאָך ביזן היינטיקן טאָג טענות צו זיינע חברים, האַלעמאַי זיי האָבן אים נישט פאַר־זאָרגט מיט אַ גוטער פרנסה. אַז עמיץ באַזוכט אים אין זיין פערשטעטלשער דירה, ווייזט ער אים די קראָם און די אייביק ליידיקע פּאָליצעס און זאָגט מיט גערעכטן פאָרוואורף.

— אַזוי האָט עץ מעך פאַרזאָרגט און אָט האָט עץ . . . און ער ווייזט מיט זיין ספּראַצעוואַטער האַנט, מיט די קורצע אויסגעשאַרעוועטע פינגער אויף די ליידיקע פּאָליצעס. דערביי אָבער באַמערקט מען, אַז הערשעלע טראָגט אַ גאָלדענעם „עהע־רינג״ אויף אַ פינגער. ווייל הערשעלע איז אַן אייראָפּעיער, ער איז אַמאָל געווען אין גענף. אַז מען רעדט וועגן וועלט־רייזעס וועט הער־

שעלע איבערוואַרטן ביז עס וועט קומען די רייע אויף אים און ער וועט דער־
ציילן וועגן גענף מיט אַזאַ פרישקייט אַזוי ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן געווען
— כאָטש עס זענען שוין דרייסיק יאָרן זינט דעמאָלט אַוועק.

הערשעלע איז זייער אַן אַקוראַטנער און זיין מעסערל טראָגט ער לויט
אַ פויליש־פויערישן שטייגער אויף אַ קייטל. איינמאָל האָט זיך מאַרקיש ביי
אים געבאָרגט דאָס מעסערל און האָט עס על־פּי טעות אַריינגעלייגט צו זיך
אין קעשענע. הערשעלע האָט נישט געוואָגט צו מאָנען דאָס מעסערל ביי אַזאַ
שטורמישן דיכטער ווי מאַרקיש, וואָס איז פונקט דער היפך צו זיין אייגענער
שטילקייט, און איז דעמאָלט אַ גאַנצן טאָג געווען צוגעבונדן נישט ווילנדיק,
מיט אַ קייטל צו מאַרקישן. מאַרקיש האָט זיך אַ פאַרמאָל אָנגעבייזערט אויף
דעם שטילן דיכטער, וואָס ער גייט אים כסדר נאָך, אָבער הערשעלע האָט ווי זיין
שטייגער אַראָפּגעשלונגען די בייזע ווערטער און . . . ווייטער נאָכגעגאַנגען.
אַ ברירה האָט ער געהאַט ? צו פאַרנאַכט צו זענען ביידע דיכטער, וואָס זענען
מער ווי אַ קאָנטראַסט אין אַלע אופנים, אַראָפּ אויף דער גאַס. מאַרקיש האָט
גענומען שפּאַנען אַ צעפּייפטער און צעפּאַלעטער ווי זיין שטייגער. האָט זיך
הערשעלע מיט אַ ווייַנענדיקער שטימע גענומען בעטן:

— האָב רחמנות און לאָז מעך פאָרן צו מאַן וואָב . . .

ערשט דעמאָלט האָט מאַרקיש באַמערקט דעם גאַנצן טעות און האָט אָפּ־
געלאָזט דעם פאָלקסטימלעכן דיכטער פון קייטל, און אויך דאָס ליבע מעסערל
איז צוריקגעקומען אין זיין צוואַנציקיעריקער רו.

הערשעלע איז זייער אַ שטאָלצער. ער גיט אפילו פון צייט צו צייט אַ
פּאַטש. ער איז נישט ווי אַנדערע דיכטער, וואָס דראָען אַלעמאָל מיט פּעטש
און גיבן נישט. ער דראָעט נישט — נאָר גיט, כאָטש ער שטעלט אַיין צו באַ־
קומען צען צוריק, ווייל ער איז נישט קיין אַטלעט. הערשעלע האָט זייער
ליב אויפצוטרעטן אויף אָוונטן. דעמאָלט פאַרוואַנדלט ער זיך פּלוצלונג אין
אַ לייב. ער לעזט מיט אַזאַ פּאַטאָס און מיט אַזאַ אויפגעהויבענער שטימע, אַז
דאָס גאַנצע פּובליקום דערשרעקט זיך פּשוט. אויך די קאָלעגן. ער גיט אַ
הילך אַרויס:

— שבת אין וועלדעלע זענען געגאַנגען — — אַז פון וועלדעלע ווערט
אַזש אַ וואַלד און דער וואַלד הויבט אָן ציטערן.

איך האָב אַמאָל הערשעלען פון דער שווייץ צוגעשיקט אַ בוך אין וועלכן
עס זענען געווען אַ פּאָר איבערזעצונגען פון זיינע לידער אויף דייטש. ער האָט
אויף אים קיין שום רושם נישט געמאַכט און ער האָט מיר נישט באַדאַנקט פאַר

דער אויפֿמערקזאַמקייט. עס איז דאָך בלויז א הונדערטסט־טייל פֿון דער אנערקענונג, וואָס קומט אים. לויט זײַן אומבויגזאַמען מוסטערהאַפֿטן גלויבן אין זיך, זאָל עס אים גרינג זײַן. אַלע ווינטשן אים גוטס, כאָטש זעלטן ווען טוט עפּיס ווער פֿאַר אים. אָבער הערשעלע קען זיך זײַן שטעטל באַשטײַן — — וואָלט ער נאָר אביסל מער געלייזט אין זײַן שטעטלשען קרעמל.

1938

עוזר וואַרשאַווסקי

1898 אין א שטעטל ביי וואַרשע. בשעת דער ערשטער וועלט מלחמה און שפּעטער — וואַרשע. פון 1923 אין מערב־איירּאָפּע. בערלין, לאָנדאָן און צענדלינקער יאָרן אין פּאַריז. 1941 געבליבן — ביים דייטשן אָקופּאַנט.

דער ערשטער נאָמען, וואָס האָט א קלונג געטון איבער אַלע אויפ־לעבנדיקע קאָנטינענטען און אינזלען פון דער יידישער וועלט־ליטעראַטור נאָך דעם שטילשטאַנד פון די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — איז געווען דער נאָמען עוזר וואַרשאַווסקי און דאָס ערשטע גרעסערע ווערק — דאָס ווערק זיינס „שמוגלאַרס‟. עס איז געווען אינאַנצן א נייער נאָמען דעמאָלט און דער טרעגער זיינער קוים עטלעכע און צוואָנציק יאָרן אַלט. די רעאַליסטן האָבן גענומען די זאַך ווי זי איז — געווען א צייט פון שמוגל אין דער דייטשער אָקופּאַציע פון פּוילן און מערב־רוסלאַנד, איז דאָס געקו־מען צום אויסדרוק אין דער ליטעראַטור. אַזוי איז עס נאַטירלעך. די אידעַ־אַליסטן האָבן געדרייט מיט די איידלע נעזער. עס איז נישט נאָר געווען א צייט פון שמוגל, עס איז געווען א פּאַטעטישע צייט, עס איז אויך געווען א צייט פון גרויסע איבערקערענישן אין איירּאָפּע, א צייט פון צוגרייטונג פון גרויסע רעוואָלוציעס, א צייט פון גרויסע איבערגאַנגען און גרויסע אנונגען, און אָט קומט ארויס דאָס יידישע פאָלק, דאָס פאָלק מיט די זיבן פּנימער — און אַלע אויף אַלערליי אידעאַלען איינגעשטעלטע — און אנטפּלעקט זיך מיט דעם אכטן פּנים, וואָס איז נישט דאָס אייגנטלעכע פּנים זיינס, אנט־פּלעקט זיך אַלס פאָלק פון שמוגלאַרס, אָבער דאָס איז נישט געווען די שולד וואַרשאַווסקיס, דאָס איז גיכער געווען די שולד פון די, וואָס האָבן די זיבן פּנימער פאַרשוויגן, און נישט די שולד זיינע, די שולד פון דעם איינעם, וואָס האָט דאָס אכטע פּנים אנטפּלעקט. ער איז א נאַטוראַליסטישער קינסטלער און ער האָט געטון זיין פליכט. ער קען דאָך נישט טון די פליכט פון אַנדערע.

איטשע מאיר ווייסענבערג האָט וואַרשאַווסקין אריינגעפירט אין דער ליטעראַטור. און ער איז אייביק מיט אים אַזוי שטאָלץ געווען, אַזוי ווי וואַרשאַווסקי וואָלט נישט געווען זיין צופעליקע אנטדעקונג, נאָר בלויז דער שליח, דער סעקרעטאַר, וואָס האָט זיין — ווייסענבערגס — ווערק אויפ־געשריבן. ווייסענבערג האָט ליב געהאַט צו אנטדעקן טאַלענטן, און ער האָט אויך געהאַט אַ טאַלענט צו אַנטדעקן טאַלענטן — און דער עיקר פּראָזע־טאַ־לענטן — (אויך שמעון האָראָנטשיק איז געווען זיין אנטדעקונג) אָבער ער

האָט אויך ליב געהאַט צו געדענקען דער וועלט, אַז ער האָט פאַר איר דעם, אָדער יענעם טאַלענט אַנטדעקט. ער האָט געהאַלטן כסדר פאַר די אויגן פון דער יידישער ליטעראַטור די חשבונות פאַר זיינע אַנטדעקטע טאַלענטן. און נישט ער האָט זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל געלאָזט באַצאָלן די חשבונות און נישט ער האָט זיי צוריק — ווי א דזשענטעלמען — אַריינגעלייגט אין קעשענע. נאָר כסדר לויב אים און דערמאָן אים און פאַל אויף די קני פאַר אים אלס דעם אַנטדעקער פון דעם און דער אַנטדעקער פון יענעם. ווען אפילו קאָלומבוס וואָלט כסדר אַזוי געהאַלטן פאַר דער וועלט זיינע חשבונות פאַר דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע, וואָלט מען אים אויך אין איין שיינעם טאָג געזאָגט: נאָ דיר צוריק אַמעריקע און נעם דיר צוריק דיין חשבון! — און אַזוי ווי ער האָט זיינע חשבונות געהאַלטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור כסדר אַזוי האָט ער זיי נאָך מער געהאַלטן פאַר די אַנטדעקטע גופא· צו זיי איז ער ממש געווען דעספּאָטיש. ער פלעגט קאָריגירן זייערע ווערק, קאָנ־טראָלירן זייערע פריינטשאַפטן, אַרויפצווינגען זיינע פריינטשאַפטן, זיינע סימפּאַטיעס, זיינע איבערצייגונגען, זיין מאָדנע אָרטאָגראַפיע פון זיין געז־בורט־שטאָט זשעליכאָוו. נאָך זיין גרויסן דערפאָלג איז וואַרשאַווסקי נאָך א קורצע צייט געבליבן אין וואַרשע און אַוועק קיין מערב־אייראָפּע. א ראָלע האָט דאָ אויך געשפילט עפּיס א דאָקומענטן־פלאָנטער, צי אפשר א פלאָנטער מיט מיליטער־ציינגישן, אָבער די הויפּט־ראָלע האָט געשפילט ווייסענבערג. אָפּטמאָל פלעג איך אָבסערווירן באַגעגענישן פון ווייסענבערגן מיט וואַר־שאַווסקין. וואַרשאַווסקי איז געווען א מאָגערער, א צאַרטער, א בלאָנ־דער, א ווייס־הויטיקער, אָ שטיל־רעדער און האָט פיינט געהאַט צו רעדן וועגן הויכע זאַכן. פונקט דער היפך דער ווייסענבערג. אַז עוזר האָט דערזען ווייי־סענבערגן פלעגט ער נאָך מאָגערער, צאַרטער, בלאָנדער, ווייסהויטיקער און נאָך שטילער ווערן. ער האָט זיך אַזש געגומען מיניען אין פנים. עפּיס אַזוי ווי א צאַרטער עילוי פאַר זיין גראָביונגישן טאַטן, וואָס מיינט, אַז דער עילוי זיינער מוז כסדר זיצן איבער ספרים און דאָס בחורל ווייסט, אַז מען קען קענען אָן דעם אויך. אַז דער אַנטדעקער פלעגט אַריינקומען אין קלוב, פלעגט זיך דער אַנטדעקטער אומקוקן אויף אַלע זייטן צי איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט נאָך צו אַנטלויפן. אָבער אין געשפּרעכן מיט אַנדערע פלעגט וואַרשאַווסקי רימען זיין רבין אין הימל אַריין.

נאָך זיין ריזן־דערפאָלג מיט די „שמוגלאַרס” האָט זיך וואַרשאַווסקי ליטעראַריש קיינמאָל מער נישט ריכטיק דערכאַפּט. מען האָט דאָך דעמאָלט שיר די גאַנצע יידישע ליטעראַטור נישט אַרויפגעלייגט אויף זיינע שמאָלע פּלייצעס. איינער האָט געצויגן קיין רעכטס, דער אַנדערער קיין לינקס, און אַ פּעסטער אייגענער וועג איז נישט געווען — און דאָס אייראָפּעישע באַ־

העמישע לעבן האָט געמאַניעט און געצויגן — און ווער עס פלעגט קומען פון פאַריז קיין וואַרשע — נאָך דעם יאָר 1924 — האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב יעדן איינעם אויפן אויער צו דערציילן, אַז מיט וואַרשאַווסקין איז עס נישט גאַנץ גלאַטיק; איינער האָט דערציילט וועגן זיינע איבערמעסיקע ראָמאַנטי־שע איבערלעבונגען מיט פראַנצויזישע מיידלעך, אַן אַנדערער האָט פאַר־זיכערט, אַז דאָס איז דער ביטערער טראָפּן, אַ דריטער האָט געזאָגט, אַז ער נעמט צו בוכשטעבלעך דעם באָהעמישן פּרינציפּ פון גאָרנישט טון — און ווערק פון וואַרשאַווסקין זענען געקומען זייער זעלטן, ביז זיי האָבן זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. — עטלעכע מאָל האָב איך אים אין פאַריז געטראָפן, ער איז נאָך צאַרטער, בלייכער, שטילער געוואָרן — און אין דעם אַפּטן פאַרצווייפלטן מאַך מיט די דינע הענט איז שוין געווען אַן אָנזאָג פון שטילן ציניזם. קיינמאָל אָבער נישט — אויסגעלאָשנקייט. איך פלעג מיך אַלעמאָל געזעגענען מיט אים מיט דער איבערצייגונג, אַז גוטע רעזשי קען אים אויפ־לעבן און גרויסע ווערק פון אים אַרויסברענגען. דאָס מאַטעריאַל איז דאָ אין אים, ער האָט אַלע די יאָרן פון שווייגן אַסך געלעזן, אַסך געלערנט, אַסך אָבסערווירט, נאָר אינערלעכע אָרגאַניזאַציע האָט געפעלט און אויסערלע־כער סטימולאַנס.

1938

איטשע מאיר װײַסענבערג

1881 זשעלעכאָװ, זינט 1904 אין װאַרשע, קורצע רײַזע קײן אַמעריקע, געשטאָרבן סוף 1938.

פֿיר און דרײַסיק יאָר, פֿון דעם יאָר 1904 ביזן יאָר 1938, האָט אין ידישן װאַרשע עקזיסטירט אַ מאָדנע איין־מענטש־אינסטיטוציע און איר נאָמען איז געװעזן איטשע מאיר װײַסענבערג. אויף דעם, אָדער אויף יענעם אופן — אײביק איז עפּיס געװעזן צו טון מיט װײַסענבערגן. דאָ האָט ער אַרויסגעגעבן אַ נײַ בוך מיט דערציילונגען און מען האָט געדאַרפֿט נעמען שטעלונג דערצו, װײַל װײַסענבערג האָט אַלעמאָל געשריבן אַנדערש, אַפֿילו דעמאָלט װען ער האָט שוין כמעט נישט געקענט שרײַבן קײן בעלעטריסטיק. און עס־ײען האָט ער דאָך קײנמאָל נישט געקענט שרײַבן, כאָטש געשריבן האָט ער זײ אין אַ גרױסער מאָסע. דאָ האָט װײַסענבערג רעדאַגירט אַ נײַעם זשורנאַל, דאָ האָט ער אַנטדעקט אַ נײַעם טאַלענט, דאָ האָט ער אַרײַנגעשריבן אַ קאַפּיטל אין יענעמס אַ בוך און עס איז דערפֿון געװאָרן אַ גאַנצער קאָך. דאָ האָט ער ערגעץ געמאַכט אַ סקאַנדאַל. דאָ איז ער קראַנק געװאָרן און דאָס געװיסן פֿון אַלע זײַנע הונדערט קעגנער, װאָס נישט זײ זענען געװעזן זײַנע קעגנער, נאָר ער זײער קעגנער, האָט זיך גערירט און אַלע האָבן זיך אינטערעסירט מיט דער הילף פֿאַר אים. דאָ האָט ער בײַ עמיצן גענומען געלט און האָט אים נאָך דערצו אָנגעשאָלטן מיט טויטע קללות, און אינמיטן דערינען איז ער גאָר געשטאָרבן, כאָטש אַ קאָנסטיטוציע האָט ער געהאַט פֿון אַ ריז. נישט לויטן אויסזען, נאָר אינעװייניק. פֿון דרויסן האָט ער אויסגעזען בײַנערדיק און מאָגער און נישט גרויס געװאַקסן. אָבער שוין אַז ער האָט דיר געגעבן די האַנט האָסטו געפֿילט אין דעם דרוק, אַז װײַסענבערג האָט אַ כּוח פֿון אַן אײַזערנער מאַשין.

אַ מאַנגאָליש אויסזען האָט ער געהאַט און אַ װינטצעשמיסענע הויט, אַרויסשטאַרנדיקע קינבאַקן און קלײנע אויגן און ער האָט אַביסל געשטאַמלט, אָט אַזוי װי אַ פֿויער שטאַמלט, רעדט װאָרט בײַ װאָרט, אַ רענדל אַ װאָרט, װײַל מען דאַרף זײַן פּאַרזיכטיק מיט אַ װאָרט, מען דאַרף זיך צענמאָל באַרעכענען אײדער מען זאָגט אַרויס אַ װאָרט. און אַז ער האָט געזאָגט אַ װאָרט, װאָס איז אים אַלײן עפּיס נישט געפֿעלן געװאָרן, האָט ער עס באַלד צוריקגעכאַפּט. און אַז ער האָט געזאָגט אַ װאָרט, װאָס איז אים אַלײן שטאַרק געפֿעלן געװאָרן, האָט ער זיך צעלאַכט מיט אַ כיכיקענדיקן געלעכטער אין זיך אַרײַן· אַן אוראײַניקל פֿון די דעסיאַטקעס פֿון דזשינגיס־כאַן אפשר . . .

װײַסענבערג איז געװעזן אַ פּוילישער און ער האָט פֿון זײַן פּויליש־

ייִדישקייט געמאַכט א גאַנצן צימעס, נאָר עס איז עפּיס א מאָדנער צימעס געװעזן, עפּיס א געזאַלצענער און א געפּעפּערטער צימעס. קיינעם האָט ער נישט אינטערעסירט און ער האָט אים יעדן אָנגעװאָרפן און געשטופּט אין מויל אריין. קיין פּויליש־ייִדישער שרייבער האָט נישט געהאַט קיין ראַסישע ייִדיש־פּוילישע אינטערעסן אָדער געפילן און העכסטנס האָט מען אמאָל געמאַכט א װיץ װעגן א ליטװאַק, אָבער פירן א הייליקע מלחמה פאַר דער פּויליש־ייִדישקייט, דאָס איז קיינעם נישט איינגעפאַלן חוץ װייסענבערגן. יעדער פון די ייִדישע שרייבער רעדט זיך לרוב לויט דעם דיאַלעקט פון דעם לאַנד אָדער דער שטאָט װוּ ער איז געבוירן געװאָרן און יעדער באַמיט זיך — אויף װי װייט מעגלעך — זיין דיאַלעקט אויסצוגלייכן מיט די איבעריקע דיאַלעקטן. אויף דעם אופן שאַפט זיך אין ייִדיש א מין ליטעראַרישער דיאַלעקט. אָבער װייסענבערג האָט נישט נאָר נישט געװאָלט פאַרגעסן זיין זשעליכאָװער דיאַלעקט, נאָר ער האָט אים נאָך כסדר פאַרטיפט מיט אויסגעטראַכטע װערטער. שטאָט צו זאָגן „פאַרשלאַג" האָט ער זיך געקענט פאַרגינען צו זאָגן „פורשלוג" און שטאָט „איך" — „יעך" און ער האָט נאָר אינסיסטירט, אז די גאַנצע װעלט זאָל אָננעמען זיין אָרטאָגראַפיע און אויך זיין אופן פון ארויסרעדן װערטער. עפּיס האָט געבורזשעט אין אים און ער האָט נישט געװוּסט געננוי — װאָס. נאָך פּרץ'ס חסידישער ראָמאַנטיק, נאָך אש'עס ערדישער ראָמאַנטיק, נאָך נאָמבערגס צעריסענע נשמות איז ער געקומען אין דער ליטעראַטור מיט אמתן נאַטוראַליזם, אמתן, ברוטאַלן אינסטינקט־נאַטוראַליזם. אַלס אן אַנטידאָטום איז דאָס גוט, אָבער בלויז פון דעם קען קיין ליטעראַטור נישט לעבן. און אגב איז טאַקע װייסענבערג אליין אויך געװעזן א שטיק מיסטיקער. איז ער ביז געװעזן נישט נאָר אויף דער װעלט ארום זיך, נאָר אויך אויף דער װעלט אין אים אליין. צזפּיל פּלאַנטערס האָט דאָס לעבן און די ליטעראַטור אויף אים ארויפגעװאָרפן און קיין אינטעלעקטועל שערל די אַלע פּלאַנטערס דורכצושערן איז נישט געװעזן. נו, האָט ער זיך אזוי 34 יאָר געפּלאָנטערט ביז דער טויט האָט שוין אַלע פּלאָנטערס אָרום אים אויפגעפּלאָנטערט. װי בייז ער איז געװעזן צו מענשן — צום ערגסטן איז ער געװעזן צו זיך אַליין . . .

גערעכטיקייט און אמת איז געװעזן דאָס צו װאָס ער האָט געשטרעבט, אָבער ער האָט געװאָלט, אז אלע אמתן זאָלן זיין זיין אייגנטום און ער אליין דער שופט פון אלע גערעכטיקייטן. איז דער װעג געװעזן א שטייניקער און שװערער און ער איז קיינמאָל אין ערגעץ נישט דערגאַנגען. ער האָט געלעבט שטענדיק אין אַזאַ נויט, אַז ער איז אלעמאָל צו הונגעריק געװעזן צו דערזען און דערשפּירן זיינע אייגענע עװלות. היינט אין דער פרי האָט ער געקענט אָפּזאָגן אַן אָנבאָט פון א צייטונג צו דרוקן זיינעם א ראָמאַן (און זיי

זענען פּאַמפלעטן געווען זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען אין דער לעצטער צייט — נישט קיין ליטעראַטור) און דעמזעלבן נאָכמיטאָג האָט ער געקענט פון אַן אָרים בחורל פון אַ פּאַרוואָרפענער פּראָווינץ צונעמען די לעצטע פינף זלאָטעס פאַר אָפּדרוקן אין זיין צייטשריפט „אינזער האָפענינג" דעם יונגען מאַנס אַ דורכאויס גראַפאָמאַניש לידל. און ער האָט בשום אופן די עוולה נישט געקענט זען. ערגעץ ווו אין דער טיף פון זיין, כאָטש אַזאַ פּראָסטער, דאָך אַזאַ קאָמפּליצירטער נשמה האָט געשטעקט די איבערצייגונג פון עפּיס אַ מיסיע, וואָס ער האָט מיט לאָגישע, מענשלעכע ווערטער קיינמאָל נישט געקענט דעפינירן, אָבער עפּיס טיפס איז אין אים געווען. אפשר דער עמוס פון אונזער יאָרהונדערט . . .

מען האָט דערציילט, אַז אַ פּאָר טעג פאַרן טויט האָט ער צו זיך גע־רופן איינעם פון זיינע איינגערעדטע שונאים אויף טויט און אויף לעבן און האָט אים געבעטן אלעמען מודיע צו זיין, אַז ער — ווייסענבערג — בעט ביי אַלעמען מחילה און איז אלעמען אלץ מוחל. ענדלעך, אויפן טויטן־בעט האָט ער געפונען דאָס פּראָסטע קניפּיקל אויף דורכצושניידן מיט איין שניט די אַלע פּלאָנטערס פון זיין לעבן. — אַ בוך פון אַ פירהונדערט זייטן מייסטער־האַפטע דערציילונגען איז געבליבן נאָך אים (עס דאַרף צונויפגעשטעלט ווערן) און אַ נאָך נישט געשריבענער ראָמאַן, אַ לעבנס־ראָמאַן פון איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע יידישע שרייבער, דעם דאָן קישאָט פון דער יידי־שער ליטעראַטור.

1940

אברהם זאַק

1891 א שטעטל ארום גראָדנע, סאָלדאט אין דער וועלט־מלחמה 1914־1918.ווארשע. 1939 אנטלאָפן קיין טיף־רוסלאנד.

גראָדנע איז א שיינע שטאָט, גאָר א שיינע, אן אמתע ראָמאַנטישע שטאָט, ווי גאָט האָט געבאָטן. פארהאַנען דאָרט א טייך, א קלייניקייט דער ניעמאָן אַליין, און פארהאנען דאָרט א בארג און אויף דעם בארג גייט א באן און אונטן זעט מען קליינע שטיבעלעך און זומער זעט מען ווי מען לאָזט טראַט־וועט האָלץ אויפן טייך — און אין גראָדנע, דער שטאָט גופא זעט מען אלטע שטיבלעך און ארום די אלטע, געמויערטע שטיבלעך גערטנער מיט אַלטע בוימער, וואָס רוישן אין די הויכע קרוינען. און אַלטע קלויסטערס זענען דאָרט דאָ און צעקלינגען זיך אין די פארנאכטן און אלטע שילן וואָס צע־מנחהנען זיך אין די פארנאכטן און אברהם זאק שטאמט פון גראָדנע. גראָדנע האָט נאָך איין ראָמאנטישן פּאָעט געהאט, אָבער ער איז אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה געשטאָרבן. ער האָט געהייסן לייב ניידוס און איז געוועזן איינער פון די פיינסטע פּאַרמקינסטלער אין דער יידישער ליריק און איינער פון די ראָמאַנטישסטע דיכטער אונזערע. אויף זיין קבר אין גראָדנע איז דאָ א ראָמאַנטישע מצבה פון דעם ווארשעווער סקולפּטאָר אברהם אָסטשעגא און ביים שטעלן פון דער מצבה האָט געהאלטן א רעדע פרץ מארקיש, דע־לעגירט פון ווארשעווער ליטעראַטן־פאַריין. מאַרקישעס רעדע האָט בשעתו געמאכט א קאָלאָסאַלן רושם. פּובליקום און דער טויטער פּאָעט זענען גע־וואָרן אויף א רגע איינס. פּונקט ווי דער טויטער פּאָעט, אַזוי האָט אויך דאָס פּובליקום יענע רעדע פארשטאַנען . . . אָבער שיין איז די סצענע געוועזן, ווייל מארקיש איז נאָך שענער ווי גראָדנע.

מאָדנע נישט־פּאָעטישע נעמען האָבן די פּאָעטן פון גראָדנע: לייב ניידוס אברהם זאַק. און דאָך זענען זיי אַזוי ליריש, אַזוי ראָמאַנטיש און טאָקע פּאָעטיש. משפּט זיי לויט זייער דיכטונג נישט לויט זייערע נעמען.

אברהם זאק האָט זייער א ליריש פּנים, פּרויען באַמערקן אים, אָבער ער באַמערקט נישט די פּרויען. און אז ער באמערקט זיי, רעדט ער זייער ווייניק און פרויען האָבן אין זייער באַרעדעוודיקייט אלעמאָל ליב נאָך מער באַרעדעוודיקע מענער. לויט אלע זיינע קוואַליטעטן האָט אברהם זאק גע־דארפט זיין א קלאסישער הונגער־שטארבער־פּאָעט, אָבער ער איז עס נישט געוועזן, ווייל ער איז געוועזן א צייטונגס־האנט אין ווארשעווער „מאָמענט", א נאַכט־קאָרעקטאָר . . .

נאָך א האלבער שעה פארברענגען מיט זאקן האָט דער שמועס מיט אבֿ־סאָלוטער זיכערקייט געמוזט קומען צו לייב ניידוסן. און איינמאָל צוגעקומען צו לייב ניידוסן איז שוין די טעמע פאר זאקן, זיין געשווירענעם פריינט, נישט מער געווען אויסצושעפּן. סאַי ניידוס און סאַי זאק האָבן געשריבן אויף די אייביקע טעמעס פון ליבע און טרויער און דעם גוישן קאַלענדער, דאָס הייסט די פיר צייטן פון יאָר, און דעם יידישן לוח — דאָס הייסט די פאַלקסטימלעכע יידישע צייטמאָטיוון. אָבער איך מוז צוגעבן, אז מיר איז ליבער זאק. ער איז פשוטער אין דער פאָרם און די גראם־לײַדנשאַפט פאַר־שלעפּט אים נישט, ווי ניידוסן, ווי א רוח א מלמד און מען קען לייכטער זיין פּאָעזיע פארשטיין און מיטלעבן.

זאק איז איינער פון די מחברים פון דער קליינער צאָל ביכער מיט מלחמה־זכרונות פון יידישע סאָלדאַטן פון דער וועלט־מלחמה 1918־1914. ער האָט די מלחמה איבערגעלעבט אָן קונצן און אזוי עכט און אָן קונצן דאָס בוך „אונטער די פליגל פון טויט" אויפגעשריבן.

זאקן האָבן אַלע ליב געהאַט אין דעם ליטעראַרישן בינשטאָק אויף טלאָ־מאצקיע 13. ער איז אַלע מאָל געווען אין דער פאַרוואַלטונג, כאָטש נישט אויף די זיצונגען און נישט אויף פאַרזאַמלונגען האָט ער־ ווען עס איז גע־עפנט א מויל צום רעדן. דערפאר אָבער פלעגט ער קומען זייער פּינקטלעך אויף די זיצונגען, מיט'ן קלונג פון זייגער. אמאָל איז געווען זייער א שטור־מישע וואַלפאַרזאַמלונג אין ליטעראַטן־פאַריין. וועלטן פון יידישן וואָרט זע־נען געשטאַנען אויף א שטימע מער, אָדער א שטימע ווייניקער . . . ביים סקרוטיניום, ביים ציילן די שטימען, איז דער עולם געווען אזוי אויפגע־רעגט, אזוי ווי די אייביקייט און דאָס מלכות פון יענער וועלט פון יעדן שרייבער באזונדער וואָלט דאָ געשטאַנען אין קאָן. און נעמען האָבן זיך גע־וואָרפן פון די פיינסטע, וואָס מיר האָבן יעמלט אין ווארשע פאַרמאָגט. אויך זאק האָט — ווי שטענדיק — קאַנדידירט. אכט און ניינציק שטימען זענען אָפּגעגעבן געוואָרן אויף די ניין פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער. קאַנדי־דאַטן זענען געווען אפשר זעכציק. מען האָט געצויגן צו דרייסיק, צו פער־ציק שטימען. דער איינציקער, וואָס האָט באַקומען דעם מאַקסימום שטימען איז געווען אברהם זאק. ער האָט באַקומען אַלע אכט און ניינציק שטימען. דאָס איז געווען דער פּרייז פאַר זיין אבסאָלוטן שווייגן אויף אַלע זיצונגען און פאַרזאַמלונגען. רעדן איז זילבער און שווייגן איז א זאק מיט גאָלד . . .

וואָס עלטער א יאָר, אַלץ דעסטילירטער און אומעטיקער און ממילא פּאָעטיש טיפער זענען געוואָרן די לידער פון אברהם זאק.

1938

משה זילבורג

1884 אין מאָלאָדעטשנע, 1910 נאָך צאַרישער תפיסה לעמבערג, 1915 ווין, 1922 וואַרשע, 1939 אַנטלאָפן קיין ביאַליסטאָק, געבליבן אין 1941 אונטערן אָקופּאַנט.

משה זילבורג איז א טיפּישער „טרוקענער ליטוואַק". א שפּיציקע נאָז, אַ שפּיציקער קאָפּ, שפּיציקע ווערטער און דערצו א הוסטער מיט פּאַרנעם, מיט פּרינציפּ.

זיין נאָמען איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעשוומען אין דער יידישער ליטעראַטור אין די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" אין יאָר 1908. די דאָזיקע מאָנאַטשריפטן זענען דערשינען נאָר פיר מאָנאַטן, אָבער זענען פאַרגעדענקט געוואָרן אין אונזער ליטעראַטור אויף אייביק. זיי זענען דערשינען אין יאָר פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ. זיי באַלאַנגען צו דער יוגנט פון דער גאָלדענער תקופה אין אונזער ליטעראַטור און יוגנט געדענקט זיך.

כמעט אַלע נעמען, וואָס זענען אַרויסגעשוומען אין די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" זענען שפּעטער אַרויסגעשוומען אויף די גרויסע כוואַליעס פון דער יידישער וועלט־ליטעראַטור. נאָר דער נאָמען פון משה זילבורג איז געבליבן ביז צום היינטיקן טאָג אַן אַ זייט. משה זילבורג האָט צופיל פאַרשטאַנען דעם ענין פון שרייבן, צופיל אפשר אויך פאַרשטאַנען די גרעניצן פון זיין טאַלענט, וואָס האָט אים געצוווּנגען צו שרייבן זאַכן — דערציילונגען — וואָס האָבן קיינמאָל נישט געקענט געווינען קיין פּאָפּולאַריטעט.

צו קאַריערע געהערט אמביציע, אָן אמביציע איז קיין שום קאַריערע נישט מעגלעך, און צו אַמביציע געהערן עלנבויגנס — און משה זילבורג האָט געהאַט זייער א שאַרפע און א שפּיציקע אמביציע, אָבער די עלנבויגנס זיינע זענען געווען קיילעכדיק און בויגזאַם, ער האָט אייגנטלעך בכלל קיין עלנבויגנס נישט געהאָט.

אין יאָר 1920 האָט אין ווין עקזיסטירט א קליינע, אָבער זייער א רירעוודיקע גרופּע יידישע שרייבער. געווען זענען דאָרט א. מ. פוקס, משה זילבורג, משה גראָס, מלך כמעלניצקי, בער האָראָוויץ א. א. א יאָר צייט איז דעמאָלט דאָרט דערשינען א דינע מאָנאַטשריפט מיט א שוואַרץ און שפּיציק קעפּל „קריטיק". די מאָנאַטשריפט האָט רעדאַגירט משה זילבורג. דאָס איינציקע יאָר אין זיין לעבן, וואָס איז געבליבן בולט. דעמאָלט האָט ער געפּראַוועט. ער האָט דאָרט געשריבן א סעריע אַרטיקלען מיטן געוואַגטן נאָמען „וואָס

איך האָב אײַך צו זאָגן" — און ער האָט אַרײַנגעזאָגט אויף טיש און אויף בענק. דאָס ברייטע ייִדישע לעבן איז זיך געגאַנגען זײַן װעג, האָט זיך װײניק װאָס געקימערט װעגן דעם, װאָס משה זילבורג האָט אים געהאַט צו זאָגן, נאָר אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָט מען דאָס אַרײַנזאָגן באַמערקט און זײער ערנסט זיך דערצו באַצויגן. דער אינהאַלט פֿון די אַרטיקלען איז געװען: ייִדישער אינהאַלט קען עקזיסטירן נאָר אין ייִדישע פֿאָרמען, און מאָדערנע ייִדישע פֿאָרם איז אין דער ערשטער רײ די ייִדישע פֿאָלקס־שפּראַך. אָבער דאָס הונגעריקע נאָך־מלחמה װין האָט קײן פּלאַץ פֿאַר קײן ייִדיש לעבן אין ייִדיש נישט געהאַט, און אין פּױלן איז דעמאָלט געװען די גרױסע כװאַליע פֿון ייִדיש־צופֿלוס און מערערע ייִדישע שרײַבער פֿון װין האָבן זיך איבערגעטראָגן צו די גרױסע ייִדישע מאַסן אין פּױלן און בתוכם אױך משה זילבורג.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך זילבורגן באַגעגנט אין לעמבערג אין 1910. ער איז געװען שטאַרק באַפֿרײַנדעט מיט דוד אײנהאָרן, װאָס האָט דעמאָלט פֿאַרנומען דעם אױבן־אָן אין דער ייִדישער ליריק און זילבורג, װאָס איז מיט אײנהאָרנען צוזאַמען געזעסן אין תפיסה אין אײן קאַמער, איז זײער שטאָלץ געװען מיט דער פֿרײַנטשאַפֿט. צו אונזער דעמאָלטיקער לעמבערגער גרופּע האָט ער זיך באַצויגן מיט ביטול, נאָר פֿון אײנעם האָט ער געהאַלטן װי פֿון אַ „געשװױרענעם טאַלענט", פֿון דוד קעניגסבערגן. אַרױסצוקריגן פֿון זילבורגן אַ קאָמפּלימענט איז געװען װי אַרױסצורײַסן אַ צאָן מיט אַ שטריקל. איז דאָס טאַקע געװען אײנער פֿון די גליקלעכסטע טעג אין מײַן זעלנער־לעבן, װען משה זילבורג האָט מיר אין יאָר 1917 — נאָך מײַן לידער־ביכעלע „רױאינענגראָז" ליטװיש־קאַרג אָנגעפּינטלט אַ געדיכט אָפּן פּאָסט־קאַרטל מיט קאָמפּלימענטן, צוגעשיקט עס מיר אין דער קאַזאַרמע קײן אונגאַרן. דאָס קאַרטל האָט מיר באַלד אַרײַנגעבראַכט קאָנטראַ־קאָמפּלימענטן פֿון דעם ערשטן אָפֿיציר, װאָס איך האָב נאָך׳ן איבערלעזן עס באַגעגנט און נישט סאַלוטירט פֿון צערודערונג. איך געדענק נאָך אַלע בײדע, סײַ זילבורגס קאָמפּלימענטן און סײַ דעם אונגאַרישן אָפֿיצירס קאָנטראַ־קאָמפּלימענטן.

נאָך׳ן באַזעצן זיך אין װאַרשע האָט זיך זילבורג אָפּגעגעבן מיט זשורנאַליסטישער פּאַך־אַרבעט, צװײ פֿעיִקע קינדער, אַ זון און אַ טאָכטער מגדל געװען און אַלעמאָל װײניקער און װײניקער געהאַט טענות צו דער װעלט און צו זיך. אַ זאַמלונג פֿון זײַנע אײגנאַרטיקע דערצײלונגען האָט ער קײנמאָל נישט געװאָלט אַרױסגעבן. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט ער געװונען אַ הױפּט־טרעפֿער פֿון 20,000 זלאָטעס אויף דער פּױלישער לאָטעריע . . .

וואָס, וואָס — אָבער גראָטעסקע און אָריגינעלע אײַנפֿאַלן האָט ער, אונזער ייִדישער רבונו של עולם.

1937

בײַניש זילבערשטײַן

נעבן טאַרנע אין גאַליציע, אין יאָר 1902, דערצויגן אין קוטנע, זינט 1934 געוווינט אין בעלגיע, געבליבן אונטערן אָקופּאַנט אין יאָר 1940.

וויפיל אומגליקן אין דער וועלט, אַזויפיל האָט זיי בײַניש זילבערשטײַן — דער יידישער דיכטער און פּראָזאַיקער — כאַטש איינמאָל אין לעבן פאַרזוכט. אַט אַזויווי גאָט וואָלט אויף אים פּערזענלעך אַרויפגעלייגט די גאַנצע תוכחה — נאָדיר און האַלט דיך מיט איר. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן שוין אין זײַן פריער קינדהייט, איך וואָלט אפילו געזאָגט פאַרן געבוירן ווערן, ווארום, אז א יונגערמאַן, וואָס וויל ווערן א יידישער דיכטער קלויבט זיך אויס אַזעלכע אָרימע טאַטע־מאַמע ווי בײַניש זילבערשטײַן איז דאָס אפילו פאַר אָ יידישן דיכטער אביסל צופיל. און דערצו איז ער נאָך געווען א גאַליציאַנער, וואָס האָט אין דער קינדהייט עמיגרירט — — פון רעגן אונטער א רינווע ארונטער. די גאַנצע וועלט האָט עמיגרירט אין יענע יאָרן קיין אמעריקע פון גאַליציע, נאָר בײַניש זילבערשטײַנס טאַטע־מאַמע האָבן עמיגרירט פון דעם דלות פון אָרום טאַרנע אין גאַליציע צום אולטראַ־דלות פון אָרום קוטנע אין קאָנגרעס־פּוילן . . . דאָס מוז מען קענען. קוים פון דער צאַרטער קינדהייט אַרויס ווערט בײַניש איבערגעפאָרן און עס צעברעכט אים א האַנט און אָ פוס. אויך דאָס מוז מען קענען. דאָס איז דאָך געווען אַרום 1910 און אַרום קוטנע האָט מען אין יענע יאָרן נאָך קיין אויטאָ נישט געזען, סיידן א דראָביניאַסטער וואָגן האָט עס געקענט זײַן. און צו די צוועלף יאָר איז ער געוואָרן א שווער־אַרבעטער ביי דער דעמאָלטיגער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט. הקיצור ווו א שווער אומגליק און ווו א שווערע האַרעוואַניע — צו בײַניש זילבערשטײַנען. און אַזוי האָט ער זיך אָ קרענקלעכער און אַ מאַגערער און אָ שוואַכער, מיט א דאַר, בײַנערדיק פּנים, מיט אָ גרעסערן אָנצוג ווי א סטראַשידלע און דערצו נאָך אייביק אָ נערוועזער און אָ דערשראָקענער פון עפּיס — באַוויזן אַרום 1920 אין וואַרשע איינצונעמען די יידישע ליטעראַטור. אָבער דעמאָלט האָט ער שוין פון דעם גוטן לעבן זײַנעם זיך אָפּגעשפּאָרט א הויט־קראַנקהייט פאַר א צולאָג, מיני ליישאַיעס, אין דער פאָרם פון ראָזע קראַנצן. נור אַזויווי עס איז דאָך בײַניש זילבערשטײַן געווען און די צרות האָבן זיך געטשעפּעט נאָר צו אים איז דאָס אָ נישט־אַנשטעקנדיקע קראַנקהייט געווען און נאָר ער האָט פון איר געהאָט צו ליידן. דערצו איז ער נאָך דעמאָלט געווען זייער א לינקער און וואָס דאָס האָט באַטייט אין יענע יאָרן אין וואַרשע, קען נאָר וויסן דער, וואָס איז דעמאָלט דאָרט געווען. אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק האָט מען אים

אַרעסטירט בשעת מען האָט געזוכט אַנדערע . . . נאָר געפינענען האָט מען אײביק אים. אַלע האָבן געדרוקט לינקע לידער אין יענער צײַט, אומפּאַר־שטענדלעכע און לינקע. האָט זיך דער צענזאָר נישט געכאַפּט און דורכגע־לאָזן און געלאָזט זײ לעבן אַ גוטען טאָג — די פּאָעטן, נאָר בײַניש זילבער־שטײנס האָט ער אַלעמאָל יאָ פאַרשטאַנען, און אָן אים האָט ער זיך נוקם געװעזן שוין פאַר אַלעמען. און אויף בײַניש זילבערשטײנען האָט דער רוי־טער בלײַער פון דעם ייִדישן צענזאָר שטײנבאַק — דניאל שטײנבאַק האָט ער פּאַטעטיש געהײסן — געװירקט װי אַ שפּיז פון אַ קאָזאַק פון גאַנצעס צײַטן אויף דערשראָקענע ייִדישע קינדער.

אײנמאָל האָב איך געהאַלטן אַ רעדע אין אַ יוגנט־פאַרײן. עס איז גע־װעזן אַ גאַנץ פּשוטע ליטעראַרישע רוטין־רעדע. נאָך דער רעדע — אַ דיס־קוסיע. הױבט זיך אויף אַ יונגער מאַן און אַפּאָנירט מיט אַזאַ טעמפּעראַמענט אַזױ װי איך װאָלט געװאָלט מיט מײַן רעדע צעשטערן די װעלט און ער האָט זיך באַצײַטנס געכאַפּט און װיל זי ראַטעװען. איך האָב מיך אַזש דערשראָקן. נאָר אַזױ איז שוין געװעזן דער טעמפּעראַמענט פון בײַניש זילבערשטײנען. טאַלענט האָט ער, האָט אַסך גוטע לידער געשריבן, נאָר האָט ער זיך מיט צװײ זאַכן נישט געקענט קײן עצה געבן, מיט די אײַנפלוסן פון דער אַרו־מיקער ליטעראַרישער װעלט און מיט זײַנע אײגענע גרױסע איבערלעבונגען. מיר האָבן אַלע אײַנגעריסן װעלטן מיט אונזערע װערטער װעגן אונזערע לײדן, אָבער בײַניש זילבערשטײן האָט געװוּסט, אַז — אױב לײַדן, לאָזט מיך . . . נאָר אַזױפיל טאַלענט אויף צו שילדערן אַזעלכע לײדן האָט אים גאָט נישט געגעבן. דאָך האָט ער געפּריװוט און געװאָגט און באַשריבן דעם גרעסטן טײל פון זײַנע איבערלעבונגען אין לידער און אין פּראָזע, דאָרט האָט ער אויך באַשריבן זײַנע שפּיטאָל־איבערלעבונגען. אין זײַנע פאַר־צװײפלטע פאַרזוכן אײַנצונעמען די װעלטן פון ייִדישן װאָרט פלעגט ער זיך אָפּט צוזאַמענגעמען מיט אַנדערע יונגע שרײַבער און אַרױסגעבן זאַמ־לונגען, צײַטשריפטן און אַלמאַנאַכן מיט מאָדנע נעמען, און לרוב אין אױס־זען אַזעלכע מאָגערע און צער־פולע װי זײער רעדאַקטאָר.

אַז ער האָט גערעדט מיט אײנעם — בײַניש זילבערשטײן — האָט זיך דער שמועס באַלד אָנגעהױבן מיט אַן עװלה, װאָס אים איז געשען, פלעגט מען אױסמײַדן די שמועסן, אױסמײַדן די געזעלשאַפט. פלעגט בײַניש נאָך מער לײַדן. זעענדיק אים, קענענדיק אים אַביסל נענטער, האָט מען געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז דער מענטש איז אַרײַנגעבוירן געװאָרן אין אַ לײַדנס־לאַ־בירינט און דעם פאָדעם האָט אים באַלד עמיץ צוגעגנבעט און ער װײסט עס, װײסט, אַז ער קען שוין פון דעם לאַבירינט נישט אַרױס — פּלוצלונג

האָט ער גאָר חתונה געהאַט מיט א וואַרשעווער פאָלקס־שיינער, אַן אַרבע־טער־מיידל; האָט זי געהאַט נאָענטע אין בעלגיע און עמיגרירט צו זיי מיט זייער שיינעם קינד און נאָך איבערמענשלעכע ליידן איז עס אויך ביינישן געלונגען ממש מיט די ציינער אַרויסצורייסן א פּאַס ביי דער פּוילישער רע־גירונג און א וויזע ביי דער בעלגישער און אָנהויבן א ניי לעבן. און אויך אין בעלגיע האָט זיך אָנגעהויבן א קייט פון אויסגאַבן — אייגענע און קאָלעק־טיווע — און די נאָבל־פּרעמיע איז נאָך אַלץ ווייט געווען. — אָבער ער האָט עס פּאַרט דערגרייכט — אין דער יידישער ליטעראַטור איז ער דאָ און אין דער יידישער ליריק איז ער דאָ מיט לידער פון נויט און פון ליידן — אַן איוב אין מיניאַטור.

1939

י. י. זינגער

1893 אין בילגאָראַי, א שטעטל אין קאָנגרעס־פּוילן, 1917 ראטן־פאַרבאַנד, 1921 װאַרשע, 1934 ניו־יאָרק. רײזעס אין מערב־אייראָפּע, איבערן ראטן־פאַרבאַנד און איבער אמע־ריקע. דעם 10טן פעברואַר 1944—צום טראַגישן שטוינען — און טיפן טרויער פון דער גאנצער יידישער וועלט פלוצלונג פאַרלאָזט אונז אויף אייביק.

נישט קיין „באַגעגעניש" איז ישראל יהושע זינגער אין מײַן לעבן, אויך נישט קיין פריינטשאַפט בלויז — מער ווי דאָס, אָן איבערלעבונג. צופעליק זענען מיר ביידע געבוירן געוואָרן אין איין טאָג, צי 24 שעה פריער, אָדער שפּעטער אין זעלבן יאָר, אָבער מיר זענען ביידע נישט קיין מיסטיקער און חוץ שפּאַס מאַכט אונז נישט מער דער געמיינזאַמער געבורטס־טאָג. פאַר מיר איז זינגער אַן איבערלעבונג אין דער ערשטער רייע אלס גרויסער קינסטלער פון דער פּראָזע, נישט בלויז פון דער יידישער ליטעראַטור, נאָר בכלל פון דער פּראָזע פון לעבן, פון דער וועלט. כאָטש איך האָב געלעזן וואָרט אין וואָרט אַלץ, וואָס זינגער האָט פאַרעפנטלעכט אין דרוק און מאַנכ־מאָל אויך די מאַנוסקריפּטן, ווייס איך, אַז זינגער האָט אפילו קיין צענטחלק נישט געלעזן פון דעם, וואָס איך האָב געשריבן. און אַזוי דאַרף עס זיין ווייל פּאָעזיע און בכלל פּאָעטיש שרייבן איז פאַר זינגערן עלעמענטאַר פרעמד. זיין שרייבן איז לרוב גרוי, אַזוי ווי דאָס לעבן פון דער וועלט, וואָס קומט לרוב פאַר אונטער וואָלקנדיקע הימלען אָדער בכלל אָן הימלען. זעלטן נאָר גיט הינטער זינגערס ווערטער אמאָל א שיין אויף פּאָעזיע, אַזוי ווי זו־נענשיין אויף די ראַנדן פון א פינסטערן וואָלקן אמאָל, אמאָל. פאַרהאַנען א זון מיט פּאָעזיע אין זינגערס מהות, אָבער ער באַווייזט זי נישט. ער מוז פריער פאַרטיק ווערן מיט די וואָלקנס; אָבער איין שרייבערס לעבן איז נישט גענוג פאַרטיק צו ווערן מיט אַלע וואָלקנס פון דער וועלט און פון יידישן לעבן.

אַז צו זינגערן וועלן אָנקומען אמאָל אָט די ווערטער וועט ער לאַכן — איז דעריבער גענוג מיט זיי. און אָט דעם געדאַנק טראַכט איך נישט איינ־מאָל בשעת מײַן שרייבן, און דער געדאַנק: וואָס וואָלט זינגער געזאָגט? — קאָריגירט נישט איינמאָל דאָס וואָס איך שרייב. ווייל פּונקט ווי אין זינגערן איז אפשר פאַרהאַנען א דראַנג צו פּאָעזיע, אַזוי איז אין מיר פאַרהאַ־נען אַן אומבאַצווינגבאַרער דראַנג צו פּראָזע. און ווייל זינגער איז איינער פון די סאַמע געציילטסטע גרויסע יידישע פּראָזע־קינסטלער, און ווייל יידי־

שע ליטעראַטור איז מיין וועלט, און ווייל איך קען זינגערס לעבן און ווערק צום בעסטן פון אַלע איבעריקע יידישע פּראָזאַיקער — איז ער פאר מיר א דויערנדיקע איבערלעבונג.

ווי גערן וואָלט איך וועלן א בוך שרייבן וועגן זינגערן, אָבער ווען איך שרייב די ווערטער זענען מיר ביידע שוין נישט צו ווייט פון די הונדערט יאָר אַלט . . . און ווער ווייסט צי וועל איך אַמאָל קענען וואָר מאַכן דעם פּראָזע־חלום מיינעם.

אין 1920 האָב איך אין ווין דאָס ערשטע מאָל געלעזן זינגערס א מאַ־נוסקריפּט, געשיקט צו אונזער ווינער „קריטיק״, אין 1921 אים אין ווארשע באַגעגנט און זינט דעמאָלט דורכגעגאַנגען אסך קאַלטס און ווארימס אין אָט דער מערקווירדיקסטער פון מיין לעבנס פריינטשאַפטן. ער איז א שטרענ־גער, אפשר אן אסקעטישער אפילו לויט זיין נאַטור, כאָטש ער שפּייט קלעק אויף אסקעטן. א הויכער, א בלאָנדער, זייער א יידיש פּנים, א שפּיציקע גאָמבע אָן אַרויסגערוקטע: ווילן. דינע פּנים־שטריכן, א דין מויל, דורכ־דרינגלעכע אויגן, אזעלכע וואָס בייטן זיך פון ברווינלאַך צו בלוילעך, א שפּיציקער שאַרבן, די האָר האָט ער נאָך א טיפּוס אין יענעם קריג פארלוירן, און אויערן קליינע און זיי שטעקן זייער הויך אין קאָפּ, אויפפאַלנדיק הויך. זינגער איז פול מיט איבערשוימענדיקן הומאָר, ער זעט מאָמענטאַן פון אַלץ און פון אַלעמען אַרויס דאָס הומאָריסטישע און ער האָט א גוטן אימיטי־רונגס־טאַלענט, וואָס דאָס גייט אין דער פּאָר מיט הומאָר, און אפשר זעט ער נישט אזוי דאָס הומאָריסטישע וויפיל מער דאָס לעכערלעכע אין אַלץ און אַלעמען. און מיט אָט דעם הומאָר גייט ביי אים אין דער פּאָר אַזאַ שטרענגער ערנסט, אז עס איז אַזש אומהיימלעך. א מין זוכן פון אמת און נאָר אמת, און אמת איז דאָך אויך גערעכטיקייט צו גלייכער צייט. זינגער האָט פיינט זיינע שונאים און עד שעמט זיך נישט עס צו זאָגן, ער האָט ליב זיינע פריינט, כאָטש ער האַלט זיי אין איין קריטיקירן, ער איז אין אייביקן קאָנפליקט מיט אַלץ און אַלעמען (קאָנפליקט מיינט נישט מחלוקה און נישט קריג) ווייל ער איז אין אייביקן קאָנפליקט מיט זיך אליין, מיט די צוויי אַב־סאָלוט פארשידענע כאַראַקטערן פון זיין טאַטן דעם טויבנמילדן רב, ביי וועמען אַלע זענען גערעכט, און דער וואונדערבאַרער מאַמען זיינער, דער איי־ביק נייגעריקער, אייביק זוכנדיקער. דריי ברידער זענען זיי און איין שוועס־טער. איין ברודער איז יצחק באַשעוויס, די שוועסטער אסתר קרייטמאַן און דער יינגסטער ברודער איז געווען א פאַנאַטישער יונגער רב אין א פּויליש שטעטל . . . וואָס פאר א גאַניאַלע קאָנטראַסטן. באַשעוויס און קרייטמאַן זענען שרייבער.

טויזנט און איינס עפּיזאָדן־באַגעגענישן מיט זינגערן וואָלט איך געקענט דערציילן, אָבער שטאָט זיי אַלע לאָמיך דאָ דערציילן נאָר די טויזנט־ערשטע, אפשר א שליסל צום גאנצן זינגער, די באַגעגעניש מיט זיין מאמען: דאכט זיך, אז עס איז געווען אין 1934: קומט אמאָל אריין צו מיר אין ביוראָ פון שרייבער־פאריין א קליינענקע, ציכטיקע, קליינשטעטלדיק מיט א טיכל אויפן קאָפּ, אָנגעטוענע פרוי פון א יאָהר זעכציק. זי פרעגט אויף באשעוויסעס לעצטן אדרעס. זינגער איז שוין דעמאָלט געווען אין אמעריקע. מאָמענטאַן דערקען איך, אז דאָס איז זינגערס מוטער און די פרוי ווייסט אויך וועגן מיר און איז גערן צו פארברענגען א פערטל שעה און זיך אויסצופרעגן אויף אַלערליי. אויסערלעך איז זי ווי א פארקלענערטע קאָפּיע פון אירע קינדער. דאָס זעלבע ממש פנים. און זי איז פול מיט נייגעריקייט און זי וויל וויסן וועגן אלץ קורץ און שארף און דעם אמת. און בשעת איך רעד מיט איר שפּאנט זי דערווייל דריבנע ארום איבער דער שטוב און נעמט אלץ אין האנט און פרעגט און פרעגט. קורץ און שארף און דעם אמת. — הענגט איבער מיין טיש, העט ביי דער סטעליע א מענדעלע־פּאָרטרעט מיט א דריבנער צושריפט דערויף. אזוי האָב איך עס אָנגעטראָפן און אלע זענען געווען זיכער, אז די צושריפט איז מענדעלעס אייגנהאנטיק כתב. וויל די פרוי זען פון דער נאָענט דאָס כתב: קריך איך אויפן טיש ארויף און נעם אראָפּ, אפשר נאָך צען יאָר, צום ערשטן מאָל דאָס בילד, און עס שטעלט זיך ארויס, אז דאָס דריבנע כתב איז גאָר די צושריפט פון דעם צופעליקן נדבן פון דעם בילד. בלייב איך פארשעמט און די פרוי לאכט פון מיר און זאָגט: זעט איר שוין, אלץ דארף מען זען פון דער נאָענט. אזיסט רעדט מען זיך און יענעם איין גאָט ווייסט וואָס . . . א מיניאטור־עפּיזאָד, דער טויזנט און ערשטער, אָבער אזוי י. י. זינגעריש. — לעזט די וועלט זינגערס ראָמאנען, עפּאסן פון יאָרהונדערטער יידיש לעבן; צעזואקסענע ביימער פון וואָרטקונסט און זייער זאמען איז אין א קליין יידענקעלע, א קליינשטעטלדיקער רעבעצן . . . ווי וווּנדערבאַר אי די וועלט.

1943

ה. ל. זשיטניצקי

1891 שעראַדז, זינט 1918 אין וואַרשע. 1939 געבליבן אונטערן אָקופּאַנט.

ה. ל. זשיטניצקי איז דורכאויס א פּויליש־יידישער שרייבער. אַזוי איז זיין שפּראַך, אַזוי איז זיין אויסשפּראַך און אַזוי דאָס מיליע פון אַלע זיינע דערציילונגען. ער איז נישט קיין נאַטוראַליסט, ער איז א רעאַליסט־ראָמאַנטיקער. שטייט שטאַרק אונטער דעם איינפלוס פון דער ראָמאַנטישער פּוילישער ליטעראַטור. די סביבה און די שטימונג פון זיינע ווערק איז די סביבה און די שטימונג פון דער אונטערגייענדיקער פּויליש־יידישער קליינבירגערלעכער היים, איידער די צייטן פון די גרויסע צעטרייסלונגען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אַ בלאָנדער און א מיטלוווקסיקער איז זשיטניצקי, טראָגט די האָר פּאַרקעמט אין א גזשיווקע אויפן שטערן אַרויף, טראָגט א צוויקער־בריל און קוקט כסדר אַריבער איר. ווי דער רוב פּויליש־יידישע אינטעליגענטן איז ער אַלעמאָל גרייט א שפּעט צו טון פון יעדן וועגן ווועמען מען זאָל נישט רעדן — אָבער די באַמערקונגען קומען נישט אַרויס צו שאַרף, ווייל זשיטניצקי האָט נישט קיין אייַנגעבוירענעם טאַלענט פון הומאָר. הומאָר פעלט אים נישט נאָר אין לעבן, נאָר אויך אין די אַלעמאָל זייער אומעטיקע דערציילונגען. נאָך דעם ווי ער האָט זיך אויסגעגרינט אין לידער — און לידער־איןפּראָזע־פּראָבן, שרייבט ער נאָר דערציילונגען. דאָס ערשטע ביכל זיינס, וואָס האָט געשטעלט דעם טאָן פון זיין שרייבן, איז אַרויס נאָך אין 1920, האָט געהייסן „נאָוועלן פון טויט". דאָרט איז געווען א נאָוועלע מיטן נאָמען „די פאַמיליע קאָסירער" אַ פאַמיליע, וואָס לעבט אונטער דעם כסדרדיקן שאָטן פון טויט. די דערציילונג האָט געמאַכט א רושם, האָט זיך לאַנג פאַרגעדענקט.

ווי אַלע טיפּישע פּויליש־יידישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן מורא צו רעדן צופיל, כדי נישט אַרויסצוזאָגן אַ נאַרישקייט, איז אויך זשיטניצקי א ווייניק־רעדער. א רענדל א וואָרט. אז ער דאַרף עפּיס זאָגן, ערגעץ נעמען אַ וואָרט, גרייט ער זיך לאַנג צו, שמייכלט לאַנג אַריין אין זיך, נעמט אַראָפּ די צוויקער־ברילן, פּוצט זיי איבער, זעצט זיי צוריק אַרויף און סוף כל סוף האָט ער חרטה און זאָגט גאָרנישט· ער איז איינער פון די לאַנגזאַמסטע צווישן דער חברה יידישע שרייבער אין פּוילן. זיין לאַנגזאַמקייט איז א שם דבר צווישן חברים. אָבער מיט דער גאַנצער לאַנגזאַמקייט אַרבעט ער אין דער רעדאַקציע פון „היינט" אלס נאַכטרעדאַקטאָר. אין זיין רשות איז יענער טייל פון דער צייטונג, וואָס דאַרף בליץ־שנעל קנאַפּ פאַרטאָג פאַרטיק גע־

מאכט ווערן. ער דאַרף פון די סאַמע לעצטע ידיעות אויסקלויבן די וויכטיק־סטע, שנעל אנטשיידן מיט וואָס פאַר אַ הויפּט־קאָפּ די צייטונג דאַרף אויף צו מאָרגנס דערשיינען, אַז זי זאָל זיך ניט פאַרשעמען פאַר די קאָנקורענץ־צייטונגען. ווייזט אויס, אַז מיט דער לאַנגזאַמקייט האָט זשיטניצקי נאָר גע־זאַמלט די גאַנצע ענערגיע פאַר דער איינער פאַרטאָג־שעה אין וועלכער ער האָט דעם גאַנצן טעמפּאָ פון זיין וועזן אַזוי גרינגלעך פאַרברויכט, אַז עס איז שוין גאָרנישט מער געבליבן פאַר דעם קומענדיקן טאָג.

זשיטניצקי האָט זיין ליטעראַרישע קאַריערע אָנגעהויבן אין לאָדז, אין די צייטן פון נאָכמלחמהדיקן שטורם און דראַנג אין 1918. געפּריוווט אַ צייט־לאַנג מיטפּליען מיט יענעם אַוואַנגאַרד פון דער אומפאַרשטענדלעכקייט־תקופה אין אונזער ליטעראַטור, אונטער דער אָנפירונג פון משה בראָדערזאָ־נען, אָבער ער האָט זיך באַלד אומגעקערט פון אומזיכערן לופט־וועג, איז אַראָפּ אין זיין נאַטירלעכער סביבה, האָט זיך פאַרמאָסטן צו געבן אַ תקופה־עפּאָס אין זיין גרויסן ראָמאַן „דעם זיידנס הייזל" און פון דעם זיידנס הייזל איז ער שוין ביז איצט מער נישט אַרויס ליטעראַריש. ער האָט עס ביז איצט אפילו — אויב איך האָב נישט קיין טעות — אינגאַנצן מיט וואָרט נאָך נישט רעקאָנסטרואירט.

אין דער ליטעראַרישער סביבה צייכנט זיך זשיטניצקי אויס מיט חברישער דיסציפּלין און מיט זייער ווייניק — כמעט גאָרנישט — אריינ־מישן זיך. ער האָט נישט קיין אַמביציע צו זיין אַ רעדאַקטאָר, ער האָט נישט קיין אַמביציע צו האָבן תלמידים און ער האָט נישט קיין אַמביציע צו באַקו־מען די נאָבעל־פּרעמיע, אפילו נישט די נאָבעלע הונדערט־זלאָטע־פּרעמיע, וואָס עס האָט געטיילט די יידישע קהילה פון וואַרשע און שפּעטער דער פּ. ע. נ. קלוב.

איך האָב מיך מיט זשיטניצקין אין פאַרלויף פון זעכציניעריקן, כמעט טעגלעכן, קאָנטאַקט קיינמאָל נישט געקריגט. אַז עס האָט זיך אים אַמאָל אפשר געגלוסט צו זאָגן מיר אַ פּאָר שפּיציקע ווערטער, פלעגט ער אַראָפּ־נעמען די ברילן און אַזוי לאַנג זיי פּוצן און פּוצן ביז ער האָט דעם גאַנצן כעס אויסגעלאָזט צו די גלעזלעך, וואָס האָבן פאַר שרעק גענומען גלאַנצן מיט אַזאַ קלאָרקייט, אַז עס וואָלט פּשוט געווען אַ זינד איצט ערשט זיך צו קריגן.

1937

רייזל זשיכלינסקי

1910 אין גאמבין, זינט 1935 אין וואַרשע. וואַרשיינלעך אין 1939 אנטלאָפן קיין רוסלאַנד.

אַרום 1928 — אָדער 1929 האָב איך אין דער רעדאַקציע פון דער ליטעראַרישער ביילאַגע פון דער „פאָלקסציַיטונג“ — מיטן נאָמען „פאָלקס־ציַיטונג פאַר ליטעראַטור“ באַקומען אַ פּאָר לידער, געשריבענע מיט זייער אַן אומגעשיקטער האַנט. יעדעס ליד — אַ צוויי דריי שורות. די לידער זענען געווען געשיקט פון גאַמבין און האָבן געטראָגן דעם נאָמען פון מחבר: רייזל זשיכלינסקי. די לידער זענען געווען זייער צאַרט, זייער ראָמאַנטיש, זייער אומקלאָר, ווייניק מעלאָדיש און אַבסאָלוט אומלאָגיש. איך האָב געענפערט דורך דער ציַיטונג, ציטירט פראַגמענטן פון די לידער, שפּעטער געדרוקט עטלעכע פון זיי. ווי אַלעמאָל אין אַזעלכע פאַלן, האָט מיין פאַנטאַזיע מיר קאָנסטרואירט די געשטאַלט פון דער פּאָעטעסע: אַ מאָגער, אַביסל שוין פאַרזעסן מיידל.

אַ פּאָר חדשים נאָך דעם אָפּדרוקן די לידער איז צו מיר אַמאָל אין ליטעראַטן־פאַריין געקומען אַ שווער, הויך, פּראָווינצער מיידל, אַ בלאָנדע, מיט אַ גרויס פּנים, אַנגעפּעלצט אין אַ שווערן פּראָווינצער מאַנטל, מיט קאַלאָשן און מיט אַסך שניי אויף זיי און יעדער שריט האָט אין מיין ציכטיק־פּעדאַנטיש אויפגערוימטער קאַנצעלאַריע איבערגעלאָזט אַ קליינע קאַלוזשע. מיינע ערשטע יוערטער מיט דעם אומבאַקאַנטן פּראָווינצער שווערן מיידל זענען געווען וועגן די קאַלאָשן. זי האָט זיי אויסגעטון, עס איז שוין געווען צו שפּעט, ווייל דער גאַנצער שניי איז שוין געווען צעגאַנגען, אָבער זי האָט מיר די עוולה פון אַזוי זי אויפצונעמען ביי איר ערשטן טריומפאַלן אַריינפּאָר אין דער רעזידענץ פון דעם לאַנד און אין דעם זיבעטן הימל פון דעם געדרוקטן יידישן וואָרט — קיינמאָל ,דאַכט זיך, נישט מוחל געווען. דאָס איז געווען רייזל זשיכלינסקי. זי האָט געהאַט אַמביציע, אָט די רייזל זשיכלינסקי. אַז מען האָט איר געזאָגט עפּיס וועגן אירע לידער אַזוינס, וואָס איר איז נישט געפעלן געוואָרן, און זי האָט נישט געהאַט גענוג אַרגומענטן לאָגיש שאַרף אָפּצוענפערן, האָט זי געקענט אַ קנאַק טון מיט דער טיר און אוועקלויפן, אויך אינמיטן גאַס פלעגט זי אַנטלויפן, טאָמער איז איר איינעמס באַמערקונג וועגן אירע לידער נישט גענוג געפעלן געוואָרן, אָבער פון דער שרייבעריי האָט זי קיינמאָל נישט געטראַכט צו אַנטלויפן, אדרבא די שוועריקייטן האָבן אין איר נאָר פאַרשטאַרקט דעם ווילן און די אַמביציע צו דערגרייכן.

איינמאָל האָב איך רייזל זשיכלינסקי באַקענט מיט א באַרימטער יידי־שער פּאָעטעסע פון פוילן. ביידע פּרויען האָבן געשוויגן און האָבן א וואָרט צו זיך נישט אויסגערעדט, כאָטש ביידע האָבן יעדעס וואָרט געלעזן, וואָס זיי האָבן ווען עס איז געשריבן. אַז רייזל זשיכלינסקי איז נאָך דעם שווייגנדיקן באַגעגעניש אַוועק, האָט מיר די באַקאַנטע פּאָעטעסע מיט טיפער אויפרעגונג געזאָגט, אַז זי האָט מורא פאַר אָט דער אָ רייזלען. דאָס איז א מענש, האָט מיר די דיכטערין געזאָגט, וואָס וועט אין איר קאַריעריזם גיין מיט דעם קאָפּ דורך ווענט, שפּאַנען איבער מתים. אָבער דאָס איז געווען מער ווי פאַנטאַס־טיש־איבערגעטריבן. א פּסיכאָלאָגיש אינטערעסאַנטער מאָמענט איז עס גע־ווען און איך האָב אים פאַרגעדענקט.

מיט יאָרן שפּעטער האָט מיר רייזל זשיכלינסקי אויסגעזאָגט פּאַרוואָס די קאַלאָשן־סצענע האָט אויף איר געמאַכט אַזא טיפן רושם. דאָס איז זי דע־מאָלט געקומען צו מיר און האָט מיר געוואָלט באַווייזן, אַז זי קען אינגאַנצן אויף אויסנווייניק רעציטירן מיין בוך „פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן" און איך — נפש אומפּאָעטישער, נפש פון דער ערד — האָב גאָר אָנגעהויבן צו רעדן וועגן קאַלאָשן. און נאָך מיט יאָרן שפּעטער האָט זי מיך איבערצייגט, אַז זי האָט טאַקע דאָס בוך געקענט פון אויסנווייניק. נאָך מער האָט מיך די זאַך געוווּנדערט צוליב דעם ווייל רייזל זשיכלינסקיס צאַרטע כמעט אָנ־ווערטערדיקע לידער האָבן לחלוטין קיין שום שייכות נישט צו יענעם בוך. זי שרייבט אינגאַנצן פון איר אייגענער נשמה אַרויס און שאַפט זיך אינגאַנצן איהר אייגענע פאָרם. כאָטש זי האָט שוין עטלעכע ביכער אַרויסגעגעבן, כאָטש מאַנגער האָט צו איינעם פון זיי געשריבן א הקדמה — איז רייזל זשיכ־לינסקי נאָך אַלץ אין פּראָצעס פון ווערן און וואַקסן. אָבער מען זעט קלאָר די ריכטונג פון דעם ווערן און די קראַפט פון דעם וואַקסן.

אַמאָל האָב איך זי באַזוכט אין איר היים אין גאַמבין. גאָמבין איז זייער א שיין און זייער א וואַלדיק שטעטל אין פוילן, אגב באַלאַנגט עס צו דער סביבה פון די שלום אַש־שטעטלעך. „ווער דעם דיכטער וויל פאַרשטיין, זאָל אין זיין מדינה גיין" — און איך האָב אין דער אוראַלטער האַלצערנער שטוב, ווו רייזל האָט איר קינדהייט און יוגנט פאַרבראַכט, ערשט ריכטיק אָנ־געהויבן די דיכטערין צו פאַרשטיין. און אַז אויך זי וועט אינגאַנצן קלאָר זיך אַליין פאַרשטיין, וועט אונזער ליריק נאָך אַסך גוטע מיניאַטור־לידער, קליי־נע מייסטערווערק, פון איר באַקומען.

1937

דער טונקעלער

1881 אין באָברויסק, לרוב געוווינט אין וואַרשע, מערערע מאָל געוועזן אין אַמעריקע, אַסך געררײזט אין מערב אײראָפּע. 1941 זיך געראַטעוועט קיין אַמעריקע. יוסף טונקעל איז זײַן אָפיציעלער נאָמען.

דער טונקעלער איז אַ דיקער און אַ לאַמער אויף אַ פוס, ער מאַכט אַזוי־פיל וויצן וועגן דעם און דערציילט אַזויפיל אַנעקדאָטן וועגן זײַן לאַמקייט, אַז מען מעג עס אַמאָל גאַנץ ערנסט זאָגן אויך, עס איז דאָך אַ שטיק פון זײַן פיזישער כאַראַקטעריסטיק און האָט אפשר געהאַט געוויסע אײַנפלוסן אויף דער פאָרמירונג פון זײַנע ספּעציעלע טאַלענטן אויך. דער טונקעלער איז אַ פעיקער שרײַבער בכלל און ווען נישט זײַן ספּעציעלע שטעלונג . . . אין לעבן, אַזויצוזאָגן, וואָלט ער נישט געוואָרן אפשר אַ הומאָריסט, נאָר אַ נאָ־וועליסט, ראָמאַניסט, דראַמאַטורג — פּאָעט גאָר, ווײַסט אים דער גוטער יאָר. ווען נישט זײַן קורצע ראיה (דאָסמאָל אויף . . . ביידע אויגן), זאָגט ער אַלעמאָל אַליין, וואָלט ער גאָר געוואָרן אַ מאָלער.

און נאָך אַזויפיל אפשר׳ס לאָמיר שוין זאָגן אַ מילא — מיר מוזן שוין דעם טונקעלער אָננעמען אַזוי ווי גאָט האָט אים אונז באַשערט און אים אַראָפּ־געלאָזן אין זײַן גרויסן ווײַנגאָרטן דווקא צווישן אונזז יידישע שרײַבער.

דער טונקעלער האָט אַ ברייט פּנים און אַ בולבעדיקע נאָז, אפילו אַ פּאַ־ריסענע אביסל, און וואָלט ער נישט געוועזן כסדר גלאַט־ראַזירט וואָלט ער זיכער געהאַט אַ ברייטע און אַ רחבותדיקע, אַ קאַצאַפּישע באָרד און וואָלט געוועזן דער דאָרפס־חכם, אויב — — וויפיל איז דער שיעור צו „אויבן״, מען דאַרף אביסל לויבן, ווײַל אויף לויבן שטייט די וועלט־ליטעראַטור און אויך די יידישע ליטעראַטור.

נאָך איין „אויב״ און שוין: טונקעל וואָלט זיכער געוועזן איינער פון די סאַמע, סאַמע ערשטע הומאָריסטן־קינסטלער אין אונזער ליטעראַטור, אויב ער וואָלט נישט געהאַט די אַמביציע צו זײַן איינער פון די פּאָפּול־ערשטע הומאָריסטן אונזערע. ער איז נישט קיין ציניקער, ער איז אַ קינסט־לער, נאָר ער האָט רחמנות אויף זיך צופיל און רחמנות אויפן פאָלק צופיל און עס דאַכט זיך נישט איינמאָל, אַז ער כאַפּט אַביסל איבער די מאָס מיט פּאָפּולערקייט, אונזער טונקעלער.

טונקעל קען אַלע וויצן פון דער וועלט, נאָר אָפּט מאַכט זיך עס, אַז

ער קומט צו זיינע פריינט און דערציילט זיי מיט זייער אסך געלעכטער עפּיס אַן אלטן וויץ, א גוטן טאקע, אָבער אַן אָפּגעריבענעם ווי אַן אלטע קאָפּיקע פון יעקאטערינעס צייטן. ווי דאָס קומט? גאנץ פּשוט. די גאנצע וועלט איז זיכער, אַז טונקעל קען אַלע וויצן פון דער וועלט און יאָרן־לאנג וואגט מען אים אָפּט נישט צו דערציילן א פּאָפּולערן וויץ ווייל . . . ער האָט דאָך זיכער שוין געהערט. און אזוי קומט אָפּט ארויס א גאנץ פיינער וויץ מיט א וויץ, ווען דווקא דער טונקעלער דערציילט אים.

ער האָט אסך אין זיין לעבן געאַרבעט — דער טונקעלער — און שרייבן האָט ער אָנגעהויבן אין יאָר — — אָבער וואָס זאָג איך „יאָר" — אין נײַנ־צענטן יאָרהונדערט נאָך האָט ער אָנגעהויבן זיין שרייבערישע קאַריערע און א קערבל צו א קערבל ווערט א — באנקביכל, און א קלוגער איז ער, האָט זיך אים נישט געגלוסט צו פּטרן גלאט זיינע פּאָר גראָשן, האָט מען אים גע־מאכט א שם פון אָ קארגן און טונקעל האָט דווקא געהאט אסך נחת דערפון. ער האָט אַלעמאָל געזאָגט, אַז דער שם ברענגט אים אסך מער האָנאָראַר ווי זיין שרייבערישער שם . . . נאָר אַז מען האָט געדאַרפט טאקע ערנסט א פּאָר גראָשן, און נישט נאָר א פּאָר, זענען זיי אַלעמאָל שטיל און ערנסט און האַרציק געוועזן גרייט דווקא ביי דעם קארגן טונקעלער. און צו געבן זיין נאָמען אויף א חברישן אוונט — איז טונקעל אויך נישט קארג געוועזן און זיין נאָמען האָט דווקא געהאט א ליכטיקן קלאנג ביים עולם און האָט זיי צוגעצויגן, זיינע אָנהענגער, צו דער קאסע ווי ליכט ציט צו די פליגן אין אוונט.

אומצאָליקע ביכלעך האָט ער אַרויסגעגעבן — דער טונקעלער — וואָס האָט מען אלץ נישט געקענט מאכן מיט אים? צו אלץ האָט זיין שרייבן גע־טויגט, ווי די קאַרטאָפליע צו יעדן מאכל און צו יעדער צייט: רעציטירן, דע־קלאַמירן, גלאט לעזן, אויף אוונטן, אויף צוזאַמענקונפטן, אויף טעאַטער־פאָרשטעלונגען, אין פּוילן, אין גאנץ אייראָפּע, אין אמעריקע און אין די דריי איבעריקע וועלט־טיילן, אין שלום־צייט, אין מלחמה־צייט און אפילו אין דער צייט פון רעוואָלוציעס, ביי ציוניסטן, ביי בונדיסטן, ביי קאָמוניסטן און אפילו ביי טעריטאָריאַליסטן האָט מען אים דרייסט געקענט עקספּלואַ־טירן, און האָט א פעלעטאָניסט פון א צייטונג ערגעץ אין א ווייטן לאנד נישט געהאַט וואָס צו שרייבן, האָט ער גאנץ דרייסט געקענט אפשרייבן א פעלע־טאָן פון דעם טונקעלער און זיך חתמענען. אַז מען האָט דאָס דעם טונקעלער געוויזן האָט ער געענטפערט מיט א פּסוק, אַז הגונב מן הגנב — פּטור. אָבער דער טונקעלער איז דווקא אלעמאָל געוועזן אָריגינעל. הומאָר און וויצן זענען דאָך די נאַטירלעכע שפּראַך זיינע. רעדן אָן וויצן קומט אים אָן דווקא אָסך שווערער.

זעלטן װען זאָגט דער טונקעלער עמיצן „איר", און טאָמער הערט איר אים אימיצן „אירצן" זאָלט איר שוין װיסן זײַן, אַז יענער איז אַ רשע אָן הומאָר און ממילא אָן חברשאַפֿט.

כאָטש אַן אינטימע זאַך, דאָך אַ שײנע און אַן אײדעלע, און אַסך יאָרן זענען שוין אַריבער, מעג מען דערצײלן: אַמאָל האָט דער טונקעלער חתונה געהאַט מיט אַ װאַרשעװער פֿאָלקס־שײנהײט און אַ פֿערטל יאָרהונדערט ייִנגער פֿון אים. האָט אָבער דער לעבנס־חכם פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס װעט זיך לאַנג נישט האַלטן, האָט ער אין אײן שײנעם טאָג איבערגעלאָזן דער יונגער די דירה און אַ האַלב פֿאַרמעגן דערצו און איז מיט אַ האַרציקן: זײַ־געזונט און גליקלעך! אװעק. ממש גליקלעך איז געװען די יונגע פֿרוי שוין נאָך איר צװײטער חתונה, אַז דער טונקעלער האָט בײַ איר געבעטן עפּיס אַ ביכל פֿון זײַן ביבליאָטעק, אָדער עפּיס אַ נױטיקן קעגנשטאַנד· און שײן און אײדל פֿלעגן בײדע רעדן װעגן זיך — אױך נאָך טונקעלס צװײטער חתונה.

כאָטש מיר, די װאַרשעװער „כאַליאַסטרעניקעס" מיט מאַרקישן בראש, פֿלעגן דעם טונקעלער נישט אײַנצולאַדן אַנטײלצונעמען אין אונזערע שריפֿטן, און ער האָט — מיט פֿאַרשטענדניש — דאָך געליטן דערפֿון, פֿלעגן מיר אים בײַ יעדער געלעגנהײט מאַכן קאָמפּלימענטן, װײַל ער איז אַ דורכאױס ליטעראַרישער און קינסטלערישער שרײַבער — און אַ סעלעקציע פֿון זײַנע הונדערט מאָל הונדערט אַלערלײען אין אַלערלײ פֿאָרמען װעט בלײַבן אין אוצר פֿון אונזער ליטעראַטור אױף אײביק.

1942

קאַליאַ טעפּער

קלמן טעפּער, געב. אין אָדעס 1879, 1907 אַמעריקע, 1917 רוסלאַנד, פּוילן, 1922 אַוועק און געבליבן אין רוס־לאַנד. רײַזעס אין מערב אײראָפּע.

ווער עס האָט אים נענטער געקענט, און קאַליאַ טעפּערן האָבן זײַער אַסך געקענט און זײַער נאָענט געקענט, דער האָט אים באַצײכנט אַלס אײנעם פון די אָריגינעלסטע גײסטער אין אונזער ייִדישן לעבן און אײנעם פון די וואונדערבאַרסטע אידעאַליסטן. לײדער בין איך געווען נאָר צווישן די אַסך, וואָס האָבן טעפּערן געקענט, אָבער נישט צווישן די, וואָס האָבן אים נאָענט געקענט. און אַפילו נאָך דעם ווי קאַליאַ טעפּער האָט זיך געשמדט אויף . . . פּראַוואָסלאַוונע (אַרום 1923) האָט קײנער אים נישט ביטער פאַרדאַמט און קײנער האָט אים נישט פון האַרץ אויסגעשלאָסן, אויב ער איז אין דעם האַרץ געווען אײַנגעשלאָסן.

קאַליאַ טעפּער האָט געליטן פון אַ מין גײסטיקער עלעפאַנטיאַזיס, דער קרענק, אין וועלכער קערפּער־טײלן ווערן איבערמאָסיק גרויס. אויף אַזאַ מין גײסטיגער עלעפאַנטיאַזיס האָט טעפּער געקרענקט. ער איז געווען צו אינטעליגענט, צו אידעאַליסטיש, צו לאָגיש, צו קלוג, צו טאַלענטירט, אַ צו גוטער רעדנער, אַ צו גוטער שרײַבער, אַפילו אַ צו גוטער חבר איז ער גע־ווען. לעבנדיק אַלײן אין נויט האָט ער איטשע מאיר ווײַסענבערגן אַמאָל אַוועקגעגעבן עטלעכע הונדערט דאָלאַר און קײנמאָל מער קײן שפּיץ פון דעם געלט נישט געזען צוריק. בײדע האָבן געהאַט מאָדנע געלעכטערס, ווײַסענ־בערג און טעפּער. ווײַסענבערג האָט געלאַכט מיט אַן אינערלעכן הוסט אַזאַ און טעפּער האָט געלאַכט דריבנע און שאַרף, איז אַז זײ פלעגן זיך טרעפן נאָך זײער מאָדנער טראַנזאַקציע פלעגן זײ אַזוי אַ מינוט לאַכן אײנער צום אַנדערן און . . . ווײַסענבערג פלעגט נאָך זײַן בײז אויף טעפּערן נאָך דעם. טעפּער האָט קײן בײזקײט שום נישט געפילט.

טעפּערן האָט גאָרנישט געפעלט חוץ אַמביציע. וואָלט ער געהאַט שטאַר־קע אמביציע וואָלט ער נאַטירלעך קײן קאַליאַ טעפּער נישט געווען, עס וואָלט אויך אין דער ייִדישער ליטעראַטור געפעלט דער אָריגינעלער מחבר פון דעם ביכל „זיגזאַגען״, וואָס האָט זיך אונטערגעשריבן מיטן פּסעוודאָנים הערצאָג ד׳אַברוצצי. ער וואָלט אָבער יאָ געווען אפשר אַ גרויסער פירער בײַ די ציוניסטן, אפשר אַ גרויסער פירער בײַ ייִדישע סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן, אפשר גאָר אַ גרויסער פירער סתם אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אָדער

קולטור־באַוועגונג. אויף דעם סאַמע ערשטן טרעפּל צו דעם דאָזיקן טרעפּן־וועג, וואָס פירט אַרויף אין די קאַריערעס אַריין, איז ער דאָך געשטאַנען פעסט ווי קיין אַנדערער. ער איז געווען אַ באַצויבערנדיקער רעדנער, כאָטש ער האָט נישט געהאַט קיין באַצויבערנדיקע שטימע, ווייט נישט. אפשר איז אים געשטאַנען אין וועג דאָס, וואָס ער איז אַ קליינער אין וווקס. ניין, אַדרבא, דאָס שטאַרקט דאָך גאָר די אַמביציע — וועלטמשל: נאַפּאָלעאָן . . . און אָט שטייט ער אַ מאָגערער און אַן איינגעבויגענער פאַר מיינע אויגן: אַ שטערן — ביז אַרויף — — מיט אַסך, אַסך קנייטשעלעך, דרייווינקלדיקע ברעמען, אַלעמאָל אויפגעהויבענע, גרויסע ברילן, אַן אַראָפּגעלאָזענע לענג־לעכע נאָז, און כאָטש די פּערזענלעכקייט אַליין איז פאַרביק ביז גאָר און אַלע כאַראַקטעריזירן אים אַזוי, אַליין איז ער מויזיש גרוי און היפשלעך אָפּ־געלאָזן.

וואָס טעפּער האָט געוואָלט ווייסט קיינער נישט, אויך ער נישט. וואָר־שיינלעך האָט ער אייביק געוואָלט רעוואָלטירן, קעגן דעם גאַנצן אַרום אים און אפילו קעגן דעם גאַנצן אין אים. אפשר איז ער אַ ציניקער לויטן ריינסטן באַגריף פון דער גריכישער פילאָזאָפישער שולע פון די קיניקער. וואָס זייער ציל איז געווען צו זיין אַזוי אומבאַדערפטיק ווי אַ הונט פון גאַס. מען זאָגט, אַז קאַליא טעפּער איז געווען די טרייבקראַפט פון דער ליטעראַרישער גרופּע „די יונגע" אין אַמעריקע, ער דער גאָט און זישא לאַנדוי זיין ערשטער אַפּאָסטאָל. אוודאי האָט די גרופּע „יונגע" איבערגעלאָזן טיפע שפּורן אין דער יידישער ליטעראַטור. קען זיין, אַז דאָס איז דער בלייבנדיקער, כאָטש אויך אומזיכטבאַרער אויפטו פון קאַליא טעפּער. מעגלעך, אַז דאָס איז אַסך און גענוג, אפילו פאַר אַזאַ אולטראַ־טאַלענטירטן מענש ווי קאַליא טעפּער.

קאַליא טעפּער איז אייביק געווען אין עמיצן פאַרליבט און אַז פאַר־ליבט איז ביז איבער די אויערן, אין די קינדער פון זיין געליבטער, אין איר מאַן, אין יעדן וואָרט און קאַפּריז אירן. אָט איז ער פאַרליבט אין דער שיינער, חנעוודיקער, עכט־רוסיש־קורסיסטיש־קאָקעטישער מרים רייזען, דער פרוי פון זלמן רייזען — איז ער שוין פאַרליבט אין דער גאַנצער שטוב. אַז מען גייט אַוועק אין אָוונט אין קינאָ בלייבט ער מיט די קינדער, ער וואַשט די טעפּלעך אין קיך, ער דערלאַנגט צום טיש ווען געסט קומען, ער גייט איינקויפן טאָמער פעלט עפּיס אין שטוב, און ער רופט אַלעמען אויפן רוסישן שטייגער מיטן ערשטן נאָמען און מיט דער „אָטשעסטוואָ" און אַזוי גיך זלמן רייזען איז דאָ אין שטוב האַלט ער אים אין איין רופן „זאַלמאַן קאַלמאַנאָ־וויטש" און נאָך אַמאָל, און נאָך אַמאָל.

קאַליא רעדט, ער רעדט וועגן קונסט, מען הערט מיט אָפענע מיילער, עס

איז א ליטעראַרישער אוונט, ער פארטונקלט אַלע איבעריגע רעדנערס און פאָרלעזערס, אינמיטן פאַלט אים איין צו ציטירן עמערסאָנען; האָט ער אָבער נאָר א ענגליש בוך ביי זיך און דאָס פובליקום פארשטייט נישט, זאָגט ער, אז ער וועט זיך אַן עצה געבן, יידיש גייט דאָך פון רעכטס צו לינקס, וועט ער איבערקערן דאָס ביכל און עס וועט זיין יידיש און ער טוט עס טאקע און ער הויבט אָן צו לעזן ווי אַ וואסער און מיט א פראכטפולן סטיל עמערסאָנען אויף יידיש פון דעם איבערגעקערטן ענגלישן טעקסט . . . א טאָפּלט קונץ־שטיק. קאָליא טעפּער האָט עס ליב און ער לאכט דריבנע און אסך פון זיין אייגענעם קונץ־שטיק. — נאָך דעם אַוונט — ווילנע 1921 — גיסט ווי פון עמערס, פרי־פרילינג, און עס איז נאָך זייער קאַלט. טעפּער באגלייט מיך צום האָטעל, ער וויל נאָר גיין צופוס. ער וועט נישט דורכלאָזן אַזאַ וווּנדערבארן רעגן־שפּאציר. איגנאָרירן מיר דעם רעגן, צו פארלירן האָבן מיר שוין גאָר־נישט, מיר זענען שוין דורכגעווייקט ביז׳ן לעצטן פאָדעם און דורך דער הויט גייט דער רעגן סאַי־ווי נישט דורך. דאָס טויער פון האָטעל איז פארמאכט, שוין דריי פארטאָג, אָבער קאָליא לאָזט מיך נאָך נישט אָנקלינגען, ער דארף מיר נאָך זאָגן אַסך, אַסך זאכן. א האלב טויטן דערלויבט ער מיר ענדלעך אָנצוקלינגען און אַליין גייט ער — יוגנטלעך ווי נאָך קיינמאָל נישט — אוועק. — וואָס איז קאָליא טעפּער? אפשר א העלד פון א נאָך נישט געשרי־בענעם ראָמאן אויף א פרשת דרכים פון דורות. און אפשר א מעמענטאָ, אז הכל הבל הבלים, הכל הבל.

1942

י. י. טרונק

1887 אין א דאָרף ביי לוויוויטש, יאָרן־לאַנג אין מערב איי־ראָפּע געלעבט, נאָך דער וועלט־מלחמה אין לאָדזש, יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה אין וואַרשע, רייזעס אין שפּאַניע, צפון־אַפריקע, איסלאַנד, פיל מערב אייראָפּעישע רייזעס, אין יאָר 1941 איבער סיביר, יאַפּאַן — געקומען קיין אַמעריקע.

א דיקער איז ער, י. י. טרונק, אדלעריש פּאַרשפּיצטע געזיכטצוגן, און ביי דער גאַנצער פאַרשפּיצטקייט, זייער גוטמוטיקע. מען דערקענט באַלד, אַז ער שטאַמט אי פון רבנישן יחוס און אי פון געלט־ייחוס. נאָר ער קער זיך מיט דעם גאַנצן ייחוס נישט אָן, ער מאַכט זיך דערפון א פּיסנבענקעלע. ער באַלאַנגט אָבער נישט צו די קעמפערישע און רעוואָלטירנדיקע נאַטורן, וואָס זאָלן אוועק פון דער היים מיט א טראַסק פון דער טיר און אָנהויבן לעבן א ניי לעבן, אינגאַנצן ניי, אָנהויבן א נייעם דור. דערצו איז טרונק צופיל עסטעט און ער ווייסט, אַז אין אונזער טרויעריקער צייט קומט ייחוס, דער עיקר דער געלט־ייחוס צונויף און דער עיקר ביי א יונגען־מאַן מיט אזא וויסנס־דורשט ווי ביי טרונקן. נוצט טאַקע טרונק אויס דעם ייחוס זיינעם און בלייבט אַן אייביקער סטודענט. און אַז עס ענדיקן זיך די שולעס מיט די פאַקולטעטן, הויבט טרונק אָן צו לערנען פאַר זיך — אַזויצוזאָגן. ער איז פול מיט לאַטיינישע פּסוקים און גריכישע פּסוקים און פּסוקים פון תנ״ך און ווערטלעך פון דער גמרא און דערצו רעדט ער גיך, פאַרשלינגט אָביסל די ווערטער, הויבט אָן צו רעדן מיט א גריכישן פּסוק און פאַרענדיקט אים פּלוצלונג אויף גמרא־לשון. ער ווייסט סיסטעמאַטיש, אָבער ער ברענגט אַרויס זיין וויסן כאַאָטיש — אָט אַזוי וואָלט איך עס פאָרמולירט.

דאָס איז געווען אין די גוטע עטלעכע יאָרן אין וואַרשע — מיסתמא פון די יאָרן 1928 ביז עטלעכע און דרייסיק — פלעגט זיך טרונק, וואָס האָט געוווינט אין רייך־פּוילישן געגנט אויף דער באָגאַטעלאַ־גאַס, יעדן טאָג אין דער פרי אַרויסלאָזן אויף א שפּאַציר אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע גאַס און אויף די דערבייאיקע געסלעך, וווּ עס זענען געווען די קראָמען פון די יידי־שע ביכער־אַנטיקוואַרן, די קליינזינגערס. ווינטער האָט ער זיך אָנגעטון „פּאָ וויעלקאָפּאַנסקו״ מיט א פיינעם פעלץ און א ברייט, פוטערן היטל, און פיינע פוטערלעדערנע הענטשקעס און א דין שטעקעלע אין האַנט, און א ברייט־ביינעוודיקער איז ער — האָט מען אים אין די קראָמען אָנגענומען פאַר אַן עקסצענטרישן שלאַכציץ, א קונסט־ליבהאָבער און אַזוי אים באַהאַנדלט.

אָבער טרונק האָט פײַנט געהאַט צו באַהאַלטן זײַן ייִדישקייט און אָפט האָט ער די חונפים שטאַרק אַנטוישט מיט אָנהױבן פּלוצלונג צו רעדן ייִדיש צו זיי.

צי דאָס איז געװען אַ בילבול, צי ניט, דאָס װײס איך ניט, נאָר אין אונזערע קרײַזן האָט מען געשאַצט טרונקן פֿאַר אַ קײלעכדיקן מיליאָנער אין פּױלישע זלאָטעס, זײַנע ירושה־הײַזער זענען געשטאַנען אין לאָדזש און די ירושה איז געגאַנגען דורות צוריק, װײַל טרונק איז געװען אַן אײניקל בן אײניקל. מיר האָבן טרונקן עקספּלואַטירט װיפֿיל עס האָט זיך געלאָזט, די קבצנים בני קבצנים האָבן עס געטון שטיל און פֿאַרזיכטיק, דורך די הינטער־טירן, די מער דרײסטע מיט אַ קלאַפּ אין פּלײצע. און טרונק האָט קײנמאָל ניט אָפּגעזאָגט. שטילערהייט האָט ער געשאָלטן דעם מאָדנעם צושטאַנד זײַנעם — ניט אַהין און ניט אַהער — נאָר אַ קלאַפּ צו טון מיט דער טיר פֿון די ייִחוס־דורות האָט ער ניט געקענט. טרונק פֿלעגט — װי אַסך ייִדי־שע שרײַבער — אַלײן אַרױסגעבן זײַנע ביכער און באַלד האָט ער צעטײלט די גאַנצע אױפֿלאַגעס צו די קאָרעקטאָרן און סתם װער עס האָט געבעטן. דער חשבון האָט אים ניט אינטערעסירט. אַמאָל, אַז טרונק האָט נאָך גע־װױנט אין לאָדזש, און אין װאַרשע האָט געבושעװעט די „כאַליאַסטרע" מיט מאַרקישן בראש, און אין לאָדזש האָבן זיך געמערט די שרײַבער — נו װי זאָגט מען עס מיט אַ באַנאַלן משל? — װי די שװאָמען נאָך אַ רעגן, און האָבן געדראָט צו פֿאַרװאַרפֿן װאַרשע מיט די היטלען . . . און אײַנצונעמען די פֿעס־טונג פֿון דער „כאַליאַסטרע", איז טרונק אַמאָל אַרײַנגעקומען מיט זײַן פּעלץ און זײַן פּוטערן היטל און זײַן דין שטעקעלע אין האַנט אין ליטעראַטן־פֿאַרײן. באַלד איז צוגעלאָפֿן מאַרקיש, אַ קלאַפּ געטון אין פּלײצע און קאָ־מאַנדירט: טרונק, דו מוזט מיר שױן זאָגן װיפֿיל ייִדישע שרײַבער עס זענען דאָ אין לאָדזש, אָבער שױן! טרונק האָט גענומען רעדן זײער גיך און מיט שרעק: קאָמאַנדיר, צענטוריאָן, געװעז קען איך דיר ניט זאָגן װיפֿיל אין איצטיקן מאָמענט, נאָר מיט פֿיר שעה צוריק, אַז איך בין מיטן באַן אװעק־געפֿאָרן פֿון לאָדזש, זענען דאָרט געװען דרײַ און אַכציק ייִדישע שרײַבער, װיפֿיל עס זענען דאָ איצט — װײס איך ניט — קאָמאַנדיר.

טרונק איז פֿול געװען מיט פֿײַנעם הומאָר, האָט ליב געהאַט פֿײַנעם הומאָר און נאָך מער װי הומאָר האָט ער ליב געהאַט אַן אינטערעסאַנטן גע־שפּרעך אין װײסן טאָג אַרײַן. און ער האָט געקענט פֿירן טיש — װײַל זײַן װיסן איז אָן אַ דנאָ ממש, דאָס װיסן פֿון אַן אײביקן סטודענט.

װאָס טרונק איז אין דער ליטעראַטור איז שװער צו דעפֿינירן, ער איז אַ קריטיקער, האָט געשריבן גרױסע מאָנאָגראַפֿיעס, ער איז אַן עסײַסט, ער

איז א נאָוועליסט, מיט דעם זשאַנר איז ער דורך פרץ אריינגעפירט געוואָרן אין אונזער ליטעראטור. ער איז א רייזע־שרייבער, וואָס האָט אסך מער געזען ווי געשריבן וועגן דעם; ער איז א פּאָעט פון צאַרטע לידער — און „ביעט זלאָ בעז דאבראָ", האָט זיין פליכטלינגס־וועג געדארפט פירן דורך יאפּאַן און געבן אים די מעגלעכקייט צו שרייבן לידער אין יאפּאַנישן זשאַנר פון דער ערשטער האַנט אָזויצוזאָגן.

דאָס איז געווען אין יאָר 1934. איך בין געזעסן אין טרונקס דירה אויף דעם זעקסטן שטאָק אויף דער באַגאַטעלאַ און עס איז אונז געווען אומעטיק, ווי נאָר אומעטיק עס האָט געקענט זיין אין דעם לאַנד, וואָס האָט געוווסט, אַז היטלער וועט עס סוף סוף באַפאַלן. טרונק, דער קונסט־פרײַנט האָט מיך געוואָלט מהנה זיין מיט א פיינעם, אייראָפּעישן, קלאסישן מוזיק־פראָגראַם פון זיין נייעם טויזנט־זלאָטעס־ראַדיאָ. ער האָט עס אויפגעדרייט און . . . עס האָט פון ראַדיאָ א ביל געטון ווי אַ וואָלף פון א פינסטערן וואַלד אַרויס — היטלער. א שעה זענען מיר געזעסן צוגעשמידט צו דער פינסטערער רעדע, טרונק איז בלויז און בלוי געוואָרן און אויך געציטערט. אַז דאָס בילן האָט אויפגעהערט, האָב איך מיך אויפגעהויבן און ממש געשריגן: טרונק, צוזאַמען רוחות, פאַרנעם וויפיל עס לאָזט זיך פון דיין לעגענדאַרן מיליאָן, פאַרנעם דיין ווייב און דיין שיינע טאָכטער און לויף ווו די אויגן וועלן טראָגען!

טרונק האָט גערעדט גיך און כאַפּעדיק ווי אַלעמאָל און אָפּטימיסטיש ווי אַלעמאָל: און איך זאָג דיר, אַז אַהער וועט ער נישט קומען. ווי אַלע אָפּ־טימיסטן פון אייראָפּע האָט אויך טרונק נישט רעכט געהאַט.

1942

ברוך טשעבוצקי

געבוירן אַרום 1895 אין פּוילן — געשטאָרבן אין 1941 אין װאַרשעװער געטאָ — דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעפּינסטערט אין שטעטלעך אַרום װאַרשע און אין װאַרשע גופא אין די לעצטע צען יאָרן.

אין זײַן פּנים איז געװען די בלאַסקייט פון בלעטער פון אויסגעװאַקסענע קאַרטאָפלעס ערגעץ פון א קעלער אַרויס און די מאָגערקייט פון אַ סקעלעט פון א מאָגערן מענטש. ער האָט נישט געהאַט קיין הויט, נאָר עפּיס א מראה פון א הויט, געגנוג, אַז מען זאָל נישט קענען דורכזען דורך איר װי דורך א גאַזע, דערצו איז ער געװען אביסל פּאַראַליזירט פון א דורכגעגאַנגענער שלאָפקרענק און האָט, נאַטירלעך, געשטאַמלט. דאָס איז געװען ברוך טשע־בוצקי — א יידישער שרײַבער פון פּוילן, װאָס האָט מיט שװערער נויט און מי, אין זײַן פערציקסטן לעבנס־יאָר זיך דערשלאָגן צו א שאָטן פון אביסל אנערקענונג און האָט אין יאָר 1938 אַרויסגעגעבן דאָס ערשטע ביכל זײַנס, א ביכל פון 118 זײַטן מיט 8 דערציילונגען און עס טאַקע אָנגערופן „שאָטנס״. קיין גרויסער שרײַבער איז טאַקע טשעבוצקי נישט געװען, נאָר דאָס ביסל אָנערקענונג פאַר דעם ביסל, װאָס ער האָט פאַרמאָגט איז אים אָנגעקומען מיטן טויט.

לויט דער פּראָפעסיע איז ער געװען א מין מלמד־לערער, װאָס האָט געלערנט אביסל יידיש שרײַבן און לעזן אין יידישע היימען, װאָס זענען נאָך אָרימער געװען װי זײַן היים איז — כאָטש טעאָרעטיש איז אַזאַ זאַך נישט מעגלעך, איז עס אָבער פּראַקטיש יאָ מעגלעך געװען אין װאַרשע. אַלץ איז מעגלעך אין די יידישע גאַסן פון װאַרשע. מען קען נישט זאָגן, אַז טשעבוצקי איז געװען א פליגלמאַן־טיפּ, ער איז גע־װען בלויז א געשטאָרבענער שאָטן פון א געשטאָרבענעם פליגלמאַן . . . און דער דיבוק פון שרײַבערײַ האָט אין אים געשטעקט מיט א זעלטענער קראַפט. אמאָל זעט מען װי א גרויסע שפּין באַפאַלט א שאָטן־שװאַכע פליג, װאָס האָט זיך צופעליק אין נעץ פאַרפּלאָנטערט, אָט פּונקט אַזוי װי דאָס װאָלט א גרויסע פערד־פליג געװען, אַזוי האָט געמוטשעט טשעבוצקין דער טייװל פון שרײַבן. געשריבן האָט ער דװקא זייער קאָרעקט, מיט א פײַנער אָרטאָגראַפיע און א גלאַטיקן סטיל זײַנע דערציילונגען. לויטן אויסזען פון זײַנע מאַנוסקריפּטן איז ער געװען אײנער פון די בעסטע שרײַבער אין װאַרשע. אז מען האָט אויף אים א קוק געטון אין א רעדאַקציע, האָט מען באַלד געזאָגט — ניין ! און אַפילו בעטן, אז מען זאָל דאָך ריכטיק לעזן איז

אים אָנגעקומען שווער — ער האָט דאָך געשטאַמלט. פלעגט ער מוזן אונ־טערשיקן זיינע מאַנוסקריפּטן דורך אַנדערע, אַז מען זאָל דעם בעל דבר נישט אָנקוקן. דאָס האָט געהאָלפן און מען האָט דאָך, פון צייט צו צייט זיי־נע מאַנוסקריפּטן געדרוקט. מער דערפאָלג האָט ער שוין געהאַט אין אויס־לאַנד. אָנגעקומען א מאַנוסקריפּט מיט א גאַנץ פיינעם נאָמען — ברוך טשע־בוצקי — און עס האָט זיך גאַנץ גוט געלעזן און א זעצער בענשט פאַר אַזאַ מאַנוסקריפּט, נו האָט מען געדרוקט. אַפילו אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס״ האָט מען מערערע פון זיינע דערציילונגען געדרוקט. מען האָט געדאַרפט זען די גראָטעסקע סצענע, ווען טשעבוצקי איז אַמאָל, א פריידנשטראַלנדי־קער אריינגעקומען צו מיר, אָנצוזאָגן מיר און צו ווייזן מיר זיינע א דערציי־לונג אין „פאָרווערטס״. זיין געוויינטלעך געשטאַמל האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א לאַ־לאַ פון א קליין קינד און זיין פנים האָט געהאַט א קאָנוולסיע פון גלעלעכטער, נאָר קיין ביסל ראָזע פאַרב איז בשום אופן אין זיין פנים נישט אַרויסגעקומען. ער האָט, ווייזט אויס, בכלל קיין בלוט אין זיינע אָדערן נישט געהאַט. וויאַזוי ער האָט דורכגעהאַלטן די באָמבאַרדירונג פון וואַרשע און וויאַזוי ער האָט נאָך זוכה געווען צו דערלעבן דאָס געטאָ איז שוין א סוד פון גאָט. — טשעבוצקי איז געווען א טאַטע פון דריי קינדער און געוווינט האָט ער אין א קעלער־דירה, וואָס איז געווען א קאָמבינאַציע פון א קאַר־טאָפל־קעלער און א קבר. אַמאָל איז א קינד ביי אים קראַנק געוואָרן, האָבן מיר אים געשיקט א היימישן דאָקטאָר, די פרוי פון דעם דר. יוסף קרוק. די פרוי האָט אַלע אירע יאָרן געהיילט אָרימע קראַנקע קינדער, נאָר אַז זי איז געקומען פון טשעבוצקין און אונז דערציילט וויאַזוי ער לעבט מיט זיין משפחה — האָט זי געוויינט.

טשעבוצקי האָט געהאַט א מאָדנע ענלעכקייט צו מאַהאַטמאַ גאַנדי מיט איין חילוק נאָר, וואָס דער מאַהאַטמאַ זעט נאָך אַלץ אויס ווי אַ ריז אנטקעגן אים. און טשעבוצקי איז אַלעמאָל זייער שטאָלץ געווען מיט דער ענלעכ־קייט זיינער . . . ער האָט מיט פאַרגנוגן געשמייכלט, אַז מען האָט אים גע־רופן : גאַנדי — אַמאָל האָבן מיר פאַר אים — איציק מאַנגער און מיין ווײ־ניקייט — איינגעאָרדנט א ליטעראַרישן אָוונט און דעם אָוונט אָנגערופן „אַן אָוונט פאַר אונזער יידישן גאַנדי״ — — דער עולם האָט עפּיס נישט פאַר־שטאַנען און אַפילו מיט דער הילף פון אַזאַ סענסאַציאָנעלער רעקלאַמע זיך וויניק אָפּגערופן .און דער דערפאָלג פון אָוונט איז געווען אַזוי מאַגער ווי אונזער יידישער גאַנדי. און אַז מיר האָבן אים דערלאַנגט די אַפּותיקא האָבן מיר שטאָט דעם דערוואַרטן פאַרוואורף באַקומען א גרויסן דאַנק, ער האָט אויף דעם זיך אויך נישט גערעכנט.

אַז איך שרייב אָט די ווערטער איז שוין ברוך טשעבוצקי אויף יענער

װעלט, דאָרט איז ער א יחסן געװיס, װײַל חוץ דער לײַדנשאַפט פון שרײַבן האָט ער דאָך קײן אַנדערע לײַדנשאַפטן אויף דער װעלט נישט געקענט, און ער איז שוין דאָרט שטאַרקער פון אונדז אַלעמען און אפילו פון די, װאָס האָבן אים דעם לעצטען טױט־קלאַפּ געגעבן. זיכער לעזט ער דאָרט גענױ נאָך די נעקראָלאָגן, װאָס זענען נאָך אים אויף דער זינדיקער װעלט דער־שינען. דאָרט שטאַמלט ער שוין נישט מער און איז שוין נישט הונגעריק און איז שוין נישט מאָגער װײַל א נשמה האָט ער דאָך געהאַט װי אַלע מענטשן. דאָרט איז ער שוין אױסגעגלײַכט מיט אַלעמען. מסתמא װעט ער דאָרט אַביסל פאַריבל האָבן אויף דעם טונקעלער, װאָס שרײַבנדיק א נאָכרוף נאָך אים האָט ער זיך ניט געגומען די מי נאָכצוקוקן גענױ װי ער האָט גע־הײסן און שטאָט א נאָכרוף נאָך ברוך טשעבוצקי האָט ער געדרוקט אין „פאָרװערטס״ א נאָכרוף נאָך „טשיבונסקי״. און מיט מײַן נאָכרוף װעט ער זיכער אױך נישט צופֿרידן זײַן — בעט איך אים שוין לכתחילה מחילה. אז טשעבוצקי איז געקומען אין אונזער ליטעראַרישן גן עדן בין איך שוין דאָרט לאַנג געװעזן און האָב אים אױפגענומען װי איך האָב געקענט; אַז איך װעל קומען אױף יענער װעלט, װעט שוין טשעבוצקי דאָרט האָבן גע־װעזן א שטיקל צײַט, װעט ער מיך מיסתמא אױך נישט שלעכט אױפנעמען.

1941

ב. יאָושזאָן

פסעאודנים פון משה בונם יוסטמאַן, געב. ווארשע 1889, רייזעס קיין ארץ ישראל, געשטאָרבן אין תל אביב, פעב־רואר 1942, ווו זיך געראטעוועט נאָך 1939.

איינער פון די פאָפולערסטע יידישע זשורנאַליסטן פון אַלע צייטן — נאַטירלעך מיין איך יידישע זשורנאַליסטן אין יידיש, וואָרום יידישע זשור־נאַליסטן אין אלערליי שפראַכן, דאָס וואָלט אונז צו ווייט אַוועקגעפירט — איז געווען ב. יאָושזאָן. ער איז געווען אַזוי דערפאָלגרייך און אַזוי פּראָדוקטיוו, אז ער האָט שטענדיק און גלייכצייטיק געמוזט נוצן דריי פסעודאָנימען — חוץ זיין אייגענעם נאָמען. ב. יאָושזאָן איז געווען פאַר מער בעלעטריסטישע זאַכן, איטשעלע — איז געווען א פסעודאָנים פאַר די גאַנץ פּאָפולערע פּאָ־ליטישע בריוו, וואָס זענען אייגנטלעך געווען דער יסוד פון זיין ממש מורא־דיקער פּאָפולאַריטעט, און לארנעטע — איז געווען אזוי זיך א זייטיק פסעו־דאָנימל פאַר קלענערע זאכעלעך. אויף וויפיל איך געדענק האָט ער דעם ריכ־טיקן נאָמען זיינעם פאַר שרייבערישע צוועקן ווייניק באַנוצט.

יאָושזאָן איז געווען יאָרן־לאַנג און אפשר שטענדיק דער בעסט־באַ־צאָלטער יידישער זשורנאַליסט אין ווארשע. א פארמעגן פון זיבן הונדערט זלאָטעס פלעגט ער ארויסנעמען פון דער רעדאקציע ־ קאַסע יעדע וואָך. יונגע שרייבער, שרייבער־אַפּליקאַנטן, פלעגן טענהן, אז בלויז דאָס וואָס יאָושזאָן צאָלט אָפּ יעדן חודש אלס מיטגליד פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון די יידישע זשורנאַליסטן וואָלט שוין פאַר זיי גענוג געווען אויף צו לעבן. יאָושזאָן האָט געהאַט אביסל א סוחרישן — הגם ווייט נישט קיין ברוּ־טאַלן, צוגאַנג צו זיין פּראָפעסיע פון שרייבן. פונקט ווי א גוטער סוחר, וואָס האָט מזל און דערפאָלג וועט זיך נישט שטאַרק איבערנעמען און באַרימען מיט זיין דערפאָלג, אַזוי האָט זיך אויך יוסטמאַן נישט איבערגענומען און זיך נישט באַרימט און קיינמאָל נישט גערעדט דערפון. וועגן זיין דערפאָלג פלעגט ער רעדן אויסשליסלעך מיט זיין רעדאקטאָר און מיט זיין ארויסגע־בער. ער פלעגט מאכן א חשבון, אז אזוי און אַזויפיל איז זיין שרייבן ווערט און אז עס איז ווערט איז דאָך נישט שייך. און דער רעדאקטאָר האָט געוווּסט און האָט געצאָלט. דער שרייבער, דער זשורנאַליסט איז טאַקע ווערט גע־ווען, אלע האָבן געוווּסט, אָבער דער לעזער איז עס נישט ווערט געווען . . . און אמאָל איז געשען א דערשטוינלעכער פאקט. דאָס איז געווען אין יאָר 1925. איטשעלע (מיר רעדן איצט וועגן איטשעלעס שרייבן, וועלן מיר אים אזוי רופן האָט דעמאָלט געאַרבעט אין „מאָמענט” און דער מאָמענט, האָט מען

געוווסט, האַלט זיך אויף איטשעלען און נאָר אַ דאַנק אים האָט ער אַ פּיל גרעסערן טיראַזש ווי דער „היינט". און איטשעלע האָט שטילערהייט אַזוי לאַנג געפּאָדערט פון די אַרויסגעבער ביז ער האָט געפּאָדערט דירעקטע שותפות אין דער צייטונג און דערמיט איבערגעריסן דאָס שטריקל. אין איין שיינעם פּריי־טאָג — פרייטאָג איז געווען דער טאָג פון זיינע פּאָליטישע בריוו—איז ער אַריבער פון מאָמענט אין היינט. גאַנץ וואַרשע איז געגאַנגען כאָדאָראָם: איין קליניקייט. קיין גרעסערע סענסאַציע איז גאָרנישט מעגלעך געווען. אין די זשורנאַליסטישע קרייזן איז מען געווען זיכער, אַז דער מאָמענט וועט ממש אומפאַלן, יעדנפאַלס וועט זיין טיראַזש פאַלן ווי אַ שטיין פאַלט פון אַ הויך אַראָפּ. און אין היינט וועט דער טיראַזש טון אַ שאָס אַרויף. אָבער נישט ביים מאָטיע פון יידישן פּובליקום. עס האָט זיך אַ וואַקל געטון מיט אַ פּאָר־הונדערט עקזעמפּליאַרן און ביי דעם איז עס געבליבן. פאַר אַלעמען אַן אַנטוישונג, פאַר די אַרויסגעבער פון מאָמענט אַ טריומף, פאַר די אַרויסגעבער פון היינט אַ נישט גוט געשעפט, נאָר פאַר איטשעלען — יאוש, נאָך אַ קוואַל פון יאוש פאַר יאושזאָנען.

אַ בלאָנדער איז ער געווען מיט בלוי־גרויע אויגן — יאושזאָן, אַ דין, בלאָנד בערדל, צוגעשוירן ביז אומזיכטבאַרקייט אַרום יונגען פּנים און גע־קליידט האָט ער זיך אַזוי ווי אַ וואַרשעווער חסיד, וואָס האָט אָקאָרשט אויס־געטון דאָס שוואַרצע דענקע־היטעלע מיט דער לאַנגער געהאַקטער קאַפּאָ־טע. אַמאָל פלעגט ער דאָס טראָגן, אפילו שוין זייענדיק אַ באַרימטער זשור־נאַליסט. (דעמאָלט האָט ער אויך געשריבן דערציילונגען, בעלעטריסטישע פעלעטאָנען, קאָמעדיעס אפילו).

נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט זיך אָפּט געדרייט אין דעם ליטע־ראַטן ־פּאַריין, האָט ער אָבער מיט דער אויסגעשפּראָכענער ליטעראַטור קיין שייכות נישט געהאַט. און מיט אונזער כאַליאַסטרע אוודאי און אײדאי נישט — אפילו קיין נעגאַטיוון שייכות האָט ער מיט אונז נישט געהאַט. נאָר ווי איבעראַשט זענען מיר געווען צו זען ביי אים אונזערע אויסגאַבעס, וואָס ער פלעגט זייער רעגולער קויפן פאַר געלט און לעזן מיט התמדה. חושד געווען האָבן מיר, אַז דאָס קויפט ער כדי צו קענען אָפּלאַכן פון אונז ביי דער ערש־טער געלעגנהייט. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ער האָט דאָס אַלץ געלעזן ווייל דאָס האָט אים אינטערעסירט ווי אַ דערשיינונג אין יידישן לעבן און אַלץ, וואָס יידיש האָט ער גענומען זייער ערנסט. אַ זשורנאַליסט מיט געוויסן, אַ זשורנאַליסט מיט געדאַנקען, מיט געפילן, מיט איבערלעבונגען. און דער עיקר אַ זשורנאַליסט מיט אַסך טאַלענט, מיט זייער אַ גוטער, פּליסיקער שפּראַך, אַ גוטער בעל מסביר און עס האָט זיך אַלעמאָל געגלוסט צו לעזן.

נישט אַלץ קען מען דאָך לעזן, נאָר האָסטו געגומען א צייטונג אין האַנט און עס איז דאָרט געווען יאושזאַנס אַן אַרטיקל, און האָסט נאָר איבערגעלייענט דאָס ערשטע וואָרט דאָרט, האָט זיך עס שוין צוגעקלעפּט צו דיר און האָסט געמוזט איבערלעזן ביזן לעצטן וואָרט.

דאָס איז געווען בשעת איינער פון די אומצאָליקע, רעשיקע, פּילדער־דיקע זשורנאַליסטיש־פּאָליטישע מחלוקתן יאושזאַנס, די גאַס האָט מיט זיי געשטורעמט. באַזונדערס האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין זיינע מחלוקתן מיטן בונד (אַליין אַ מזרחי געווען). קומט אַמאָל יאושזאַן אַריין, געווען אַ אָר־מעטיק־גרויער וואַרשעווער הערבסט־טאָג. זיצט ער ביים פענסטער, דריקט דעם הויכן לומדישן שטערן צו דער שויב, באַמקעט מיט די פינגער אין פענסטער־פּאַראַפּעט און ברומט אַ ניגונדל. און עס פאַרפירט זיך אַ שמועס וועגן יידישע עיקר־זאַכן, קיום־פּראָבלעמען, מיילן־ווייט אַוועק פון דער דאַיקייט און איצטיקייט און יאושזאַן רעדט מיט אַסך הארץ, מיט אַסך אי־בערלעבונג, און זייער אַסך . . . טאָלעראַנץ. — חברים, וואָס האָבן מיט אים פאַרבראַכט נאָכן אַנטלויפן פון וואַרשע, 1939, דערציילן, אַז ער פלעגט מיט יאוש טענהן, אַז ווי די מלחמה זאָל זיך נישט ענדיקן — שרייבן וועט ער מער נישט. טאַקע אַ יאושזאַן . . .

1942

קלמן ליס

1903 אין א וואָלינער שטעטל, 1928 זיך באַזעצט אין וואַרשע, 1939 — טראַגישע ידיעות וועגן אים. ער האָט דעמאָלט געוווינט אין אָטוואָצק.

אַ פּאָר יאָר נאָך די גרויסע טומלען, נאָך די גרויסע אַמעריקאַנישע באַזוכן, ווען סאַי אין וואַרשע אַליין און סאַי אויף דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור־וועלט האָט מען שוין געוווסט, אַז פון וואַרשע וועט שוין די דערלייזונג מער נישט קומען, פּרץ וועט שוין מער נישט אויפשטיין תחית המתים, לייוויק וועט זיך נישט באַזעצן אויף שטענדיק אין וואַרשע, די פּוילישע רעגירונג וועט ניט געבן קיין קולטורעלע אויטאָנאָמיע, די יידישע שולעס וועלן שוין אַזוי וועגעטירן, קיין יידישע גימנאַזיע אין וואַרשע וועט נישט זיין און קיין אוניווערזיטעט אין יידיש אין ווילנע — און עס האָט זיך שוין בכלל אָנגעהויבן אַרויסצוזען דער שאָטן פון יעדער זאַך און דער שאָטן האָט זיך אַלעמאָל מער און מער אויסגעצויגן . . . אַ פּאָר יאָר נאָך די גרויסע טומלען איז אַראָפּגעקומען קיין וואַרשע — אַרום 1928 — קלמן ליס.

ער איז געקומען מיט ברען. נישט קיין הויכער, דערפאַר אָבער זייער אַ קרעפּטיקער, מיט אַ טונקל־בלאָנדער טשופּרינע גלאַטע האָר, וואָס פאַלן אים כסדר שקאַציש אין די גרויסע, צעשמייכלטע אויגן, מיט חן־גריבלעך אין פּנים און מיט אַ זייער הויכן טאָן אין רעדן און אין טון. און אַזוי ווי ער שטאַמלט אביסעל — העלפט ער זיך מיט דעם, וואָס ער שרייט זיך אַליין איבער . . .

ער איז געקומען פון וואָלין מיט אַ סטאַזש. אַז מען האָט דערזען זיינע לי־דער, געשריבן אויף זייער גרויסע בויגנס פּאַפּיר, מגילות ממש, מיט גרויסע אותיות, וואָס שרייבן זיך אַליין איבער, אויב דאָס קען געשען, און אַז מען האָט זיי געלעזן און געזען, אַז זיי זענען ריטמיש און לאַגיש און מען האָט אים געזאָגט אָן ברען, פּאַוואָליע און געלאַסן, אַז מען קען איינס פון זיי אויס־קלויבן און דרוקן — האָט ער זיך לפּנים מיט דעם גאַרנישט איבערגענומען, מחמת ער איז געקומען קיין וואַרשע שוין מיט אַ סטאַזש. ער האָט שוין געדרוקט לידער אין „וואָלינער לעבן", אָדער „וואָלינער שליאַכן" צי „פּינ־סקער בלאַטעס" — — מען האָט אין פּאַריסענעם וואַרשע קיינמאָל נישט געדענקט וויאַזוי די צייטונגס־שוועמלעך פון דער פּראָווינץ האָבן זיך דאָרט גערופן . . . און קלמן ליס האָט זיך נישט געלאָזט שפּייען אין זיין וואָלי־נער, פּויעריש־געזונטער קאַשע, ער האָט גלייך פונאַנדערגעוויקלט די „וואָ־לינער שליאַכן" און באַוויזן שוואַרץ אויף ווייס . . . נו מילא, אויב דרוקן

איז ביי אים גאָרנישט, וועט מען נישט דרוקן . . . אָבער דאָ האָט זיך שוין ליס דערשראָקן און באַלד גענומען געבן רעשט פון זיין שטאָלץ. איז מען בע־סער געוואָרן און מען האָט יאָ געדרוקט. אַ, וואָס פאַר אַן אָפּטימיזם אין די לידער איז געוועזן. און וואָס פאַר אַן אָפּטימיזם אין גאַנצן ליס.

איינמאָל קומט ער אריין צו מיר און ער לאַדט מיך איין צו גיין מיט אים היינט אויף אַ גרויסן קאָנצערט. בילעטן טייערע. בין איך פאַרחידושט. קלמן ליס אָבער קלערט עס אויף זייער פשוט. ער האָט אַ גרויסע, שיינע לעגיטימאַציע אלס מיטאַרבייטער פון זיינע „וואָלינער שליאכן" און די דאָ־זיקע לעגיטימאַציע עפנט אים טיר און טויער. ליווירטע טעאַטער־דינערס בוקן זיך נאָך פאַר אים בשעת זיי לאָזן אים אריין אין די זאַלן. שוין אַ צייט ווי ער נעמט כסדר מיידלעך אויף קאָנצערטן וויל ער מיך אויך אמאָל מיטנעמען . . . עפּיס האָט געשטראַלט פון אים אַזויפיל אויפריכטיקייט און לעבעדיקייט און אמתדיקייט, אַז אַפילו די ליווירטע, אייביק בייזע און אומ־גלויביקע טיר־שטייערס האָט עס באַווירקט . . .

די וואָכנטלעכע ביילאַגע צו דער „פּאָלקסצייטונג" — „פּאָלקסצייטונג פאַר ליטעראַטור", וואָס איך האָב רעדאַגירט, האָט אמאָל אויף אַ גרויסער, בונדישער פאַרזאַמלונג דורכגעפירט אַן עפנטליכע אַנקעטע צווישן אירע לעזער וועגן דעם בעסטן ליד פון יאָר. אויך אַ ליד פון קלמן ליס איז פאַר־געלעזן געוואָרן, אָבער ווי אַ זאַך מאַכט זיך, דאָס לאַנגאַטעמדיקע ליד האָט נישט אויסגענומען ביים עולם. ליס האָט אָבער געקעמפט פאַר זיין אַנער־קענונג, גענומען אַ וואָרט, פאַרטיידיקט זיין גייסטיק קינד ווי אַ טיגער, דער זאַל האָט זיך צעטיילט אין צוויי פּאַרטייען, די ליס־פּאַרטיי איז געבליבן אין אַ קליינער מינדערהייט. די פאַרזאַמלונג איז שיִר נישט אויפגעריסן געוואָרן. ער האָט געגלויבט אין זיין ליד מיט פאַנאַטישן ברען.

אַז מיר זענען איינמאָל געוואָר געוואָרן, אַז ליס נעמט איבער די אָנפי־רונג פון דער יידישער אַנשטאַלט פאַר דעפעקטיווע קינדער אין אָטוואָצק — האָבן מיר געשפּאַסט און נישט געגלויבט. מיר האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז אַ טעות: ער איז דאָרט אויפגענומען געוואָרן ווי אַ פּאַציענט . . . דאָס איז נאָר געוועזן דערפאַר ווייל אין זיין אייביקן ברען פאַר זיין צעפלאַכטן, פּויע־ריש, וואָלינער, ברייטשליאַכיק ליד האָט אונז ליס פאַרגעסן צו זאָגן, אַז ער האָט אסך וועלטליכע בילדונג, אַז ער איז אַ געענדיקטער פּעדאַגאָג און אפילו אַ ספּעציאַל־פּעדאַגאָג — — און ער האָט מוסטערהאַפט אָנגעפירט מיט דעם אַנשטאַלט צוזאַמען מיט זיין העכער פון אים און אביסל עלטער פון אים חנעוודיק און רויט־האָריק ווייב. אַ בת הרב איז זי געוועזן און צו ליסן איז זי געקומען נאָך דעם ווי זי האָט אויפגעקניפּט אַ פריערדיקע טראַגישע פאַר־

בינדונג מיט דעם פאָלקלאָריסט שמואל רובינשטיין. איך האָב אַמאָל ליסן באַזוכט אין אָט דעם אַנשטאַלט. די דעפעקטיווע קינדער האָבן אים אַזוי פאַר־כאַפּט אַצינד אַזוי ווי אַמאָל זיינע לידער. כאָטש די לידער האָט ער נאַטיר־לעך נישט אויפגעגעבן. פאַרקערט ער האָט איצט געאַרבעט איבער פּוש־קין־איבערזעצונגען, איבער אַ גרויסער פּאָעמע „דאָס ליד פון פעטער באַט־ראַק" און איבער קינדער־לידער. און די טראַגישע קינדער האָבן אים נאָכ־געפאָלגט ווי די שעפעלעך אַ גוטן פאַסטעך. זייערע אויגן האָבן געהאָנגען אָן זיינע ליפּן און געוואַרט אויף זיינע באַפעלן אַזוי ווי פאַרכשופטע. און פונקט ווי די קינדער אין זייער דירעקטאָר, אַזוי איז ליס געווען פאַרליבט אין זיינע משונהדיקע קינדער — ער האָט מיר מיט אַזאַ ענטוזיאַזם דעם גאַנצן טאָג, וואָס איך האָב דאָרט פאַרבראַכט, דערציילט וועגן זיי, אַז ווען איך בין פון דאָרט אַרויס אין שפּעטער נאַכט האָט זיך מיר געוואָלט עפּיס אַ שפּרונג טון, אַ געשריי טון — ווי אַ דעפעקטיווו קינד . . . וואַרשע איז גע־פאַלן, סעפּטעמבער 1939, דער נאָמען פון קלמן ליס פלוצלונג אין די הויפּט־קעפּלעך פון אַלע יידישע צייטונגען. אַ דייטשע לופט־באָמבע האָט צע־שטערט דעם מאָדנעם אַנשטאַלט מיט לערער און קינדער. זאָל דאָס מעגליך זיין, אַז דאָס איז געווען דער פאַקטישער סוף פון זיין טריומפאַלן קומען קיין וואַרשע ?

1944

יחיאל לערער

אַרום 1900 אין א שטעטל נעבן װאַרשע. 1939 געבליבן אין װאַרשע. 1943 — טראַגישע ידיעות װעגן אים.

אין איין שיינעם טאָג ערגעץ אין די צװאָנציקער יאָרן איז איטשע מאיר װייסענבערג אַריינגעקומען אין שרייבער־קלוב מיט א שפּאָגל־נייער ברכה און גליכצייטיק מיט א שפּאָגל־נייער קללה אויף זיינע װינטצעהאַק־טע ליפּן. די אביסל קאַלמיקישע אויגן האָבן געשפּריצט מיט אומבאַגרע־ניצטער ליבע צו עפּיס און אומבאַגרעניצטן כעס אויף עפּיס. כעס אויף דער גאַנצער יידישער ליטעראַטנשאַפט פאַרװאָס זי באַגראָבט זיך נישט מאָ־מענטאַן לעבעדיקערהייט, פאַרװאָס זי פאַרברענט נישט מאָמענטאַן אַלע אירע װערק — אויס אכטונג צום נייעם ליטעראַרישן שטערן, װאָס איז אויפ־געגאַנגען אין איינעם פון די נייע נומערן פון „אינזער האָפענינג". דער נייער שטערן, װאָס װעט בקרוב װי אַ מין סופר־נאָװאָ (דאָס איז נישט װיי־סענבערגס א װאָרט װייל ער האָט פון דער אַסטראָנאָמיע נישט געהאַלטן — געהאַלטן אפילו די טעאָריע, אז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון איז א שװינדל פון די אינטעליגענטן בכלל און די ליטװאַקעס בפרט) איבערשיינען אַלע שטערן אויפן ליטעראַרישן הימל, האָט דאָסמאָל געהייסן יחיאל לערער. דאָס גרויסע װערק פון דעם נייעם דיכטער האָט געהייסן „שאול און דוד". עס איז געװעזן א פּאָעמע. װייסענבערג האָט אונטערגעטראָגן דעם און יע־נעם א פּאָר שורות פון דעם נייעם װערק און נאָך איידער דער אָדער יענער האָט צייט געהאַט אפילו די שורות צו לעזן איז װייסענבערג שוין גלייך גע־װעזן גרייט דורס צו זיין מיט א קניפּיקל. עפּיס האָט אין דעם לערערן נאָך מער געװירקט אויף אים װי אין די אַנדערע װערק פון זיינע אַנטדעקונגען. אָבער דאָס װערק האָט קיין גרויסן רושם נישט געמאַכט. דער יונגער מאַן, װאָס האָט זיך נאָך דעמאָלט פערזענליך נישט באַװיזן, האָט זיך עפּיס גאָר־נישט געקענט מסתמא קיין עצה געבן — פון איין זייט זאָגט מען אים, אז נישט האָט ער געשריבן װעגן שאולן, נאָר ער איז אַליין ממש דער שאול, דער ערשטער קעניג פון יידישן ליד . . . פון דער אַנדערער זייט א פּאָר לעפּליכע רעצענזיעס, געשריבן מער אויס מורא פאַר װייסענבערגן װי פון אינערליכער איבערצייגונג. א רעטעניש. דער שװייגנדיקער יונגער מאַן איז נאָך שװייגנדיקער געװאָרן. צוריקגעפאָרן אין זיין שטעטל, צו זיינע זאָרגן, צו זיין משפחה, צו זיין נויט. דאָ און דאָרט האָט מען אים שוין גע־האַט געזען. אונטער־מיטל װוקס, א העל־בלאָנדער, א קאָפּ קוטשעראַװע האָר, בלאָנד און קוטשעראַװע, װאַסערדיק־בלויע אויגן און זייער יידישע, און בכלל א פּנים פון א טיפּיטשנעם העלבלאָנדן ישיבה־בחור. די פּאָליטיק,

וואָס ווייסענבערג האָט מיט אים געפּירט איז איהם ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען, ער האָט קיין פליג אויף דער וואנט נישט געטשעפּעט און נישט געוואָלט טשעפּען. ער האָט געוואָלט שרייבן, דרוקן זיינע ווערק, נישט מישן זיך אין גאָרנישט און דער עיקר האָבן אביסל פּרנסה, כאָטש א קליין ביסל פּרנסה. אַז ער פלעגט זיך אַמאָל צוזעצן צו חברים פלעגט ער זיצן פון דער זייט אַביסל, נישט אַרויסרעדן א וואָרט, נאָר קוקן מיט די אביסל שפּיציקע אויגן, וואָס זייער בליק האָט זיך נישט געפּאסט צו זייער גרויסקייט און בלויקייט, קוקן און טראכטן וועגן ווייב און קינד אין דער היים. ווארום טאָמער איז מען נאָר צוגעגאַנגען צו אים און א רעד געטון א וואָרט האָט זיך דער שמועס באלד געדרייט ארום פּרנסה. עפּיס א שטילע עסנדיקע נויט איז אלע־מאָל געוועזן ארום יחיאל לערערן ווי עס געראָט אמאָל א שטילע, עסנדיקע קעלט, וואָס נעמט דורך די ביינער. ער האָט געשטאָמט פון ייחוס. די נויט אין דער היים האָט געוואָרפן קיין ווארשע און ווארשע האָט צוריקגעוואָרפן אין שטעטל אַריין. און ווייסענבערג האָט געקערט וועלטן און געשאָלטן די וועלט. אָבער דאָס קומט נישט צו קיין פּרנסה.

דער יונגער דיכטער האָט דאָך זיין וועג געפונען אין דער ליטעראטור, אויפגעשריבן „מיין היים״ זיין אידיליע פון דער נויט פון א קליינשטעטל־דיקער אראָפּגעקומענער משפּחה — אויב אידיליע און נויט זענען א פּאָר . . . דאָס ווערק, פריער אין פראגמענטן געדרוקט, האָט אויסגענומען. שלום אַש אַליין באַגריסט מיט התלהבות דעם דיכטער און שיר נישט מיט די זעלבע ווערטער ווי אמאָל ווייסענבערג . . .

און פון די אלע גליקן באשליסט יחיאל לערער צו ווערן א חלוץ און אויסצווואנדערן קיין ארץ ישראל. ער פארשרייבט זיך אויף א חלוצים־פאַרמע און ער גרייט זיך אין וועג אַריין: כל זמן מען האָט געהאַט צו טון מיט דער היימישער אָרגאניזאציע גייט עס נאָך. מען איז אפילו שטאָלץ, וואָס אַ באַקאַנטער דיכטער ווערט א חלוץ. לערער איז איבערגליקלעך. פון צייט צו צייט קומט ער אַריין אין שטאָט . . . אין זיינע בלויע אויגן — א שמייכל. זיין בלייכע הויט פון א צו שטאַרק בלאָנדן איז רויטלעך פון דער זון אָפּגע־ברענט. נאָר איינמאָל פּארטרויט ער מיר שטילערהייט א סוד. מען הויבט אים אָן צו מאַכן שוועריקייטן — ער איז שוין לויט די יאָרן צו אַלט אריינ־צוגיין אין דער קוואָטע פון די חלוצים. פון די, וואָס דארפן טאקע פאָרן, קריגן וויזעס און פאָרן. ווארום נאָר דאָס קען דאָך זיין די לעצטע רעטונג.

און נאָך א חודש גייט אוועק, נאָך א חודש, און איינמאָל קומט ער אריין אין א גרויסער פארצווייפלונג — כוחות ארבעטן קעגן אים. מען וויל אים מיט אַלע מיטלען אַרויסשטופּן פון דער קבוצה — א יינגערן פון אים אריינ־

שטעלן אויף זײַן אָרט. דיכטער אַהין, דיכטער אַהער — ער איז פֿאַרט שוין צו אַלט און געזעץ איז געזעץ. דאַכט זיך, אַז די גרעניץ איז געװעזן 33 און לערער איז שוין דעמאָלט עלטער געװעזן. און װידער איז זײַן בליק פֿאַר־שפּיצט און פֿאַרצװײפֿלט און װידער קײן שפּור פֿון קײן שמײכל. די הענט, די בלײַכע, די חסידישע, װאָס האָבן זיך שוין אַביסל דערכאַפּט אויף די פֿעלדער זענען שוין װידער פֿאַרבראָכן אין אויסגאַנגלאָזן צער. אײנמאָל זאָגט ער מיר: — מיט װיפֿיל צער און דורך װיפֿיל שלאָפֿלאָזע נעכט איך האָב געשטרעבט צו מײַן ביסל ליטעראַרישן שם — אַפֿילו אַ רגע נישט געטראַכט װאָלט איך עס אָפּגעגעבן איצט פֿאַר אַ װיזע מיט אַ פּאַס, מיט אַן אויסזיכט אויף אַ שטיקל ברויט. זאָל שוין נישט זײַן קײן ארץ ישראל. זאָל שוין זײַן הינטער די הרי חושך . . . אָבער אַפֿילו הינטער די הרי חושך האָט ער קײן פּאַס און קײן װיזע נישט באַקומען און ער איז געבליבן אין װאַרשע. אײנמאָל קומט ער אַרײַן מיט אַ גליקלעכן פּלאַן: פֿאַלשעװען די יאָרן אויפֿן פּאַס . . . אָבער דאָס פּנים איז דערבײַ פֿון צער נאָך צען יאָר עלטער װי די אמתע יאָרן.

1943

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

געבוירן אין קארטוז־בערעזע, געוווינט אין אָדעס, קיעוו, ווארשע, פאריז, זינט 1935 אין ניו־יאָרק.

דר. מוקדוני איז זייער א פּאַטעטישער מענש, לויבט־הויבט ער איינעם — איז מיט גרויס פּאַטאָס, און רייסט ער אַראָפּ — להבדיל — איז אויך מיט גרויס פּאַטאָס. קאַדיע מאלאדאווסקי האָט מזל ביי אים און ער האָט איר גע־געבן דעם צונאָמען פון דער פּרעזידענטין פון אמעריקע „די ערשטע ליידי פון דער יידישער ליטעראַטור״. דזשענטלמענער ווי מיר זענען, מיר יידישע שרייבער, האָבן מיר דאָס אָנגענומען באהבה, וויאזוי די אנדערע ליידי־דיכ־טערינס האָבן רעאגירט — ווייס איך נישט. קאַדיע אַליין האָט זיכער זייער שטאַרק געלאַכט, ווי איר שטייגער איז, און — ווי דער שטייגער פון זינדיקע מענשן — דעם קאָמפּלימענט גענומען אביסל ערנסט. אָבער נישט דאָס בין איך אויסן.

עפּיס קען איך מיך בשום אופן נישט דערמאָנען וויאזוי קאַדיע האָט זיך פּאַיאַווועט אויפן ליטעראַרישן הימל אין ווארשע אין די צייטען פון דער „כאַליאַסטרע״. עפּיס פּלוצלונג איז זי דאָ געוועזן, אויסגעקאָכט מיט אַלע־מען נאָך פון די קיעווער און די אָדעסער צייטן, און ווו מען זעט זי — לאַכט זי, האַלט זי אין איין לאַכן, און ווו מען רעדט וועגן איר, רעדט מען זייער באַזאַרגט, ווייל קאַדיע איז נישט געזונט אויף די לונגען און דאַרף האָבן כאָטש אַ יאָר אָטוואָצק מיט די טרוקענע זאמדן און די שמעקעדיקע סאָסנע־ביימער. און סוף כל סוף האָט זי דאָרט פאַרבראַכט א צייטלאַנג, והא ראיה — איהר סעריע לידער פון דאָרט, וואָס האָט געמאַכט אזא טיפן רושם. קאַדיע איז געקומען קיין ווארשע באַלד מיט א ליטעראַרישן סטאַזש פון אסך אָנערקענונג פון דעם סאַמע אנערקענטסטן אין דער יידישער ליטעראַטור — דוד בערגעלסאָן. און בערגעלסאָן און קונסט — סינאָנים.

איך ווייס נישט צי קאַדיע איז אַ קראַסאַוויצע, זי איז אָבער זייער אַ חנעוודיקע, א טונקל־חנעוודיקע, מיט א פּריטשאָסקע, אַ שרינט אין מיטן קאָפּ, און אָנטון טוט זי זיך אָן זייער פּשוט, אויף אזויפיל אויף וויפיל עס סטאַיעט, און עס סטאַיעט אויף א חנעווידער, פּויערישער קראַיקע אַמאָל אין בעסטן פאַל, אָדער אויף א נייעם דריי פון דעם זעלבן הוט. נאָר דאָס אַלץ ווערט באַשיינט פון דער שפּילעוודיקער ממזרישקייט פון די גוטמוטיקע אויגן, וואָס זענען אלעמאָל גרייט צו לאַכן ווען זיי זעען אַ מענש און זענען אָזוי פול מיט טרערן אין קאַדיעס לידער. א נחת ממש איז געווען צו זען אַ באַגעגעניש פון קאַדיען מיט י. י. זינגערן. זינגער איז אלעמאָל פול מיט

הומאָר און מיט וויץ און קאַדיע איז דאָס דאַנקבאַרסטע פּובליקום זיינס. איי־דער זינגער זאָגט נאָך אַרויס דעם כאַפּ פון א וויץ — לאכט שוין קאַדיע און לאאאכט און מיר אלע לאַכן מ.יט און מיר ווייסן אפילו נישט פאַרוואָס. דאָס אַלץ איז געווען אין די גוטע, ווארשעווער כאַליאַסטרע־יאָרן.

קאַדיע איז א געבילדעטע, און כאָטש מ.יר ווייסן עס, איבערראשט עס אונז אלעמאָל אויפסניי, אסך אלגעמיינע בילדונג, און נישט ווייניקער יידישע און לשון־קודש ווי א פארצייטישע בת הרב. זי ווערט א לערערין אין ווארשעווער יידישע שולן, וווינט אין דער מיטן פון דער דזשיקע־גאַס אין דער טיפעניש פון איינעם פון די דאָרטיקע וווּנדערלעכע הויפן אין א פינסטערלעכן צימער צוזאַמען מיט איר ברודער, אַן עלעקטראָטעכניקער. אַמאָל איז זי שפּעט אין אַוונט אהיימגעקומען, זעט זי אַ יידישן גנב ביי זיך אין שטוב און אָט פּאַקט ער שוין צוזאַמען די גאַנצע אָרימקייט. אָבער קאַדיע פארלירט זיך נישט און נעמט זידלען דעם גנב ווי דעם לעצטן. איר אַזוינער און אזוינער, אַן אָרי־מע לערערין, אַ יידישע, וואָס לערנט מיט אָרימע יידישע קינדער, ווילט איר באגנבענען? און ווארשעווער יידישע גנבים האָבן געהאַט כשרע יידישע הערצער און שיינע טראַדיציע. דער גנב — נעבעך — האָט נישט געוווּסט ווו זיך אַהינצוטון. אן אַיינזינקעניש האָט ער זיך געווונשן. און — אזוי גייט די מעשה, און מיר האָבן קיינמאָל נישט געוואָלט דערגיין, צי דאָס איז טאקע אמת, ווייל די מעשה איז צו שיין — אויף צו מאָרגנס האָט ער געבראכט א גנביש פעקל, א מתנה פאר דער פאָלקס־לערערין. קאַדיע איז קוים פטור געוואָרן פון דעם ברייטהארציקן נדבן מיט זיין גנבישער מתנה.

קאַדיעס מאַן איז דער שרייבער, געשיכטע־פאָרשער שמחה לעוו. און די אָרימקייט האָט זיי געצוווּנגען צו יאָרן־לאַנגער צעשיידקייט. לעוו האָט שטודירט אין פאַריז. האָט מען ביי אונז דערציילט וועגן א פינפער־זלאָטע, וואָס גייט כסדר אין די בריוו פון דעם פאָר־פאָלק אהין און צוריק. איינמאָל שרייבט קאַדיע, אַז עס גייט איר בעסער, מ.ען צאָלט פּינקטלעכער אין דער „צישא״ און זי האָט פארשפּאָרט א פּאָר גילדן און אָט זענען זיי. און אין אַ חודש אַרום שרייבט שמחה, אַז ער האָט איצט מער ארבעט — ער האָט זיך אויסגעהאלטן בשעתן שטודירן פון זעצעריי — און ער קען פארשפּאָרן אַ פּאָר פראַנק. און אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז דאָס פינפערל ווידער גע־גאנגען צוריק קיין פּאַריז. און מיט ליבשאַפט האָבן מיר די אַלע אַנעקדאָטן צוגעטראכט ווייל מיר האָבן זייביידע ליב געהאַט קאַדיען און שמחהן.

קאַדיע האָט געהאַט א פאָטער אין וואַרשע, ער איז שפּעטער אַוועק קיין אַמעריקע, איז ער זייער ענלעך געווען צו זיין טאָכטער, און אַז ער האָט זיך אַמאָל פריילעך פאָרגעשטעלט פאַר מיר, און זיינע אויגן האָבן גע־

שמייכלט אַזוי ווי קאַדיעס און ער האָט מיר געזאָגט „מאַלאַדאָווסקי" בין איך אַזש פאַרוווּנדערט געוואָרן, אַז אַ מאַן קען אויך הייסן מאַלאַדאָווסקי — אַזוי פּרויִאיש האָט מיר צוליב קאַדיען געקלונגען אָט דער נאָמען.

און אָט איז 1939 — נאָך שבֿעה מדורי גיהנום פֿון וויזע־מאַטערנישן — האָט זיך קאַדיע ענדלעך באַזעצט אין ניו־יאָרק — און איך באַגעגן זי דאָ צום ערשטן מאָל. יאָ, און נישט דיזעלבע קאַדיע. זי וווינט אין אַ זוניקער שטוב אין אַן אַלטן הויז „דאַון־טאַון" — און וואַזאָניקלעך זענען היימיש אַנגעשטעלט אין שטוב און חבֿרים קומען דאָ אַהער פֿאַרברענגען אַ וואָר־שעווער, אָדער קיעווער שעה אין מיטן ניו־יאָרקער הו־האַ. און אווירא דניו־אָרק מאַכט איינעם ענערגיש. און קאַדיע שרייבט אַ דערפֿאַלגרייכן ראָמאַן אין דער פֿאָרם פֿון אַ טאָג־בוך און דער ראָמאַן דערשלאָגט זיך סוף כּל סוף אַפֿילו צום ראַדיאָ. און אַ רעדאַקטריסע פֿון אַ צייטשריפֿט ווערט זי. איינע פֿון די ערשטע און אפֿשר די סאַמע ערשטע אין דער יידישער ליטעראַטור צו טראָגן רעדאַקטאָרסקע הויזן. נאָר דאָס איז אַלץ נישט דער תּוך, דאָס זענען זייטיקייטן. קאַדיע איז אַ דיכטערין און אין אירע לידער ווײַנען אַלע יידישע מאַמעס פֿון די אמהות אָנגעהויבן, יעדע מיט איר באַזונדערן מאַמע־פּרווישן־צער, און עס ווײַנען די מאַמעס פֿון די יידישע רעוואָלוציאָנערן, און די אָרימע מיידלעך, וואָס פֿאַרברענגען זייערע יונגע יאָרן אין תּפֿיסה, אָדער זייערע ליבעס־ראַנדקעס ביי די זע־פֿענסטערלעך מיט די אָרימע „וואַלאָוקעס" פֿאַר זייערע חתנים. — נאָך אין וואַרשע און שפּעטער אין ניו־יאָרק האָב איך אַמאָל געזען ווי יונגע געזונטע מענער לויפֿן צו צו קאַ־דיען ווי זין — אירע תּלמידים. און זי פֿרייט זיך מיט זיי ווי מיט זין. קאַדיע האָט נישט קיין קינדער.

1943

איציק מאנגער

1900 אין יאס — אלערליי קרייז־און קווער־יאַזדעס אין אייראָפּע. זינט 1928 אין וואַרשע. 1938 פּאַריז. 1939 אַ מין בנימין־השלישי־רייזע קיין ארץ ישראל און געלאַנדעט . . . אין לאָנדאָן.

מאנגער האָט ליב צו דערציילן, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין בערלין און אַז זיינע שטאַמפּעטער זענען געוועזן קאַטוילישע בישאָפן מיט דעם זעלבן נאָמען מאנגער. אמת איז נאָר, אַז עס איז דאָ אַ שטאָט מיטן נאָמען בערלין. און אויך בישאָפן מיטן נאָמען מאנגער. צו וועלן זיין אַן . . . אייניקל פון אַ קאַטוילישן בישאָף איז שוין אַליין פאַר זיך אַ קוריאָזיטעט . . .

איציק מאנגער — זיין נאָמען אָפיציעל איז איסידאָר העלפער — איז ממש זינט דעם ערשטן טאָג ווען ער איז אַריין אין דער יידישער ליריק געווען דאָס „אנפאַן טערריבל" פון אונזער ליטעראַטור. און אַריין איז ער דווקא באַלד מיטביידע פיס און הגם מען האָט פיינט שאַדנווינקלען, האָט מען אָבער אין פאַל מאנגער באַלד געוווּסט, אַז די צרה איז לכתחילה אונזערע און מען וועט זיך שוין מיט איר מוזן האַלטן, אַזויצוזאָגן. האָט מען טאַקע באַלד זיך גענומען צו דער ארבעט נישט חלילה אַרויסטרייבן מאנגערן פון דער ליטעראַטור, ווייל מען האָט באַלד געזען, אַז דאָס איז אוממעגלעך, נאָר אַרויסטרייבן דעם שאַדן־ווינקל פון מאנגערן. נאָר ארויסגעוויזן האָט זיך, אַז אָט דאָס צווייטע איז נישט ווייניקער אוממעגלעך ווי דאָס ערשטע . . .

און איך האָב מאנגערן דווקא ליב אָט אַזוי ווי ער איז. אַז איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל דערזען, בין איך באַלד עפּיס מאָדנע בייז געוואָרן אויף אים. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער באַמיט זיך צו אימיטירן פּרץ מאַרקישן אונזערן — פון די גוטע „כאַליאַסטרע"־צייטן — וואָס ער ווידער פון זיין זייט האָט זיך באַמיט צו אימיטירן יעסיענינען און מאַיקאָווסקין. אויך מאנגערן פונקט ווי מארקישן האָט גאָט באַשאָנקען מיט אַ פעכשוואַרצער טשופּרינע, נאָר מאנגערס טשופּרינע איז שוואַרצער און געדיכטער. איך וואָלט אַפילו געוואַגט צו זאָגן, אַז די אמתע מארקיש־טשופּרינע האָט גאָר באַקומען מאנגער און מארקיש בלויז אַ בלאַסע קאָפּיע . . . און טוט מיר עפּיס. אָט אַזאַ אַפּיקורס בין איך. און נאָך אַ טאָג באַקאַנט זיין מיט מאנגערן האָב איך אים פונקט אַזוי ליב באַקומען ווי איך האָב אים אין די ערשטע פאַר מינוטן פיינט באַקומען. און די ליבשאַפט איז געבליבן. כאָטש צרות האָט ער מיר — און איך בין אין דעם זינען נישט קיין בן יחיד, ברוך השם פאַרשאַפט גענוג.

פונקט ווי מען העצט אין יעדער משפּחה די „שוואַרצע שאָף" דאָ פון רעכטס אויף לינקס און דאָ פון לינקס אויף רעכטס, אַזוי האָט מען אויך אין אונזער שרייבערישער משפּחה אין וואַרשע געהעצט מאַנגערן אויף אַלע זייטן. אַלע מאַנטיק און דאַנערשטיק האָט מאַנגער באַלאַנגט צו אַן אַנדערן לאַגער און אַלעמאָל האָט אים דער, גראַד אין יענעם טאָג פריינטלעכער, לאַגער פּרייגעהאַלטן מיטן ביטערן טראָפּן, וואָס ער האָט נישט פיינט געהאַט. ער האָט די ליבשאַפט באַקומען בירושה פון זיין זיידען — האָט ער אונז דער־ציילט — מעגלעך אפילו, אַז פון עלטער־זיידן (נח'ן אָדער לוט'ן) און אויך פון דעם לאַנד פון וועלכן ער האָט געשטאַמט — בעסאַראַביע. קיין בייז נישט. איינער שרייבט בלויז מיט טינט, אַ צווייטער שרייבט מיט טינט און מיט בלוט און מאַנגער האָט געשריבן — און וויאַזוי געשריבן דאַרף מען קיינעם נישט דערציילן, ווייל ער איז צופיל פּאָפּולער — מיט דער הילף פון א דרייפאַכער מיקסטור: טינט, האַרץ־בלוט און י"ש. עס איז זיין זאַך און אונזערע זענען זיינע לידער.

דאָס איז פאַר מיר געווען די ליבסטע זאַך פאַר א פאַרלעזונג מאַנגערס אַרויפצושטעלן אים אויף א שטול, אַרומצופוצן די שיך, אַרומצופוצן די מלבושים, שפּעטער פאַריכטן דעם שניפּס און אַרויסצולאָזן פאַר מענשן. און מאַנגער האָט גערעדט זייער אָפט זייער שיין, אימפּראָוויזירט פאַרביקע, דיכטערישע רעדעס — א נחת צו הערן. א דיכטער אין יעדן מילימעטער.

‚אַז מאַנגער האָט זיך שוין אָנגעטשעפּעט און אָנגעקריגט מיט יעדן, און אין זיינע טיפע אויגן איז נאָך געבליבן אביסל נישט־אויסגעשטורעמטער כעס, פלעגט ער אַריינקומען צו מיר, פריוון מזל. אָבער דאָ האָט די קאָסע פון זיין כעס (וואָס איז קיינמאָל קיין האַס נישט געווען צו קיינעם, נאָר גיכער האַס צו זיך אַליין און צו דער וועלט בלויז ווי, אומענדלעכער דאָן־קישאָטי־שער ווי, עכטער וועלטשמערץ) געטראָפן אויף א שטיין. איך האָב אים גע־זאָגט: דו ווילסט מיר אַוודאי זאָגן, אַז איך שרייב אָפּ מיינע לידער פון דיר, נאָר איך מאַך עס שלעכט? און דו ווילסט מיר אוודאי זאָגן, אַז איך לעב פון דיין פּראַצע ? און דו ווילסט מיר אַוודאי זאָגן, אַז איך בין א פאַלשיוועניק און דערצו א פאַרפאַלענע טאַלענטלאָזיקייט ? — א. א. וו. מאַנגער האָט אַלץ באַשטעטיקט. און איך האָב . . . אויך באַשטעטיקט: ס'איז אַלץ ריינסטער אמת — וואָס נאָך ווילסטו מיר זאָגן? — גאָרנישט מער, האָט מאַנגער גע־זאָגט, און זיין כעס איז אַוועק און ער האָט מיר געלייענט פון אויסנווייניק זיינע נייסטע באַלאַדן ווייל נישט נאָר זיינע אייגענע לידער קען ער אַלע פון אויסנווייניק, נאָר אויך א היפּש ביסל פון די גוטע לידער און באַלאַדן פון דער וועלט־ליטעראַטור אין אַלערליי שפּראַכן. מאַנגער איז א לעבעדיקע ענ־

ציקלאָפּעדיע פון דער וועלט־דיכטונג, ער פאַרמאָגט בכלל איבעראַשנדיק אַסך בילדונג. ווען האָט ער עס גאָר דערגרייכט, אַז פון דער פּריסטער יוגנט אָן איז זיין לעבן געווען פול מיט אַוואַנטורעס, וואָס יעדע צווייטע פון זיי האָט אים שיר נישט זיין לעבן געקאָסט. און ער נעמט אַלץ זייער ערנסט. רחל אויערבאַך, מאַנגערס וווּנדערבאַרע פריינדין פון אַסך יאָרן, האָט מיר אַמאָל מיט געוויין דערציילט, אַז בשעת דער דורך מאַנגערן „באַליידיק־טער" חבר דרייט זיך רויק איבער אויף דער צווייטער זייט אין פעסטן שלאָף דרייט זיך מאַנגער ווי אַ פאַרלאָזענער פאַרוווּנדעטער אַ גאַנצע נאַכט אויף זיין געלעגער און דאָס געוויסן פּייניקט אים פאַרוואָס ער האָט באַליידיקט אַ יידישן דיכטער, אַ חבר, אַ מענטש . . . מאַנגער איז טאַקע דאָס „אַנפאַן טער־ריבל" אונזערס, צום מייסטן טעראָריזירט ער אָבער זיך אַליין. מאַנגער איז אַ טאָטאַלער דיכטער־קינסטלער — נישט קיין עטיקער און נישט קיין אי־דעען־דיכטער. ער איז אפשר מער פאָרם ווי אינהאַלט, אָבער די יידישע פאָרם־קונסט זיינע איז אַזוי טיף־יידיש, אַזוי טיף געטטאָ־יידיש, אַז זי דערגרייכט אָפט מיט פאָרם אַליין גרעסערע אידעען־טיפן ווי עס דערגרייכן אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע אידעען־דיכטער. — אָן אַ סוף זענען מאַנגער־אַנעקדאָטן, אַ העלפט פון זיי האָב איך אַליין מיטגעמאַכט און די אַנדערע העלפט געהערט און זיי זענען אַלע ווערט פאַרשריבן צו ווערן — אָבער די ראַמען פון „מיין לעקסיקאָן" זענען צו קליין.

1941

יואל מאַסטבוים

1882 אין מעזריטש, דער עיקר געוווינט אין וואַרשע, אַ ציטלאַנג אין לאָנדאָן, זינט 1932 אין ארץ ישראל, אין 1939 געווײלט אין וואַרשע, באַצייטנס צוריק אַנטלאָפן קיין ארץ ישראל.

יואל מאַסטבוים איז אין וואַרשע געוועזן אַ קליינע אינסטיטוציע פאַר זיך. אַ קונסט־אינסטיטוציע. אַ מין פּאַוויליאָן געווידמעט צו אַלע מוזן. ער האָט אַלץ געקענט צוביסלאַך, אָבער אין דער ערשטער רייע האָט ער פּראַקטיקירט דאָס שרייבן. און אין שרייבן גופא האָט ער פּראַקטיקירט אַלע געביטען — אפילו אַ ליד פלעגט ער אויך אויפשרייבן פון צייט צו צייט.

אַ מאָדנע אומרויקייט, אַ מין מוזיקאַלישע אומרויקייט פלעגט מיט אים מיטגיין שטענדיק ווו נאָר ער האָט זיך באַוויזן. אָן אומגעדולדיקייט, אַ מין מוזיקאַלישע אומגעדולדיקייט. נאָר דער, וואָס האָט געקענט מאַסטבוימען וועט דאָס קענען פאַרשטיין וואָס דאָס הייסט מוזיקאַלישע אומרויקייט און אומגעדולדיקייט. דאָס איז אומדעפינירבאַר. אַסך זאַכן אַרום יואל מאַסטבוימען זענען געוועזן אומדעפינירבאַר.

אָט למשל פלעגט יואל מאַסטבוים זייער אָפט אויפטרעטן אַלס רעדנער, אָבער עס איז אוממעגלעך געוועזן צו דעפינירן וואָס דאָס איז אַזוינס געוועזן. נישט שווער איז עס געוועזן אים צו הערן רעדן און זיך היצן פּאַטעטיש און איראָניש שמייכלען, אויפהויבן און אַראָפּלאָזן די שטימע ווי ביים אויסשפּילן פון אַ סימפאָניע, דערצו האָט מאַסטבוים אַ טבע געהאַט אונטערצוטענצלען ביים רעדן און נישט איינשטיין אויף אָן אָרט, אויסצוואַקסן אַלעמאָל אויף אָן אַנדערן אָרט פון דער בינע. דאָס אויסדרוקספולע פּנים, די געדיכט־באַברעמטע, פאַרשאָטנטע אויגן, די צעפליגלטע אָדלער־נאָז, דער שיינער שטערן, די צעפלגויגענע טשופּרינע שוואַרצע האָר, אַלץ האָט פולסירט מיט לעבן און באַוועגונג ווען מאַסטבוים האָט גערעדט, דערצו האָט די שטימע געדונערט און אַלץ איז געוועזן אַזוי אָנגעשטרענגט ווי עס גייט אים אין לעבן עפּיס מסביר צו זיין דעם ברייטן עולם, וואָס אים אליין איז עס נישט נאָר זייער און זייער קלאָר. נאָר ער מוז עס אומבאַדינגט ברענגען צו דער ברייטער עפנטלעכקייט. עס גייט אים אין לעבן. ממש אין לעבן. נאָר אַז דו האָסט זיך צוגעהערט אַ האַלבע שעה און זיך גוט פונאַנדערגעקליבן, איז דיר קלאָר געוואָרן, אַז דאָ שטייט פאַר דיר אַ מאָדנער דיכטער, וואָס אימפּראָוויזירט און אַזוי ווי דער אָנהויב פון זיין אימפּראָוויזאַציע איז אים אַליין נישט קלאָר געוועזן, אַזוי איז אים אַליין נאָך ווייניקער קלאָר דער

ענדציל פון זיין אימפּראָוויזאַציע . . . און פלוצלונג האָט ער טאַקע א שאָס געטון מיט א פּאָר באַזונדערס בליציקע פראַזען און האָט פאַרענדיקט. נאָר נישט געקוקט אויף דעם פּאַטאָס האָט ער זעלטן געקראָגן שטאַרקע אַפּ־לאָדיסמענטן, דער עולם האָט אים שוין געקענט און געוווסט, אז דאָס איז בלויזע פאָרם, אויפריכטיקע פאָרם, אָבער וואָס האָט דער עולם דען געקענט מאַכן דערמיט?

יואל מאַסטבוים האָט זיך אויפגעצויגן אין א גלאָז־הוטע און לעזנדיק זיינע ווערק האָסטו אָפט געהאַט דעם איינדרוק ווי דער דיכטער וואָלט זיי ארויסגעבלאָזן פון זיך מיט היץ. און דערצו האָט אין זיינע ווערק אַלץ עפּיס אזוי גלאָזיק שימערירט און דערצו איז עס בראָכיק געווען. פּראַכטפולע מעטאַפערן — נאָר עפּיס אזוי ווי פון גלאָז . . . און קוריאָזן . . . ביי מאַסט־בוימען איז רעכט געווען אין א באַשרייבונג פון א שטוב צו זאָגן, אז אין ווינקל שטוב אויף א ברעטל זיצט נאַפּאָלעאָנס ביוסטל און רייט אויף א פערדל, אָדער אין א ליד אין פּראָזע, אז שלאַנגען רייטן שטיקער און פרעסן — אָט אזוי ווי שלאַנגען וואָלטן געפרעסן ווי טיגערן, בשעת שלאַנגען שלינ־גען בלויז. און דאָך האָבן מאַסטבוימס ראָמאַנען מאָדנע וועלטן פאַר איינעם געעפנט, מאָדנע געשטאַלטן געוויזן, מאָדנע סיטואַציעס דערציילט און אַלץ פון יידישן לעבן אין פּוילן, און אַלץ אַנדערש ווי אַלע אַנדערע שרייבער. מאַסטבוים האָט אַסך מיטגעקעמפט מיט די פּוילישע סאָציאַליסטן אין די ערשטע יאָרן פון דעם יאָרהונדערט, און דאָס לעבן, און דער עיקר די יידיש־פּוילישע סאָציאַליסטישע חברשאַפט איז אים נאָענט און אייגן געווען.

מאַסטבוים איז געווען איינער פון די לײדנשאַפטלעכסטע מעלאָמאַנען אין פּוילן, פלעגט זיין אַן אומזיסטער גאַסט אויף אַלע קאָנצערטן, ווייל די די־רעקטאָרן האָבן ליב געהאַט זיין הייס־הונגער נאָך מוזיק, צוליב איינצלנע אַזעלכע מאַסטבוימס פלעגן דאָך שפּילן די אָרקעסטערס און נישט צוליב די טויזנטער טויבע אויערן, וואָס פילן אויס די אודיטאָריעס. אויסצוזינגען פון אויסנווייניק פון ערשטן ביזן לעצטן טאָן האלבע — און דרייפערטלשעה־דיקע קלאַסישע סימפאָניעס איז פאַר מאַסטבוימען געווען די לייכטסטע זאַך אין דער וועלט, אויב עס האָבן זיך נאָר געפונען צוהערער. און צוהע־רער פלעגן זיך דווקא אָפט געפינען ווייל מאַסטבוים האָט מיטגעריסן מיט זיין באַגייסטערונג. אָט שטייט ער, ארום אים א רעדל חברים, ער דיריגירט מיט ביידע הענט, ברומט און זינגט דעם ניגון, טענצלט אונטער און די גרויסע פאַרשאָטנטע אויגן שיסן ממש מיט גליק.

א מאָדנע צעשויבערטע האַנטשריפט האָט ער, יואל מאַסטבוים, און אַז ער שרייבט עפּיס אָן, האָט ער א טבע צווייִמאָל איבערצוגיין מיט דער פּע־

דער די צעשויבערטקייטן און עס באַקומט זיך ווי ער וואָלט געשריבן מיט אַ פעדער, וואָס האָט אַ טאָפּל־שפּיץ — לעזן קען מען שוין קוים, קוים. דער־צו שרייבט מאַסטבוים זייער פלינק און גיך און איז גרייט צו שרייבן אויף יעדער טעמע און פאַרלאָזט זיך אויף זיין אינטואיציע און זיין פאַנטאַזיע. אַמאָל האָט ער געשריבן אַ ראָמאַן, סענסאַציאָנעלן ראָמאַן „נחומקעס וואַנ־דערונגען" — האָט ער דעם העלד אַרומגעפירט איבער גאָר דער וועלט, גענומען אים אפילו קיין אַרגענטינע. ער האָט אָבער דערצו קיין שום סטו־דיעס נישט געמאַכט, נאָר פאַרלאָזט זיך אויף דער פאַנטאַזיע און אַפּראָק־סימאַטיוּוע שאַצונגען.

מאַסטבוים האָט קיין סטאַבילע באַשעפטיגונג נישט געהאַט, פלעגט שרייבן פאַרן „מאָמענט", אָבער אין רעדאַקציע נישט געמוזט זיצן, זיין פרוי האָט געאַרבעט ביי שניידעריי, די קינדער דערוואַקסן, נו פלעגט ער פאַרפאַלן ווערן אויף וואָכן אויף דער פוילישער פּראָווינץ. זיין דערפאָלג־רייכסטע טעמע איז געווען „משפט איבער דער יידישער פרוי" און ער פלעגט דעם משפט אַליין דורכפירן, אַליין געווען דער פאָרזיצער, פּראָקו־ראָר, פאַרטיידיקער, אַליין אַרויסגערופן עדות און אויב די פּראָווינצער ווייבלעך און מיידלעך האָבן מורא געהאַט אַרויפגיין אויף דער בינע און זאָגן עדות, האָט עס מאַסטבוים אַליין געטון, שפּעטער האָט ער אַליין אַרויסגע־טראָגן דעם גרויזעלשאַפטלעכן משפט . . . אַ פאַרביקע און נאָך מער אַ קלאַנגפולע פערזענלעכקייט. און איינער פון די אָריגינעלסטע, כאָטש סטיל־צעשויבערטסטע פויליש־יידישע ראָמאַניסטן.

1942

פּרץ מאַרקיש

1895 — פּאָלאָנאָיע, וואָלין. 1921־1928 פּוילן. רייזעס אין דער לענג און ברייט פון אייראָפּע, אין דער לענג און ברייט פון אייראָפּעישן און אַזיאַטישן ראַטן־פאַרבאַנד. זינט 1928 — מאָסקווע.

ער איז טיף דורכגעזאַפּט מיט רוסישער שפּראַך און קולטור, מעג מען באַנוצן א פּאָר רוסישע ווערטער רעדנדיק וועגן אים. פּרץ מאַרקיש איז דער קראַסאַוועץ פון דער יידישער ליטעראַטנשאַפט און דערצו: אויב נישט — צווישן די פּאָעטן, אין דער פּראָזע איבערשטורעמט אים שלום אש — די סאַמע שטורמישסטע געשטאַלט. צוויי יאָר נאָך זיין דערשיינען אין דער יידישער ליטעראַטור אין דעמאָלטיקן יונגען ראַטן־פאַרבאַנד האָט מען אים שוין טויט־געגלויבט און אין טרויער וועגן זיין דיכטונג גערעדט ווי וועגן נבואה. צוליב איר שטורמישקייט און אומפאַרשטענדליכקייט און מיטרייסנדיקן פּאַטאָס און עטאָס. מעשה מרכבה. אז ער איז אין זיין דראַנג קיין מערב געקומען אין 1921 איבער ווילנע קיין וואַרשע האָט זלמן רייזען אים מיטגעגעבן אַן אַרטיקל־וויזיטקאַרטע: דער יונגער נביא. האָבן די אַלטע נביאים פון וואַרשע א טרייסל געטון די בערד און אַטאַקירט דעם אַריינדרינגלינג. בראשם רב הלל צייטלין. אין דער אמתן איז אָט דער אייביק יונגער געוועזן דער ערשטער, וואָס האָט מאַרקישן ריכטיק אָפּגעשאַצט אין זיין יידיש־הייסן האַרץ כאָטש גערעדט און געשריבן האָט ער אַנדערש. ער האָט אים באַלד געשטעלט אויף איין פּלאַטפאָרמע מיט זיך אַליין אַלס קעגנער . . . דאָס איז מדרגה. און די יונגע כאַליאַסטרע האָט אָנגעשפּיצט די יונגע חוצפּהדיקע בערד — בראשם מיין ווייניקייט — און געקעמפט מיט פייער און שווערט פאַר מאַרקישן. איך האָב אפילו א קאַמף־שריפט אַרויסגעגעבן „פּראָ פּרץ מאַרקיש". — — לעגיאָן זענען די אַנעקדאָטן פון יענער צייט, טייל פון זיי זענען צעוואָרפן איבער די פּאַרטרעטן פון דעם דאָזיקן „לעקסיקאָן". קוים האָט זיך מאַרקיש באַוויזן האָט ער אָנגעהויבן צו בליצן מיט ביכער און דינע 20־30־זייטיקע פּאַליאַנטן אונטער די ווילדסטע נעמען: ראַדיאָ, קופּע, סתם, פּוסט און פּאַס. מאַנכע האָט ער אַליין אַרויסגעגעבן. זיין פאַרלעגערישער פּסעוודאָנים איז געוועזן „אַמבאַסאַדאָר". ער האָט ליב געהאַט דריי גאַרנדיקע ווערטער. ער האָט ליב געהאַט מען זאָל זיך אומקוקן אויף אים אין דער ליטעראַטור און אפילו אויף דער גאַס. אָט גייט ער: הויך, שלאַנק, די פּעכשוואַרצע, גלאַטיקע לאָקן, גערינגלטע, אָבער נישט געקרויזטע, חוצפּהדיק אַרויף, אַרויף. אבשלום. און ווי יענער רויבט ער די הערצער פון אַלע פאַרבייגייער אין ירושלים דפּוילן. זיינע גרויסע,

שיינע, די שענסטע ביי ייִדישע פּאָעטן, אויגן שיסן מיט פרייד און מיט פייער. זיין פּנים איז קלאַסיש געשניצט. קלאַסישע פּראָפּאָרץ. נאָר די גאָמבע צו שטאַרק, צו קרעפטיק, כאָטש די ליפּן — קלאַסיש־צאַרטע דיכטערליפּן, ווי היינע האָט זיי געזען ביי יהודה הלוי אין זיין פאַנטאַזיע. און די אויגן מי־ניען בלוי אמאָל, גרין אן אנדערש מאָל. און ער גייט ריטמיש, קוקט אריבער איבער אַלעמענס קעפּ, און ער רעדט ריטמיש אָפּגעהאַקט און הויך, אלע־מאָל העכער ווי אלע אַנדערע. און ער לאַכט הויך און הילכיק, און ער טיילט אויס קלעפּ אין אלעמענס פּלייצעס, און אז ער זעט קינדער כאַפּט ער זיי אויף די הענט און צו פרויען איז ער דווקא נישט אַזאַ דאָן זשואַן ווי זיי וואָלטן געגאַרט. אין דער טיף פון דער נשמה איז ער א צוריקגעהאלטן ייִנגל. ער לעבט זיך אויס אין ווערטער, אין זשעסטן. — — און עס האָט א פּלייץ געטון איבער גאַנץ פּוילן א וואָרט: מאַרקיש. שטעט און שטעטלעך האָבן זיך אַ לאָז געטון קיין ווארשע מיט בריוו און שלוחים: גיט אונז מאַרקישן. ווו געענטשיקט נישט געטאָגט איז ער מיט זיין דינעם, שלאַנקען מאַנטעלע אויסגעוואקסן אומעטום אין דער לענג און ברייט פון פּוילן און געשטורעמט. פּאַרגאַפטע איז מען געזעסן און אויפגעלעבט געוואָרן ווייל עס איז פרילינג דעמאָלט געווען אין דער וועלט. און ווי גרעזלעך פון דער ערד אַרויס, וואָס הויבן די קעפּ צו דער זון און ווייסן און פאַרשטייען גאָרנישט, אזוי האָבן די יונגע־לייט און מיידלעך נישט געוווּסט, וואָס דאָ קומט פאָר, און אויך מאַרקיש האָט נישט געוווּסט גענוי וואָס ער רעדט — — ווייל עס איז גע־ווען פרילינג, פרילינג. כאָטש דאָס בלוט פון פּאָגראָמען און שלאַכטן און הונגער און פּעסט האָבן געטריפט און געציטערט אין יעדער שורה זיינער, איז אָבער געווען פרילינג, פרילינג. — — מאַרקיש איז נישט קיין מענש פון קאָנטראַסטן. דער איינציקער קאָנטראַסט אַרום אים אין די כאַליאַסטרע־יאָרן אין וואַרשע איז געווען זיין בעסטער פריינט י. י. זינגער . . . ווי ס׳לעבן האָבן זיי זיך ליב געהאַט, כאָטש זייערע ווערק זענען זיך באַלד פון אָנהויב אַזוי פונאנדערגעגאנגען ווי די צוויי ווינקל־ליניעס פון א דריי־עק . . . און אז מאַרקיש האָט זיך באַוויזן אין זינגערס שטוב איז געוואָרן יום טוב און די צוויי קליינע ייִנגלעך זענען באַלד געזעסן אויף מאַרקישעס אַקסלען און ער באַלד מיט זיי אויף דער פּאָדלאָגע, און זייער טאַטע, זינ־גער, האָט פּונקט אזוי געלאַכט ווי זיי ווייל די צוויי פריינט האָבן געהאַט מיליאָנען דערינערונגען פון זייערע קיעווער יאָרן. — — די זין און טעכטער פון איינער פון די רייכסטע משפחות אין וואַרשע, שטאַבזיב, זענען געווען גוט־פריינט מיט אונז. מאַרקיש, דער הימלאַזער, האָט דאָרט כמעט גע־וווינט. עסטושע און פּעסקע, די צוויי טעכטער, אַלעמאָלביידע צוזאַמען פון זיין רעכטער און לינקער זייט. נאכט־איין, נאכט־אויס פלעגן מיר זיך אין

יענער שטוב באַגעגענען. און מארקיש האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן, אָבער טרינקען האָט ער נישט געקענט. ער פלעגט בוכשטעבליך שיכור ווערן ביז משוגעת בלויז ביים אנבליק פון א פלעשל, האָט עס נאָך געמעגט זיין פארקאַרקעוועט אפילו. מיר האָבן אמאָל אזא עקספּערימענט דורכגע־פירט, איינגערעדט מארקישן, אז ער האָט שוין געטרונקען און ער איז שיכור געוואָרן ווי לוט.

מארקישן האָט עס לאנג נישט געהאלטן אין ווארשע. ער איז דאָ פאָרט פרעמד געוועזן. אלע מאָל גיט ער זיך א כאַפּ ארויס קיין מערב־אייראָפּע, דער דראנג קיין מערב איז גרויס, אָבער נאָך גרעסער איז געוועזן זיין דראַנג אהיים קיין מזרח. ווי אָפט ער געפינט זיך נאָענט פון דער סאָוויעטישער גרעניץ גיט ער זיך אַ כאַפּ אַריבער איבער דער גרינער לאַנקע אָדער אי־בערן שניי־סטעפּ אַהיים. עפּיס האָט ער געהאַט אַזעלכע וועגן דאָס צו טון. גרעניצן האָבן בכלל פאר אים ניט פאַרגעשטעלט קיין צו גרויסע שווע־ריקייטן. און פלוצלונג האָט ער זיך אמאָל ארומגעקוקט: — וואָס טו איך דאָ? וואָס טו איך דאָ? אַלץ איז אים פלוצלונג אזוי פרעמד און טונקל געוואָרן. די שוועסטערן שטאָביב האָבן שטיל געוויינט און אונז אַלעמען האָט ארומגע־כאַפּט א טרויער. עפּיס האָט זיך גערנדיקט, עפּיס וואָס איז געוועזן צו שיין, אַז עס זאָל לענגער געדויערן. אין איין שיינעם טאָג ניטאָ אים — — ער האָט זיך באַזעצט אין מאָסקווע. און אויב שטורם קען ווערן סאָליד איז מאַר־קיש געוואָרן סאָליד. זענען געקומען בוך נאָך בוך, בריוו זייער זעלטן. מאַר־קיש האָט צו יענער צייט אין מאָסקווע געהאַט א גרויסן אנטאַגאָניסט: בער־געלסאָן. בערגעלסאָן פלעגט דערציילן אַ וואָרט וועגן מאַרקישן, אַ וואָרט מיט אַ משל: מאַרקיש איז ווי יענער שיינער וואַנטזייגער, וואָס זייגער פיר פאַרטאָג אַמאָל, ווען מען וויל זייער שטארק וויסן וויפיל עס איז אין דער נאַכט גיט ער זיך א צעקלונג. און ער קלינגט און קלינגט אויס דרייצן . . . עס איז אמת, אז ביז ער האָט געקלונגען פיר איז ער געוועזן גאנץ גערעכט, נאָר ווייל ער האָט געקלונגען דרייצן — פארשטייט מען שוין גאָר, גאָר נישט . . .

מיט אַייזערנעם ווילן האָט זיך איצט מאַרקיש אין מאָסקווע פאַרגענומען פּטור צו ווערן פון די ניין איבעריקע קלונגען זיינע . . . אָבער דאָס וואָלט שוין געוועזן ליטעראַרישע קריטיק און איך שרייב דאָ וועגן פּערזענליכע איבערלעבונגען.

די ערשטע טעג יאַנואַר 1935. מיינע וועלטרייזעס פירן מיך איבער דער לענג פון ראַטן־פאַרבאַנד און איך שטיי א טאָג־צוויי אין מאָסקווע. מאַרקי־שעס אַדרעס קען איך פון אויסנווייניק. נאַשטשאָקינסקי פּערעאולאָק נומער

אַזוי און אַזוי. קאָרעספּאָנדירט האָבן מיר נישט שוין יאָרן. צי ער איז אין מאָסקווע גראָד — האָב איך נישט געוווּסט· איך האָב אײַנגעשטעלט. צו־געפֿאָרן צום הויז און א קלונג געטון אין דער טיר. מיט מיר איז געווען אַ באַגלייטערין פֿון „אינטוריסט”. מאַרקיש שטייט אין דער טיר. מיר נעמען זיך אַרום. אַנדערש האָט נישט געקענט זײַן. מיר זענען בײדע פֿאַרשיכורט א רגע פֿון דער ווידערבאַגעגעניש. מאַרקיש ניכטערט זיך אויס דער ערש־טער און איך הער ווי ער פֿרעגט בײַ מײַן באַגלייטערין: — א בומאַגי יעוואָ ווֹ פּאָראַדקיע? — זענען זײַנע פּאַפּירן אין אָרדנונג? — — דער חידוש איז געווען צו שטאַרק צו זען מיך פּלוצלונג אין מאָסקווע און אויך איך בין באַלד ניכטער געוואָרן און איך האָב מאָמענטאַן קיין טענה נישט געהאַט פֿאַר דער פֿראַגע. און איך האָב געענטפֿערט, אַז יאָ און גלייך קלאָר געמאַכט דעם גאַנצן ענין פֿון דעם צופֿאַל פֿון מײַן פֿאַרווײַלן אין מאָסקווע.

טויזנט און אײנס פֿראַגן, טויזנט און צוויי דערינערונגען. אַלץ אַרום די כאַליאַסטרע־יאָרן.

אויפֿן רויטן פּלאַץ האָבן מיר זיך צעזעגנט. מאַרקיש האָט ערגעץ דרינ־גענדיק געמוזט אַוועקגיין. איך בין געבליבן אַליין אויפֿן רויטן פּלאַץ נאָך א באַגעגעניש מיט אײנעם פֿון מײַנע בעסטע יוגנט־פֿרײַנט און כאָטש דער פֿראָסט איז געווען גרויס בין איך געשטאַנען א גוטע ווײַלע און נאָכגעקוקט דעם אַוועקגייענדיקן. אויך ער האָט זיך עטליכע מאָל אומגעקוקט און גע־וווּנקען פֿון דער ווײַט.

פֿון אַלע עקן וועלט פֿאַלג איך נאָך זײַנע רייד, זײַנע ווערק, זײַנע אויפֿ־טוען און ווײס אַלץ, אַלץ וועגן אים. ווייסט ער אויך וועגן מיר? וויל ער ווי‎סן?

1944

לייב מלאך

27טן נאָוועמבער 1894 אין זוואָלין, ביי ראַדעם. 1922 אַר־גענטינע, רייזעס אין דרום און צפון־אַמעריקע, איירָאָפּע, נאָענטן מזרח — געשטאָרבן 6טן יוני 1936 אין פּאַריז.

א בלאָנדער און א פּשטותדיקער און א קרעפּקער און מיט א פּאָנקע־פּנים א ברייטס איז ער געווען, לייב מלאך, איינער פון די מיליאָנען יידישע עקזעמפּלאַרן, וואָס שרייען, אַז עס איז נישטאָ קיין ראַסעס אויף דער וועלט בכלל און קיין יידישע ראַסע איז אוודאי און אוודאי נישטאָ. כאָטש ער איז געווען א דערפאָלגרייכער שרייבער, און דערפאָלגרייך אויף פיל געביטן דווקא (פּאָעט, דערציילער, ראָמאַניסט, דראַמאַטורג, רייזע־שילדערער, לי־טעראַרישער עסאיסט) האָט זיך אלעמאָל אין זיין פּערזענלעך אויפטרעטן געפילט עפּיס אַזאַ מין פויערישע פּאַרזיכטיקייט נישט ארויסצוזאָגן אן אי־בעריק וואָרט און נישט אַרויסצוזאָגן א וואָרט נישט אויפן ריכטיקן פּלאַץ און אין דער ריכטיקער צייט. אַוודאי איז ער געווען אן אויטאָדידאַקט אפילו אין יידישע לימודים. דאָס וואָס ער איז אין דער יוגנט געווען א בעלפער האָט אים דאָך נאָך נישט געמאכט פאר א תלמיד חכם אויטאָמאַטיש. מלאך האָט אָבער געהאַט א סך דערפאַרונגס־וויסן, ער האָט געזען און געקענט די וועלט, הגם ער פלעגט זי אויפנעמען מן הצד, ווידעראמאָל ווי א פויער, וואָס וויל גוט פאַרשטיין זיין פידווירע און אַזוי ווי די וועלט — נאָך אַלע זאכן — באַשטייט דאָך פון מיליאָנען פידווירעס, וועט ער שוין פאַרשטיין אַזויאַרום די גאַנצע וועלט.

מלאך איז געווען פּראָטעזשירט דורך הערש דוד נאָמבערג און נאָמ־בערג איז געווען צעקריגט מיט דער „כאַליאַסטרע", דאָס הייסט צעקריגט איז ער נישט געווען, נאָר ער האָט נישט פאַרטראָגן דעם כאַליאַסטרע־טומל און ממילא — ווער נישט מיט אונז, דער איז קעגן אונז . . . עס זענען דאָך געווען אגרעסיווע יאָרן און אַן אגרעסיווע כאַליאַסטרע. און דאָס וואָס מלאך איז געווען פּראָטעזשירט דורך נאָמבערגן האָט אים שוין טריף געמאכט אין די אויגן פון דער כאַליאַסטרע. חוץ דעם איז ער געווען צו סאָליד, צו ווייניק פאַרם־זוכעריש. ער איז געגאַנגען אויף אויסגעטראָטענע וועגן און ער האָט צופיל דאַנקבאַרקייט געפילט צו נאָמבערגן, אז ער זאָל אים פאַרלאָזן. אגב האָט ער מיט זיין פּשוטן שכל פאַרשטאַנען, אז מען דאַרף נישט ארויס־לאָזן דעם זיכערן פויגל פון דער נאָמבערג־פּריינטשאַפט פון די הענט צוליב דעם אומזיכערן בלויען פויגל פון דער מאַרקיש־פּריינטשאַפט, וואָס

איז אפילו אויפֿן דאך נישט זיכער געשטאַנען, נאָר געשוועבט ערגעץ ווײַ־טער, העכער.

אגב איז מלאך גאָר גיך אַוועק קיין ארגענטינע און דאָרט האָט ער א רודער געטון א וועלט. אינמיטן דערינען איז ער דאָרט געוואָרן א קעמפּער קעגן די טמאים, ממש געמאכט א שטיק יידישע געשיכטע, געהאָלפֿן אויס־רויכערן און אויסברענען א נאציאָנאלע מכה. דאָס איז געשען צוליב א צו־פֿאַל פון אן אָפּגעזאָגטער מלאך־פּיעסע פון לעבן פון די טמאים. און מעגלעך, אז דאָס איז גאָר קיין צופאל נישט געווען, מעגלעך, אז זינט זיין—מלאכס—ביטערער קינדהייט און פינסטערער יוגנט האָט אין אים געבורזשעט עפּיס א גרויסער כעס אן אויפבראָיז פון גערעכטיקייט — איז ער דאָ ארום אַרויס.

וועגן מלאכס קנאפּן יידישן וויסן האָט קורסירט אן אנעקדאָט, אַז אזוי ווי זיין אמתער נאָמען איז געווען זאלצמאַן, האָט ער זיך ביים אָנהויב פון זיין שרייבן געוואָלט געבן א פאר־העברעישטן פסעודאָנים און האָט זיין נאָ־מען זאַלץ־מאַן איבערגעזעצט אויף „מלח״, נאָר אזוי ווי ער איז נישט גאנץ שווה בשווה געווען מיטן אויסלייג איז ביי אים ארויסגעקומען „מלאך״. אין דער אמתן אָבער האָט מלאכס מאמע פון ערשטן מאָן טאקע געהייסן מלאך און דאָס איז גאָר קיין פּסעודאָנים נישט געווען.

מלאך איז געווען א וועלט־וואַנדערער און איך אויך, נו פלעגן מיר זיך אָפּט גאנץ אומגעריכט אנשטויסן א נאָז אָן א נאָז — אזוי האָבן מיר זיך איינמאָל געטראָפֿן אין א טראַמוואי אין אנטווערפּען — ער אראָפּגייענדיק, איך ארויפגייענדיק.

כאָטש מלאך איז אויף אלע געביטן פון זיין שרייבן געווען זייער סאָ־ליד האָט זיך אָבער עפּיס נישט געגלוסט צו לעזן זיינע זאכן — ער איז דאָך נישט געווען קיין באַנייער פון פֿאָרמען און נישט קיין שטורמער מיט גע־דאַנקען. און צווישן חברים־שרייבער האָט מען א טבע צו לעזן א חבר נאָר דאַן אָויב ער זאָגט אויף אן אנדערן אופן אנדערע זאכן, אָדער אויב עס איז עפּיס א סקאנדאל פארבונדן מיט דער זאך און מען מוז לעזן. און גיי ריכט דיך, אז מלאך וועט אויף'ן שווערסטן געביט פון אונזער ליטעראטור, אויפֿן געביט פון ראָמאַן זיין אַ דערפינדער ממש. איז טאקע זיין ריזן־דיקער ראָמאַן „דן דאָמינגאס קרייצוועג״ געלעגן אויף מיין טיש א יאָר מיט א מיטוואָך ביז איך האָב אים אין איין שיינער וואָך איבערגעלעזן און ממש פארכאפּט געוואָרן פון אָט דער ברייטער לייוונט פון יידישן לעבן, וואָס איז דאָס ערשטע מאָל אזוי פארנעמיק געשילדערט געוואָרן. נישט נאָר איז עס דער בעסטער ראָמאַן פון דרום־אַמעריקאנישן לעבן אין יידיש, נאָר איינער פון די גוטע ראָמאנען פון דעם ווינקל פון דער וועלט בכלל.

גראַד בין איך געווען אין אויסטראַליע ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן לייב מלאכס טויט און געשטאָרבן איז ער פּונקט אַרום די טעג פון מאַקסים גאָרקיס טויט און אויב עס איז שווער צו לעבן אין שאָטן פון גרויסע ביימער איז נישט ווייניקער שווער צו שטאַרבן אין אַזאַ גרויסן שאָטן — איז טאַקע מלאכס טויט אַביסל פאַרטונקלט געוואָרן . . . אויב א טויט קען נאָך צו אַלע זיינע פינסטערנישן פאַרטונקלט ווערן אויך . . . גע־לייגט האָט מען מלאכן אויף א פּאַריזער בית עולם און אַזוי גיך מען האָט אים אַוועקגעלייגט האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַקציע, אַז מען זאָל דאָס קבר, וואָס איז „געדונגען״ געוואָרן אויף פינף יאָר — וויטערדינגען אויף נאָך 45 — ביז אונזער דור וועט זיין אויסגעשטאָרבן און מְמילא וועט שוין דעמאָלט נישט זיין קיין שאַנד, אויב מען וועט זיך וואַרפן מיט די ביינער פון דעם יידישן וואַנדער־שרייבער, לייב מלאך. מלאך האָט ליב געהאַט צו שרייבן טשיקאַווע רעפּאָרטאַזשן און ער וואָלט זיך מחיה געווען ווען ער וואָלט געקענט אויפ־שרייבן א רעפּאָרטאַזש וועגן דירה־געלט פאַר זיין יונגען געביין, דערצו איז עס באַלאַדע אויך, און באַלאַדן איז אויך זיין געביט, און שיר נישט א ראָמאַן אויך, נאָר דעם ראָמאַן פון זיין לעבן האָט ער געשריבן דורך אַלע זיינע ווערק.

1942

מ. נאַטיש

זיין ריכטיקער נאָמען איז געווען מיכאל שוטאַן. 1907 אין סוועגציאַן. יאָרן אין ווילנע, װאַרשע, אין אַלערליי פוי־לישע שטעטלעך. געשטאָרבן אין ווילנע אין יאָר 1937.

געשטאַמט האָט ער פון דורות האָרעפּאַשניקעס, סטאָלאַרעס, מולאַרעס. זיין טאַטע א סטאָלאַר און מולאַר. נאָר געלעבט און געשטאָרבן איז ער אַזוי ווי אַן אינטעליגענט פון דור דורות. פון איין זייט האָט מ. נאַטיש גע־שריבן לידער וועגן האָרעפּאַשניקעס, וועגן דאָרף, וועגן געזונטער נאַטור און אַז עס האָבן זיך אַרום 1925 אָנגעהויבן צו באַוויזן אין די רעדאַקציעס זיינע מאַנוסקריפּטן איז געווען ממש א נחת צוליב אַסך טעמים. פון דער אַנדערער זייט זענען אָבער זיינע לידער באַגלייט געווען מיט בריוו, וואָס האָבן שוין גאָר קיין נחת נישט פאַרשאַפט. אין די רעדאַקציעס איז מען צו־געוווינט געווען צו קריגן מאַנוסקריפּטן פאַרקלעקטע מיט טינטן אַלערליי, אָמאָל אויך מיט בלאָסן בלייער געשריבן, אינמיטן כתב יד א רעדל פון א גלעזל קאַווע, דערצו די אָרטאָגראַפיע; א געמיש פון תחינה און פאָנעטישן, סאָוויעטיש־יידישן אויסלייג און דערצו סתם גרייזן. און ערשט דער אינ־האַלט פון די „לידער". נישט זעלטן האָט פּאַסירט, אַז די „שרייבערס" זע־נען אַזוי נאַאיוו געווען, אַז זיי האָבן לידער פון באַרימטע פּאָעטן געבעטן אריינשטעלן אין בלאַט. זיי האָבן געמיינט, אַז אַלע לידער זענען פאָלקס־לידער און שוועבן אין דער לופטן און אַזוי ווי זיי האָבן צופעליק געקענט א ליד פון רייזענען, אָדער פרוגן אויסנוויניק, האָבן זיי עס אַריינגעשיקט אונ־טער זייער נאָמען. נישט קיין פּלאַגיאַט חלילה, נאָר זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס איז דער וועג אויף וועלכן לידער דאַרפן קומען אין דער עפנטליכקייט. דאָס איז געווען דער כלל אין די בערג מאַנוסקריפּטן, וואָס פלעגן אָנקומען אין די יידישע רעדאַקציעס אין פּוילן אין די צען־צוועלף יאָרן פון גרויסן לי־טעראַרישן אויפבלויז אַרום 1918—1930. און אָט קומען לידער — איך רעד דאָ וועגן דער „פאָלקסצייטונג פאַר ליטעראַטור", דער וואָכנטלעכער ליטע־ראַרישער ביילאַגע פון דער „פאָלקסצייטונג", וואָס איך האָב א רייע פון יאָרן רעדאַגירט — וואָס שוין אויסערליך זענען זיי ממש א נחת. דער נאָמען פון שרייבער קענטיק א פּסעודאָנים: מ. נאַטיש. די שריפט א למדנישע, דער אויסלייג א פּערפעקטער, דער יידיש א היינטיקער און מאָדערנער און די לידער פול מיט האָרעפּאַשנעם גלויבן, און דער ריטם א קוואַליענדיקער, און דער אינהאַלט אַן אויסגעהאַלטענער און דער עיקר — טאַלענט איז אויך דאָ. און — נישט לאַנג געוואַרט דרוקט מען אַ ליד. אַ ליד וועגן א דאָרפישן

אונטן. אַן אַנגעלאָדענע שורה פון יענעם ליד איז געבליבן אין זכרון דורך יאָרן און יאָרן. — דער אונטן האָט וואָלקנס, ווי שווערע פאַרבונדענע זעק צעלייגט אויפן הימל . . . און אָט הויבן אָן צו קומען בריוו פון דעם יונגען דיכטער. און זיי זענען אין א שאַרפער סתירה צו די לידער. בריוו פון א קראַנקען, לײַדנדיקן, אײנזאַמען, פאַרצווייפלטן ייִנגל. ער איז אַן אַבסאָלווענט פון דער ייִדישער גימנאַזיע אין סוּוואַלקי. דער סוד פון זײַן פּערפעקטער ייִדישער גראַמאַטע איז שוין קלאָר. ער איז איינער פון די ערשטע, לעבע־דיקע באַווײַזן, וואָס עס קען אויפטון א גאַנצע, קאָמפּלעטע ייִדיש־וועלטלעכע דערציִאונג און טאַקע אין ייִדיש. ער איז די ערשטע שוואַלב פון א נײַעם דור אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אָבער ער קען זיך קיין אָרט נישט געפֿי־נען. דער דראַנג צו בילדונג איז גרויס ווי ביי אַלע אייניקלעך פון האָרע־פּאַשניקעס, וואָס דורות בענקשאַפט נאָך די שוואַרצע פּינטעלעך איז דאָ אין זיי. אָבער אין פּוילן איז מען נאָך ענדיקן א ייִדישע גימנאַזיע געשטאַנען פאַר א וואַנט און אין אויסלאַנד האָט דער טאַטע, דער מוליער נישט געקענט שיקן און אַליין איז מען קראַנק. וווּנדן אין מאָגן. און אָט איז דער יונגער, ראַדי־קאַלער דיכטער אין וואַרשע. א גרין־בלאַס פּנים, צערעפּעט פון א שטענ־דיקן אויסשלאַג פון דער מאָגן־קרענק. און — נישט האָבנדיק קיין אויס־וועג — פאַרשרײַבט זיך דער ראַדיקאַלער ריכטער אין דער ראַבינער־שולע. זאָל כאָטש זײַן אין א קאַפּל — אַבי בילדונג. מיט דער צײַט וועט מען עס אויסנוצן. נאָר לאַנג בלײַבט ער נישט אין וואַרשע. ער קריגט א שטעלע אין א ייִדישער שולע. און עס קומען בריוו אויף בריוו. עפּיס אײַלט ער זיך. אײַלט זיך מער פון אַלע אַנדערע דיכטער. אַן אינטואיציע טרײַבט. ער שרײַבט לאַנגע בריוו און פרעגט עצות. עצות אויף עצות. אָט פרעגט ער צי זאָל ער אין זײַן צושטאַנד זיך פאַרבינדן מיט א מיידל אויף שטענדיק. און איידער מען אָוספּעיעט צו ענטפערן איז שוין דאָ אַן אַנדערער בריוו, וואָס דערציילט, אַז דאָס פאַרבינדן זיך איז שוין א געשעענע זאַך, ער האָט שוין חתונה געהאַט און איצט פרעגט ער צי מעג אַזאַ יונגער מענטש ווי ער — אַן א מאַטעריעלן אָנשפּאַר אין לעבן און דערצו א קרענקלעכער, וואָס זשיפּעט קוים פון איין אָפּעראַציע צו דער אַנדערער ברענגען א קינד אויף דער וועלט. ענטפערט מען מיט ליבשאַפט און זייער פאַרזיכטיק: — ניין, נאָטיש, אַוודאי נישט. און מען שרײַבט אינטים אַזוי ווי צו א ייִנגערן ברודער. נאָר איידער וואָס וועט קומט אָן א צווייטער בריוו און אין בריוו דערציילט זיך, אַז אין א פּאָר חדשים אַרום וועט אָט דער ייִנגל נאָטיש, וואָס האָט ערשט פאַרלאָזט די שול־באַנק אין סוּוואַלקי זײַן א טאַטע. און אָט פרעגט דער יונגער טאַטע און יונגער דיכטער זײַן עלטערן קאָלעגע, צו וועמען ער באַציט זיך ווי צו א חברישן לערער, צי זאָל ער שוין אַרויסגעבן א בוך פון זײַנע

לידער, און אָט די בריוו — לאַנגע און שווערמוטיקע און זייער אויספּירלעכע, טעג נעמט עס ביז מען לעזט זיי דורך — קומען אָן ערגעץ אין אזיע, אָדער אויסטראַליע. ענטפערט מען, גיט מען עצות — — און איידער די עצות האָבן נאָך געקענט אָנקומען צום אדרעסאַט איז שוין דערווייל אָנגעקומען א בוך מיט לידער: „דער מוליער הערש״. און ווידער קומען אָן בריוו און עס איז שוין דאָ אין זיי אַזאַ פיבערדיקע נערוואזיטעט און אײַלעניש, אַז זיי זענען שוין נאכלעסיק, גרייזיק, קענטיק נישט איבערגעלעזן פאַרן אַוועקשיקן. די נערוואַזיטעט פון איינעם, וואָס וואַרט אויף א צוג מיט וועלכן ער דאַרף נאָך פאַרכאַפּן אין טויטן־בעט אַ נאָענטן, אָדער כאָטש נישט פאַרשפּעטיקן צו דער לוויה . . . און אָט קומט נאָך א בוך און א חברישע אויפפאָדערונג: שרייבט א רעצענזיע, איילט זיך, גיך, גיך, איך דאַרף גיין צו דער דריטער אָפּעראַציע, אין מיר איז שוין קיין טראָפּן בלוט נישטאָ . . . דערמאָנט מען זיך די געזונטע פויערישע לידער פון אָט ערשט אָ — און מען שרייבט א קינסטלעך־האַפּעדיקן בריוו, נאָר איידער דער בריוו האָט נאָך געקענט אָנקומען — א טעעלגראַמע: נאָך לאַנגע, שווערע ליידן, אין בליענדיקן עלטער . . .

1943

הערש דוד נאָמבערג

אָמשינאָוו 1876 — זינט 1897 אין וואַרשע, רײַזעס אין צפון און דרום־אַמעריקע, ארץ ישראל, ראַטן־פֿאַרבאַנד און כמעט גאַנץ אייראָפּע. געשטאָרבן 22טן נאָוועמבער 1927 אין וואַרשע.

קען זײַן, אַז ער איז גאָר קיין שרײַבער נישט געווען — הערש דוד נאָמבערג — נאָר עפּיס אַנדערש. וואָס ? — דאָס ווײס איך נישט. ער האָט פֿײַנט געהאַט דאָס שרײַבערײַ. אפֿילו אַ קלײנער אַרטיקל איז אים אָנגעקומען שווער מיטן טויט. אפֿילו אָן אַפֿאָריזם איז אים שווער געווען אָנצושרײַבן. צום ליבסטן וואָלט ער געלאָזט רינגעלעך רויך אין דער לופֿט אַרײַן און צווישן אײן רינגעלע און צווייטן געזאָגט עפּיס אַ חכמה, וואָס וואָלט אים פּונקט אײַנגעפֿאַלן. וואָלט דאָס עמיץ פֿאַרשריבן — איז גוט, און אויב נישט, איז אויך נישט קיין בײַז. נאָמבערג האָט זיך וועגן דער אויסגאַבע פֿון זײַנע ווערק כמעט נישט געקימערט. האָט מען בײַ אים אַרויסגעריסן אַ ביכל און עס אַליין צוזאַמענגעשטעלט, איז גוט, און אויב נישט, איז אויך נישט קיין אומגליק. ער האָט ליב געהאַט דאָס לעבן, אָבער ער האָט צו גוט געוווּסט, אַז זײַנע טעג זענען געציילטע. ער האָט זיך נישט צו שטאַרק געשראָקן פֿאַרן טויט, גיכער האָט ער זיך געשראָקן פֿאַר קראַנק־זײַן. אַזוי ווי אין אַלץ אין זײַן לעבן האָט ער ליב געהאַט גיכע אַנטשיידונגען, אַזוי האָט ער אויך געוואַרט אויף אַ גיכער אַנטשיידונג צווישן אים און דעם טויט. כאָטש ער איז כל ימיו געווען אַ לונגען־קראַנקער איז ער געווען דער טשעמפּיאָן צווישן די ציגאַרעטן־רויכערער צווישן די שרײַבער, כאָטש ער האָט געדאַרפֿט אָסך רוען — טאַקע צוליב זײַנע לונגען — איז ער געווען דער טשעמפּיאָן צווישן די נאַכטוואַנדלער און — מען זאָגט אויך, אַז דער טשעמפּיאָן־טענצער. אָבער דאָס לעצטע איז נישט אמת. ווײס איך וואָס — פֿון צײַט צו צײַט האָט ער אַמאָל אונטערגעטאַנצט אַביסל צו פֿאַרגעסן זיך אין בוכשטעבלעכן זינען פֿון דעם וואָרט. אמת איז, אַז אַ פּאָר שעה פֿאַר זײַן טויט אין קוראָרט אָטוואָצק בײַ וואַרשע האָט ער טאַקע געטאַנצט. אָבער דאָס איז נאָר אַ צופֿאַל געווען.

כאָטש דער באַרימטסטער פֿון נאָמבערגס העלדן — פֿליגלמאַן — דער שם־דבר געוואָרענער פֿליגלמאַן — ווערט אַלעמאָל געהאַלטן פֿאַר דעם אויטאָרס אויטאָפּאָרטרעט, שטימט דאָס אָבער נישט, לויט מײַן מײנונג. עס שטימט אָבער יאָ דער פּאָרטרעט פֿליגלמאַנס, אין אָנהויב פֿון דער נאָוועלע, בלויז דער פֿיזישער פּאָרטרעט, מיט נאָמבערגס אויסזען: אַ נידעריקער, מיט

א געבויגענער פּלייצע, מיט א קרומען, ברייטן שטערן, א בלאָנדער, בלויע, גרויסע, ארויסגעעזצטע אויגן, פאַרנעפּלטע, מאכן דעם איינדרוק, אז ווען דו וועסט זיי נאָר איבערווישן וועלן זיי אָנהויבן גלאַנצן . . .

טויזנט און איינס נאָמבערג־אַנעקדאָטן זענען מיר באַקאַנט. פינפהונ־דערט פון זיי זיכער אויטענטישע. הונדערט און איינס נאָמבערג־אַנעקדאָטן האָב איך אַליין מיטגעמאַכט, מיטגעזען און א פּאָר פון זיי וועל איך דאָ דערציילן. זיי זענען פול מיט אזא שיינער לעבנס־חכמה.

נאָמבערג האָט עפּיס געהאַט צו טון מיט די אויגן און אויך איך האָב געדאַרפט דורכמאכן אן אָפּעראַציע אויף אן אויגן־דעקל. פרעג איך ביי אים אן עצה צו וועלכן דאָקטאָר צו גיין. זאָגט ער: דר. דאַווידזאָן. ענפער איך, אז איך וואָלט עס וועלן אויסמיידן ווייל איך ווייס, א ער נעמט נישט ביי קיין שרייבערס קיין געלט. זאָגט נאָמבערג מאַמענטאַן: אדרבא, מען דאַרף גיין נאָר צו דאָקטוירים, וואָס נעמען נישט קיין געלט. גלייכע אינטערעסן. ער וויל איר זאָלט גיך געזונט ווערן . . . און איר ווילט דאָך אויך דאָס זעלבע.

נאָמבערג האָט זייער פיינט געהאַט טומל, אָבער געוווינט האָט ער פּונקט א שריט פון ווינער וואָקסאל אין וואַרשע. צוגן, דראָשקעס, טראַמוואַיען, אוי־טאָמאָבילן האָבן כסדר געהאַמערט אין די טירן, פענסטער און ווענט פון זיין צימער. (פון וואַרשע קיין בערלין איז געוועזן נאָר איבערנאַכט מיטן שנעל־צוג — אכט שעה) — נאָמבערג, פאַרוואָס וווינט איר אין אזא טומל, אז איר האָט אזוי פיינט דעם טומל? — איך האָב טאַקע פיינט טומל, אָבער איך האָב זייער ליב בערלינער קאַווע אין דער פרי. אז עס ווערט מיר זייער סקוטשנע גיב איך מיר א גיי אַרויס, לייג מיך שלאָפן אין א שנעלצוג און אז איך שטיי אויף אין דער פרי גיב איך באלד א גיי אריין אין אונזער שריי־בערישן בערלינער קאָפע — טעם גן עדן. אָבער ווען איך וואָלט געוווינט ווייט פון וואָקסאל וואָלט איך דאָס קיינמאָל נישט אויסגעפירט. (עטלעכע מאָל — און א גראָשן אין קעשענע האָט ער אלעמאָל געהאַט — האָט נאָמ־בערג באַפרידיקט זיין תאווה נאָך בערלינער קאַווע. פלוצלונג פלעגט ער פאַרשווונדן ווערן אויף א טאָג־צווי קיין בערלין).

שוואך ווי א פליג אין אָסיען איז ער געוועזן, אָבער פון אונזער קלוב פלעגט ער ארויסגיין דער לעצטער אין פאַרטאָג. אמאָל בין איך אוועק דער פאַרלעצטער. קוק מיך אום פון הינטערן ראָג רימאַרסקיע און לעשנע־גאַס, וואָס נאָמבערג וועט טון. ער שטייט א ווײַלע, ווו האָט ער דען צו ניין? קיין פאַמילע האָט ער נישט געהאַט, רופט צו א דראָשקע, מאכט זיכער צי דער ווינט בלאָזט ריכטיק אין דער ריכטונג ווו ער מיינט, זעצט זיך אריין און

הייסט דעם דראָשקאַר פאָרן מיט דער ריכטונג פון ווינט . . . וואָהין? גלאַט אַזוי. ווו דער ווינט בלאָזט. ער האָט נישט צו קיינעם און נישט ווו צו פאָרן, אפילו מיט זיך אליין איז אים אויך פרעמד און סקוטשנע.

מער ווי א צענדלינק יאָרן איז נאָמבערג געווען דער פּאָרזיצער פון יידישן שרייבער־פאריין אין ווארשע. זיין היים, זיין משפחה. צו גאָרנישט אין לעבן האָט ער געהאַט געדולד. צו די ענינים פון שרייבער־פאריין, אפילו צו די סאמע קלענסטע און נישטיקסטע — יאָ. נאָך דעם באַרימטן סטאַניסלאַוו שטייגער־פּראָצעס, דעם דרייפוס־פּראָצעס פון מאָדערנעם פוילן, האָט דער שרייבער־פאריין איינגעאָרדנט א מאָנסטער־פאָרלעזונג אין צירק פון דעם הויפּט־פּאַרטיידיקער שטייגערס דר. לייב לאַנדוי. די 4000 בילעטן זענען אין איין טאָג אויספארקויפט געוואָרן. האָבן מיטגלידער גענומען שרייען: סטייטש — פארוואָס קומט זיי נישט א פּאָר אומזיסטע בילעטן. עס איז ממש געוואָרן א רעוואָלוציע אין פאריין. קומט אריין נאָמבערג, כאַפּ איך מיך צו אים: ראַטעוועט — איך האָב נאָך צען בילעטן און כאָטש הונדערט רעפלעקטאַנטן. וואָס טוט מען? עס איז שלעכט. רופט מיך נאָמבערג אוועק אין א זייט: ווער מאַכט דעם גרעסטן גוואַלט? חבר ק. — גיט אים באַלד א בילעט. — ווער איז דער צווייטער גרעסטער שרייער? — חבר ל. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז שרייערס זענען געווען נאָר דריי־פיר און די רעוואָלוציע געשטילט. — סאַי אין די קלענסטע און סאַי אין די גרעסטע לעבנס־שוועריקייטן פלעגט זיך נאָמבערג נישט פארלירן. א דריק געטון דאָס עלעקטרישע קנעפּל פון זיין לעבנס־חכמה. אפילו אין טויט. כאָטש מיט א בלוט־שטורץ געשטאָרבן האָט זיין פּנים געשמייכלט נאָכן טויט . . .

1939

יחזקאל משה ניימאַן

1893 אין זשיכלין ביי ווארשע, צו איין יאָר אַריבער קיין לאָדזש, צו זעקס און צוואַנציק קיין ווארשע, רייזעס אין אייראָפּע און ארץ ישראל. אהין זיך געראטעוועט אין 1939.

דאָס איז געווען אין 1918 אין דעצעמבער און אפשר אין 1919, יעדנ־פאלס באלד נאָכן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז אמאָל צו מיר אין ווין אריינגעקומען זייער א שיינער און זייער א שווארצחנעוודיקער יונ־גערמאַן, מיט דינע, שווארצע וואָנציקלעך מיט אסך שמייכלען אויפן פנים, די ווייסע ציינער שמייכלען באזונדער און יעדעס שווארצ־שיינע אויג באזונ־דער, און דער גלאטער שטערן באזונדער און די נאָז באזונדער און די גאָמ־בע באזונדער און דאָס גאנצע פנים שמייכלט ערשט רעכט באזונדער. און דער יונגער־מאַן איז געווען זייער שיין אָנגעטון, וועדליג ווי אויף יענע צייטן, און ער האָט געהאט שיינע מאַניערן און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט מיט אַזאַ עכטן לאָדזשער יידיש־אקצענט, וואָס איך האָב דעמאָלט דאָס ערש־טע מאָל אין מיין לעבן געהערט:

— יעך בין יעכעזקל מאָישע נאָימאַן — —

און מיך האָט ארומגעכאפּט זייער א גרויסע פרייד דעמאָלט. דעם נאָ־מען יחזקאל משה ניימאַן האָב איך גוט געקענט פון לידער, וואָס איך האָב געלייענט אין רוסיש־פּוילישע יידישע אויסגאבעס, וואָס האָבן שוין דעמאָלט אָנגעהויבן אָנצוקומען קיין ווין. עס איז שוין דעמאָלט קלאָר געווען, אז עס גייט ווערן איין גרויס פוילן און דאָס, וואָס איז אמאָל צעטיילט געווען דורך אָפּמאכן פון די מלוכות עסטרייך, דייטשלאנד און רוסלאנד און איז געווען פוילן — וועט איצט, נאָך הונדערט און פופציק יאָר ווערן ווידער פאַרייניקט. און איצט איז דאָס ערשטע מאָל געקומען צו מיר א ברודער פון דער אמאָליקער יענער זייט גרעניץ און איך — דער גאליציאנער — בין איצט זיין לאנדסמאַן און עס הויבט זיך אָן א נייע און א שיינע תקופה פון א גרויסער יידישער פאַראייניקונג און ממילא א שיינע תקופה פון יידישן שאפן.

האָט מיך טאקע ארומגעכאָפּט זייער א גרויסע פרייד. און מיר האָבן פאַרבראכט אין גאָר דער בעסטער שטימונג מיט ניימאַנען אזוי לאנג ער איז געבליבן אין ווין. אז אָט די גאנצע שמחה האָט געדאַרפט געדויערן נישט מער ווי צוויי צענדליק יאָר און, אז דאָס האָבן אין דער אמתן געדאַרפט

זײן יאָרן פֿון גוואַדזשען דורך אײביקע צרות־צרורות און אַלערלײ קלײנע און גרױסע פֿאַרפּאַלגונגען — דאָס האָט מען נאָך דעמאָלט נישט געװוּסט.

גאָר באַלד בין איך געקומען קײן װאַרשע און געװוען אַ גאַסט בײ נײ־מאַנען, ער האָט דעמאָלט געװױנט אין אַ צימער בײ אסתּר רחל קאַמינסקאַ, דער גאָניאַלער ײדישער אַקטריסע, װאָס האָט געפֿירט אַ גרױסן שטאַט און געהאַט איר דירה אין אַ גױשן געגנט אין װאַרשע.

װי אַלע עכטע לאָדזשער איז אױך נײמאַן אַ מענטש מיט אַ פֿאַנטאַזיע און הומאָר און טאַלענטן אַסך און װי אַלע עכטע לאָדזשער װאָלט ער װעלן װאָס גיכער זיך דערקאָפּען צום אוצר, װאָס איז ערגעץ װוּ פֿאַר אים אױף דער װעלט צוגעגרײט. און װי אַלע עכטע לאָדזשער, די װאָס האָבן געכאַפּט דאָס צװאַנ־ציקסטע יאָרהונדערט אױפֿן ניכטערנעם מאָגן, װײל ער דאָס מאַכן זײער ציר־לעך־מאַנירלעך, נישט כּאָפּנדיק. צוערשט לידער — און עס זענען געװוען גאַנץ פֿײנע לידער — נאָר דורך לידער קען מען צום אוצר נישט דערגײן, האָט נײמאַן איבערגעלאָזן די לידער זײנע, יעדנפֿאַלס זײ נישט מער באַ־טראַכט װי זײן הױפּט־באַשעפֿטיקונג אין דער ליטעראַטור. שפּעטער פֿאָר־שונגען װעגן ײדישער קונסט (נײמאַן איז אַלעמאָל זײער שטאָלץ מיט דעם, װאָס ער איז אַמאָל געװוען אַ קונסט־שלאָסער — כאָטש עס גלױבט זיך נישט, װען מען קוקט אױף זײנע מײדלשע הענט — און װאָס ער שטאַמט פֿון אַ משפּחה ײדישע קונסט־בעל־מלאכות), און עס זענען געװוען טשיקאַװע פֿאָר־שונגען. נאָר װאָס קען מען דערגרײכן מיט דעם. שפּעטער מאָדנע אַזעלכע דראַמעס, פֿול מיט סטיל און סטיליזאַציע, נאָר דאָס טעאַטער נעמט עס נישט און אַז עס נעמט דעם דירעקטאָר פֿון טעאַטער, נעמט עס נישט דאָס פּוב־ליקום. שפּעטער ײדישע בינע־קלײנקונסט. רעזולטאַטן זענען דאָ, מאַנכע זאַכן האָבען אַ היפּשן דערפֿאָלג, אָבער אַנדערע האָבן מער דערפֿאָלג . . . נײמאַן איז פֿאַרחידושט, אָבער „ניקס צו מאַכן", אַזױ איז עס. שפּעטער פֿילם, ײדישער פֿילם, דאָ װעט ער זײן אַ פּיאָניער און אַ קאָלומבוס ממש. ער שטודירט גרונטיק דאָס געביט, ער פֿאַרשטײט עס, ער װײסט װיאַזױ צו שװימען און ער װײסט װיאַזױ צו רײטן אין דעם געביט, נאָר אַזױ װי אָפֿט בײ די גוטע טעאָרעטיקער, אַז ער געפֿינט זיך אַלײן אין װאַסער און אַלײן אױפֿן רוקן פֿון פֿערד — גײט עס נישט. יעדנפֿאַלס גײט עס נישט אַזױ װי דער לאָדזשער טרױמער שטעלט זיך עס פֿאָר. און די יאָרן גײען און אין די שװאַרץ־גלאַנציקע האָר כאַפּן זיך אַרײן זילבערנע פֿעדים און דער ביזן האַלבן לעבן אײנגעשפּאַרטער בחור איז שױן נישט מער קײן בחור, ער האָט חתונה מיט אַ מײדל פֿון גרױסן פּױלישן יחוס, װאָס איז נאָך שענער פֿון אים. אין זײן הױז זענען דאָ אַסך ביכער װעגן קונסט װאָס אינטערעסירן

אים. און אסך ביכער וועגן פילם און עס זאמלען זיך מאנוסקריפטן און ניי־מאַן ווערט אלעמאָל מער צוריקגעהאלטן מיט זיי. ער חלומט נאָך אלץ פון איינגעמען די וועלט מיט איין שאָס. לאַדזשעריש. א פּאָר פון זיינע ארטיק־לען וועגן יידישער קונסט ווערן געדרוקט אין דעם פארנעמען יאהודישן זשורנאל „מענאראה" אין אמעריקע און ניימאַן איז זייער שטאָלץ דערמיט. אין יעדן געשפּרעך ווארפט ער יעדע שעה כאָטש איינמאָל אריין דאָס וואָרט „מענאָראה" . . .

אָבער אין דער גאנצער צייט ווען יחזקאל משה ניימאַן דער פּאָעט, דראַ־מאַטורג, קונסט־פּאַרשער, פילם־סצענאַר־שרייבער חלומט זייער אינטענסיוו וועגן פלוצלונגע גליקן — איז זייער טעטיק און אקטיוו און זייער דערפאָלג־רייך ביים פובליקום דער זשורנאליסט און פּעלעטאָניסט פון דער וואַרשע־ווער זייער פארשפרייטער טאָג־צייטונג „היינט" א. פויגל — דאָס איז דער זעלבער יחזקאל משה ניימאַן. אויף מער וויכטיקע ארטיקלען שרייבט ער זיך אונטער מיט זיין נאָמען: י. מ. ניימאַן. און עס איז א נחת צו לעזן זיינע סאַ־טירישע ארטיקלען, זיין הומאָר איז גוט און מען לאכט, און זיין שטעלונג האָט לאָגיק און עס איז גאָר אן אנדערער מענש. אפשט אפילו א גאנץ ניכ־טערנער, א פּראַזאַישער. — נאָר ביי אַלע די טאלענטן איז ניימאַן אבסאָ־לוט אוממוזיקאליש, קען נישט זינגען אפילו די פּרימיטיווסטע מעלאָדיע און זיין שטימע איז אויך נישט צו גוט. אָבער ער האָט שטעל, אָט שטייט ער אויף דער טריבונע, פּארבייסט די ליפּן און רעדט, און איידער ער זאָגט אַרויס דאָס וואָרט ווארפט א בייזער חבר אריין א צווישן־רוף: אין זשורנאל מענאָראה . . . נאָר ניימאַן פארשייט א גוטן וויץ און צעלאכט זיך הארציק.

1939

משה סטאַוווסקי

1883 אין אנטאָפּאָל, גראָדנער. ווארשע. זינט 1911 אין ארץ ישראל. ארום 1930 יאָרן געוויילט אין ווארשע, ווילנע.

איך ווייס נישט צי משה סטאַוווסקי באַלאַנגט אין דער גרופּע פון פּויליש־יידישע שרייבער אין „מיין לעקסיקאָן" — איך ווייס אפילו, אז ער באַלאַנגט נישט ווייט פון יפו דער שטאָט ביים ים, און טאַקע ביים סאַמע ברעג, האָט פּיניטיווע יידיש־שרייבער און צוויטנס ווייל סטאַוווסקי איז ווי אַן איבער־געפלאַנצטער בוים, וואָס האָט זיך זייער שטאַרק און טיף אַנגעגומען אין דער נייער ערד, אריינגעוואַקסן אין ארץ ישראל. ער איז דאָרט איינער פון די סאַמע ערשטע תושבים פון דעם ערשטן דור נאָך די בילו. מען דער־ציילט אפילו א מעשהלע — און אפשר איז דאָס בלויז אַן אָריענטאַליש, אי־בערגעטריבן מעשהלע, פון דעם זשאַנר פון די מעשיות פון באַנד „אַראַבער דערציילן . . ." פון משה סטאַוווסקי — אז ער איז געווען דער סאַמע ערש־טער תושב פון תל אביב און אז תל אביב איז געגרינדעט געוואָרן אָט אזוי: נישט ווייט פון יפו דער שטאָט ביים ים, און טאַקע ביים סאַמע ברעג, האָט זיך אמאָל, אמאָל, יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, באַזעצט א ייד מיטן נאָמען משה סטאַוווסקי מיט זיין יידענע, פון דער היים ראָזע לעבענס־בוים — די שפּעטערדיקע אַמעריקאַנער יידישע דיכטערין אננא מארגאַלין (נאָך איר צעגיין זיך מיט סטאַוווסקין) — און זיי האָבן זיך דאָרט ביים ברעג ים געבויט א געצעלט. און ארום און ארום איז געווען ים און הימל און זאַמד און נאָר זיי ביידע. זענען זיי אָבער ביידע געווען אין די טיפעניש־ן פון זייערע נשמות מער שרייבער ווי פּויערן־פּיאָנערן, פלעגן זיי זיך דורכ־רעדן וועגן ליטעראַרישע פּראָבלעמען. צווערשט שטיל, דערנאָך העכער, דערנאָך נאָך העכער. ווייל שרייבער בענקען צו פּובליקום. און דאָ — אויב מען האָט געוואָלט דערהערט ווערן ערגעץ, האָט מען געמוזט דערהערט ווערן אין יפו. . . פלעגן זיי רעדן אזוי הויך, אז מען האָט זיי דערהערט אין יפו. זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן יידן, וואָס האָבן אויך געבענקט נאָך א יידיש וואָרט אינמיטן פון הימל, ים, זאַמד, אַראַבער און פּרינציפּיעלן העב־רעיש און זענען אזוי לאַנג שטיין געבליבן און זיך צוגעהערט ביז זיי האָבן אויך געשטעלט דאָרט געצעלטן — און א געצעלט צו א געצעלט איז גע־וואָרן תל אביב. אָט אזוי האָט די יידישע ליטעראַטור געגרינדעט תל אביב... און אפשר איז עס נאָר אַן אָריענטאַליש מעשהלע.

זינט איך געדענק מיך לעזן יידישע ליטעראַטור געדענק איך דעם נאָמען משה סטאַוווסקי. אין די פאַרמלחמה־יאָרן פאַר 1914 פלעגט מען זיין

נאָמען ארויסרעדן צוזאמען מיט די ערשטע נעמען פון דער יידישער ליטע־ראטור פון נאָך 1900. שפּעטער איז ער ערגעץ פארפאלן געוואָרן אזוי ווי איינע פון זיינע שענסטע העלדינס „די געלע הון". און אז איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל דערזען אין ווארשע, ערגעץ ארום 1930, האָט זיך מיר באלד דערמאָנט סטאווסקיס מעשה מיט דער הון, וואָס פלעגט פארפאלן ווערן אויף טעג, אויף וואָכן, א ווילדע הון, נאָר היות ווי אין שטוב האָט מען געגלויבט אין איר, זי ליב געהאט — איז זי איינמאָל פאר פּסח צוריקגעקומען מיט א סטאדע פון פינף פערטל טוץ געלינקע הינדעלעך . . . נאָר סטאווסקי האָט קיין פינף פערטל טוץ נייע דערציילונגען פון זיין אלטן, ערשט־קלאסיקן זשאנער מיט זיך נישט מיטגעבראכט אהיים. ער איז נאָר געקומען צו באַ־זאָרגן א נייע אויסגאבע פון עטליכע בענדער פון זיינע פריערדיקע ווערק, וואָס האָבן אים אויף שטענדיק געשאפן א פלאץ אין דער יידישער ליטע־ראַטור.

און עפּיס א בייזליכער איז ער צוריקגעקומען אויף א צייט אין זיין אל־טער היים. די שעוועליורע נאָך אלץ די זעלבע, צעפלויגן אין אלע זייטן, דער עיקר ארויף. בכלל האָבן מיר אסך יידישע שרייבער מיט צעפלויגענע שעוועליורעס, אזוי ווי פענער פון דיכטונג איבער די קעפּ. און נאָך אלץ דאָס זעלבע קאווקאזיש־יידישע פּנים ביי סטאווסקין, וואָס מען האָט אזוי גוט גע־קענט פון די שמאָלע ביכלעך זיינע פון אמאָל, אמאָל. נאָר די פּאָן אויפן קאָפּ שוין צוויי־פארביק — ווייס און שווארץ, און דאָס פּנים פול מיט קנייטשן, געזונטע און זוניקע, פּויערישע. ער איז דאָך צענדלינקער יאָרן געווען א קאָלאָניסט אין ארץ ישראל. און דאָס גאנצע וועזן פול מיט איינ־געשפּארטן שווייגן און עס דערמאָנט דעם כאראקטער פון זיין קלאסישן העלד לבן הארמי . . . לבן הארמי איז א פערדל, נאָר איך זאָג דאָ די ווערטער נישט מיט סארקאזם, ווייל ביי סטאווסקין זענען די שטוב־חיות אזוי מענטש־ליך ווי ברידער און נישט ווי נידעריקערע באשעפענישן. געדענקט איר לבן הארמי, דעם טראגישן העלד, וואָס לאָזט זיך בשום אופן נישט קאָוועןן און דאָס פארחתמעט זיין גורל . . . נו, אזוי ווייט איז עס ביי סטאווסקין נישט געקומען, נאָר ער האָט עפּיס כאראקטערשטריכן פון לבן הארמי . . . עפּיס אן איינגעשפּארטע טראגיק: מיר נעמען אים אויף מיט ליבשאפט, נאָר ער האלט זיך עפּיס פון דער ווייטן. די יידישע ליטעראטור האָט דאָך א המשך, נאָר ער וויל נישט וויסן פון דעם. איידער ער איז געקומען קיין פּוילן האָט רחל פייגענבערג געשריבן וועגן אים פון ארץ ישראל, אז ער איז דאָרט א דערפאָלגרייכער קאָלאָניסט, אז שטוב־חיות רינגלען אים ארום ווי לע־בעדיקע העלדן פון זיינע אַמאָליקע דערציילונגען און אז זיין חלום איז צו ארויסגעבן א פולע אויסגאבע פון זיינע יידישע ווערק. און אָט זעען מיר

וויאַזוי עס פאַרווירקלעכט זיך אַ חלום . . . משה סטאַוואָסקי און זיין פּרוי זענען פול מיט אינטערעס, עפּיס אַזוי ווי דאָרפס־לייט אויף אַ שטעטלשען יריד. מען שרייבט און שרייבט איבער און זוכט אין אַלטע צייטונגען, מען רעדט מיט פאַרלעגער, מען אָרגאַניזירט אוונטן און סטאַוואָסקי וויל נישט רעדן וועגן גאָרנישט, נאָר לעזן די זאַכן. עפּיס איז ער דאָ אויף אַ פרעמד־געוואָרענער וועלט, עפּיס קוקט ער אַלעמאָל זייער ווייט צוריק, ביז קיין ארץ ישראל. ער האָט עפּיס טענות, שטאַרקע טענות צום יינגערן דור, עפּיס איז ער בייז פאַרוואָס די יידישע ליטעראַטור איז ווייטער אַוועק נאָך סטאַוואָר־סקין . . . ער און זיין פּרוי האַלטן אין איין לעזן, נאָר אַז מען קוקט אַריין זעט מען, אַז דאָס זענען קאָרעקטורן פון סטאַוואָסקיס ווערק וואָס דרוקן זיך איבער אין קלעצקין־פאַרלאַג. איך קוק און פאַר מיינע אויגן זע איך נאָך אַלץ דאָס פּנים, וואָס האָט זיך מיר אַזוי איינגעקריצט פון אַמאָל, אַמאָל . . .

1944

זוסמאַן סעגאַלאָוויטש

1884 אין ביאַליסטאָק, זינט 1905 לאָדזש, וועלט־מלחמה אין רוסלאַנד, זינט 1920 אין וואַרשע, רייזעס אין מערב אײי־ראָפּע, 1939 אַנטלאָפן איבער ווילנע, מאָסקווע קיין ארץ ישראל — 1940.

ער איז איינער פון די פּאָפּולערסטע, און וואַרשיינלעך דער פּאָפּולער־סטער יידישער שרייבער אין פּוילן געוועזן אין די יאָרן פון 1920 ביז 1939, זוסמאַר, אָדער ז. סעגאַלאָוויטש. מען האָט אים נישט געקענט אַלס זוסמאַן, נאָר אַלס זין. און אַזוי ווי ער איז געוועזן אַלעמאָל פאַרטון אין אומעטיקע פּראָבלעמען, פלעגט מען אים רופן זין אָדער נישט זין סעגאַלאָוויטש.א הויכער און א שלאַנקער און נישט נאָר שיין אָנגעטון, נאָר בפירוש צום שענסטן פון אַלע יידישע שרייבער פון אַלע צייטן און אַלע לענדער. עס איז א ביל־בול, וואָס מען האָט אויף אים אויסגעטראַכט, אַז ער טוט אָן יעדן טאָג א נייעם קראַוואַט, דאָס האָט ער אָנגעטון יעדן טאָג א נייעם אַנצוג און אַזוי ווי צו א נייעם אַנצוג מוז מען האָבן א נייעם קראַוואַט, ממילא האָט ער שוין יעדן טאָג אָנגעטון א נייעם קראַוואַט אויך. פלעגט ער זיך אין דער פרי באַ־ווייזן צום פרישטיק אין פאַריין אויף טלאָמאַצקיע, איז דאָס א גאַנצע קאָמ־פּאָזיציע געווען, פון די זילבער־גרויע האָר ביי די שלייפן, דער פאַרב פון דער הויט — און ער איז געווען זייער טונקל־הויטיק — און דעם מאַנטל, די קאַלאָשן, די שיך, דעם אַנצוג, דעם שניפּס — און צו דער קאָמפּאָזיציע האָט סעגאַלאָוויטש אַלעמאָל צוגערעכנט אויך דאָס אויסזען פון הימל אין דעם באַטרעפנדיקן טאָג. אין אַן אַפּריל־טאָג, א קאַפּריזנעם אַפּריל־טאָג פלעגט ער זיין אָנגעטון קאַפּריזנע, כדי אַלעמאָל צו זיין אויסגעגלייכט מיט דעם קאַפּ־ריזנעם אַפּריל־הימל . . . סעגאַלאָוויטש האָט זיך אַלעמאָל מער געזאָרגט וועגן די וואָלקנס, וועגן דער לבנה און וועגן דעם הימל ווי וועגן דעם גאָט, וואָס אין זיי . . .

גאָט איז נישט געווען סעגאַלאָוויטשעס עלעמענט. ער איז דערגאַנגען בלויז ביז גאָט, ער האָט ליב געהאַט די ווערק פון גאָט, די מענטשן־קינדער, דער עיקר די פרויען — פאַרשטייט זיך, די בלומען, די בערג, די טייכן, די גאַנצע נאַטור. דעם אמת געזאָגט האָט סעגאַלאָוויטש נישט ליב געהאַט שטאַרק די ווילדע און אומגעצוימטע נאַטור, ער האָט מער ליב געהאַט די געצוימטע נאַטור, דעם פּאַרק, דעם גאָרטן, דעם בלומענטאָפּ, די בלום די צוגעשפּיליע־טע צום אַנצוג.

מען קען נישט זאָגן, אַז סעגאַלאָוויטש האָט זיך נישט געפרייט מיט דעם

דערפֿאַלג פֿון זײַנע װערק, דער דערפֿאָלג פֿון זײַנע װערק איז געװעזן אַזױ גרױס, אַז ער האָט אַפֿילו נאָכגעצױגן נאָך זיך אַ דערפֿאָלג פֿון זײַנע לידער, כאָטש קײן פּאָעט האָט נישט קײן מאַטעריעלן דערפֿאָלג מיט לידער — סעגאַלאָװיטש האָט אים געהאַט, אַ דאַנק די שטאַרק, שטאַרק געלעזענע דער־צײלונגען און ראָמאַנען זײַנע. אָבער סעגאַלאָװיטשן האָט אַלײן אַביסל גע־שראָקן דער דערפֿאָלג פֿון זײַנע ביכער. סעגאַלאָװיטש איז צו סובטעל — נישט צו װיסן, אַ דאָ מײנט מען נישט די הגדה פֿון זײַן פּראָזע־קונסט נאָר די קנײדלעך פֿון זײַנע טעמעס און לײכטן דערצײלערישן אופֿן.

סעגאַלאָװיטש איז אַמאָל — עס איז געװעזן אין יאָר 1924 — געקומען פֿון אַ שטעטל, פֿון אַ פֿאָרלעזונג. טרעפֿט ער שלום אַשן און פּרוי אַש אױף דער גאַס. פֿרעגט זיך אַש פֿונאַנדער אױף דעם שטעטל, גראַד אײנס פֿון „זײַנע" שטעטלעך געװעזן, פֿרעגט אױף דער ביבליאָטעק און װאָס און װע־מען מען לעזט. אין דער אמתן איז אױף דער ליסטע פֿון די געלעזענע מחברים געשטאַנען אױפֿן ערשטן פּלאַץ, װי געװײנטלעך, סעגאַלאָװיטש. אָבער ער האָט נישט געװאָלט דאָס זאָגן אַשן. זאָגט ער אים, אַז אַש שטײט — נאַטיר־לעך — אױף דעם ערשטן אָרט. פֿרעגט װײטער אַש, װער עס שטײט אױפֿן צװײטן אָרט ? ענפֿערט סעגאַלאָװיטש, אַז סעגאַלאָװיטש . . . װערט אַש אין כעס און אַנטלױפֿט: קום מאַדזיע, זאָגט ער דער פֿרױ אַש.—אַז סעגאַלאָװיטש האָט אונדז שפּעטער די מעשה דערצײלט האָט ער זיך געװוּנדערט: װאָס האָט ער געװאָלט, אַש, ער זאָל שטײן אי אױפֿן ערשטן און אי אױפֿן צװײטן אָרט . . .

ער איז טאַקע אַן אײנזאַמער מענטש, סעגאַלאָװיטש, אָבער ער איז אַביסל צו עפּנטלעך אײנזאַם. נאָר צוריקגעשמועסט איז עס דאָך דאָס מזל פֿון דעם פּאָעט עפּנטלעך צו לײדן און עפּנטלעך צו אײנזאַמען . . . אַזיסט װאָלט דאָך אַ פּאָעט טאַקע אײנזאַם געװעזן, און װער װיל דאָס ?

כאָטש סעגאַלאָװיטש האָט אױסגעצײכנטע לירישע לידער געהאַט, ממש קלײנע, געטאָקטע קונסט־װערק, עפּיגראַמאַטיש מאַנכע, דין־ליריש אַנדע־רע, אמתדיק גוטע ליטעראַטור, האָבן מיר אים דאָך קײנמאָל נישט אײנגע־לאַדן אַנטײלצונעמען אין אונדזערע כאַליאַסטרעס־אױסגאַבעס. און כאָטש סע־גאַלאָװיטש האָט געדאַרפֿט אױף אַ כפּרה דאָס ביסל שם אומשטײנסגעזאָגט, װאָס מיר האָבן געקענט צוגעבן צו זײַן ריזיקער פּאָפּולאַריטעט — פֿאַרדראָסן אָבער האָט עס אים. עפּיס מאַכט מען אים צו פֿרי פֿאַר אַ קלאַסיקער . . . און זײַנע ביכער האָבן זיך בײַ די פֿאַרלעגערס געבאַקן אײנס נאָך אײנס און כסדר אין נײַע אױפֿלאַגעס. פֿלעגט ער פֿון צײַט צו צײַט צוגײן מיט זײַן לולקע אין מויל צו אונדזער טישל, װוּ מיר פֿלעגן זיצן מיט די קעפּ צונױפֿגעדריקט און

דיסקוטירן אונזערע ליטעראַריש־קינסטלערישע און פּאַרלעגערישע זאָרגן און פאַרלעגענע חובות ביי אַלע דרוקערס פון וואַרשע, וואָס פלעגן אונז די קעפּ אַראָפּרייסן („מיר" הייסט: מאַרקיש, גרינבערג, קאַציזנע, זינגער, אויך איך), פלעגט אַרויסנעמען אויף אַ ווײַלע די לולקע פון מויל און אַ וואָרף טון איין וואָרט „זיעבצעטער" — געהייסן האָט עס, אַז די טעג איז דערשינען דער זיבעצעטער באַנד פון זיינע געזאַמלטע ווערק . . .

ליטעראַריש פלעגט מען זיך בייסן, אָבער אַ חבר איז סעגאַלאָוויטש געווען איינער אין וואַרשע. אַ ווונק און סעגאַלאָוויטש האָט שוין געהאַלטן גרייט די פּאָר גראָשן ביי אַ חברישער הילפס־אַקציע. אַנדערע פלעגן זאָגן, בייזע צינגער פלעגן זאָגן, אַז דאָס נעמט זיך פון דער איינזאַמקייט, נישטאָ וועמען צו געבן, גיט מען די חברים.

אָפטמאָל איבערן טאָג און כמעט יעדן טאָג פלעגן פרויען אומבאַקאַנטע טעלעפאָנירן צו סעגאַלאָוויטשן, זיי האָבן צופיל ערנסט גענומען זיין איינזאַמען זיפץ און האָבן ביי דער געלעגנהייט אויך די אייגענע איינזאַמקייט געוואָלט פאַרטרייבן. אויף אַזעלכע טעלעפאָנען פלעגט סעגאַלאָוויטש נישט ענטפערן, נאָר ברומען עפּיס אין טעלעפאָן־רייערל אַריין, ברומען ווי אַן איינזאַמער ווינטער־בער. פלעגן זיך די פרויען נאָך מער שרעקן פאַר אים. שווער איז די קרוין פון אַ סעגאַלאָוויטש־צאַרטן דיכטער אויפן קאָפּ פון אַ דערפאָלגרייכן ראָמאַניסט.

1939

חיים סעמיאַטיצקי

1908 אין אַ שטעטל בײַ ביאַליסטאָק. זינט 1929 אין וואַר־
שע. 1939 אַוועק אויף דער סאָוועטישער זײַט פון פוילן.
נאָך יוני 1941 קיין ידיעות וועגן אים.

אַרום 1927 — צווישן די הונדערטער לידער, וואָס פלעגן אָנקומען פון דער פּראָווינץ, איינס מער. איין־איינציקס. דער מחבר: חיים סעמיאַטיצקי. אַז מען וועט איבערלעזן דאָס איינע — הייסן שיקן מער — וועט ער שיקן. אַ דין קאָנווערטל, אַ דין בײַגעלע פּאַפּיר, אַ בלאַסע טינט און דאָס ליד אויף אַזוי דין. אַזוי דין, אַז מען מוז עס באַמערקן, אַזוי ווי אַ שעפּטש אין סאַמע אויער אין מיטן אַ טומל. אָט איז דאָס ליד—סעמיאַטיצקי האָט עס אַרײַנגענו־מען אין זײַן ערשטן לידער־ביכל „אויסגעשטרעקטע הענט" — אָט איז עס:

שפּעט־הערבסטיקער פּייזאַזש

אויף פּוכיקן שניי געבעט
ליגן נעכט און שלאָפן שטיל,
קי אין שטאַלן דרימלען —
די אויגן זייערע זענען פול מיט לבֿנה,
וואָס שפּאַרט זיך אין שטאַל דורך אַ דינער שפּאַרונע.
זיי מעלה־גרהן און מעלה־גרהן און פרעגן מרוקענדיק:
וואָס איז דאָס פאַר אַ וועלט — וואָס — אַ?
פיש אין געקאַרבטן, טונקעלן וואַסער,
כאַפּן זיך שטיל אויף דער אויבערפלאַך אַר'יף
דערשלינגען אַ שטערן
און פאַרשווינדן מיט אים צוריק אין דער טיף.

האָט מען געדרוקט אָט דאָס ליד און געבעטן נאָך שיקן. און עס זענען געקומען נאָך לידער. גוטע לידער, אָבער אין קיין ליד איז די שטימונג נישט געווען אַזוי טיף און אַזוי נײַ די בילדער ווי אין דעם סאַמע ערשטן ליד.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און נאָך די לידער איז נאָכגעקומען קיין וואַרשע דער דיכטער אַליין. ער איז געקומען גלײַך פון בית המדרש אַרויס. אַ קליין־וווקסיקער, אַ פאַרשפּיצט פּנים און נישט צו יידיש. ער קוקט אַביסל זײַטיק ווען ער רעדט צו דיר. ער איז פול מיט אַלטער תורה און נישט ווינציקער מיט נײַער יידישער ליטעראַטור. הײַנטיקע צײַטן דאַרף זיך אַ ישיבֿה־בחור מער נישט אַזוי היטן מיט אַ טריף־פּסול ווי אַמאָל. דער ראש

ישיבה איז צופרידן מיט דעם, אז מען לערנט א ספר — זאָל עס אפילו זיין פאַרן קאָסט פון שפּעטער לעזן א ביכל. און כאָטש סעמיאַטיצקי האָט שטאַרק אַריינגעקוקט אין די טריף־פּסולן איז ער געבליבן פרום ביז אין דער טיפס־טער טיף פון זיין נשמה. צי האָט ער געדאַוונט — ווייס איך נישט, וועגן תורה פלעגט ער רעדן גאַנצע טעג.

גאָר באַלד האָט ער געפונען נאָענטע נשמות אין וואַרשע. הלל צייטלין אליין האָט אים אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, מיט גרויס באַגייסטערונג געשריבן וועגן סעמיאַטיצקיס לידער — און ווי זיין שטייגער אין אַזעלכע פאַלן, ווייל ער האָט אין די יידישע דיכטער, די וויל־לערנער געזען די אמתע פאַרזעצונג פון יידישן וואָרט — מיט אַזויפיל התלהבות, אַז עס איז אַזש עלול אַזאַ יונגען מענש אַרויפצוזעצן אַזוי הויך אין די וואָלקנס, אַ ער זאָל שוין נישט געפינען מער דעם וועג צו דער ערד און טאַמער יאָ — איז מיט א גאַנץ שטאַרקן זעץ . . . באַלד איז סעמיאַטיצקי געוועזן חבר מיט ישראל שטערנען. מנחה־צייט פלעגן זיי ביידע פאַרשווינדן אין א שכנ׳ישן שולעכל, שטערן מער צוליב דאַוונען און סעמיאַטיצקי מער צוליבן לערנען נאָכ׳ן דאַוונען.

געוועזן איז עס אין 1934. היטלער איז שוין פעסט געזעסן אין דייטש־לאַנד און פּונקט אַזוי פעסט דער אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן. דער יידישער שרייבער־קלוב איז שוין גיכער ענליך געוועזן צו א ברענענדיק הויז און די מיטגלידער יעדער ביי אַן אַנדער פענסטער און יעדער טראַכט וואָס גיכער א שפּרונג צו טון אַרויס און אַנטלויפן ערגעץ צו א גרעניץ. אַט אין יענער שטימונג האָב איך איינמאָל סעמיאַטיצקין, וואָס האָט געטראָגן זיין נויט אָן פּרעטענציעס, ער האָט זי דאָך אַליין גענומען אויף זיך, געפרעגט ווו ער וווינט, און אָן פּרעטענציעס האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט זיך אַנגע־דונגען אין א קראָם אלס היטער. זייגער זעקס פאַרנאַכט פאַרמאַכט מען אים אין דער דאָזיגער קראָם — אַזוי ווי א קאַץ, אָדער א הונט. האָט ער צוגע־געבן — און זייגער 9 אין דער פרי עפנט מען צוריק דעם לאָדן. שוין א האַלב יאָר ווי ער „וווינט״ אַזוי און דעריבער זעט מען אים לעצטנס קיינמאָל נישט אויף א ליטעראַרישן אָוונט.

און איך האָב מיר געטראַכט: גורל. און איך האָב מיר געטראַכט: דיכ־טערישע אַנונג. און אין זיינען איז אויפגעקומען דאָס ערשטע ליד, וואָס סעמ־יאַטיצקי האָט געשיקט קיין וואַרשע: קי אין שטאָלן דרימלען — די אויגן זייערע זענען פול מיט לבנה — וואָס שפּאַרט זיך אין שטאָל דורך א דינער שפּאַרונע — — — און איך האָב עס איצט פירגעזאָגט פאַר דעם דיכטער . . .

דיכטונג איז נבואה, עס העלפט גאָרנישט, פון דעם דינסטן ליד ביזן דונער־דיקסטן הימן.

געוועזן סטיל אין סעמיאַטיצקין. אויסגעהאַלטנקייט, גאַנצקייט. אין 1938 האָט ער ארויסגעגעבן א צווייט ביכל „טראָפּנס טוי". געציילטע ווערטער זיינע רייד. געציילטע ווערטער א יעדעס ליד באזונדער. און געציילטע לי־דער אין יעדן ביכל. און צוויי שמאָלע ביכלעך בלויז האָט ער אָנגעציילט אין די צען־צוועלף יאָר פון זיין קאַריערע.

איינמאָל האָט א גרופּע יינגערע דיכטער געמאַכט א גוואַלט, געוואָלט איינלייגן וועלטן, אז מען זאָל סעמיאַטיצקין אויסלייזן פון זיין „פּאָסטן" און דינגען אים א לייטישע דירה. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, שטילערהייט האָט ער געקענט די וועלט: — בעסער שוין כסדר ביי דער ארבעט צו בלייבן איידער אויף איין חודש אויסגעלייזט ווערן. אויף מער וועט אייער ענערגיע סאַי־ווי נישט קלעקן . . . איצט ווייסט איר שוין פאַרוואָס עס איז אזויפיל שטילקייט און אזויפיל נאַכט אין סעמיאַטיצקיס לידער?

1944

יעקב פּאַט

1890 אין ביאַליסטאָק, זינט 1922 אין װאַרשע, זינט 1938 אין נו־יאָרק. רײזעס: ארץ ישראל, ראַטן־פֿאַרבאַנד, פֿאַרײניקטע שטאַטן און קאַנאַדע.

זײַנע אומצאָליקע פֿײַנט, איך װיל חלילה נישט זאָגן „שונאים״ װײַל צו דעם דערגײט עס נישט, חלילה, רופֿן אים יאַנקעלע פּאַט. אַלע פּעיקע יעקב׳ס רופֿן די, װאָס זענען זײַ מקנא — יאַנקעלע. איך בין זיכער, אַז אין זײַן צײַט האָט מען אױך אונזער פּעיקן עלטערזײדן גערופֿן: יאַנקעלע אבינו — אײנע פֿון די הױפּטכאַראַקטעריסטיקעס פֿון יעקב פּאַט איז זײַן אױסער־געװײנטלעכע פּעיקײט, זײַן גוטע צופּאַסונגס־פּעיקײט צו אַלערלײ סיטואַ־ציעס — כאָטש אַלעמאָל האָט ער אַן אױסגעהאַלטענע ליניע. ער באַלאַנגט צום „בונד״, צענדלינקער, צענדלינקער יאָרן אַזױ, דאָך װיל מען גראַד אים נישט מוחל זײַן, װאָס ער האָט אין זײַן יוגנט סימפּאַטיזירט, אָדער געהערט צו נאָך אַנדערע פּאַרטײען. װי זאָגט דער פּסוק: װער עס איז פֿון אונז אָן אַ זינד . . . און דאָס, װאָס זײַענדיק הײַנט אַזאַ שאַרפֿער יידישיסט האָט ער אַמאָל געשריבן העבריעיש. אָפּט איז עס מיר אױסגעקומען פּאַטן אין פֿרײַ־װאָטע געשפּרעכן צו פּאַרטײדיקן קעגן זײַנע נאָענסטע פֿרײַנט, חברים. איך האָב עס פּשוט נישט פֿאַרשטאַנען. סאײדן קנאה. אָבער פּאַט האָט חלילה נישט אײַנגענומען קײן װעלטן, נישט פֿאַרנומען קײנמאָל בײַ קײנעם קײן פּאָזי־ציעס, בכלל נישט געשטרעבט צו „מאַכט״, און אַלץ, װאָס ער דערגרײכט, דערגרײכט ער מיט אַרבעט און איבערגעבנקײט און דער עיקר מיט פּעי־קײט. אַ באַרימטער יידישער שרײַבער, װאָס שטײט נאָענט צום „בונד״, האָט אַפֿילו געפּירט אין זײַן אַרכיװ אַ ספּעציעלע טעקע, װוּ ער האָט פֿאַרצײכנט אַלע סטיליסטישע אױסגליטשונגען פֿון פּאַטן. אױף אײנעם דאַרף מען זיך דאָך אָנזעצן, נו איז דער גורל געפֿאַלן אױף פּאַטן.

האָט יעקב פּאַט, װאָס איז בטבע זײער גוטמוטיק און טראָגט נישט נאָך קײן פּערזענלעכע שנאה, שױן צװײמאָל גענומען נקמה פֿון זײַנע פֿאַרפֿאָל־גער. טינטיקע נקמה. ער האָט צװײמאָל — אײנמאָל בײַם אַמעריקאַנער „טאָג״ און אַן אַנדערש מאָל בײַ דער „צוקונפֿט״ (1942) — געװוּנען די ערשטע פּרײַזן פֿאַר דערצײלונגען. און בײדע מאָל זענען אין דער „יורע״ געזעסן באַרימטע שרײַבער, װאָס װאָלטן אָן דער קאָנקורס־מאַסקע אױף פּאַטן קײן גוטס אַלס נאָװעליסט נישט געזאָגט. באמת װעגן אָט די צװײ קאָנקורסן און יעקב פּאַטן אַלס הױפּטגעװינער װאָלט זיך אַמאָל געלױנט צו שרײַבן אַ פּסי־כאָלאָגישע סטודיע װעגן דער אָביעקטיװקײט פֿון דער ליטעראַטור־קריטיק.

און איך בין זיכער, אַז ווען עס וואָלט ווען עס איז פאָרגעקומען אַ קאָנ־קורס אויפן געביט פון בעלעטריסטישן רעפּאָרטאַזש, אָדער קינדער־ליטע־אַ קאָנקורס אויף אָרגאַניזירן אַ געזעלשאַפטלעכע קאַמפּאַניע, אָדער אַ קאָנ־קורס אויפן געביט פון בעלעטריסטישן רעפּאָרטאַזש, אָדער קינדער־ליטע־ראַטור, וואָלט פּאַט אויך געוווּנען די ערשטע פּרעמיע. אָבער אַלץ — אונ־טער אַ צודעק פון אַנאָנימיטעט. ווייל ער איז זייער פעיק. ער ווייסט ווי צו רעדן צו מאַסן, ער געווינט זיי. ער ווייסט אויך ווי צו געווינען קינדער. און לאָמיך דערציילן אַן אַנעקדאָט: איינמאָל קומען מיר אַריין אין אַ וואַרשעווער יידישער שולע אין אָרימען געגנט. מיר האָבן דעמאָלט ביידע געאַרבעט אין דער צענטראַלער יידישער שולאָרגאַניזאַציע. אין יענער שולע זענען אין יענעם טאָג אַלע לערער קראַנק געווען און די קינדער האָבן געווילדע־וועט ממש ווי אַ וואַסערפאַל, ניאַגאַראַ. און גיי שטעל אָפּ די ניאַגאַראַ. איך שריי צו פּאַטן אַן עצה, אַז ער זאָל אַהיימשיקן די קינדער. ער אָבער שרייט צוריק צו מיר, כאָטש אַ שריט פון מיר, קוים וואָס איך הער: וואַרט, איר וועט באַלד עפּיס זען . . . און ער שלעפּט אין רעקרעאַציע־זאַל אַריין אַ טיש און שטעלט זיך אויף דעם טיש און הויבט אָן מיט זיין שאַרפער שטימע, און אַז ער רעדט הויך און העכער קומט אים דאָס גאַנצע בלוט אין פּנים אַריין און דאָס קיילעכדיקע פּנים זיינס, מיט דער אביסל צו פלאַכער נאָז, ווערט רויט און אָנגעגאָז־ערט, רויט און רויטער — און ער ציילט: איינס, צוויי, דריי, פיר — ער האַלט אין איין ציילן און איך שטיי פון דער וויטן און באַוווּנדער. אַז ער האָט אָנגעציילט ביז צוואַנציק זענען שוין אַלע עטלעכע הונדערט קינדער געווען ארום אים און האָבן מיטגעציילט אין מעכטיקן כאָר. ער האָט געהאַט די קינדער אויף זיין זייט, און איצט האָט ער אַ קאָמאַנדיר געטון: שטיל — און עס איז געוואָרן שטיל און ער האָט ווי נישט איז געפירט אין קלאַס מיט אַלע קינדער.

פאַר די אַלע זאַכן, און פאַר זיין זייער קלאָר און פאַרשטענדלעך שרייבן, האָבן אים די מאַסן ליב און דערפאַר גיט אַ מורמל איינער און דער אַנדערער פון די פיינשמעקער: דעמאַגאָג — — אָבער פּאַט איז וויט פון דעמאַגאָגיע, ווייל ער האָט נישט קיין שום הערש־ווילן. ער האָט נאָר ליב צו ווערן אויס־געהערט. נישט געהערט, נאָר אויסגעהערט ווייל ער האַלט זיך נישט פאַר דעם גרויסן פירער און אידעאָלאָג. ער איז צופרידן מיט זיין ראָל פון אַ גוטן לייטנאַנט אין דער באַוועגונג, אַ גענעראַל גלוסט זיך אים נישט צו זיין קיינ־מאָל. דערפאַר אויך איז ער אַזוי אָפט סעקרעטאַר און קיינמאָל נישט קיין פּאָרזיצער פון אַקציעס, באַוועגונגען.

און אפשר איז דאָס דערפאַר ווייל ער קאָנצענטרירט זיך נישט אויף

קיינעם פון די געביטן: בעלעטריסטיק, פעדאַגאָגיע, פּאַרטיי־פירערשאַפט. פאַרהאַנען מענשן, וואָס קענען דאָס גאַנצע לעבן מיט זיך אַליין נישט פאַרטיק ווערן וואָס אייגנטלעך זיי זענען. טיאָזשאָלאַיאַ שאַפּקאַ — שווער איז צו טראָגן צו פיל פעיקייטן.

פאַט איז דער מענש פון אַקציע, א באַוועגונג, וואָס באַזיצט אַסך אַזעל־כע פאַטן איז א דערפאָלגרייכע באַוועגונג. אַזעלכע מענשן קוקן אַלעמאָל פאַרויס און זייער זעלטן קוקן זיי זיך אום אויף צוריק. פאַט האָט נישט ליב קיין געשיכטע, אין בעסטן פאַל די געשיכטע, וואָס באַלאַנגט נאָך צו דער איצטיקייט, וואָס איז נאָך וואַרעם — אַזויצוזאָגן. דערפאַר האָט ער געשריבן זיינע אויסגעצייכנטע און לעבעדיקע פאָרטרעטן פון בונדישע פאָלקס־העלדן. נאָר געשיכטע אויף הונדערטער, טויזנטער יאָרן צוריק — עט.

און פאַט איז אַלעמאָל פאַרנומען ווי א קאָנדוקטאָר פון א פאַרנדיקן צוג פול מיט פאַסאַזשירן און כאָטש מיר האָבן צענדליקער יאָרן געאַרבעט אין די זעלבע אינסטיטוציעס, ווען איז דען געווען א געלעגנהייט צו רעדן צו אים אויג אין אויג, מענש צו מענש? ביז — מיר האָבן אַמאָל צופעליק גע־ווינט אין שיקאַגאָ אין איין האָטעל אוןביידע געקומען שפּעט פון פאַרזאַמ־לונגען, און ענדלעך זיך אביסל אויסגערעדט דאָס האַרץ. און אַז איך האָב אים געפרעגט: אפשר קענט איר מיר זאָגן וואָס פאַר א פּראָגראַם איר האָט פאַר די אַמעריקאַנער יונגע יידן אויף איבער צוואַנציק יאָר? האָט זיך פאַט מיד פאַרטראַכט און ס׳ערשטע מאָל האָב איך זיין פּנים געזען בלאַס, און ער האָט זייער ערנסט געבעטן: לאָמיר רעדן וועגן היינט. נעכטן און מאָרגן איז נישט מיין געביט.

1943

יוסף פּאַפּיערניקאָוו

1899 אין װאַרשע. 1923 צום ערשטן מאָל, 1933 צום צװײטן מאָל אין ארץ ישראל. װױנט דאָרט.

דאָס איז אַ טיף־טראַגישע יוגנט געװעזן — די ייִדישע יוגנט, די פֿופֿצן ביז פֿינף און צװאַנציק־יעריקע ייִנגלעך און מײדלעך, פֿון פּױלן באַלד נאָך דער ערשטער װעלט־מלחמה. צו מזרח צו ליגט דאָס געװאַלטיקע רוסלאַנד און שלאָגט זיך דורך דורך אַ דזשונגל פֿון לײד און פּײַן צו אַ נײַ לעבן. אמת איז, אַז די אַלטע סאָציאַליסטן אין פּױלן זענען נישט צופֿרידן מיט די אַנט־װיקלונגען אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. אָבער די יוגנט האַנדלט נישט היסטאָריש־מאַטעריאַליסטיש, די יוגנט טראַכט אװאַנגאַרדיסטיש און אפֿשר אפֿילו אַביסל אַװאַנטוריסטיש אױך. װאָס טױגן די טעאָריעס, אַז דאָס לעבן איז אַזױ שײן און נאָר אײנמאָל איז מען יונג. די פּױלישע יוגנט, די װאָס האָט אַמאָל גע־חלומט פֿון די „גלעזערנע הײַזער" אין נײַעם פּױלן װערט אַרײַנגעצױגן אין די אױפֿבױ־פּלענער פֿון דער יונגער מלוכה. זי װערט אַרײַנגעצױגן אין פּראַקטישן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם — פֿיזיש. און די פּױלישע יוגנט „לינקט" זיך זײער װײניק. די אוניװערזיטעטן שטײען אָפֿן, די הונדערטער נײַע אַמטן, דאָס מיליטער מיט די שלאַנקע שטיװעלעך און שטאָלצע מונ־דירן און הױכע דינפּיסיקע פֿערדלעך. אָבער פֿאַרחושכט — װי געװעזן — איז די ייִדישע יוגנט. די אוניװערזיטעטן האַלב צו, די אַמטן כמעט אינגאַנצן פֿאַרשלאָסן פֿאַר איר, דאָס מיליטער איז אָפֿן נאָר אױף דינען, אָבער נישט אױף מאַכן קאַריערע. און טאַטע־מאַמעס שטוב איז חושך און חושכער פֿון טאָג־צו־טאָג, אַזױ אין דער אַרבעטער־שטוב און אַזױ אױך אין דער באַלע־באַטישער שטוב פֿון װעלכער דער שטײַער־מאָנער שלעפּט אַרױס אַלץ חוץ דעם בעט און דעם טיש. לינקט זי די ייִדישע יוגנט און אָריענטירט זיך אױף מזרח. אַ צװײטער טײל װידער אָריענטירט זיך אױף דרום־מזרח װוּ עס ליגט ארץ ישראל. אַזױ אין די ערשטע יאָרן באַלד נאָך דער ערשטער װעלט־מלחמה. דאָס געדױערט נישט צו לאַנג. אין ארץ ישראל איז קריזיס און ראַטן־פֿאַרבאַנד פֿאַרשליסט זיך מיט זיבן שלעסער קעגן יעדער אימיגראַציע און דאָס קלינגװאָרט איז: װילסט רעװאָלוציע? מאַך זי. אָט אַזױ װי מיר האָבן געטון. און אַמעריקע איז געשלאָסן אױף זיבן און זיבעציק שלעסער. קומט אָן איבעראָריענטאַציע און דאָס בונדישע קלינגװאָרט אין פֿאָדערגרונט װי־דער: בלײַב אין לאַנד, האָרעװע און קעמף — זעסט דאָך, אַז קײן אַנדערער װעג איז נישטאָ. יאָ, דאָס איז אַ טיף־טראַגישע יוגנט געװעזן, די ייִדישע יוגנט אין פּױלן נאָך 1919.

און דער דיכטער יוסף פּאַפּיערניקאָוו איז מיט זיין גאַנצן וועזן, זיין ליד און זיין לייב און לעבן כאַראַקטעריסטיש פאַר אַט יענער צייט און יענער יוגנט.

עס ציט אים אי קיין מזרח און אי קיין דרום מזרח. ער גליט ממש מיט ליבשאַפט צו ארץ ישראל און מיט נישט ווייניקער ליבשאַפט צום ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס ערשטע איז אין פּוילן נישט געווען פאַרבאָטן, אדרבא ואדרבא, נאָר מען האָט געוואָלט זען רעזולטאַטן. דאָס צווייטע איז געווען פאַרבאָטן. פּאַפּיערניקאָוו אָריענטירט זיך מער אויף ארץ ישראל. אָבער דאָ קומט נאָך א טראַגישע סתירה. ער איז א יידישיסט. יידישיסטן מיט לאָגיק האָבן קיינמאָל נישט פיינט העברעיש. אָבער שטאַרק, שטאַרק ליב האָבן יידיש און שטאַרק, שטאַרק ליב האָבן ארץ ישראל, איז א סתירה. וואָלט ער געווען א געזונטער און א שטאַרקער — פּאַפּיערניקאָוו — וואָלטן אָט די אַלע סתירות זיך אפשר אָפּגעווישט פון זיך אליין. איז ער אָבער נישט. ער איז נישט הויך געוואַקסן, ער ליידט פון די אויגן .ער איז א שטילער, ער שטאַמט פון אַן אָרימער שטוב, פון א שטוב ווו מען מוז דערדריקן אין זיך עוולות, אָבער קען מען דען עוולות איינגאַנצן דערדריקן? קעמפט מען אָפּט הינטער יענעמס רוקן. און אין דער ליטעראַטור גייט עס אויך נישט צו גוט פּאַפּיערניקאָוון. די איינציקע פּאַרטיי אָן וועלכער ער קען זיך אָנשפּאַרן צו־ליב זיינע אידעאָלאָגיעס איז די לינקע פּועלי ציון — און זי איז נישט די שטאַרקסטע אין לאַנד און איר פּרעסע נישט די שטאַרקסטע. ליידט מען אויך ליטעראַריש. אָפט האָב איך געהערט דעם דיכטער, וואָס איז אַלעמאָל „שטילער ווי גראָז געווען״ רעדן מיט אַזויפיל גאַל וועגן מענשן, אין ווע־מעס אַנווועזנהייט ער האָט געשוויגן, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס „שטי־לע גראָז״ הויבט אָן צו ברענען.

און אָט איז ער אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל. עס איז פאַרווירקלעכט, עס איז דערגרייכט. די דיכטונג איז געוואָרן וואַרהייט. און דאָ קומט נאָך א סתירה. די אַרבעט פאַלט שווער, די אַרבעט די פיזישע ווערט פשוט אוממעגליך. אין ליד איז אַלץ מעגליך. אין די ציַיטונגען הויבן זיך אָן צו באַ־ווייזן לידער מיט לויטער זון. א גאַנץ ביכל לידער אפילו „אין זוניקן לאַנד״. און אויף דער הילע א בילד פון אַן אַרבעטער מיט א ריסקאַל, און פאַלמעס און געצעלטן אין הינטערגרונט, און דאָס בילד פון דעם אַרבעטער איז טאַ־קע ענליך צו דעם דיכטער אַליין. זענען די קאָלעגן צופרידן — כאָטש דאָס גליק האָט נישט זיי געטראָפן, נאָר זייערן א ברודער. איז אויך גוט. און מען נעמט אָן דיכטונג פאַר אַבסאָלוטער וואַרהייט און אַז מען גיט א טראַכט: יוסף פּאַפּיערניקאָוו — זעט מען פאַר די אויגן א בילד פון א פאַר־

ברוינטן פּנים, די ברוינע האָר פּאַסן זיך גוט צום קאָליר פֿון דער ארץ ישראלדיקער ערד און די לײדן פֿון די אויגן האָט שוין זיכער לאַנג די זון פֿון דרום אַרויסגעקושט און באַלד װעלן זיכער קומען לידער פֿון הײם און װײַב און קינד . . . אָבער שטאָט דעם אַלעמען קומט אין אײן שײ־נעם טאָג פּאַפּיערניקאָװ אַלײן צוריק קײן װאַרשע. און ער שרײַבט אױף אַ נײַ בוך לידער און ער רופֿט עס „רויט אויף שוואַרץ" איז עס אין דער אמתן שוואַרץ אויף שוואַרץ — אויס זוניק, אויס לאַנד. אויס. און ווידער הויבט זיך אָן דאָס זיצן אין שרײַבער־קלוב און גראָבן אײַנגעשפּאַרט מיט דער פּען די בײַגעלעך פּאַפּיר שטאָט מיט דעם ריסקאַל די בײַטן ערד. סיבות פֿון צוריקקומען זענען טאַקע געװען רײַן פּערזענליכע, אָבער גײ דערצײל יעדן אַ לאַנגע געשיכטע. איז טאַקע אַביסל אומהײמלעך מיט אַזאַ סתירה אין האַרצן פּאַרצולײגנען אויף עפֿנטליכע אוונטן צעזונגען־צעקלונגענע האַ־ראַ־לידער בשעת מען װעט נאָך דער פּאָרלעזונג זיך דאַרפֿן אומקערן אין אַ פּולער, אָרעמער װאַרשעווער שטוב װוּ מען װוינט אין אַ בעט אַ געדונגענס, וואָס בײַ טאָג דינגט עס אַ בעקער.

גײט אַװעק אַ יאָר און נאָך אַ יאָר און פּאַפּיערניקאָװ פֿאָרט אַװעק צום צװײטן מאָל קײן ארץ ישראל. אָבער די ערשטע פֿרײד איז שוין לאַנג אַװעק. עמיגרירן צום צװײטן מאָל אין אַ חלום־לאַנד איז װי אַ צװײטע חתונה מיט דער ערשטער געליבטער . . . עס איז אַ טראַגישע יוגנט געװען און פּאַ־פּיערניקאָװ אײנער פֿון אירע רעפּרעזענטאַנטן.

1943

אברהם פטאַשקין

װאַרשײַנלעך 1902 אין א שטעטל נעבן װאַרשע. אלע זײַנע יאָרן אין װאַרשע. 1939 אנטלאָפן קיין ראַטן־פאַר־באַנד. אין יאָר 1943 אין אן אוזבעקיסטאַנישער שטאָט זיך גענומען דאָס לעבן.

פינף קלײנע ביכלעך מיט קלײנע לידער, יעדעס פון זיי אַזױװי דאָס ערשטע ביכל פון אן אָנפאַנגער, זענען געבליבן נאָך אברהם פּטאַשקין. מעג־ליך, אז עס זענען נאָך געבליבן מאַנוסקריפּטן אויך. אָט זענען די נעמען פון זײַנע ביכלעך: און אַזױ װעט נישט זײַן. פון האַרבסט ביז האַרבסט. דײַטשלאַנד, דײַטשלאַנד. אויב איר װילט איז דאָס: גליק. אורלויב אין טאַט־רעזן.

שטיל איז ער אַרײַנגעקומען אין דער ליטעראַטור און נאָך שטילער איז ער אַװעק. אויף זײַן לעצטן ביכל איז דאָ א סימבאָלישע הילע, געצייכנט פון מענדל רײַף, פון א יונגען קינסטלער, װאָס האָט קנאַפּ פאַר׳ן אויסברוך פון צװײטן װעלט־קריג פּראַכטפול און אָריגינעל באַצירט די ביכלעך פון דעם ליטעראַרישן שארית הפליטה אין פּוילן ערב דעם גרעסטן שטורם אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק אין יענעם לאַנד. פאַר דעם, װאָס לעזט די יידישע ליטעראַטור מיט אויגן און מיט האַרץ װעלן אָט די צייכענונגען, אין צװיי פאַרבן בלויז אלעמאָל, אָבער אַזױ פאַרביק װי זיי װאָלטן צען פאַרבן געהאַט, בלײַבן אין זכרון, זיך אידענטיפיצירן אין אייביק מיט יענעם לעצטן, שטילן פּעריאָד, שטיל װי א זיפץ — א לעצטער — — פּונקט װי עס אידענטיפיצירט זיך אין אייביק דער הערלעכער פלאַמיקער פּרץ־פּעריאָד פון יאָר 1910 מיט די געניאַלע פּרץ־צייכענונגען פון דעם גרויסן מאָלער ב. קראַטקאָ. איז אויף דער הילע פון „אורלויב אין טאַטרעזן" האָט מענדל רײַף געצייכנט א שפּיץ־באַרג א בלויען מיט שניי באַדעקט און אונטערן באַרג עטליכע פאַרלוירענע סטעזשקעס און אויף אָט די סטעזשקעס פינף שפּורן פון שריט אין שניי. װאָס האָט זיך דער קינסטלער געטראַכט, װען ער האָט די צייכענונג געמאַכט? װער װייסט. הײַנט איז זי סימבאָל און אפילו די פינף שפּורן געװיס אויסגעצײלט — אברהם פּטאַשקינס פינף דינע ביכלעך, אַזױ דין װי שפּורן אין שניי, און אפשר אַזױ פאַרגײיענדיק אויך. פּטאַשקינס לי־דער זענען עכאָס, װידערקלאַנגען פון די געפערליכע באַרג־שטעגן פון דער יידישער ליריק. ער איז אויך געװעזן אין די בערג, נישט געשטויגן אויף די סאַמע שפּיצן, און אַז אַנדערע האָבן גערופן ערגעץ פון די קאַרק־ברעכע־רישע הייכן פלעגט ער ענפערן מיט ליבשאַפט און זאָרג, מיטשטייגן דאָרט אויבן איז נישט געװעזן פאַר זײַנע כוחות . . .

אַט קומט ער אריין צו מיר. 1922. וואַרשע, דזשיעלנע־גאַס 80 צי 100. א שריט פון יידישן בית עולם, פון דער באַרימטער אָקאָפּאָווע־גאַס. דאָרט ווין איך אין א קליין שטיבל צווישן פּוילישער אָרימקייט. טאָג און נאַכט פלעגט מען זיך אין אַט די דירות שטעכן, שלאָגן, שעלטן. דער מאַנגל אין דירות אין וואַרשע האָט אין יענער צייט דערגרייכט די מאַקסימום־טיף. איינמאָל אין א זונטיק נאָכמיטאָג בין איך אַליין געוועזן מיט מיין טעכטערל אין שטוב. די פּינפּיעריקע האָט זיך שטיל געשפּילט מיט אירע לאַלקעס און איך האָב געשריבן, צוגערוקט צום איינציקן פענסטערל. פּלוצלונג שרייט דאָס קינד ווי אין טויט־שרעק און קלאַמערט זיך צו מיר. איך קוק מיך אום, אין דער טיר שטייט א יונגער מענש, זייער בלאַס פון דעם, וואָס ער האָט דאָ אָנגעבראַיעט און שמייכלט זייער פאַרלעגן אויף זיין קיילעכדיק און שפּיציק פּנים, זייער פאַנקעדיק, מיט חן גריבלעך, וואָס זענען מער אומעטיק ווי לוסטיק און שוין דעמאָלט — מיט א גלאַטן קאָפּ. און דער יונגער מאַן קומט צו נענטער און ער נייגט זיך העפליך און ער רעדט פּויליש מיט דעם בעסטן אקצענט און ער ציט מיטן מויל נאָך יעדע פּאָר ווערטער און ער שטעלט זיך פאָר: אַבראַהאַם פטאַשקין. און זינט דעמאָלט זענען מיר געוואָרן פריינט. ער האָט אזוי ווייניק געפּאַדערט. ער איז געוועזן א סטודענט, נאָר אז סטודענטעריי האָט עפּיס אין ערגעץ נישט געפירט איז ער געוואָרן א בוכהאַלטער און שוין אזוי געבליבן ביזן סוף. יונגע דיכטער אין וואַרשע פלעגן אַלעמאָל אומהיימליך ווי א גרויסן, פאַרנדיקן הויקער טראָגן זייער נויט. פטאַשקין האָט — פאַרקערט — נאָך אַמאָל ארויסגעהאָלפן מיט א זלאָטע זיינעם א חבר, א דיכטער־אַספּיראַנט.

ווי פריינט איך בין געוועזן מיט פטאַשקינען — זיין דיכטונג האָט מיך קיינמאָל צו שטאַרק נישט געוואַרימט און — מיר האָבן ביידע געליטן דער־פון. ווי לאַנג איך האָב געוווינט ביי דער אָקאָפּאָווע און ווי אָפט פטאַשקין פלעגט קומען צו מיר זענען מיר ארויס אויף א שפּאַציר אויפן בית עולם, דעם איינציקן גאָרטן אין יענער געגנט, דעם איינציקן גאָרטן, וואָס איז שפּע־טער געבליבן אין וואַרשעווער געטאָ. אָפט פלעגן מיר אפילו אין אוונט דאָרט ארויסגיין. פרץ־אהל איז נאָך דעמאָלט נישט געשטאַנען, אָבער מיר פלעגן דאָך אין דער פינסטער אויפזוכן דאָס קבר און איך פלעג פרעדיקן און פטאַשקין האָרכן און ציען מיט די ליפּן און לעזן פון אויסנווייניק נאָך א ליד און נאָך א ליד. אפשר איז ער שוין רייף געוואָרן. זיינע לידער האָבן געהאַט אַלע מעלות, אפילו זיין האַנטשריפט איז געוועזן זיכער ווי ס׳כתב פון א פאַרצייטישן מחבר — איך האָב מיך אַלעמאָל געוווּנדערט וויאַזוי דער פּויליש־דערצויגענער האָט אַזאַ רבניש כתב — און נאָר איין זאַך האָט אים געפעלט: אָריגינעלקייט.

דערפֿאַר אָבער האָט אים נישט געעפּלט אומעט, מעלאַנכאָליע, מרה שחורה. — וואָס האָט איהר זיך אַזוי פֿאַרטראַכט ? — פֿלעגט מען אים כּסדר מוזן מונטערן אין געזעלשאַפֿט. און ער האָט אַ צי געטון מיט די ליפּן, די שמייכללאָזע חן־גריבלעך האָבן אַ שפּיל געטון אויף זײַן פּנים: — גאָרנישט, גאָרנישט. — — אויף זײַן שטילן אופֿן און אין זײַנע שטילע לידער האָט ער רעאַגירט אויף אַלץ, געדריקט דראַענדיקע פֿויסטן אין די קעשענעס פֿון זײַנע לידער, גערופֿן צו בונט, רעוואָלוציע, געפֿאָדערט גערעכטיקייט און דער עיקר — אין דער לעצטער צייט — געדראָעט אין דער זייט פֿון די נאַצים. האָט ער געוווסט, אַז אַפֿילו אַ ביליאָן אַזעלכע דיכטער־דראָאונגען וואָלטן זיי נישט אָפּגעשראָקן, וואָלטן אַפֿילו אײַן נאַצי אויף איין רגע נישט אָנגעשראָקן . . . נאָך אַלע זאַכן איז יעדער פֿון אונז אַזאַ, אָדער אַן אַנדער מין פּטאַשקין געווען.

וווּנדערליך איז דער געזעצמעסיקער גאַנג פֿון דער וועלט און אוועק־גאַנג פֿון מענשן. ווי דען אַנדערש האָט אַבֿרהם פּטאַשקין געקענט אָט די וועלט פֿאַרלאָזן — אויב נישט דורך דער אומהיימליכער, ענגער שלייף פֿון זעלבסטמאָרד . . .

1944

דוד פּליסקין

1888 אין א שטעטל פון ארום ווילנע. געלעבט און גע־שניידערט אַלע זיינע יאָרן אין צענדלינקער שטעט. צווישן זיי: ווארשע, לאָנדאָן, פּאריז. 1940 געבליבן אין פּאריז.

אַן אמתער. כשרער האָרעפּאשניק אַלע זיינע יאָרן אָט א דער דוד פּליסקין. א שניידער פון דור־דורות. דער בעסטער סימן, אז דאָס איז טאקע אַזוי איז, אז ער מאכט דערפון קיין שום ווען ניט. אַזוי מאכט א פיש נישט קיין ווען פון וואסער . . . אדרבא, ער וואלט געקענט אויך א לעב טון אויף דער יבשה אביסל ווען גאָט וואלט געלאָזט. אָבער די אמתע האָרעפּאשניקעס לאָזט גאָט קיינמאָל פון פאַך נישט אַרויס.

צווישן די הונדערטער יידישע שרייבער מיט וועלכע עיר ואם בישראל ווארשע האָט זיך געגרויסט זענען, בעוונותינו הרבים, נישט געווען קיין צו־פיל עכטע האָרעפּאשניקעס־פּראָלעטאריער. אויף די פינגער פון די הענט אויסצוציילן. כאָטש קיין בורזשויען זענען מיר קיינער נישט געווען, נישט קיין בורזשואזע פּסיכאָלאָגיע און אודאי נישט קיין אידעאָלאָגיע, אפילו נישט די מיטארבעטער פון די בירגערליכע צייטונגען. מיר זענען אלע געווען סאָציאַליסטן — ווער מער, ווער ווייניקער לינק. נאָר כאָטש מיר האָבן דעם פּראָלעטאַריש־סאָציאַליסטישן מאָטיוו כסדר איינגעפּעדימט אין די שפּיצן פון אונזערע פּענעס — אַן אמתן פּאָדעם אין א נאָדל האָבן מיר זייער זעלטן געפּעדימט. דוד פּליסקין — יאָ. דאָס גאנצע לעבן זיינס.

נאָך איינעם האָבן מיר געהאט, א באַדייטנדיקן דיכטער, און אויך ער איז געווען א געשווירענער פּראָלעטאריער. יוסף קירמאַן — א שטעקן־מאכער. איז דאָס טאקע געווען גאנץ נאַטירלעך, אז זיי האָבן זיך שטארק געחברט ביידע. נאָר אז קירמאַן, וואָס איז אויך געווען א גוט ביסל יאָרן יינגער פון פּליסקינען, האָט יאָ געהאט דערפאָלג און פּליסקין — נישט (מיט די לידער, נאַטירלעך) איז עפּיס א שווארצע קאַץ דורכגעלאָפן אויך אויף דעם איינהייטלעכן פּראָלעטארישן פראָנט. זענען אויך דאָרט באלד אנטשטאַנען צוויי קלאסן. אַז פּליסקין — די ליידנדיקע גוטמוטיקייט אליין — זאָל אויסרעדן א בייז וואָרט אויף א חבר איז געווען הפלא ופלא און פּונקט אזוי וואונדערליך איז געווען, אז קירמאַן זאָל זאָגן א בייז וואָרט אויף א חבר. נאָר איינמאָל האָבן זיי מיך אין איין טאָג — איינער נאָכן אנדערן — באזוכט און עס איז געשען. אָך, די לידער, די פאַרשאָלטענע לידער. קירמאַן פלעגט שרייבן אין סטיל פון אורי צבי גרינבערג און פּליסקין האָט געשריבן יע־

מאָלט אין סטיל פון יוסף באָושאָווער — האָט קיין אייניקייט נישט גע־קענט זײַן.

ער איז געװען א װאנדערנדיקער פראָלעטאריער — פליסקין. װי עס זינגט זיך אין בארימטן ליד פון מאָריס ראָזענפעלד: אמעריקע טרײַבט אונז קיין רוסלאנד צוריק. אים האָט בלויז לאָנדאָן אמאָל קיין רוסלאנד צוריק־געטריבן. און יאָרן, יאָרן נאָכן ערשטן װעלט־קריג האָט ער געװוינט אין װארשע און טאקע אויף די זעלבע טרעפּ װאָס איך — א שריט פון דער סמאָ־טשע־גאַס. זײַן קליינע דירה איז געװען א קליינע קאָמונע פון עטליכע חברים, אין חבר מיט א שװעסטער אפילו, די אײביקע פריינדין פליסקינס. קיין אָפיציעלער פאמיליע־מענש איז ער נישט געװען, קיין קינדער נישט געהאט. שפּעטער האָט ער געהאט קינדער — — לידער. איינער אין דער קאָמונע איז געװען א קרענקליכער און חברים האָבן אים שטילערהייט אויסגעהאלטן. אליין זיך געמאכט א קליינעם והיה באחרית הימים . . .

א נידעריקער אין װוקס, מיט א קײַלעכדיק פנים, אן אויסגעפּראצעװע־טער און מאָגערער, מיט זייער אסך קנײטשן אין פנים, װי עס גרעאָט אמאָל א קליין פויערל, נישט שװארץ און ניט בלאָנד, נישט קיין שיינער, אָבער װער דארף דאָס זײַן א שיינער צו די צרות? און אז ער רעדט, רעדט ער זייער הארציק, באלד פון הארץ צו הארץ. און ער בעט ממש מען זאָל אים אויסהערן דאָס נײַסטע ליד. און אָט אזוי װי מען קריכט אויף א צעבראָכע־נעם, װאקלדיקן לייטער אמאָל פון א קעלער ארויס, אין װעלכן מען איז פארקראָכן, אזוי איז פליסקין מיט מי אין אָט די לידער געקראָכן אויף די מאָדערנע פּאָעזיע־לייטערס . . . ביז, ביז ער האָט געפונען זײַן װעג ערגעץ אין פּאריז, צו זײַנע פּופּציק ערשט. ער האָט גענומען שרײַבן קינדערלידער און קנאַפּ פאר דעם אויסברוך פון דער צװייטער װעלט־מלחמה זענען איינס נאָך איינס דערשינען צװיי קינדער־לידער־זאמלונגען זײַנע און גוטע דערצו. אויף דער הילע פון איינעם פון זיי („װוּנדערלאנד" רופט זיך עס) איז דאָ א מלאכל מיט אן אלט פּנימל און מיט פליגלען און עס פליט און שװעבט אנטקעגן א בלויער פּאַװע, װאָס האָט פארבלאָנדזשעט צװישן שפּיציקע בערג. אָט אזוי איז פליסקין דורכגעפלויגן זײַן לעבן אנטקעגן זײַן מוזע.

איינמאָל האָט מיר מײַן טאָכטער — זעקס־זיבן יאָר איז זי דעמאָלט אלט געװען — געזאָגט, אז װען זי גייט פון שול אהיים רופט מען זי אָפּט ארײַן אין דער שטוב פון מײַן שכן פליסקין און דאָרט נעמט מען זי גאָר פײַן אויף און פליסקין לעזט פאר איר לידער און דערציילט איר אזעלכע שיינע מע־שיות, װאָס זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט. און פארװאָס לעז איך איר קיינמאָל נישט מײַנע לידער און דערצייל איר קיינמאָל נישט קיין מע־

שיות. ביי מיר האָט ער קיין צו גרויסן דערפאָלג מיט זיינע לידער פאַר דערוואַקסענע נישט געהאַט — האָט ער זיך קאָמפּענסירט מיט דערפאָלג ביים ייִנגערן דור. און דאָס איז — ווייזט אויס — געווען זיין וועג.

ווי דער שטייגער פון עכטע פּראָלעטאַריער, אַז די שער־און־נאָדל האָבן צו לאַנג גענומען זשאַווערן און אויך ביים טעשל־פּאַק איז שוין קיין אַרבעט נישט געווען, איז ער שטיל אַוועק, ווי שטיל ער איז געקומען — און טאַקע מיט דער גאַנצער קליינער קאָמונע. מיט יאָרן שפּעטער האָב איך מיין וואַר־שעווער שכן באַזוכט אין פּאַריז. ווידער די זעלבע קאָמונע. נאָר אַלע זענען שוין עלטער, נאָך עלטער. און די פּאַריזער דירה איז נאָך קלענער, קוים זיך א ריר צו טון. און פליסקין רעדט זיך אויס דאָס האַרץ: — די קנייטשן ווערן מערער, יאָרן ווערן ווייניקער, דירות ווערן קלענער, שוין באַלד אַזוי קליין ווי א קבֿר . . . און ער דערציילט מיר אויספירלעך וועגן דער מאַ־טעריעלער לאַגע און גאָרנישט וועגן ליטעראַטור. נאָר אַט בין איך ערגעץ אין לאַטיין־אַמעריקע און די פּאָסט ברענגט מיר האַפּערדיקע, יוגנטלעכע ממש בריוו און ביכער דערצו, ביכער מיט קינדערלידער פון דוד פליסקין. און איך ענטפער אים מיט פריילעכע, האַפּערדיקע בריוו און ווו איך נעם א יידישע קינדערצייטונג אין די הענט: פליסקין אומעטום. לידער פון זיין בוך: וואָנדערלאַנד . . . נו ביזטו נישט א וואָנדערוועלט — דו וועלט?

1943

יהושע פערלע

1888 אין ראדעם, פוילן, זינט פריער יוגנט געוווינט אין וואַרשע. 1939 אַנטלאָפן קיין לעמבערג און וואַרשיינלעך געבליבן ביי די נאַציס נאָך יוני 1941.

נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען איינער פון די געלעזנסטע יידישע דערציילער אין פוילן האָט זיך אים אָבער נישט געגלוסט איבערצו־לאָזן זיין פאַך פון א בוכהאַלטער, יהושע פערלען, און צו לאָזן זיך פריי שווי־מען אין דעם — פון פרנסה־שטאַנדפונקט — זייער אומזיכערן טייך פון דער יידישער ליטעראַטור. און, ווייזט אויס, אַז ער האָט דעם בוכהאַלטערישן פאַך זיינעם נישט פיינט געהאַט. אַמאָל האָט ער געאַרבעט אין א באַנק אין וואַר־שע, שפּעטער איז ער געוואָרן דער הויפּטבוכהאַלטער אין א גרויסער מיל און ער איז דאָרט געבליבן ביז שיר נישט זיין פופציקסטן לעבנס־יאָר. ערשט ביים האַלבן יאָרהונדערט פון זיין לעבן האָט ער זיך באַשלאָסן איבערצולאָזן זיין פאַך פון א בוכהאַלטער. חברישע בייזע צינגער האָבן אונטערגעהאַלטן די טעזע, אַז פערלע וועט נישט פריער אויפגעבן זיין מיל־פּאָסטן איידער ער וועט נישט דערגרייכן צוויי פופציקערס, פופציק יאָר לעבן און פופציק טויזנט זלאָטעס אין באַנק. אַזוי ווי אויך איך בין א בוכהאַלטער פון פאַך פלעגן מיר נישט איינמאָל מיט פערלען דיסקוטירן שווערע בוכהאַלטערישע פּראָבלע־מען, דער עיקר אין די בילאַנץ־צייטן. פערלעס באַלעבאַטים האָבן געהאַלטן, אַז דער איינציקער פעלער אין זיינע חשבון־ביכער זענען זיינע ליטעראַרישע ביכער, זיינע דערציילונגען און ראָמאַנען. די חברים האָבן געהאַלטן פונקט קאַפּויער. און ער איז א גוטער דערציילער, פערלע, זייער לאַנגזאַם האָט ער זיך אַרויסגעשיילט, צוערשט האָט ער געשריבן זייער ליריש, לידער אין פּראָזע, די אומדאַנקבאַרסטע ליטעראַרישע פאָרם, שפּעטער קליינע ראָ־מאַנטישע דערציילונגען, שפּעטער רעאַליסטישע געשיכטעס, שפּעטער נאַ־טוראַליסטישע שילדערונגען פון קליינבירגערלעכן לעבן — דאָ האָט ער אפשר דערגרייכט זיין קינסטלערישן זעניט, דער עיקר אין זיין ביכל „ביין א זייער אין דער פריי״, צום סוף האָט ער זיך פאַרמאָסטן אויף א גרויסן אויי־טאָביאָגראַפישן עפּאָס. ער האָט געשטאַמט פון זייער א קאָמפּליצירטער משפּחה מיט „דיינע, מיינע און אונזערע קינדער״ און עס איז געווען א וועלט וועגן וואָס צו שרייבן. און ער האָט ליב געהאַט צו שרייבן זייער ברו־טאַל, ווען עס איז געקומען צו עראָטישע שטעלעס, און אין יידיש איז מען נישט געוווינט געווען דערצו, האָט זיך אָנגעהויבן א קאַמף קעגן אים. און מען האָט געהאַט א ביטער האַרץ אויף פערלען, דווקא אויף אים, וואָס האָט

קיין פליג אויף דער וואַנט נישט געטשעפּעט. און געווען איז עס מער קנאה ווי שנאה. פּערלע האָט יאָרן־לאַנג געשריבן צייטונגס־ראָמאַנען, וואָס ער האָט אונטערגעשריבן מיט א צייכן פון דריי שטערנדלעך ***. די ראָמאַנען פלעגן זיך ציען יאָרן און פלעגן ברענגען גוטע פּרנסה, האָבן חברים, וואָס האָבן געליטן פון דלות, וואָס וואָלטן גערן אויך געשריבן שטערנדלעך־ראָמאַנען, אָבער נישט געהאַט די פעיקייט דערצו, געהאַט א בייז הארץ אויף פּערלען און אים פאַרגעוואָרפן אלע אומגליקן פון דער יידישער ליטעראַטור, אַט אַזוי ווי אויף זיינע פּלייצעס וואָלט זיך געהאַלטן גאַנץ סדום . . . . פּערלע האָט געשמייכלט אומשולדיק, געגלאַנצט מיט זיינע ברילן, פאַרצויגן זיין אביסל צו שפּיציקע נאָז און גערעדט זייער הויך מיט זיין אלעמאָל פריילעכער שטימע און עכט־פּוילישן דיאַלעקט: — יאָך ווייס נישט, וואָס עץ ווילט פון מיר, יעך האָב ענק קיינמאָל נישט געזאָגט, אז יעך וויל זיין א משיח — — אָבער סוף כל סוף זענען אים די „שטערנדלעך" נמאס געוואָרן און ער האָט געשריבן נאָר ריין ליטעראַרישע ווערק.

ס'איז פריילעך געווען מיט פּערלען, אלעמאָל אָן פּרעטענסיעס, אלעמאָל אַהין א ברעקל פּאָזע און אלעמאָל גרייט פאַרצולעזן אויף אָן אוונט, כאָטש ער האָט אבסאָלוט נישט געקענט לעזן. איינמאָל האָט ער געדאַרפט לעזן זיינע א דערציילונג, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „אין שטוב האָט געהערשט א טויטע שטילקייט", האָט ער זיך א זעץ געטון צום טיש און א פּאָר ארויס געטון מיט א הויכן „וויאַ", אז די ווענט האָבן אזש א ציטער געטון „אין שטוב האָט געהערשט א טויטע שטילקייט" . . .

און דאָך איז טיפער גלויבן אין זיך א סימן פון דער מענשלעכער נאַטור. איינמאָל האָב איך געדרוקט אַן ארטיקל וועגן אייביקע און פאַרגענגלעכע ווערק. האָט מיר דער רוח אונטערגעטראָגן אונטער דער פּענע א זאַץ, וואָס האָט זייער געטראָפן מיין הארציקן פריינט פּערלען. איך האָב געשריבן: אַט איז אַן אקסיאָם, אז טאָלסטאָי איז א בעסערער פּראָזאַיקער ווי יהושע פּערלע. — יאָרן לאַנג האָט עס מיר פּערלע נישט געקענט פאַרגעסן. — עס איז אפשר אמת, האָט ער געטענהט, אָבער האָסט דאָך געקענט נעמען הונדערט אַנדערע משלים, וואָס עפּיס דווקא פּערלע? . . .

פּערלע האָט געוווינט דאָס צווייטע הויז פון מיר אויף דער נאָוואָליפּקיגאַס. כמעט טעגלעך פלעגן מיר צוזאַמען אהיים גיין. מיט פּערלען זיין פרוי שרה, א יידישע שיינהייט מיט לאַנגע, לאַנגע צעפּ. א טאָכטער פון א קברן, אמאָל געהערט צום דראַמיטישן קרייז פון י. ל. פּרץ, און פּרץ איז געווען דער שדכן צווישן יהושע און שרה. זיי האָבן געלעבט גאָר גוט, געהאַט איין זון, נאָר פון שרהס אויגן האָט אלעמאָל ארויסגעקוקט עפּיס מער ווי טרויער.

איינמאָל אין אַן אָונט אין 1926 זענען מיר געגאַנגען צוזאַמען אַהיים. שרה האָט עפּיס מאָדנע מיך אויסגעפרעגט וועגן זינדיקע סעקסועלע יוגנט־דער־פאַרונגען. צו מאָרגנס אַרום מיטאָג איז די גאַנצע ליטעראַרישע משפחה אַלאַרמירט געוואָרן, זיך צונויפגעלאָפן ביי פּערלען אין שטוב. אויף דער ערד איז האַלב־טויט פון צער געלעגן פּערלע און אויף דער וואַנט אין אַ ווינקל איז געהאָנגען שרה, די האָר צעפלאָכטן; קיין וואָרט צו קיינעם נישט געלאָזן. אַן אייביק רעטעניש. חדשים־לאַנג האָט פּערלע אין שמועסן מיט חברים מיט אַ טרערן־ציטערנדיקער שטימע געפרעגט אין פּראַגע: פאַרוואָס, פאַרוואָס?

פּערלע האָט זיך נאָך דעם אומגליק סוף כל סוף דערכאַפּט. קיינמאָל מער מיט קיינעם זיך נישט פאַרבונדן, איינגאַנצן זיך געווידמעט דער דערציאונג פון הויכן, שלאַנקען זון, געמאַכט פון אים אַ גוטן אינזשעניער און זיך פאַרמאָסטן אויף דעם סאַמע ברייטסטן עפּאָס פון פּראָסטן גוט־שבת ייד אין פוילן. דאָס ערשטע פילהונדערטזייטיקע בוך איז אַרויס און די נאַציס זענען אַריין אין פוילן. פּערלע האָט געפונען קאָנטאַקט אין לעמבערג, געוואָרן דאָרט פאַרזיצער פון יידישן שרייבער פאַריין. מיט זיין אויפריכטיקייט האָט ער לייכט געפונען פריינט, און מיט זיין פעיקייט האָט ער נישט שווער אומעטום זיך איינגעאָרדנט. אַזוי אין לעבן און אַזוי אין דער ליטעראַטור.

1943

י. י. פּראָפּוס

יצחק יעקב פּראָפּוס — געבוירן אין מיטע, קורלאַנד, 1880, געוווינט אין פּעטערסבורג ביז 1907 און זינט דע־מאָלט אין ווארשע — געבליבן אין געטאָ.

אין יעקב פיכמאַנס יידישער אַנטאָלאָגיע, דער ערשטער און איינער פון די פיינסטע אין יידיש — וואָס רופט זיך „די יידישע מוזע" און איז ארויס אַרום 1910 איז דאָ א ליד פון י. י. פּראָפּוס, און אין דעם ליד א סטראָף: וואָס וויל ער, דער וואלקן דאָרט איבער מיין שטיבל וואָס רויבט ער אוועק מיר דאָס ליכט ? און האָט ער א רעגן, וואָס צעגערט ער, ציט ער, וואָס טויג אים אזוי, וואָס ער קריכט? — — די אַנטאָלאָגיע האָט אויף מיר אין איר צייט געמאכט א גרויסן רושם און כמעט יעדעס ליד פון דאָרט — אויב נישט אינגאַנצן, האָב איך כמעט טיילוויס פאַרגעדענקט אויף אויסנווייניק. און אויך דאָס ליד פון י. י. פּראָפּוס. יענער וואָלקן, וואָס קריכט אין דעם ליד האָט זיך צוגעטשעפּעט צו מיר און האָט מיך שוין קיינמאָל מער נישט אָפּ־געלאָזן ,ער קריכט מיר נאָך; אַ זלידנער וואָלקן — דאָס גאַנצע לעבן . . . און אויך פּראָפּוסן איז דאָס גאַנצע לעבן זיינס נאָכגעקראָכן זיין אייגענער חלום צו ווערן א באַרימטער פּאָעט, א זלידנער חלום. פון זיין פריסטער יוגנט האָט פּראָפּוס זיך מפרנס געווען פון יידישן וואָרט — נישט פון ליד, נאָר פון וואָרט. יאָרן, אפשר יאָרצענדלינקער, איז ער געווען א קאָרעקטאָר אין יידישע טאָג־צייטונגען און שפּעטער א גוטע פּאָר יאָרצענדלינק דער סעק־רעטאָר פון דער רעדאקציע „מאָמענט". צבי פרילוצקי, דער רעדאקטאָר פון „מאָמענט" האָט געהאַט א שוואכקייט צו דעמינוטיוון און זיין סעקרעטאָר האָט ער נאַטירלעך גערופן „פּראָפּוסל" — האָט אים שוין — פאַרשטייט זיך — יעדער קאָלעגע גערופן פּראָפּוסל. פּראָפּוס האָט געהאַט א שוואכקייט צו ארכיוון און רעדאקציע־ארכיוון זענען אלעמאָל זייער א שטשיפּיטילנע זאַך. וועלכער יידישער שרייבער האָט דאָס נישט אמאָל פּרובירט אָפּדרוקן עפּיס אין א צייטונג און עס איז אים גראָד נישט געלונגען .איינער, וואָס פלעגט כל ימיו שרייבן טרוקענע, פּאָליטישע ארטיקלען, האָט אמאָל געוואָלט גאָר אָפּדרוקן אַ ליד און דווקא א ליבעס־ליד. און איינער, וואָס האָט אלעמאָל גע־שריבן לידער, האָט שטילערהייט אָנגעשריבן א סענסאַציאָנעלן ראָמאַן. און איינער האָט זיך אמאָל געוואָלט פאַרמעסטן אויף ליטעראַרישער קריטיק כאָטש ער איז גאָר א שרייבער פון שונד־ראָמאַנען. אָט די אלע עבירות'לעך האָט פּראָפּוס געטריי ארכיווירט און רעגיסטרירט און פּלוצלונג אינמיטן דע־רינען און צווישן צוויי טוץ עדות האָט ער דיר אין יאָר 1932 אָנגעבאָטן אָפּ־

צוגעבן צוריק דײַנעם א מאַנוסקריפּט, וואָס דו האָסט געשיקט אין דער רע־דאַקציע אין יאָר 1912 אָדער 22 . . . דערבײַ האָט ער זײַער אומשולדיק גע־שמייכלט, אַפילו אַביסל באַרימעריש, וואָס ער איז אַזאַ בריה. — האָט מען טאַקע אַביסל מורא געהאַט פאַר פּראָפּוסן. אַגבֿ — אַ סעקרעטאַר פון אַ מעכ־טיקער רעדאַקציע איז געווען אַ מאַכט אין ווארשע. און אַז מען האָט פּראָ־פּוסן אין יאָר 1930 געפּראַוועט אַ פופציק־יעריקן יובל איז געווען אַ גרוי־סער באַנקעט און לויטער קאַרפּן־קעפּ אויף די שטולן אויסגעזעצט און אויף די טעלערס אויסגעלייגט. דער ייִד פון דער גאַס האָט זיך געחידושט, פאַר אים איז פּראָפּוס געווען אַ שרײַבער, וואָס האָט אַמאָל אין אַ יובל אָנגעשריבן אַן אַרטיקל, לרובֿ אַ דערינערונג פון די אַמאָליקע „פריינד״־יאָרן אין פעטערסבורג און אין ווארשע.

אָט איז ער אונזער פּראָפּוס: אַן אונטערמיטלוווקסיקער און זײַער אַ באַ־לעבאַטיש, געפּלעגט פּנים, און געשווירענע וואָנסעס, אַמאָל האָט ער גע־טראָגן זײַער לאַנגע פּוילישע וואָנסעס, און אַ בריל־צוויקער אויף דער באַ־לעבאַטישער נאָז און אַלעמאָל זײַער סטאַטעטשנע און וואַזשנע קוקנדיק, און ער רעדט נישט קיין סך, נאָר אַז ער זאָגט שוין עפּיס דאַרף מען זיך צוהערן. און ער איז אַ בחור, אַן אײַביקער בחור, און די קעלנערס האָבן מורא פאַר אים און זעען אים גערן, ווײַל ער שיקט זיי זיבן מאָל צוריק מיט יעדער זאַך אין קיך אַרײַן, אָבער ניט פּריצישע טרינק־געלטער .ער איז אַלעמאָל אָנ־געטון טיפּ־טאָפּ, און צו יעדער צײַט פון יאָר און פון מעת לעת דעם ריכ־טיקן מאַנטל און אַז מען צערעדט זיך וועגן דער פּרץ־תּקופֿה אין ווארשע איז: לאָזט מיך — — און דו ווערסט דערשטוינט, אַז דו ווערסט געוואָר, און פּראָפּוס האָט קיינמאָל קיין נישט אמת וואָרט נישט געזאָגט, אַז פּרץ האָט מיט פּראָפּוסן געפירט לאַנג־דויערנדיקע קאָרעספּאָנדענצן און טאַקע וועגן די לידער און די דערציילונגען, וואָס פּראָפּוס האָט געשריבן. די נישט־צע־שויבערטקייט, זויבערקייט, היפּשע בילדונג און טאַקט פון דעם יונגען מענטש, וואָס איז נאָך דערצו געווען אַ קורלענדער, און אַ קורלענדער איז דאָך אין אַמאָליקן רוסלאַנד געווען אַ האַלבער דײַטש, האָט אויף פּרץ׳ן געמאַכט אַן אײַנדרוק. און דווקא פּראָפּוסן האָבן מיר צו פאַרדאַנקען, וואָס מיר קענען הײַנט אַזוי גרונטיק אַרײַנקוקן אין די קליינע רעדעלעך פון פּרץ׳עס געדאַנ־קען וועגן פאָרמען, אידעען, אײַנהאַלטן פון ליטעראַרישע שאַפונגען און מיר ווערן אויך געוואָר וועגן די מעטאָדן וויאַזוי ער פלעגט דערציִען יונגע שרײַ־בער. פּרץ גילט דאָך ווי אַ דערציִער פון אַ ליטעראַרישן דור. און פּראָפּוסן אי עס באַשערט געווען די געהעריקע דאָקומענטן צו פּרעזערווירן, אַרכי־ווירן.

אויף דער לעשנע־גאַס פלעגט ער וווינען לרובֿ — פּראָפּוס. די לעשנע

איז געווען אויפן גרעניץ פון געדיכטסטן יידישן געגנט און די ווייניקער יידישע געגענטן. דאָרט האָט פּראָפּוס געוווינט ביי יענעם אין א פיינער שטוב. און אָפּגעהיטן האָט מען אים דאָ ווי אן אוצר. טעלעפאָנירט מען, איז נישט לייכט זיך צו דערשלאָגן, דאָ שלאָפט דער רעדאקטאָר, דאָ רוט ער, דאָ אַר־בעט ער און וויל נישט ווערן געשטערט — — און די יאָרן זענען געגאנגען און דער וואָלקן אין הימל איז אלץ געקראָכן און דער זלידנער חלום פון צו ווערן א בארימטער פּאָעט איז נאָך אלץ נאָכגעגאנגען. פון צייט צו צייט האָט פּראָפּוס א סטראשע געטון די חברים, אז א לאדע טאָג וועט ער ארויס מיט א זאמלונג פון זיינע אלע לידער, פּערל אין פּערל. אָבער ס׳איז געבליבן ביים סטראשונאָק.

פון נאַלעווקע 38 (דער אדרעס פון מאָמענט) אויף לעשנע — צווימאָל א טאָג אהין און צייוומאָל צוריק און לרוב אין א דראָשקע, אויפן ווארשע־ווער פּריצישן שטייגער, און געדאכט האָט זיך, אז אזוי איז פארשריבן גע־וואָרן פאר י. י. פּראָפּוסן אין ספר פּראלניק ביז הונדערט און צוואנציק יאָר. — און אמאָל, ערגעץ אין ארגענטינע, נאָכן דערשיינען פון א נייעם בוך מיינעם, באקום איך א בריוול פון פּראָפּוסן; ער האָט א גרויסע זאמלונג פון יידישער ליריק, ער וויל מיין בוך און טאקע מיט א צושריפט און פון בריוו ווייעט בענקשאפט, און צער, און איינזאמקייט, און דער בארימטער וואָלקן איז שוין שווער און שווארץ און נידעריק און פאלט שוין ממש אויפן קאָפּ אראָפּ . . . מיט טרערן אין די אויגן, מיט א הארציקער צושריפט האָב איך געשיקט. גאָר באלד האָבן זיך די געטאָ־טויערן פארשלאָסן און פּראָפּוס איז געבליבן אינעווייניק.

1941

נח פּרילוצקי

1882 אין באַרדיטשעוו, קינדהייט אין קרעמענעץ, 1909 וואַרשע, רײַזעס אין אייראָפּע און אין אַמעריקע—1921— אַרום 1930 געוווינט יאָרן אין פּאַריז — 1939 געווען אין וואַרשע, אַריבער קיין ווילנע. זינט 1941 — אומבאַקאַנט ווו.

נח פּרילוצקי האָט די פּאָפּולאַריטעט נישט פֿײַנט געהאַט און ער האָט זי געהאַט אין זײַן לעבן אַסך מאָל און אין דער פֿולסטער מאָס. יאָרנלאַנג פֿלעגט זײַן נאָמען נישט אַראָפּגיין טאָג נאָך טאָג פֿון די שפּאַלטן פֿון דער יידישער פּרעסע אין פּוילן. אין דער צײַט פֿון וואַלן — און אין פּוילן זענען געווען וואַלן אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק — איז מיט דעם נאָמען נח פּרילוצקי פֿאַרקלעבט געווען גאַנץ וואַרשע און אין די צײַטונגען פֿלעגט דעמאָלט דער נאָמען דערשײַנען מיט ריזיקע פּלאַקאַט־אותיות: נח פּרילוצקי. אַמאָל, אַמאָל איז נח פּרילוצקי אויך געווען אַ פּאָעט, האָט אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג לידער — צו זײַנע 27 יאָר — „פּאַרן מזבח״. ביז דעמאָלט האָט מען אַזוי הייס וועגן דער ליבע אין יידיש נישט געשריבן און אין אָט דער היץ איז, ווײַזט אויס, פּרילוצקיס גאַנצע פּאָעטישע אַמביציע אויסגעברענט געוואָרן. די זאַך האָט אים מער נישט אינטערעסירט. זינט דעמאָלט האָט ער געהאַט צוויי לײַדנשאַפֿטן, וואָס האָבן געפֿאָדערט עקס־טרעמע מיטלען. פֿון איין זײַט איז ער געווען אַ לײַדנשאַפֿטלעכער פּאָלי־טיקער, דעבאַטאַנט, רעדנער, זײַן פּאָליטישע אָריענטאַציע — עקסטרעמער פֿאָלקיזם, געווען דעפּוטאַט פֿון אַלערליי מלוכה־אינסטאַנצן, אײַנשליסנדיק דעם פּוילישן סעים, געפֿירט פֿאַר דער אָנערקענונג פֿון יידיש נישט בלויז קאַמפֿן, נאָר ממש קרייץ־צוגן — פֿון דער אַנדערער זײַט אָבער איז פּרי־לוצקי געווען אַ לײַדנשאַפֿטלעכער פֿילאָלאָג און פֿאָרשער פֿון דער יידישער שפּראַך. ער האָט כל ימיו אין זײַנע פֿילאָלאָגישע אַרבעטן זיך באַנוצט מיט זײַן אייגענער אָרטאָגראַפֿיע, וואָס האָט געפֿאָדערט פֿון לעזער די געדולד פֿון אַ אַרבעס־קלויבער, מכל שכן פֿון שרײַבער. וויאַזוי פּרילוצקי האָט געקענט זיך אויפֿהייבן פֿון זײַן געוואַלטיקן שרײַבטיש, וואָס איז געווען אַזוי גרויס און אָנגעפּאַקט און אָנגעשטעלט מיט אַלערליי זאַכן ווי אַ גרויסע קראָם, פֿון זײַן האַרשפּאַלטערישער פֿאָלקלאָריסטישער אַרבעט, אָדער פֿילאָלאָגי־שער פֿאָרשונג און מאָמענטאַן גיין אויף אַ מיטינג און האַלטן אין צוים מיט אַלע מיטלען פֿון אַ רעדנער, וואָס מוז דאָך אָנקומען צו דעמאַגאָגיע פֿון צײַט צו צײַט, אַ מאַסע פֿון אַ פּאָר טויזנט פּראָסטע, האָרעפּאַשנע יידן — דאָס וועט שוין בלײַבן אַ סוד. אין סאַמע מיטן פֿון זײַן פּאָליטישער טעטיקייט

פֿלעגן דערשײַנען ביכער, װאָס האָבן אַנטהאַלטן זײַנע קעמפֿערישע רעדעס, דאָס איז נאַטירלעך, אָבער אין דערזעלבער צײַט פֿלעגן אױך דערשײַנען זײַנע פֿילאָלאָגישע זאַמלונגען װאָס האָבן געפֿאָדערט די װעלט־אַרום־זיך־נישט־זײענדיקע געדולד פֿון א מוראשקע. — פּרילוצקי פֿלעגט זײַנע פּאָליטישע אַרטיקלען פֿולע מיט ברענשטאָף װי שאַכטלען שװעבעלעך — איבער־שרײַבן פֿיר און פֿינפֿמאָל, אײדער ער פֿלעגט זײ איבערגעבן צום דרוק. אַנ־דערע פּאָליטיקער — קוים, װאָס זײ באַװײַזן אײנמאָל אױפֿצושרײַבן זײערע אַרטיקלען און ער — שרײַבט איבער און איבער. אױף יענע מאַנוסקריפּטן זע־נען פֿאָרגעקומען קאַמפֿן צװישן דעם לײַדנשאַפֿטלעכן פּאָליטיקער און דעם נישט װײניקער לײַדנשאַפֿטלעכן ריטער פֿון דער ייִדישער שפּראַך אַלס שפּראַך גופֿא. און ייִדיש קען פּרילוצקי ביז אין די טיפֿסטע טיפֿענישן און די װײַטסטע װײַטקײטן. ער קען אַלע ייִדישן און אַלע ייִדישע װערטלעך און דרײדל־װערטלעך. אַמאָל האָט מיך פּרילוצקי געפֿרעגט װוּ איך בין געבױרן. האָב איך אים געזאָגט, אַז אין ראַדימנאָ, אַזױ איז דער פּױלישער נאָמען פֿון מײַן שטעטל און אין פּױלן זענען געװעזן איבער צװײטױזנט שטעטלעך. דע־רױף האָט פּרילוצקי באַלד געזאָגט: פֿאַרװאָס רופֿט איר עס עפּיס ראַדימנאָ? אױף ייִדיש הײסט עס דאָך רעדים און מען רופֿט עס רעדימער שטריק. (אונזער שטעטל איז פֿול מיט שטריק־דרײערס) איך האָב געשטױנט. און אַזױ האָט פּרילוצקי געקענט יעדן ניואַנס, װאָס האָט נאָר װעלכן נישט איז שײַכות צו װעלכן נישט איז ייִדישן דיאַלעקט.

און װי זײַן נאָמען האָט זיך אָנגעזען אין װאַרשע, אַזױ האָט זיך אָנגעזען זײַן פֿיגור, א הױכער, א גיבורדיק אױסזען, אַן אױסדרוקספֿול, כאָטש אַביסל פֿלײשיק פּנים, א ברונעט נאַטירלעך, אַ קורצע אָבער זאַטע באָרד און פֿון צװישן די װאָנסעס און דער באָרד זעען זיך שטאַרק אַרױס די פֿולע, רױטע ליפּן און צװישן די ליפּן דער ברױנער, ציגאַר. ער טראָגט נאָך אַלץ א הוט מיט ברײטע קרײסעס און אַז ער גײט אױף דער גאַס קוקן זיך אָלע אום און ייִדן שעפּטשען „נח פּרילוצקי" און עס גײט אָן א כּסדרדיקע גריסערײַ און אַלעמאָל גיט א בלישטש די טאָטאַלע ליסינע פּרילוצקיס, װען ער נעמט אַראָפּ דעם הוט.

און שונאים האָט ער, שונאים פֿון רעכטס און פֿון לינקס, צװישן ייִדן און נישט־ייִדן, צװישן חברים און בתּס ייִדן, נאָר דער עיקר האָט ער שונאים צװישן די ציוניסטן, ער איז א שאַרפֿער פּאָלעמיסט און ער האָט בשעת זײַנע װאַל־קאַמפּאַניעס אַזױ אָרײַנגעזאָגט זײַנע קעגנער, אַז זײ האָבן אים קײנמאָל מער נישט מוחל געװעזן. זײַן שטימע איז זײער מעטאַליש און זײער זעלבסט־באַװוּסט און אַזױ װי ער איז אַן אַדװאָקאַט פּאָלעמיזירט ער נישט בלױז, נאָר

ער באַשולדיקט און ער האָט אַלעמאָל דאָקומענטאַרישע באַווייזן. און עס שטערט נישט צו זיין רעדנערישן דערפאָלג דער נערוועזער ציטער און דאָס נערוועזע צוזאַמענציִען פון מויל און אַקסל אַלע מינוט ביים רעדן. וואַרשע האָט זיך צוגעווויינט דערצו. — מיט גרינבוימען, מיט דאָקטאָר יהושע גאָט־ליבן — שונאים אויפן לעבן. איינמאָל באַגעגענען זיי זיך אין דער קאַנצע־לאַריע פון שרייבער־פאַריין. זיי זאָגן זיך אַריין דורך דער דריטער פּערזאָן „זאָל ער" — „וועט ער" — און פלוצלונג הויבן אָן צו פאַרשווינדן די אַש־וועד־שטיינדלעך און ציגאַרעטן־טעצלעך פון די טישן — גאָטליב און פּרי־לוצקי זענען ביידע ווייס ווי די שניי־מענטשן און באָמבאַרדירן זיך קעגנזיי־טיק. זענען זיי אָבער ביידע אַדוואָקאַטן און וואַרפן נישט די זאַכן אין די קעפּ, נאָר אין די בייכער — און קיין בלוט איז נישט געפלאָסן. — אַ גביר און אַ יחסן פון דור דורות, דער זון פון אייגנטימער־רעדאַקטאָר פון „מאָ־מענט" צבי פּרילוצקי — האָט נחת געהאַט אָן אינטערעסאַנטע היים אין וואַר־שע. זיין פרוי די אַסך עלטערע פון אים דיכטערין פּאולא ר. — קיין קינ־דער זענען נישט געוועזן. די ווענט פול מיט בילדער, אין אַלע שטובן ביכער־אַלמערס און גלעזערנע שענקלעך מיט אַלערליי יידישע אַלטערטימלעכקייטן. פּרילוצקי פאַרדינט אַסך, ער לעבט אָבער כסדר איבערן שטאַנד און יעדער האָט טענות צו אים און חשבונות און יעדער מאָנט עפּיס ביי אים. ער אָבער גייט פאַרויס אין איין האַנט די שווערט פון קעמפער און אין דער אַנדערער די גענזענע פעדער פון דעם שטוב־געלערנטן און בענקל־קוועטשער . . . קורץ פאַר דער דייטשער אינוואַזיע פון ווילנע ווערט ער נאָך אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָר און . . . ווייטער ווער ווייסט?

1943

יעקב פּרעגער

1887 אין קאָברין, זינט 1913 אין אָטוואָצק בײַ װאַרשע.
1939 געבליבן אונטער די נאַציס.

פֿון אַלע װאַרשעװער ייִדישע שרײַבער — און כאָטש פּרעגער האָט גע־װױנט אין אַ שטעטל בײַ װאַרשע איז ער אָבער אַלע מאָגנטיק און דאָנערשטיק געװעזן אין שטאָט און האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ װאַרשעװער — איז יעקב פּרעגער געװעזן דער סאַמע דערפֿאָלגרײַכסטער דראַמאַטורג. און אַז דו האָסט אים געזען, און דער עיקר, אַז דו האָסט מיט אים גערעדט, װאָלסטו גיכער געראָטן, אַז ער איז — אױב אַ שרײַבער — אַ װיסנשאַפֿטלעכער גריבלער אױף אַזאַ מין געביט, װאָס אינטערעסירט קײנעם נישט, אין בעסטן פֿאַל אַ פּראָפֿעסער פֿון אַ גראַמאַטיק . . . אַזױ שטיל איז אַלעמאָל פּרעגער געװעזן — נידעריקער װי דאָס װאַסער און שטילער װי דאָס גראָז.

פּרעגער אַלײן האָט קײן ציװילע באַשעפֿטיקונג נישט געהאַט, ער האָט נאָר אַרױסגעהאָלפֿן אין דער אַדמיניסטראַציע פֿון דעם דערפֿאָלגרײַכן דענ־טיסטישן קאַבינעט, װאָס מאַדאַם פּרעגער האָט געפֿירט. און דערפֿאָלגרײַך איז דער קאַבינעט געװעזן. זומער האָבן זיך דאָרט קורירט די זומער־געסט פֿון דעם װוּנדערבאַרן סאָסנע־װאַלדיקן קוראָרט און װינטער האָבן די ייִדישע פּאַרזאָרגערס פֿון די קורגעסט פֿאַריכט די צײנער, װאָס זײ פֿלעגן אױסברעכן בײַם רעדן פּױליש מיט די פּאַניעס און פּאַניענקעס פֿון װאַרשע און בײַם דינ־גען־זיך מיט זײ און בײַם שעלטן פֿון צײַט צו צײַט. — — איר האָט זיך אפֿשר געװוּנדערט פֿאַרװאָס איך האָב באַנוצט דאָס װאָרט „ציװילע" באַשעפֿטי־קונג. נו, גאַנץ פּשוט, ייִדישע שרײַבער זענען סאָלדאַטן פֿון אַ מין „סאָלװײ־שאָן"־אַרמײ, האָבן זײ דעריבער לרוב צװײ באַשעפֿטיקונגען — אַן אַמטלעך־מיליטערישע און אַ ציװילע.

ער איז אַ גוטמוטיקער אַלעמאָל געװעזן — יעקב פּרעגער. אַזאַ גרײטער צו טון אַ טובֿה, נאָר קײן סך טובֿות האָט ער נישט געקענט טון, ער האָט דאָך פֿאַרט נישט געװױנט אין צענטער און ער האָט דאָך פֿאַרט נישט דיס־פּאָנירט מיט די מיטלען פֿון דער משפּחה פּרעגער. אַן אונטערמיטלהױכער און אַביסל אַ דיקלעכער — פֿון לאַנגען זיצן אױף אײן אָרט און דערצו אין אַ קוראָרט, זומער און װינטער, יאָר־אײַן און יאָר־אױס. און אַ ייִדיש פּנים און אַזױ אַביסל נישט פּראָפּאָרציאָנעל, אַזאַ פּנים, װאָס כאָטש עס איז נישט קלאַסיש־ייִדיש איז עס אָבער הונדערט פּראָצענט ייִדיש. און זײער שװאַרץ דערצו און אַלעמאָל האָט ער געהאַט זײער אַן אומשולדיק אױסזען און ער איז טאַקע אַלעמאָל זײער אומשולדיק געװעזן.

אין קײן פּאָליטיק האָט זיך פּרעגער נישט געמישט, אפילו נישט אין דער פּאָליטיק פון אונזער שרײַבערישער געזעלשאַפט. טאָמער האָט מען אין א געזעלשאַפט אָנגעהויבן צו רעדן פּאָליטיק, האָט זיך פּרעגער אָנגעשפּאַרט אויפן טיש; א מויל מיט וואסער האָט ער אלעמאָל געהאַט, ביים רעדן פּאָלי־טיק האָט ער עס אינגאנצן פארשלאָסן אויף א שלאָס און האָט זיך אזוי ווי אָוועקגעזעצט איבערוואַרטן — עד יעבר זעם. דער עיקר האָט ער מורא געהאַט פאַר מאַרקישעס קולות, ער האָט אים געקוקט גלייך אין מויל אריין, אין דעם דאָזיקן רעוואָלוציאָנערן מאַשינגעווער און זיך כסדר געשראָקן פאַר די סאַלוועס פון ווערטער, האָט זיך ערגעץ אין דער נאָענט געפונען א שטיקל פּאַפּיר, האָט פּרעגער ארויסגענומען א בליישטיפט און פון זכרון אויסגע־שריבן זיינע לעצטע פּערזן און זיי גענומען פאַריכטן. ער האָט כסדר פאַ־ריכט זיינע פּערזן, געשליפן און געשליפן — אָפטמאָל האָבן זיך די פּערזן זיינע אזש איבערגעבראָכן פון אויסגעשליפנקייט און דינקייט. — — פּרעגער האָט זיך אפילו נישט געמישט אין דער פּאָליטיק פון זיין שטוב און מיט זיין זינדל סילוועסטער (דאַכט זיך, אז אזוי האָט ער געהייסן) האָט ער גערעדט זייער ערנסט און גערעדט צו אים אָן דעמינוטיוון, אזוי ווי מען רעדט צו אָן עלטערן פון זיך . . .

איז דאָך דאַכט זיך גוט, וואָס בעסער קען שוין נישט זיין.

איז מען אָבער פאַרט נישט געווען זיכער מיטן לעבן אין פּרעגערס גע־זעלשאַפט. דווקא אָט די שטילקייט איז געווען א שטילקייט פון די וואסערן, וואָס גראָבן טיף און איינמאָל אריינגעפאַלן איז שוין שווער צוריק ארויס. פּרעגער האָט יאָרן־לאַנג, ניין, צענדלינקער יאָרן לאַנג, געשריבן און איבער־איבער־איבערגעשריבן איינע און די זעלבע דראַמען. נסיון, שלמה המלך, שמחה פּלאַכטע — אויב איך האָב נישט קיין טעות איז דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אויפגעשריבן — חוץ פּאָעמעס. גיך־גיך גיט דיך פּרעגער אזוי גאַנץ פּלוצלונג אמאָל א פּרעג: איר איר ווילט ווילט אפשר אפשר אויסהערן מיין מיין לעצטע בעאַרבעטונג פון נסיון? (ער האָט געהאַט א טבע צו זאָגן די זעלבע ווערטער צווייִמאָל) און גיי זאָג אָפּ. און פּרעגער האָט אזא מין קרבן ארויפגעפירט אויף דער וועראַנדע פון זיין האַלצערנעם הויז, אזוי ווי אַלע הייזער אין אָטוואָצק, און די דינסט האָט דעמאָלט געהאַלטן אין איין דער־לאַנגען טיי מיט וואַרעניע און די שעהן זענען געפלויגן ווי די גלעזלעך טיי און די קיכלעך . . . איינס, צוויי, דריי, אכט. און ביים סוף ביזטו פארחידושט געווען, וואָס עס גלוסט זיך דיר נישט מער נקמה נעמען, נאָר דו ווילסט דווקא לויבן. ווארום בשעת פּרעגער האָט דיך א כאַפּ געטון און גענומען לעזן, האָסטו דיר שטיל פאַרגענומען צו נעמען בלוטיקע נקמה ביים סוף . . .

דו האָסט אפילו ביים אָנהויב נישט געוואָלט קיין טיי מיט וואַרעניע אויס נקמה.

טעאַטער איז פול מיט מיסטעריעס און סודות. און טעאַטער־מענשן האָבן ליב סודות צו מאַכן און נאָך מער זיי אויסצוזאָגן. אַזוי האָט זיך דער וווּנדער־באַרער רעזשיסער, דער ערשטער, וואָס האָט אויפגעפירט אַנ־סקיס דיבוק, דוד הערמאַן, יאָרן־לאַנג אַרומגעטראָגן מיט אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד וועגן אַ דראַמע, וואָס וועט וועלטן איבערקערן. און גאַנץ בראָד האָט געוווּסט, אַז דאָס מיינט מען פּרעגערס דראַמעס.

די וועלט האָט זיך נישט איבערגעקערט, נאָר די הערצער פון די פּרע־טענדענטן אויף דער דראַמאַטישער קרוין אין יידישן וואַרשע האָבן זיך נעבעך יאָ איבערגעקערט אין די אינגעווייד וועז דער שטילסטער און גאָט די נשמה שולדיקסטער יעקב פּרעגער האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג מיט די אויפפירונגען פון זיינע ווערק און נישט נאָר אין וואַרשע, נאָר אויך אי־בער דער גאַנצער יידישער וועלט, און דער עיקר אין אַמעריקע און טאַקע ביי מאָריס שוואַרצן. נאָר פּרעגער איז אַזוי געווען אָנגעשראָקן און אַזוי זיך איבערגענומען פון דוד הערמאַנס קאָנספּיראַציע, אַז אפילו דעמאָלט האָט ער נאָך אַלץ נישט געוואָלט רעדן וועגן דעם טעאַטער־דערפאָלג זיינעם, עפּיס אַזוי ווי אָפּצוהיטן פון אַן עין הרע. און אין די דראַמען איז דווקא געווען לוסטיק און לעבעדיק און פאָלקסטימלעך, דער עיקר פאָלקסטימלעך, און אַקציע, אַסך אַקציע, אינטריגע, דראַמע.

1943

שרה אייזענבערג, געבוירענע ליכטענפעלד, פון ערשטן מאַן: פּרץ . . .

געבוירן ארום 1848, געשטאָרבן ארום 1931 אין א מושב זקנים אין ווארשע.

פּרץ האָט געהאט א שטארקע אמביציע — זי פלעגט אָבער קומען צו אים אין כוואליעס, פון צייט צו צייט. ער האָט געהאט אויסברוכן פון אמ־ביציע. אין אַזעלכע צייטן וואָלט ער „געגאנגען איבער מתים״, אבי צו דער־גרייכן זיין ציל — אין דער ערשטער צייט סתם צו ווערן א דיכטער ביי יידן און שפּעטער צו ווערן דער ערשטער דיכטער ביי יידן. אָבער אזוי ווי די אמביציע פלעגט קומען צו אים נאָר פון צייט צו צייט איז ער געווען גוט פארטרעגלעך אין דער גרעזעלשאפט — נישט צו פארגלייכן מיט די 24 שעה אין מעת לעת אמביציעזע דיכטער, וואָס מען קען קיין מינוט אין זייערע פיר איילן נישט איינשטיין.

מיסתמא אין א מינוט פון אויסברוך פון אזא אמביציע־געפיל האָט פּרץ חתונה געהאט מיט זיין ערשטער פרוי — צו זיינע 19 יאָר — אין יאָר 1870. מיט דער צווייטער האָט ער, נאָך׳ן גט מיט דער ערשטער, חתונה גע־האָט אין יאָר 1878. ער האָט דאָס ערשטע מאָל חתונה געהאט מיטן שווער . . . דאָס איז געווען דער דעמאָלט בארימטער יידישער שרייבער און מאטע־מאַטיקער ג. י. ליכטענפעלד. צוזאמען מיט דעם שווער האָט דער איידים אין יאָר 1877 ארויסגעגעבן א באנד לידער — איז נאָך ביז היינט לרוב א רע־טעניש, ווו עס הויבט זיך אָן דעם איידימס מוזע און ווו עס ענדיקט זיך דעם שווערס מוזן־שוויגער . . . די לידער זענען געווען אין העברעיש. אין זעלבן יאָר, ווען פּרץ האָט גייסטיק אויף אייביק חתונה געהאט מיט זיין שווער — האָט ער זיך מיט דעם שווערס טאָכטער אויף אייביק אָפּגעגט. פון דער חתונה מיט שרה ליכטענפעלד זענען געבוירן געוואָרן צוויי זין. דער צווייטער זון (יעקב) איז אין צארטן קינדער־עלטער אוועק פון דער וועלט. לעבן געבליבן איז לוציאַן — פּרץ׳ס זאָרגן־קינד ביז צום טויט פון פאָטער, וועלכן ער האָט נאָר עטליכע יאָר איבערגעלעבט. נאָך דעם גט מיט זיין ערשטער פרוי האָט פּרץ דעם זון גענומען צו זיך און די פרוי האָט צום צווייטן מאָל חתונה געהאט מיט א סוחר מיטן נאָמען אייזענבערג. פון אים האָט זי אויך געהאט דריי קינדער — צוויי טעכטער און איין זון. און פון פּרץ׳ס לעבן איז זי פארשוווּנדן אינגאנצן. ליכטענפעלד איז געשטאָרבן אין יאָר 1887. אָבער עס ווייזט אויס, אז נאָכן גט מיט זיין טאָכטער איז אויך דער שווער ברוגז געוואָרן מיט זיין גייסטיקן — אויך אומגליקלעכן זיווג.

שרה איז אַזוי גרונטיק פֿאַרשוווּנדן פֿון פּרץ׳ס לעבן, אַז פֿופֿצן יאָר פֿאַר איר טויט זענען אַלע געווען זיכער, אַז זי איז טויט. מען האָט געוווּסט, אַז זי האָט געלעבט ערגעץ אין סאָסנאָוויץ ביי איר טאָכטער און דאָרט „גאָט ווייסט ווען״ געשטאָרבן. אַז שרה אייזענבערג איז נישט געשטאָרבן אין סאָסנאָוויץ, נאָר זי האָט זיך פּשוט אויסגעצויגן קיין וואַרשע — פֿון דעם האָט קיינער קיין אָנונג נישט געהאַט.

אין איין שיינעם טאָג — איז געווען איז עס אַרום 1930, קומט אַריין צו מיר אַן איינגעבויגענע אוראַלטע פֿרוי מיט אַ קאַפּטיכל און אַ שאַל, זייער אָרים אָנגעטון און רעדט נאָר פּויליש — משמעות צוליב דרך ארץ פֿאַר דער קאַנצעלאַריע פֿון ליטעראַטן־פֿאַריין און איר סעקרעטאַר. און דער פּויליש האָט אַ שטאַרקן אַקצענט און וויפֿיל איך בעט די אַלטע פֿרוי צו רעדן יידיש — עס העלפֿט נישט. משמעות אַ געוווינהייט נאָך פֿון די צייטן פֿון „איזראַעליטאַ״. וואָס וויל די אַלטע פֿרוי? זי וויל אַ טובה פֿון ליטעראַטן־פֿאַריין. פֿאַרוואָס גראַד פֿון ליטעראַטן־פֿאַריין ? ווייל זי האָט אַ שייכות צו דער ליטעראַטור און מען האָט איר געהייסן קומען אַהער, אַהער זיך צו ווענדן. וואָס פֿאַר אַ שייכות? זי איז אַ „טאָכטער״ פֿון אַ יידישן שרייבער . . . איך קוק אויף דער אוראַלטער פֿרוי און איך טראַכט מיר: שוין טאָקע ענדלעך צייט געווען זיך צו דערמאָנען, אַז מען איז אַ טאָכטער פֿון אַ שרייבער . . . וועמעס טאָכטער איז די אַלטע פֿרוי? זי וועט מיר זאָגן, אָבער וואָס וועט אַרויסקומען, איך בין אַ יונגער מאַן, וועל איך נישט וויסן. אָבער פֿאָרט וועמעס טאָכטער איז די אַלטע פֿרוי? — זי איז די טאָכטער פֿון איינעם אַן אַמאָליקן שרייבער ליכטענפֿעלד — — אָבער וואָס קען איך וויסן, עס איז שוין איבער פֿערציק יאָר ווי ער איז געשטאָרבן. אַז איך האָב דערהערט „טאָכטער פֿון ליכטענפֿעלד״ האָט עס מיט מיר אַזש אַ וואָרף געטון. „די״ טאָכטער איז דאָך שוין פֿופֿצן יאָר טויט . . . פֿרעג איך די „טאָכטער״ ווייטער : און אפֿשר האָט איר נאָך עפּיס אַ שייכות צו יידישער ליטעראַטור ? יאָ, זי האָט נאָך אַ שייכות — זי איז אויך אַמאָל געווען אַ פֿרוי פֿון איינעם, אַ געוויסן פּרץ — — — — איר פֿאַרלאַנג איז געווען מען זאָל איר העלפֿן צו קריגן אַ פּלאַץ אין קהילהשן מושב זקנים, ווייל זי קומט נישט אויס מיט דער משפּחה. צום אויפֿנעם־געלט פֿון אַ פֿאַרהונדערט גילדן האָט זי צושטייער געגעבן אַ ניי־מאַשין, דאָס איינציקע גוטס, אירס. דאָס איבעריקע האָט געגעבן דער פֿאַריין.

1938

העלענע (נחמה רחל) פּרץ — געב. רינגעלהיים

די צווייטע פרוי פון יצחק לייבוש פּרץ — געב. אין לענטשנע אַרום 1860, חתונה געהאַט 1878, געשט. וואַרשע 1938.

די „ערשטע לעידי" פון דער יידישער ליטעראַטור זינט פּרץ איז פּרץ געוואָרן אין זיין קעניגרייך וואַרשע ביז צו זיין טויט אין 1915 — און אויך נאָך פּרץ'ס טויט האָט העלענע פּרץ לאַנגע יאָרן אָנגעהאַלטן דעם שטאַט און די נאָבעלע ווערדע פון דער ערשטער לעידי פון דער יידישער ליטעראַטור. אין דעם פּרט איז זי געווען אַן אוניקום אין אונזער וואַרשעווער סביבה. נאָך פּרץ'ס טויט האָט זי ליקווידירט די צווייטע יידיש־וועלט־באַרימטע — נאָך צגלאַנע איינס — פּרץ־דירה אויף אַלעיע יעראַזאַלימסקיע 89, און האָט זיך אַריינגעצויגן אין אַ דירה פון עטלעכע צימערן אויף לעשנאָ. דאָ האָט זי שוין געוווינט ביז זי איז אַוועק קיין ארץ ישראל — אַ פּאָר יאָר פאַרן טויט — אין אַ נאָך קלענערער דירה האָט זי געוווינט נאָך איר צוריק־קומען פון ארץ ישראל ביזן סוף. אַנדערע פלעגן פאָרן קיין ארץ ישראל צו שטאַרבן — העלענע פּרץ איז געקומען פון ארץ ישראל קיין וואַרשע שטאַרבן. הינטער דעם גראַנדיעזן פּרץ־אוהל איז פאַר איר רעזערווירט געוואָרן אַ אָרט, איר אייגנטלעך אָרט אויפן בית עולם האָט פאַרנומען יעקב דינעזאָן, וואָס האָט זיך אין יאָר 1919 געפּעדערט מיט זיין טויט. דאָס איז מצד דינעזאָנען געווען אַ גרויסע טאַקטלאָזיקייט און העלענע פּרץ האָט אים דאָס קיינמאָל נישט מוחל געווען. נישט נאָר ביים לעבן האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף איר און צוגענומען אין דער פאָרם פון געשווירענער פריינטשאַפט אַ שטיק פון פּרץ'ס ליבע צו איר, נאָר אויך נאָכן טויט האָט ער צוגענומען דעם אויבן אָן ביי איר. פאַר איר שטיקל אָרט, כאָטש הינטערן פּרץ־אוהל, האָט זי געקעמפט מיט עקשנות און אַז זי האָט צו קרוב אכציק יאָר דערפילט, אַז דער סוף איז נאָענט איז זי — פּינקטלעך ווי זי איז אַלע־מאָל געווען — געקומען צו פאַרנעמען איר פּלאַץ אין דער ערד.

זי איז געווען אַ הויכע, העלענע פּרץ, האָט געהאַט אַ סלאַוויש, בלאָנד און בלוי־אויגיק און ווייניק אויסדרוקספול פּנים. אירע גרויסע, בלויע אויגן, וואָס זי פלעגט, אויפהויבנדיק די ברעמען, זייער ברייט עפענען פלעגן איי־נעם שטענדיק דערמאָנען דעם גוט־באַקאַנטן עפּיזאָד פון פּרץ'ס ביאָגראַ־פיע — וויאַזוי ער האָט זיך אין איר מיטן ערשטן בליק פאַרליבט. אָט אַזעל־כע בלויע אויגן ווי העלענעס און אַזעלכע שוואַרצע ברען־אויגן ווי לעאָנס (אַזוי האָט העלענע פּרץ'ן גערופן) האָבן געמוזט אַ שפּריץ טון מיט פונקען

פֿון ליבע און לײַדנשאַפֿט באַלד בײַם ערשטן צוזאַמענשטויס. דאָס איז גאָר אַנדערש נישט מעגלעך געװען. אויך די כאַראַקטערן זענען אַזוי קעגנזײַטיק אַנדערש געװען.

אין װאַרשע, און דער עיקר אין די ליטעראַרישע קרײַזן, איז עס נישט געװען קײן זעלטנקײט צו זען די פּרוי פּרץ — און דאָך פֿלעגן זיך אַלע ספּאָנטאַן באַלד אויפֿהײבן ,אַזוי גיך זי איז נאָר אַרײַנגעקומען. זי האָט פֿאַרמאָגט א ים מיט טאַקט — אומאויסשעפּלעך ממש אין יעדער סיטואַציע. אַז דער װאַרשעװער ליטעראַטן־פֿאַרײן האָט איר באַשטימט א לעבנס־לענגלעכע פּענסיע פֿון פֿופֿציק דאָלאַר א חודש, האָט זי דאָס זײער װירדיק אָנגענומען, און אַז דערזעלבער פֿאַרײן האָט, צוליב מאַטעריעלע שװעריקײטן, און צוליב דעם, װאָס די פּרוי פּרץ האָט נישט געלעבט אין נויט — זי האָט אויך געהאַט א פּענסיע פֿון דער קהילה — די „אײביקע פּענסיע״ נאָך עטלעכע יאָרן אָפּגעשטעלט — האָט דאָס די פּרוי מיט א דאַנק פֿאַר ביז איצט זײער טאַקטיש אָנגענומען. פֿלעגט זי אַרײַנקומען אין א טעאַטער — האָט עס א מורמל געטון אין גאַנצן זאַל — די פּרוי פּרץ. כאָטש מען פֿלעגט זי זען בײַ יעדער פּרעמיערע. און זי איז געגאַנגען גערן אומעטום, װײַל עס איז איר אײנזאַם און אומעטיק געװען אין דער שטוב, װאָס איז געװען באַהאָנגען מיט סימנים פֿון אַמאָליקער גלאָריע און װו די ברענענדיקע אויגן פֿון איר לעאָן האָבן געבלאַקעװעט אַלץ מער און מער פֿון טאָג צו טאָג אויף די אומצאָליקע פּרץ־בילדער אויף די װענט.

אײנמאָל — א קורצע צײַט נאָך דעם מאָדנעם באַזוך פֿון דער „טאָכטער פֿון ג. י. ליכטענפֿעלד״ — האָב איך באַגעגנט פּרוי העלענע פּרץ. זיכער איז עס א טאַקטלאָזיקײט פֿון מײַן זײַט געװען, אָבער דער דאָזיקער נאָר גיט אײנעם אַזוי אָפּט א שטופּ, אַז אײדער דו קוקסט זיך אַרום ביזטו שוין אין אָפּגרונט, און אַזוי איז עס געװען — איך האָב דער פּרוי פּרץ דערצײלט װעגן יענעם באַזוך. קײן צו טיפֿן אײַנדרוק האָט דער ענין אויף איר נישט געמאַכט. כמעט אַלע פֿון יענער פֿאַרגאַנגענער פּרץ־פֿאַרבינדונג, װאָס איז — אגב — גאַנץ אויספֿירלעך באַשריבן אין זײַן בוך „מײַנע זכרונות״, זענען שוין געװען טויט; דער אײנציקער איבערלעבנדיקער איז געװען דאָס אײניקל יאַנעק און עס איז זײער אומװאַרשײַנלעך געװען, אַז גראַד ער זאָל זיך אומקערן צו זײַן אמתער באָבען. קען אויך זײַן, אַז גראָד די פּרוי פּרץ האָט געװוסט, אַז די ערשטע פּרוי לעבט נאָך, כאָטש מיר האָבן אַלע געמײנט, אַז זי איז שוין גאָט װײסט װי לאַנג טויט. טאַקטיש װי אַלע מאָל האָט זי מיט א בליק מיר געמאַכט א ביטערן פֿאַרװאָרף פֿאַר רעדן װעגן דעם, טאַקטיש אַלץ איבעריקע פֿאַרשװיגן, א זיפֿץ געטון, געזאָגט אין פֿראַנצויזיש

דעם באַרימטן שפּרוך, וואָס איז גוט פֿאַר אַלע סיטואַציעס „סע לאַ ווי" — אַזוי איז דאָס לעבן — און אַריבער אויף אַן אַנדערער טעמע.

און אַנדערש מאָל — נאָך דער אויבן דערמאָנטער באַגעגעניש — איז פֿרוי פּרץ אַרײַנגעקומען אין מײַן ביוראָ בשעת עס איז גראָד בײַ מיר געװען די פֿרוי טאַטשיאַ אַרצישעווסקאַ, וואָס אַמאָל, אַמאָל האָט זי עטליכע טעג לאַנג אויף פּלאַקאַטן און אין טעאַטער־אַנאָנסן געהייסן טאַני איזראַעל — וואָס אַט דעם נאָמען האָט איר פּרץ אַליין געגעבן מיט אַסך יוגנטלעכן ענטוזיאַזם, און מער נאָך, כאָטש ער איז שוין דעמאָלט כמעט זעכציק געװען און זי, אין בעסטן פֿאַל, ווייניקער ווי צוואַנציק. יאָרן זענען פֿון דעמאָלט אַוועק אַסך, אַסך, פּרץ איז שוין געוועזן לאַנג צעמאָלן אויף שטויב אונטער די שווערע מילשטיינער פֿון דעם פּרץ־אוהל, פֿרוי העלענע האָט שוין שטאַרק געבענקט נאָך רו אין דער נאָענט פֿון אַט די שטיינער, פֿרוי טאַטשיאַ שוין לאַנג נישט אין דער ערשטער יוגנט. און דאָך האָב איך ממש מיט די אויגן געזען ווי די בליקן פֿון די צוויי פֿרויען בליקן נישט, נאָר שפּיזלען שאַרף אַהין און אַהער. פֿרוי טאַטשיאַ האָט זיך וואָס גיכער געזעגנט און איז אַוועק. פֿרוי פּרץ האָט זיך אַוועקגעזעצט און אַ לאַנגע רגע געשוויגן. און אין יענער רגע האָט זי איר אײַביקער טאַקט פֿאַרלאָזן. זי האָט זיך אָנגערופֿן אויף פּויליש: — איך ווייס אַליין נישט פֿאַרוואָס, אָבער איך האָב עפּיס דאָס דאָזיקע קליינע פֿרויעלע מיט דעם דאָזיקן מײַלעכל נישט שטאַרק ליב . . . איך האָב יאָ געוווסט פֿאַרוואָס און דאָסמאָל שטאַרק טאַקטיש האָב איך מיך אָנגערופֿן: — „סע לאַ ווי" — אַזוי איז דאָס לעבן — און גיך אַריבער אויף אַן אַנדערער טעמע.

דורך דער פֿרײַנטשאַפֿט מיט דער קאַציזנע־פֿאַמיליע איז אויך מײַן פֿאַמיליע נאָענט באַפֿרײַנדעט געווען מיט פֿרוי פּרץ. אָפֿט פֿלעגן מיר זומערן צוזאַמען אין דער באַרימטער ליטעראַרישער ווילע פֿון דעם דיכטער קאַציזנע, אין שווידער בײַ אָטוואָצק. אין וואַרשע האָב איך געוווינט אין אַ דאַך־דירה אויפֿן פֿערטן שטאָק, מיט זייער שווערע טרעפּ. באַגעגן איך אַמאָל אין אַ האַרבסט־טאָג פֿרוי פּרץ אויף דער גאַס און זאָג איר, אַז מײַן טעכטערל איז עפּיס קראַנק. ווי איבעראַשט זענען מיר געווען, ווען שוין שפּעטלעך אין אָוונט האָט אָנגעקלאַפּט אין אונזער טיר פֿרוי פּרץ אַליין אַ קוק טון, וואָס דאָס קינד מאַכט. איר אייניציקער זון, וואָס איז נישט געווען איר זון, איז שוין לאַנג טויט געווען, איר אייניציק אייניקל, וואָס איז נישט געווען איר אייניקל, אָפּגעפֿרעמדט און געשמדט — האָט זי זיך מיט ליבשאַפֿט אינטערעסירט מיט קינדער פֿון פֿרײַנט.

1938

טאַטשיא ארצישעװסקא — א פרײַנדין פון י. ל. פרץ

געװ. פרוי פון מאלער קראטקאָ, גרינדערין פון טעא־טערל „אזאזעל״, האָט געװוינט ביז 1939 אין װארשע.

עמך־שער און־אײַזנדיק איז אונזער ליטעראַטור, פּראָסט און רויהענטיק איז איר ארום, מיר האָבן (לרוב) אָדער א האַרעפּאשנעם, מידן לעזער, אָדער גאָרנישט. מיר האָבן נישט קײן סאַלאָנען, העכסטנס פּאַרויכערטע קאַפע־הײַזער. און דאָך זענען געװעזן אויסנאַמען. אָבער טאַקע נישט מער װי אויף צו באַשטעטיקן די רעגל.

אויך טאַטשיא ארצישעװסקא איז נישט די אויסנאַמע, װאָס באַשטעטיקט דעם כלל. זי איז בלויז שיִר נישט געװאָרן די אויסנאַמלעכע דאַמע פון יידישן ליטעראַרישן סאַלאָן אין װארשע, װאָס האָט געדאַרפט באַשטעטיקן דעם כלל, אז די יידישע ליטעראַטור האָט זיך נישט געכאָװעט אין קײן סאַלאָנען.

אז פרץ איז געשטאָרבן, איז טאַטשיא ארצישעװסקא נאָך זײער יונג געװעזן. דאָס איז אַלץ, װאָס איך װײס װעגן אירע יאָרן. זי איז א פּוילישע יידישקע — געװוינטלעך, װארום װעגן קײן שיקסע שרײַב איך דאָך נישט אין מײַן לעקסיקאָן. איך באַנוץ דאָס װאָרט „יידישקע״ בכװנדיק לויט שלום אשעס פאַרײדישונג פון װאָרט „זשידאָװקאַ״. דאָס אשישע װאָרט פּאַסט זיך צו טאַטשיען. זי שטאַמט פון גרויסן פּויליש־יידישן יחוס. סאַמעט, זײַד, אַטלעס, בשמים־נעגעלעך און זילבערנע כוסות, פינקעלדיק מיט בורשטין־געלן װײַן אין שײַן פון שבת־ליכט. אפשאַשו קען אַרײַנרעכענען טאַטשיעס יחוס ביז אין פינפטן דור אַרײַן. װען איך װאָלט אויך געקענט װאָלט איך נישט געשפּאָרט די מי און װאָלט דעם יחוס דאָ אויפגעציילט. זי איז א קלײנינקע און זײער א צאַרטינקע. קוים װאָס זי גײט און קוים װאָס זי רעדט. אַזוי װי א פויגעלע, װאָס איז אײביק אַרויסגעװאָרפן פון דער נעסט. זי זעט אויס אין לעבן װי א קאָפּיע פון די אומצאָליקע בילדער און סקולפּטורן, װאָס אומצאָליקע יידישע מאָלער און סקולפּטאָרן האָבן פון איר געמאַכט. אז זי רעדט, איז אין יעדן װאָרט אירן דאָ טויזנט טענות אלעמאי מען צװינגט זי צו עפענען דאָס מויל און צו רעדן אין אזא קילער און רויער װעלט. איר מויל איז קלײן און אירע ליפּן אזעלכע מאָדנע פאַרשאַרצטע און איר נעזל יידיש אַראָפּגעלאָזט און אירע אויגן פײכט אָדער מיט טרערן, אָדער מיט ערשט אויסגעלאַכטן געלעכטער, אָדער מיט עפּיס אזא מין איראָניע. זי גײט אָנגעטון זײער פּראָסט װײַל זי װײסט, אז פײַנער געשמאַק איז אלעמאָל זײער שטיל און אײַנגעהאַלטן און טאַטשיא ארצישעװסקא איז פול מיט טאַקט

און מיט געשמאַק און פאַרשטייט, וואָס דאָס איז יידישע עסטעטיק. נאָר אַלע־מאָל איז אין איר קליידונג פאַרהאַנען עפּיס א פּרט, וואָס אזוי ווי ער וואָלט זיך צופעליק פאַרוואַלגערט, פאַרגעסן געוואָרן אויף איר נאָך פון פופצענטן יידישן יאָרהונדערט אָן . . . אמאָל עפּיס א טערקיש שאַלעכל, אמאָל אַן אַלט־איטאַליעניש רינגל, אמאָל א צופעליק פון טעשל ארויסגעצויגן ביזאַנטיניש פאַטשיילעכל, אמאָל א פּאָר מאָדנע זילבערנע שנאָלן אייף די שיך. זי קען נישט קיין יידיש און דאָס יידיש, וואָס זי רעדט אמאָל איז נאָר א ווידערקלאַנג פון דער קינדער־שטוב, פון די קינדער־יאָרן אין דער זייער יידישער שטוב. טאַטשיאַ קען נור אזויפיל יידישע ווערטער — און דאָס נור טיף פּויליש־יידישע — וויפיל עס זענען גענוצט געוואָרן אין איר קינדהייט.

טאַטשיא איז עטלעכע מאָל געווען פאַרהייראַט. איר ערשטער מאַן איז געווען דער באַרימטער יידישער אילוסטראַטאָר קראַטקאָ, וואָס זיינע שטאַרק צוגעפּאַסטע אילוסטראַציעס קען מען זען אויף פּרצעס ביכער פון דער לעצטער צייט פון זיין לעבן. אסך קענען זי דעריבער אלס טאַטשיא קראַטקאָ. אָבער איך האָב זי געקענט פון דער צייט ווען זי איז געווען א פרוי פון א בלויז אייג־פּראָצענטיקן ייד אינזש. ארצישעווסקי. דעריבער רוף איך זי מיט דעם נאָמען. איך בין מער ווי זיכער, אז טאַטשיא איז געווען דער פּראָטאָטיפּ פון פּרצעס חסידישע פרויען־געשטאַלטן פון זיינע גרויסע דראַמעס, דער עיקר פון דער „גאָלדענער קייט". אָט אזוי ווי נישט־ווילנדיק רעדן זיי, אָט אזוי ווי נישט ווילנדיק לעבן זיי. פול מיט ייחוס, פול ווי א כוס, וואָס מען קען אים נישט רירן, ווייל אזיסט וועט זיך אויסגיסן דער טייערער ייחוס־וויין אויף דער רויער ערד . . . פּרץ האָט אפילו געוואָלט, אז טאַטשיא זאָל זיין אַן אַקטריסע און זאָל טאַקע פאָרקערפּערן זיינע דראַמען אויף דער בינע. ער האָט איר צוגעטראַכט א פּסעודאָנים „טאַני איזראַעל". אָבער טאַטשיא איז נישט קיין אַקטריסע. זי האָט אַרום 1925, צען יאָרן נאָך פּרצעס טויט, געגרינדעט דעם יידישן וואַריעטע־טעאַטער „אזאזעל" און מען מוז זאָגן, אז אָט די קוק־מיך־נישט־אָן און ריר־מיך־נישט־אָן־יידישקע האָט געהאַט און האָט דעם פיינסטן געפיל פאַר יידיש־חסידישן סטיל. אָבער צו פיין פאַר אונזער עמך־קאָנסומענט פון יידישער ליטעראַטור און טעאַטער.

טאַטשיא האָט אויך אויפגעשריבן אויף יידיש מיט לאַטיינישע אותיות א דראַמע, וואָס איז אזוי צאַרט ווי געשריבן מיט דער פוך־זייט פון א פעדערל אויף שפּינוועבס. די דראַמע איז געווידמעט דעם ערשטן טעכטערל טאַטשיעס, וואָס איז קינדוויז געגאַנגען פון דער וועלט. (זי האָט א צווייט טעכטערל, וואָס איז א וווּנדערלעך־פּערפעקטע קאָפּיע פון איר אליין). די

דראמע איז נישט געדרוקט געוואָרן און עס איז א שאָד. עכטע, פּרצישע „נאָך קבורה״־מיסטיק איז אין איר. אויף שרייבערישן טאלענט פּרעטענ־דירט נישט טאָטשיא.

און דער סאלאָן? דער ליטעראַרישער סאלאָן אין טאָטשיאס דירה, וואָס איז פול מיט טאָטשיא־פּאָרטרעטן, ווי א גבירישע שול מיט לייבעלעך און הערשעלעך פון שפּיץ־ארון־קודש ביז די שטענדערס, האָט זיך עפּיס נישט געקלעבט און סוף כל נישט געוואָרן. טאָטשיא האָט קאטעגאָריש גע־פאָדערט „גאָלדענע־קייט״־שטימונגען און דאָס לעבן האָט כאַליאסטרעדיק געבלאָזן מיט רויע ווינטן, איז גאָרנישט דערפון געוואָרן.

1936

דבורה פאָגעל

1902 געבוירן אין לעמבערג. געריזיט אין מערב־אייראָפּע און אין די סקאַנדינאַווישע לענדער. וואַרשיינלעך געבליבן אין לעמבערג אין יאָר 1941.

אַז איך וועל זאָגן, אַז דבורה פאָגעל, די דיכטערין, די פאַרפאַסערין פון צוויי, אָדער מער ביכלעך מיט זייער מאָדנע לידער, וואָס איינס פון זיי הייסט מיט זייער אַ מאָדנעם נאָמען „טאָג־פיגורן״ און דאָס אַנדערע מיט דעם נישט ווייניקער מאָדנעם נאָמען „מאַנעקינען״, איז די גרויסע האָפענונג פון דער יידישער ליטעראַטור און פון גאַנצן מאַמע־לשון בכלל, וועט דאָס קלינגען זיכער נאָך מער מאָדנע ווי דער טיטל „טאָג־פיגורן״ אויף אַ ביכל לידער פון אַ מיידל פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק. (אַזויפיל איז דבורה פאָגעל דעמאָלט אַלט געווען, ווען דאָס ביכל איז דערשינען). אָבער אַז איך וועל מיינע רייד אַביסל באַגרינדן וועט דאָס שוין נישט קלינגען מער אַזוי מאָדנע.

דבורה פאָגעל איז אַ גאַליציאַנערין, אַ לעמבערגערין. זי איז די טאָכטער פון אַ קליינבירגערלעכער, עכט־גאַליצישער משפחה. איר מוטער איז די פאַרוואַלטערין פון דעם גרויסן לעמבערגער יידישן יתומים־הויז. אין לעמבערג זענען פאַרהאַנען יידישע היימען ווו מען רעדט שוין נישט קיין יידיש זינט פיר דורות. איך בין נישט זיכער צי דבורה פאָגעלס היים איז אַזאַ מין היים, ווו שוין פיר דורות רעדט מען נישט קיין יידיש, אָבער אַז צוויי דורות רעדט מען שוין דאָרט נישט קיין יידיש אין דעם בין איך זיכער. דאָס גאַליצישע יידנטום איז געווען טיף פאַרוואָרצלט אין עפּיס אַ מאָדנער זיכערקייט פון דער פעלזנפעסטקייט פון דער עסטרייכישער מלוכה. האָט דאָך ביסמאַרק אַליין געזאָגט, אַז ווען עסטרייך וואָלט נישט עקזיסטירט וואָלט מען עס געמוזט שאַפן. און די גאַליציאַנער יידן האָבן געלעבט נישט נאָר אין טאָג אַריין, נאָר אין דער אייביקייט אַריין. ביז עס זענען געקומען די זיג־זאַקן פון 1914, 1918, 1939, 1941 און עס האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן, אַז עסטרייך איז טאַקע געווען אַ פעלז, נאָר דער פעלז איז געהאַנגען אין דער לופט. נאָר בשעת פעלז איז נאָך געווען פעלז האָט עס געשמעקט אין יעדער בירגערלעכער גאַליצישער היים מיט זאַפראַן און מיט נעגעלעך און מיט חלה און מיט ווייַן און ווין און מיט אויסגעאיידלטער קולטור און מיט ריין־גייסטיק פּוילישקייט — עס האָט געשמעקט ווי אין ראובן אייזלאַנדס פּאָעמע „טאַרנאָוו״. דבורה פאָגעלס פעטער, דער ברודער פון איר מוטער, איז דער אין דער יידישער וועלט באַרימטער ראַבינער דר. מאַרקוס עהרענפּרייז, וואָס

איז געווען רב הכולל אין אסך אייראָפּעישע גרויסשטעט, און איז איצט — 1942 — רב הכולל אין שוועדן. איך האָב אַמאָל באַזוכט די היים פון דבורה פאָגעל אין לעמבערג. געווען אַ פּאָר שרייבערינס און שרייבער. מען האָט דערלאַנגט צום טיש אַלעמאָל נייע געבעקסן און איינגעמאַכטסן, ראַפינירט און אויסגעאיידלט, און צו יעדן טרונק אַ נייער סערוויס, און צו יעדן געבעקסל אַ נייער קאָמפּלעט זילבערנע לעפעלעך, און צו יעדער טאָרט אַ נייער קאָמפּלעט קרישטאָלענע טעלערס און טעצלעך. די מאַמע פון דבורה פאָגעל האָט געקוואָלן און זיך ממש געבעטען מען זאָל ביי איר בעטן רעצעפּטן אויף די אַלע גוטע זאַכן. עכטע גאַליציִשע, לעמבערגער גבירישע טראַדיציע, וואָס גייט צוריק העט ווייט ביז צו דער „גאָלדענער רויזע". און די טאָכטער האָט אונטערהאַלטן די געזעלשאַפט מיט איר ריזיקן וויסן אויפן געביט פון אַלערליי קונסט־טעאָריעס. זי אַליין איז אַ דאָקטאָר פון דער פילאָזאָפיע, אַ שטאָלטנע, אַ מיטלוווקסיקע איז זי. דאָס פּנים אַביסל צו דאַרפיש רויטלעך, ברוינע האָר, אויגן ברוינע און אַביסל אַרויסשטאַרנדיקע און די שטימע זייער מעלאָדיש, צערטלעך, זייער גוטברידעריש, און יעדעס וואָרט, וואָס זי זאָגט אַרויס האָט אַ פאַדשעווקע פון כאָטש דריי איבערגעלעזענע ביכער. זי רעדט עטלעכע שפּראַכן, און יעדע שפּראַך אַזוי נאַטירלעך ווי מאַמע־לשון, נאָר מאַמע־לשון רעדט זי אַזוי ווי מען רעדט אַ שפּראַך, וואָס מען האָט זיי זייער גרינטלעך אויסגעלערנט, וואָס מען קען יעדן ניואַנס אין דער שפּראַך און מען איז גרייט מיט ליבשאַפט צו לערנען נאָך און נאָך.

נו, נאָך דעם אַלעמען — איז נישט דבורה פאָגעל די גרויסע האָפענונג פון דער יידישער ליטעראַטור און פון גאַנצן מאַמע־לשון בכלל? דאָס אַלץ, וואָס איך האָב דאָ אויבן דערציילט, זענען ווען וואָס פירן אוועק פון יידיש, נאָר ביי דבורה פאָגעל האָבן די אַלע וועגן געפירט דווקא צוריק צו יידיש... נו איז זי נישט קיין כישוף־מאַכערין, אונזער שיינע מאַמע־לשון? כסדר שפּילט זי נאָר אַ צנועה און אָט מאַכט זי גאָר אונטערטעניג יונגע גאַליציִשע מיידלעך און אַמאָל גאָר אַנגליזירטע פּראָפעסאָרן. — — נאָר צו די לידער גופא פון דבורה פאָגעל האָט דאָס נישט קיין שייכות. זי איז אַ קוביסטין און קאָנסטרוקציאָניסטין און עקספּרעסיאָניסטין און נאָך דריי איסטינס און ווען איך וואָלט דאָ געהאַט פּלאַץ וואָלט איך ציטירט אַ ליד, וואָס איך גלויב קוים, אַז עמיץ וואָלט עס פאַרשטאַנען, דער שרייבער פון די שורות פאַרשטייט עס יעדנפאַלס נישט. דבורה פאָגעל האָט אָפט געפּלעגט מיטצוראַרבעטן אין ניו־יאָרקער „אין זיך", אָבער דערפון זענען אירע לידער נישט געוואָרן מער פאַרשטענדלעך. איינס איז זיכער, זיי זענען אינטערעסאַנט און אויף וויפיל די דיכטערין פאַרשטעלט זיי נישט מיט שווערע זשאַלוזיעס

און פּענסטער־לעדן שפּאַרט זיך אַלעמאָל אַדורך פון זיי דורך די שפּאַרונעס עכט דיכטעריש געפיל און עכטער דיכטערישער טאַלענט.

דבורה פאָגעל פלעגט אָפט קומען קיין וואַרשע. אָפט איז מיר אויסגע־קומען צו פירן מיט איר לאַנגע וויכוחים וועגן אירע קונסט־טעאָריעס. די טעאָריעס, דערלאַנגט מיט דער מעלאָדישער, הויכאינטעליגענטער שטימע אין אַ פיינעם אַקאַדעמישן יידיש האָב איך פאַרשטאַנען, נאָר די לידער האָב איך ווייטער נישט פאַרשטאַנען. און איך האָב עס אָפן געזאָגט און ווי אַן איינגעשפּאַרטע מאַרטירערין פון איר אידעע האָט דר. דבורה פאָגעל זיך נישט באַליידיקט, נאָר פונסניי אָנגעהויבן מיר אויפצוקלערן, אַז די וועלט קען אויסגעלייזט ווערן נאָר דורך דעם קאָנסטרוקטיוון דעקאָראַטיוויזם . . .

אַז דר. דבורה פאָגעל האָט חתונה געהאַט מיט אַן אינזשעניער איז אַי־בעריק צוצוגעבן. דאָס איז נאַטירלעך. געמאַכט האָט זיך עס, אַז נאָך זייער חתונה האָבן באַלד — זי און איר מאַן — געדאַרפט אַוועקפאָרן אין אויס־לאַנד. זי קיין פּאַריז, ער קיין שוועדן. מיר האָבן געשפּאַסט און געזאָגט, אַז אַזוי זעט זיכער אויס אַ קאָנסטרוקטיוויסטיש־דעקאָראַטיוויסטישע האָניק־חודש־רייזע . . .

אָפט — און פון אַלע עקן וועלט — פלעג איך קאָרעספּאָנדירן מיט דבורה פאָגעל — און אין אירע לעצטע בריוו, געדענק איך, האָט זי מיר גאָנץ פּשוט און מיט גרויסער ליבשאַפט געפלעגט דערציילן די חכמות פון איר קינד. בריוו האַרציקע, ווי לידער, און די דאָזיקע לידער פון דבורה פאָגעל האָב איך פאַרשטאַנען וואָרט אין וואָרט.

1942

אלעקסאנדער פארבאַ

1888 אין קאלושין. ס׳גאנצע לעבן געוווינט לרוב אין ווארשע און געשטאָרבן אין ווארשעווער געטאָ אין יאָר 1940.

געהייסן האָט ער אין דער אמתן סענדער זושיע פארבער און אויב איר ווילט איז אלעקסאנדער פארבאַ גאָרנישט קיין פסעודאָנים, נאָר דער זעל־בער נאָמען אויסגעפרעסט און אויסגע־יום־טוב׳ט. און אזוי פּאַטעטיש ווי דער נאָמען זיינער איז געווען, אַזוי פּאַטעטיש איז אויך ער אליין גע־ווען — א פארשייטער קבצן, ווי מאַמע־לשון רופט אַזעלכע פארשוינען. און א פנים האָט ער געהאַט א הדרתדיקס און א הדרת קול דערצו. ער האָט גע־האַט א פנים פון א פארחלומטן רוסישן רעוואָלוציאָנער, אָדער עפּיס גאָר א העלד פון אוריאל אקאָסטאַס צייטן. גרויסע, הערשן־אויגן, וואָס האָבן אייך דערמאָנט אָן שיר השירים — כאָטש דריי צאָל טיפער איז גאָר געווען א שווארצלעך בערדל. דער בארימטער טויב־שטומער פויליש־יידישער מאָ־לער מאוריצי מינקאָווסקי, וואָס איז געהרגעט געוואָרן אין ארגענטינע האָט אין איינעם פון זיינע גרויסע לייוונטן מיט דעם נאָמען „דעמאָנסטראציע״ גענומען אלעקסאנדער פארבאן פאר א מאָדעל פון דעם פאָנען־טרעגער . . . אָט אזוי האָט אויסגעזען אלעקסאנדער פארבאָ. דערצו פלעגט ער גיין גע־מאָסטן און מיט ווירדע און וועגן און מעסטן יעדעס וואָרט. האָט עס געמעגט זיין אפילו בלויז א באשטעלונג פון א גלעזל טיי ביי דער קעלנערין. צו דעם אַלעמען איז ער געווען א קאָרעקטאָר און אז ער פלעגט רעדן, פלעגט ער ממש ארויסרעדן די קאָמעס און אלע איבעריקע שריפטצייכנס. ער האָט גערעדט אומגעפער אזוי: קעלנערין — קאָמא — זייט אזוי גוט — געדאַנ־קען־שטריך — דערלאנגט מיר א גלעזל טיי — פּינטל־קאָמא — אָבער גוט הייס — אויסרופצייכן.

ער איז געווען אָ קבצן אין זיבן פּאָלעס — דער דיכטער, נאָוועליסט, דראמאטורג, ראָמאַניסט, ארטיקל־שרייבער — אלעקסאנדער פארבאָ. נאָר אָפילו פאר א קבצן, פלעגן מיר אָפּט טענהן, האָט ער אויך עפּיס פארברויכט צופיל געלט. אז מען האָט זיך צערעדט, איז מען געוואָר געוואָרן ווו ער פּטרט אזויפיל געלט, כאָטש ער פארגינט זיך נישט ממש די שיך צו פאַ־ריכטן. ער האָט ליב געהאַט זיינע קינדער און געגעבן זיי די בעסטע דער־ציאונג און געטענהט כסדר, אז די קינדער זענען נישט שולדיק באשר אים האָט זיך פארגלוסט צו ווערן א פּאָעט און נישט קיין סוחר.

וויפיל ליטערארישע אמביציע פארבא זאָל נישט האָבן און ווי ער זאָל

זיך נישט ווארפן אויף אלע געביטן פון ליטעראַרישן שאפן — קיין צו גרויסע דערפאָלגן זענען אים קיינמאָל נישט באַשערט געוועזן. ער האָט אפילו אויפגעשריבן א דראמע פון לעבן פון דער אונטערוועלט „בעניע קענדזשיאַר”, אַנגערעגט מיט דעם טויזנטפאַכן דערפאָלג פון אַשס „מאָטקע גנב”, אָבער „מאָטקע גנב” איז געגאַנגען אויף דער בינע טאַקע 1000 מאָל און „בעניע קענדזשיאַר” — טויזנט מאָל אָן די דריי נולן . . . כאָטש פּאַרבא האָט פאַרזיכערט, אַז זיין בעניע איז א פּרינץ אַנטקעגן מאָטקען אין אַלע באַציאונגען. פּאַרבא פלעגט זיינע נידערלאגעס אָננעמען מיט ווירדע און וויטער שפּאַנען אויף דעם דאָרנדיקן וועג, אַזוי ווי א מוראשקע, וואָס פאַרלירט כסדר דאָס קערנדל און הויבט עס כסדר ווידער אויף.

איינמאָל האָט פּאַרבא זיך געוואָלט פאַרשרייבן פאַר א מיטגליד אין יידישן פּען־קלוב. אָבער צוליב עפּיס א סיבה האָט מען אים נישט געוואָלט אָננעמען. לויט'ן מנהג אין פּען־קלוב פלעגט מען נייע מיטגלידער אויפנעמען נאָר בשעת אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען און דורך א געהיימער אָפּשטימונג, וואָס האָט געדאַרפט ברענגען א צוויי־דריטל־מאַיאָריטעט פאַרן אַפּליקאַנט. האָט זיך פּאַרבא געוואָלט פאַר דער פאַרזאַמלונג פאַרזיכערן מיט די שטימען, איז ער געגאַנגען פריער פון מיטגליד צו מיטגליד אַהיים און דערלאַנגט אַן אונטערגעשריבענע פּעטיציע צו זיין גונסטן פון כמעט אַלע מיטגלידער פון פּען־קלוב. אָבער ביי דער געהיימער אָפּשטימונג האָט ער נאָר א דריטל שטימען באַקומען. אַנדערש זענען די מענטשן געוועזן בשעת דער הדרת־פּנימדיקער פּאַרבאַ האָט צו זיי גערעדט פּערזענלעך און אַנדערש און קידער־ווידערדיק הינטער די אויגן. דאָס איז געוועזן דאָס טויזנט און ערשטע מאָל, וואָס דער אומדערמידלעכער פּאַרבא האָט זיך איבערצייגט אין דער זינדיקער אומאויפריכטיקייט פון דער וועלט.

פּאַרבא האָט באַלאַנגט צו דער וואַרשעווער ליטעראַרישער גוואַרדיע, וואָס האָט נאָך יונגערהייט מיטגעמאַכט די גאָלדענע ימי־פּרץ, כאָטש זיי אַליין האָבן פון גאָלד נישט גענאָסן און צום גאָלד נישט צוגעטראָגן. אָבער שוין דאָס האָבן מיטגעמאַכט די ימי־פּרץ איז שוין געוועזן אַן ענין. עפּיס אַזוי ווי אַמאָל־אַמאָל די אַלטע פּויערן אין די דערפער, וואָס פלעגן דערציילן, אַז זיי האָבן געזען דאָס פאַרביימאַרשירן פון נאַפּאָלעאָנס סאָלדאַטן אין יאָר 1812. אַליין האָבן זיי נאָך נישט מיטמאַרשירט, אָבער זען מאַרשירן איז שוין אויך געוועזן א מדרגה.

פּאַרבא פלעגט זיך אַסך חברן מיט דער משפּחה ציטלין, דער עיקר מיט רב הלל אַליין און פרום איז ער אויך געוועזן אויף זיין שטייגער און אַז ער האָט געדאַרפט און געמוזט אַרויסגעבן א צייטשריפט, ווייל זאָגן האָט

זיך געוואָלט און ווו איז נישט געוועזן, האָט ער אָט די צייטשריפט אָנגע־רופן פּאַטעטיש „מיין שטענדער". אַלץ פלעגט ער אין אָט דעם „שטענ־דער" אליין אויפשרייבן, דאָרט האָט ער זיך מיט אסך ווירדע דורכגערעדט מיט אלע בעלי עוולה׳ס פון דער וועלט. און עוולות האָט די וועלט פאַרבאַן נישט געקאַרגט — ביז עס איז אים געשען די גרעסטע עוולה און מען האָט אים איינגעשלאָסן אין געטאָ.

אז די גרויסע עקספּרעסיאָניסטישע מלחמות זענען שוין אריבער און מארקיש — דער גענעראל — איז אוועק קיין מאָסקווע, האָט זיך פאַרבאָ פון צייט צו צייט ארויסגעוואגט מיט זיינע שטילע, לירישע לידער און זיי זענען גאָרנישט אזוי שלעכט געוועזן. אָבער האָט מען אים געזאָגט א גוט וואָרט האָט זיך ווידער אין אים א וועק געטון די אלטע און אייביקע אמביציע און ווידער האָט אים א ברי געטון זיין אייביקע עוולה. איז שוין אמאָל אפילו בע־סער געוועזן פאר אים, אז מען האָט געשוויגן און נישט געזאָגט קיין גוט וואָרט. איצט האָט ער שוין ווו צו זוכן די אמתע גערעכטיקייט — און ער וועט זי דאָרט זיכער געפינען — ער איז דאָך א גלויביקער געוועזן.

1940

רחל פײגענבערג

גענבוירן אין א שטעטל אין מינסקער גובערניע. נאָך ווײַנען און לערנען אין פיל שטעט פון אמאָליקן רוסלאנד: 1919 רומעניע, 1925 ארץ ישראל. זינט דעמאָלט צײַטנווײַז געװױנט אין װאַרשע, אין פאריז און לרוב אין ארץ ישראל. בשעת צווייטן וועלט־קריג אין ארץ ישראל.

לויט עזרא קארמאנס אנטאָלאָגיע פון דער יידישער פרויען־דיכטונג קומט אויס, אז די ערשטע יידישע שרייבערס זענען געווען שרייבערינס. דער אמת איז ווארשיינלעך נישט אזוי גינציק צום שיינעם מין. אָבער אמת איז זיכער, אז פרויען האָבן אין אלע צייטן גענומען אן אקטיוון אנטייל אין שרייבן אין יידיש. דאָס שרייבן האָט אָבער נישט געטראָגן א פּראָפעסיאָנעלן כאראקטער. געווען פרויען־שרייבערינס אין די פרץ־זשורנאלן — דאָ און דאָרט א דערציילונג, דאָ און דאָרט א ליד. ראָמאנטישע קונצשטיק.

אָבער רחל פייגענבערג האָט דורכגעקעמפט א וועג פאר דער פּראָפעסיאָנעלער שרייבערין פון צייטונגס־־ארטיקלען און אויך ביכער. און אז איך זאָג „דורכגעקעמפט” מיין איך דאָס טאקע פשוטו כמשמעו, ווייל רחל פייגענבערג איז א קעמפערישע נאַטור. איר ביאָגראפיע איז אינטערעסאנט, ביז גאָר אינטערעסאנט, אז איר ווילט איז דאָס די ביאָגראפיע פון דער יידישער פרוי אין רוסלאנד פון פאר דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע ביז וויט נאָך דער צווייטער רוסישער רעוואָלוציע. אסך קאָלטס און ווארעמס האָט זי אין לעבן דורכגעמאכט, אי דורכגעמאכט א לעבן פון שווערסטער נויט און אליין יאָרן־לאנג געווען א האַרעפּאשניצע און אי דורכגעמאכט א לעבן אין אל דאָס גוטס — אליין געווען אן אמתע גבירטע. און געוואַנדערט נישט וויניק, און פּאַגראָמען דורכגעמאכט, ממש מיט די אויגן געזען, און מיטגעמאכט דעם אויפשוונג פון יידישן לעבן אין ארץ ישראל אין די סאָמע וויכטיקסטע אויפבוי־יאָרן און זיבן מאָל געווען אין ווארשע צוריק, ווו אן אנדער מין יידיש לעבן האָט זיך געבויט אין זיגזאַק.

וואָלט רחל פייגענבערג געגאנגען אויפן וועג, וואָס זי האָט אָנגעהויבן אין איר פריער יוגנט, ווען זי האָט צו אירע נײַנצן יאָר פאַרעפנטלעכט אַן אויטאָביאָגראפישן ראָמאן, און כסדר אזוי באַשריבן איר לעבן, וואָלט זי זיכער אסך מער דערגרייכט אין דער ליטעראטור. וואָס דארף מען זיך אָנשטרענגען און שרייבן, אז דאָס לעבן אליין שרייבט אלעמאָל די בעסטע ראָמאנען, נישטאָ נאָך אויף דער וועלט א שרייבער, וואָס זאָל זיין פאנטאַסטישער ווי דאָס לעבן אליין און שפּאַנענדיקער ווי דאָס לעבן איז. אָבער רחל

פײַגענבערג איז א קעמפּערין און האָט פּײַנט צו גײן אויף דער ליניע פון לײכטן ווידערשטאַנד, אויף דער ליניע פון שווערסטן ווידערשטאַנד איז איר גרינגער, האָט זי זיך אלעמאָל אָנגעשטרענגט צו מאַכן ראָמאַנען און דער־ציילונגען פון אַנדערע אָבסערווירטע לעבנס, כאָטש די דערפאַרונג אירע האָט זי געלערנט, אז דעם גרעסטן דערפאָלג האָבן געהאַט דווקא די ביכער אירע, וואָס דאָס לעבן אליין האָט געשריבן — די „קינדער־יאָרן" און דער „פּנקס פון א טויטער שטאָט". אָבער דאָס באַלאַנגט צו ליטעראַטור־קריטיק.

זי האָט א פּנים פון א רבעצן. שוואַרצע האָר, שוואַרצע ייִדישע אויגן, נאָ־טירלעך. נאָר דאָס פּנים מאַכט אַן אײַנדרוק, אז עס איז אביסל ברייטער ווי לענגער, עס איז אַזאַ דרום־רוסיש ייִדיש פּנים. און אָנגעטון גייט זי אלע־מאָל זייער שטרענג. א שוואַרץ זײַדן, אָדער א טונקל־ברוין קלייד מיט עפּיס אַזאַ מאָדנע פּעלערינקעלע און א ווײַס שפּיצן־קעלנערל דערצו, וואָס פאַר־דעקט דעם גאַנצן האַלז. צנועות איז א נאַציאָנאַלער ייִדישער שטריך און פײַגענבערג איז זייער נאַציאָנאַל. דערצו טראָגט זי אויפן קאָפּ אַזאַ מין קאָמ־בינאַציע פון א בערעט פון פראַנקרייך אָדער שפּאַניע, אַן אַראַבישן קאָפּ־טוך און א ייִדישער קופּקע, דערצו איז זי אלעמאָל גרייט מוסר צו זאָגן מיט א שטימע, וואָס איר אונטערטאָן איז קרעכץ, ייִדישער קרעכץ אויף גלות השכינה. קיינער וואָלט זיך נישט געגלויבט, אז צווישן אירע ביכער האָט זי אויפגעשריבן א בוך מיטן נאָמען „הייראַט אויף צוויי יאָר". און נישט נאָר אויפגעשריבן דאָס בוך, נאָר זי האָט אפילו פּראָפּאַגירט די אידעע אין אסך רעפעראַטן. אָבער מען דאַרף דאָס ניט אויסטײַטשן שלעכט, דאָס איז אלץ געטון געוואָרן דווקא צו פאַרשטאַרקן דאָס ייִדישע פאַמיליע־לעבן.

די רעדאַקציעס האָבן גערן געדרוקט רחל פײַגענבערגס אַרטיקלען און דערציילונגען און ראָמאַנען, נאָר אז זי האָט זיך באַוויזן אין וואַרשע פול מיט קאַמפּלוסט פאַר אירע רעכט פלעגן זיך די רעדאַקטאָרן דווקא אײַנ־שפּאַרן און עס איז איר שוין אלעמאָל אַרויסגעקומען א רעה און א צע־קלאַפּטער קאָפּ פון דעם רײַסן זיך אין אָפענע טירן מיט אלע כוחות. נאָר אַזוי איז שוין איר נאַטור. אַזויפיל שטערונגען זענען איר געשטאַנען אין לעבן, אז טאָמער דערזעט זי פליגלען פון א ווינטמיל, מיינט זי באַלד, אז דאָס זע־נען אַרמעען גאַנצע . . .

רחל פײַגענבערג איז נישט נאָר א קעמפּערין פאַר אירע רעכט און איר אמת, נאָר אויך פאַרן אמת סתם. אײַנמאָל האָט א ייִדישער ליטעראַטור־קריטיקער — דער וווּנדערבאַרער ב. קאַרליניוס, א מענטש מיט א נשמה פון א טויב, נאָר אלעמאָל זייער א מידער, ער איז געשטאָרבן פון אויסבלײַכונג— אויפגעשריבן א באַגײַסטערטע רעצענזיע וועגן אירס א בוך. איז דאָך גוט.

אָבער דער צופאַל וויל, אַז פייגענבערג קומט אין קאַרלינויוסעס היים אַמאָל און זעט דאָרט אויפֿן טיש ליגן איר געריסנט בוך מיט נאָר עטלעכע בלעט־לעך דאָ און דאָרט אויפֿגעשניטן . . . מער האָט נישט געפֿעלט. יאָ, זי איז אַן אַבסאָלוטע אמת־קעמפערין. — נאָר אַזוי ווי איך בין נישט געווען קיין אַרויסגעבער פֿון צייטונגען, און אַז איך האָב געשריבן וועגן פייגענ־בערגס ביכער, איז נאָך גרינטלעך איבערלעזן זיי, זענען מיר געווען שטי־לע, גוטע פֿריינט און אָפֿט האָט מיר פייגענבערג געפֿלעגט דערציילן וועגן איר לעבנס פֿריידן, דער עיקר פֿון איר פֿעיקן זון, און איר לעבנס טראַגע־דיעס: צו זיי אין שטוב פֿלעגט אַריינקומען אַ יידישער פּראָוויזאָר און היימ־לערער, אַ שטילע, פֿלאַטאָנישע פֿריינטשאַפֿט פֿון אַמאָליקע שטעטלעך צו פייגענבערגס מוטער . . . און די טאָכטער, 25 יאָר ייִנגער פֿון דעם אַרטיס־טיש־אויסזעעניקן לערער און אינטעליגענט, האָט אים ליב באַקומען. און דאָס לעבן האָט אַזוי געפּלאָנטערט, אַז זי האָט סוף כּל סוף טאַקע מיט אים חתונה געהאַט. אָבער יאָרן גייען פֿאַר אַלע מענשן גלייך פֿאָרויס (דאָס איז געווען אין יאָר 1934) און איצט רעכן, ראַוויטש, רעכן — — און הייסע טרערן זענען געגאַנגען פֿון אירע אויגן. — יאָ, ממש אַ גליקל פֿון האַמעלן פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. און אפֿשר האָט זי ערגעץ שטילערהייט גע־שריבן טאָג נאָך טאָג איר לעבן, אַזוי ווי די ריכטיקע גליקל פֿון האַמעלן. עס וואָלט געווען אַ ביאָגראַפֿיע פֿון אַ יידישער תקופֿה.

1942

יעקב פיכמאַן

1881 אין בעלץ, בעסאראביע. זינט 1903 אין ווארשע און אין אַלערליי שטעט אין אַמליקן רוסלאנד. 1912 דאָס ער־שטע מאָל אין ארץ ישראל. רייזעס אין מערב אייראָפּע. שטענדיג אין ארץ ישראל.

מאָטאָ:
ווייל דעם, וואָס פארמאָגט נאָר
אַ האַרץ גוט און פרום —
און אויגן וואָס קוקן
אויף קיינעם נישט קרום — —
(פיכמאַן)

דאָס וואָרט בעסאראביע האָט בלויז צוויי אלפן אין זיך, נאָר די בע־סאראביער זאָגן עס מיט דריי אלפן ארויס און אָט די דאָזיקע דריי אלפן זאָגן זיי ארויס מיט דריי קמצן, ווארום פון קיין פתחן ווייסן זיי נישט. זיי זאָגן אפילו אמאָל אויך: פתח שין — שא. אבער עס קומט ארויס ווי: קמץ שין — שאָ. און יעקב פיכמאַן — דער העברעאישער און יידישער דיכטער, פּעדאגאָג, אנטאלאָגיסט איז א בעסאראביער. און אז עס וועט אמאָל אין זיינע הענט אריינפאלן מיין לעקסיקאָן, און טאקע פון פוילן צווישן צוויי וועלטמלחמות, וועט ער אין דער מחשבה מיך פרעגן אָט אזוי: — איז וואָזשע, ראוויטש, אין דרינען אַ האָט איר מיך אויך אריינגענומען? ערשטנס בין איך דאָך לרוב א העברעישער דיכטער, צווייטנס בין איך דאָך אין יענע יאָרן נאָר פארבייגייענדיק געוועזן אין ווארשע און דריטנס בין איך דאָך א בע־סאראבער, אן ארץ ישראלדיקער — ווי קום איך צווישן פוילישע — אין דרינען אַ — ? — און איך וועל דערויף ענטפערן, אז איך ווייס דאָס אלץ גאנץ גענוי און אז איך האָב אים דאָ אריינגענומען פשוט דערפאר עס זאָל מיר זיין היימליכער און הארציקער. ערשטנס — וועל איך ענטפערן — איז דאָ בלויז אין יידישע ליטעראטור, צווייטנס, אז איך וועל נעמען געוניי בודק זיין וועט ארויסקומען, אז מיר זענען אלע צונויפגעפּאָרענע און אלע זענען מיר פרעמדע אויף אָט אָ דער א חתונה, און אפילו נישט קיין געבעטענע, נאָר אליין געקומענע. — וועט שוין פיכמאַן גאָרנישט מער האָבן אנטקעגן.

אין יאָר 1911 איז שמואל יעקב אימבער געוועזן אין ווארשע און ער האָט מיר — קיין לעמבערג — געבראכט א מתנה די ערשטע אנטאלאָגיע פון יידישע לידער „די יידישע מוזע״, צוזאמענגעשטעלט פון יעקב פיכ־

מאַן און ז. רייזען. איך האָב די אַנטאָלאָגיע אין פאַרלויף פון איין נאַכט אי־בערגעלייענט ווי אַ שפּאַנענדיקן ראָמאַן. כאָטש מיר האָבן שוין היינט אַנ־טאָלאָגיעס אַסך — אַזויפיל יידיש ליד וויפיל אין דער „יידישער מוזע״ פיכמאַנס איז שוין מער אין ערגעץ נישט געווען. אָט אָ דער אָ פיכמאַן איז אַ ייד אַ שווערער אַביסל, אַ לאַנגזאַמער, אַ טונקל־בלאָנדער, מיט אַ טי־פּיטשנעם פּנים פון אַ באַלעבאַטישן האַלב־פּויער, האַלב מעשטשאַן פון אַ פּערשטאָט ערגעץ. שוין נישט דאָרף און נאָך נישט שטאָט. און ער שמייכלט כסדר אונטער. און עס איז נישט קיין שמייכל פון חניפה, נאָר אַ שמייכל פון גוטמוטיקייט און אויפגערוימטקייט, אַ שמייכל פון אייביקער גאַסטפריינט־לעכקייט. זיצט ער ביי אַ טיש — איז: קומט צו און זעצט זיך אויך צו. גייט ער אין גאַס איז: קומט אויך מיט אַ פּאָר שריט, לאָמיר הערן אַ גוט וואָרט . . . איך האָב אפילו דאָ נאָך געוואָלט זאָגן אַ וואָרט „פּשוטקייט״, נאָר איך וועל עס נישט זאָגן. איך האָב אַמאָל געזען ווי פיכמאַן לעזט אין אַ צייטונג אַן אַרטיקל וועגן זיך, האָט דער שרייבער דאָרט אַזויפילמאָל גענוצט דאָס וואָרט, אַז פיכמאַן האָט זיך געוועגדט צו מיר נאָכן איבערלייע־נען: — עס איז פּשט־פּשוט נישט אויסצוהאַלטן פון אַזויפיל פּשטות.

אַזוי זיך פרייען ווי יעקב פיכמאַן פרייט זיך מיט אַ גוט ליד איז ממש איינציק. און אַזוי אויפריכטיק ליב האָבן יידיש ווי ער האָט ליב, האָט — צווישן די העברעישע שרייבער — אפשר נאָר נאָך ביאַליק אליין ליב גע־האַט. און געדענקען דאַרף מען, אַז דורות ממש, סיי אין ארץ ישראל און סיי אין גלות האָבן זיך אויפגעכאַוועט אויף זיינע אומצאָליקע כרעסטאָמאַטיעס. ער האָט אויך יידישע כרעסטאָמאַטיעס צוזאַמענגעשטעלט און הלוואי וואָלט ער עס ווייטער געטון. ווייל זיין ליבשאַפט צו ליטעראַטור, צו ליד נעמט זיך פון טיף, טיף באַנעמען עס, דורכדרינגען עס.

איינמאָל — און געמוזט האָט עס זיין אין יאָר 1927 — האָט עמיץ גע־וואָרפן אַ וואָרט, אַז עס איז די העכסטע צייט צו שאַפן אַן אַלוועלטלעכן יידישן דיכטער־פאַרבאַנד. כאָטש מיר האָבן שוין דעמאָלט געפּלאַנעוועט די גרינ־דונג פון יידישן פּ. ע. נ.־קלוב — דאָס האָט געדאַרפט זיין גאָר עפּיס אַנ־דערש. עפּיס אַ מין אָרדן. אַן אינערליכע און נישט קיין אויסערליכע זאַך. כדי אַרומצורעדן דעם ענין זענען מיר זיך צונויפגעקומען ביי נחמן מייזילן אין שטוב. געוווינט האָט ער דעמאָלט אויף דער מיראָווסקע־גאַס, סאַמע מיטן אין דעם פערטל פון די האַלעס. דער גאַנג אהין צווישן בערג קרויט, וועגנט מיט שטייגן פולע מיט עופות, שמעקעדיקע טאָלן גאַנצע מיט עפּל. די פענסטער זענען געשטאַנען אָפן, סוף זומער — און אין זיי די ריחות און דער טומל. כאָטש עס איז ערשט געווען חצות האָט זיך שוין געגרייט דער

מאָרגנדיקער מאַרק. גראָד איז אויסגעגאַנגען די עלעקטרע און מיר זענען זאַלבעזעקסט געזעסן בײַ אַ ליכטל, קעפּ צונויפגעדריקט: פּיכמאַן, זינגער, קאַציזנע, מײַזיל, מאַרקיש און איך. אויף פּיכמאַנס פּנים האָט געשפּילט אַ מאָדנע שאָטנדיקער שמייכל און ער האָט אין האַלב־טונקל אויף אַ קול געחלומט — װעגן אַ פּאַרטיפונג פון דער פּאָעזיע בײַ ייִדן — װעגן אַ פּאַרייניקונג פון דער העברעישער מיט דער ייִדישער פּאָעזיע — װעגן אַ שטענדיקן װעלט־אויסטויש פון בריװ צװישן די ייִדישע פּאָעטן און שרײַבער — װעגן אַ צײַטשריפט נאָר פאַר פּאַכלײַט, װאָס זאָל נישט פאַרקויפט װערן און נאָר פאַרשיקט װערן צו ייִדישע דיכטער איבער גאָר דער װעלט — — מיר האָבן אַלע געהערט מיט אַ מאָדנער שטױנונג. מיר זענען געקומען מיט קאָנקרעטע פּלענער יעדער, נאָר די אַבסטראַקטע קאָנקרעטקייט פון פּיכמאַנס רייד האָט אונדז אַלעמען עפּיס װי צעשרויפט די מחשבות. איך געדענק נישט צי מיר זענען זיך כאָטש נאָך אײנמאָל װעגן דעם זעלבן ענין צונויפגעקומען. פּיכמאַן האָט אַזוי קאָנקרעט פונאַנדערגעװיקלט אָט די אַלע אומקאָנקרעטקייטן און דאָס סאַמע אומקאָנקרעטסטע איז געװען זײַן אַנװעזנהייט צװישן ממש מיליטאַנטע ייִדיש־שרײַבער — אַז פון דעם אַלעמען איז נאָר געבליבן עפּיס אַ מין מאַראַנישע מראה פון זעקס צונויפגעדריקטע קעפּ בײַ אַ שײַן פון אַ ליכט.

בשעת איך שרײַב די װערטער איז 1944 איבער דער װעלט, איבער די כװאַליעס פון אַן אויסגעגאָסענעם שטראָם פון לײדן טראָגן זיך פון אַ ברעג אָפּגעריסענע כאָטעס, אַנדערע נאָך גאַנץ, אַנדערע שוין צעפאַלן . . . װאָס האָט דאָס פאַר אַ שײַכות צו יעקב פּיכמאַן? איך װײס ניט. נאָר מיר דאַכט זיך, אַז עס איז אַזאַ שאָד, אַזאַ שאָד, װאָס אָט אָ די צײַטװײַליקע אינסטיטוציע אין דער ייִדישער ליטעראַטור מיטן נאָמען פּיכמאַן שװימט ערגעץ אַװעק און לאָזט נישט איבער נאָך זיך כאָטש אַ האַלבטװיזנטזײַטיקע זאַמלונג פון לידער, עסייען און אַ לײַטישע ביאָגראַפיע — און די שטיבלעך אײַבערן פלײַצנדיקן טײַך טראָגן זיך װײַטער און װײַטער.

1944

הלל צייטלין

1872 אין קארמע, מאָהילעווער גובערניע. געווינט אין צענדלינקער שטעט אין אמאָליקן רוסלאנד און פאר דער ערשטער מלחמה זיך באזעצט אין ווארשע. נישט געריזט אין אויסלאנד, געבליבן אין ווארשעווער געטאָ אין יאָר 1940 און 1943 — טראגישע ידיעות וועגן אים.

הלל צייטלין איז איינער פון די סאמע פּאָפּולערסטע יידישע שרייבער. די חסידישע יידן פון ווארשע און פון די פיל הונדערטער פוילישע שטעט־לעך פלעגן אים רופן רב הלל. א געוויסע צייט פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז צייטלינס א פּאָרטרעט — נביאישער בליק, כוואליענדיקע באָרד, לאנגע האָר — געהאָנגען אין כמעט יעדער יידישער קולטור־אינסטיטוציע. לויטן פּאָרטרעט איז אויסגעקומען, אז צייטלינס האָר זענען פעכשווארץ און די אויגן — שווארצע קוילן. אָבער ווי איבעראשט איז מען געוועזן, אז מען האָט אים פערזענלעך געזען, זיך צו איבערצייגן, אז זיין באָרד איז רויט און די אויגן בלוי־גרין. און בכלל איז ער מער צעטראָגענער חסיד ווי נביא לויטן אויסזען. אויך אלס רעדנער בארעכטיקט צייטלין נישט זיין נביאישן אויסזען פון די באוווסטע בילדער. ער איז צו טעמפּעראמענטפול און די פאָרם גייט אים צו ווייניק אָן, אז ער זאָל קענען זיין א גוטער רעדנער. אז ער רעדט פארפלאָנטערן זיך ביי אים אין מויל און אין דער באָרד די ווער־טער מיט די געדאנקען, די פריערדיקע, די איצטיקע און די שפּעטערדיקע און שטופּן זיך און שטויסן זיך ביי אים אויף דער צונג ווי די קינדער אין א פּאָליש בשעת „אויסנעמעס". חוץ די אלע שטויסענישן — שטויסן זיך אין הלל צייטלינס נשמה דער טאלענט — און טעמפּעראמענטפולער שרייבער מיט דעם נעאָ־רעליגיעזן מנהיג. חוץ דעם שטויסן זיך אין זיין נשמה א גרויסע עטיש־רעליגיעזע יידישע פערזענלעכקייט מיט א יידישן זשורנא־ליסט, וואָס קיין שום מענשלעכע קליינלעכקייט איז אים נישט פרעמד און פון אביסל כבוד זאָגט ער זיך אויך נישט אָפּ.

אין דער צייט פון דעם „כאַליאסטרע"־גערודער אין ווארשע איז הלל צייטלין פלוצלונג ארייגעצויגן געוואָרן, אָדער ריכטיקער — האָט זיך אַליין ארייגעוואָרפן — אין דער מחלוקה. נישט אין אים איז עס אים גע־גאנגען, עס איז אים געגאנגען אין זיין זון, דעם פּאָעט אהרן צייטלין, וואָס די כאַליאסטרע האָט עפּיס נישט געוואָלט אנערקענען. איך ווייס אליין נישט צוליב וואָס פאר א סיבות. אפשר גאנץ פּשוט צוליבן טאטן און זיין פרומ־קייט, וואָס דער זון האָט פאַרגעזעצט. די כאַליאסטרע איז נאַטירלעך גע־

ווען אפיקורסיש, חוצפהדיק־אפיקורסיש. צייטלין האָט דעמאָלט פּאַרעפנט־לעכט א סעריע אַרטיקלען קעגן דעם ראש־הכאַליאַסטרע פּרץ מאַרקיש און איך האָב אים דעמאָלט געענטפערט מיט א גאַנצער בראָשור „פּרא פּרץ מאַר־קיש״. מיט קיין פינגבלעטל פאַרן מויל האָב איך די בראָשור נישט געשריבן און אַליין זי פּיינט געקראָגן א טאָג נאָך איר דערשיינען. פאַרוווּנדערט און דערשטוינט, דערשיטערט אפילו בין איך געווען מיט א יאָר שפּעטער, ווען מען האָט פאַרעפנטלעכט אז הלל צייטלין און איך זאָלן געמיינזאַם רעדאַגירן דעם וואַרשעווער אַלמאַנאַך און דער באַרימטער שריפטשטעלער האָט די שותפות מאָמענטאַן אָנגענומען און איז באַלד צו מיר צוגעגאַנגען און מיך געפרעגט „ווען זאָלן מיר זיך באַגעגענען חבר ראַוויטש, כּדי אַרומצורעדן פּרטים״. זעלטן ווען איז מיר א שותפותדיקע רעדאַקציע־אַרבעט אַזוי לייכט צוגעגאַנגען ווי אָט די אַרבעט מיט הלל צייטלינען. זיין טיפע פאַרשטענדניש פאַר קונסט, זיין ליבע צום עכטן טאַלענט, זיין טאָלעראַנץ, דווקא זיין טאַקע הלל׳דיקע טאָלעראַנץ, האָבן מיך ממש אַנטוואָפנט. ער פלעגט די מאַנוס־קריפּטן לעזן מיט א קרעכצנדיקן גמרא־ניגון, אפילו לידער פון לעסטערער און נאַטוראַליסטישע דערציילונגען וועגן פויערן פלעגט ער פאַר זיך אויס־ברומען מיט אַזא ניגון און כּסדר ביים לעזן פלעגן זיינע הענט טאַפּנדיק — ווייל די אויגן האָט ער כּסדר געהאַלטן אין מאַנוסקריפּט — זוכן טינט און פעדער אַריינצופירן קאָרעקטורן אין די כּתבי יד. און מאָדנע הענט האָט ער געהאַט, לאַנגע פינגער מיט לאַנגע נעגל — הענט פון בעלי מופתים, וואָס זענען צוגעוווינט צו לייגן זיך אויף קעפּ און צו בענטשן און צו געבן ענדלאָזע שלום עליכמס. אָפט פלעג איך קוקן אויף זיינע הענט און טראַכטן וועגן די שטראָמען טינט, וואָס זיי האָבן שוין פאַרברויכט און טינטפאַרברויכנדיק דורכגעוואַנדערט דורך ממש אַלע טיפענישן פון אַלע יידישע פּראָבלעמען פון נעכטן, פון היינט און פון מאָרגן. זיין הויפּליניע האָט הלל צייטלין קיינמאָל נישט געביטן אָבער זייטנשפּרונגען האָט ער געפלעגט מאַכן כּמעט יעדע וואָך, אָפט פלעגט ער אַזוי אומגעריכט מיטן גאַנצן ברען זיינעם פאַר־טיידיקן זאַכן, אויף וועלכע מען וואָלט זיך גאָרנישט געריכט. אין זיינע ענד־לאָזע קאַמפן איז אַלעמאָל געווען אַסך גייסטיקער ספּאָרט, ער האָט נישט געקעמפט מיט בייזער בייזקייט, מיט טיפן האַס אוודאי און אוודאי נישט, ער האָט נאָר געקעמפט מיט אומבאַגרעניצטן טעמפּעראַמענט; ברען — איז ריכ־טיקער אין דעם פאַל צו זאָגן.

א טיף אומגליק האָט הלל צייטלינען געטראָפן קורץ פאַר דער צווייטער מלחמה — זיין איינציקע טאָכטער איז פּלוצלונג אַוועק פון דער וועלט — געבליבן איז ער ביי די צוויי זין זיינע, דעם עלטערן אהרן, דעם טיפן פּאָעט, און דעם יונגערן אלחנן, דעם פעיקן זשורנאַליסט. און ווי א בוים, וואָס האָט

זיינע זומערן און ווינטערן אָפּגעלעבט אונטער איין הימל און אין איין קלי־מאַט קען שוין קיין צווייטן הימל נישט פאַרטראָגן פאַר זיין קרוין און קיין צווייטע ערד נישט פאַר זיינע וואָרצלען — מעג געשען וואָס עס וויל — אַזוי איז אויך הלל צייטלין געבליבן אין געטאָ אין וואַרשע. מען זאָגט, אַז ער איז מיט א כוונה געבליבן אין געטאָ, פרומער, גלויביקער, גאָטפּולער, בטחונדיקער ווי די אומצאָליקע אָפּיציעלע רבים, וואָס האָבן זיך דווקא נישט אַזוי שטאַרק אויף גאָט פאַרלאָזט בשעת הדחק ווי דער נישטאָפּיציע־לער רבי רב הלל . . .

אין די צענדליקער יאָרן וואָס איך קען הלל צייטלינען האָב איך אים קיינמאָל נישט געזען אין א לייכטערער שטימונג, קיינמאָל אים נישט גע־הערט אַן אַנעקדאָט דערציילן, סאַידן א חסידישע מעשה, אָדער משל; איי־ביק איז ער אין עפּיס פאַרקאָכט, אייביק פאַרטון און פאַרזאָרגט אין גלות השכינה־ענינים, אָט אַזוי ווי ער וואָלט זיך אין דעם פּרט נישט געקענט פאַר־לאָזן אויף קיינעם, אָט אַזוי ווי מען וואָלט אים אַליין איבער־געענטפערט דעם סאַמע דישעל פון דעם אייביקן יידישן גלות־וואָגן.

1942

אהרן צייטלין

1898 אין אָווראָוויטשי, 1907 וואַרשע, 1920־21 רייזעס: ארץ ישראל, מערב־אייראָפּע, זינט 1939 אין ניו יאָרק. א יאָר — אין האוואנא, קובא.

אהרן צייטלין האָט אָנגעהויבן שרייבן און אויך דרוקן נאָך פּאַר בר מצווה, אָבער אין רייזענס לעקסיקאָן האָט אים א דרוקפעלער עלטער געמאכט מיט 9 יאָר, אָנגעגעבן זיין געבורט־דאטום: 1889. פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט ארויס. אהרן איז א זון פון הלל צייטלין, אויפגעוואקסן אין שאָטן פון ביכער און פון ספרים. ער איז איינער פון די געבילדעטסטע יידישע שרייבער, זיינע קענטשאפטן אויף אלע ממש געביטן האָבן גאָר קיין גרעניץ נישט. זיי גייען אים נאָך פיס־טריט נאָך אלע זיינע פּערז־פיס, שלייכן זיך אריין אין זיינע גראמען אפילו, דעם ריטם, דעם אראָמאט פון זיינע לידער. חוץ דעם אלעמען איז ער נאָך א פעיקער און פראָפעסיאָנעלער זשורנאַליסט אלע זיינע יאָרן. און אויך דאָס גייט אים נאָך אין זיינע לידער — — און דאָך איז ער איינער פון די עכטסטע און טיפסטע דיכטער ביי אונז. אין זיינע לידער איז דאָ איבערלעבונג, הארץ, בלוט — כאָטש, יאָ כאָטש די מייסטע לידער זיינע זענען קאָפּ־לידער. עס קלינגט זייער פּאראדאָקסאַל אָבער עס איז זייער אמת. ער איז לויטער אקטואַליטעט, לעזט דאָס לעצטע בוך אלעמאָל, ערשט פון דרוק ארויס און דאָך לעבט ער ערגעץ אין מיטל־עלטער לויט די יאָרן און אין צפת לויט דער געאָגראפיע. ער איז א גלויביקער מענש, אָן אמת גלויביקער, א מיסטיקער אָן אָנשטעל. ביי מיר איז רעכט, אז ער גייט נישט דאווענען אין א שול, נאָר ער דאוונט אין יחידות. דאווענען איז ביי אים קיין אָנשטעל נישט, און מיסטיק זענען ביי אים קיין מיסטישע שטיק נישט — נאָר שטיקער פון זיין לעבן.

דערצו איז דאָס פּנים זיינס שוין גאָרנישט קיין פּנים פון א מיסטיקער. אינגאנצן דער היפך פון דעם אין א סנאָפּ האָר איינגעטונקן פּנים פון זיין פאָטער רב הלל. גלאט ראזירט, דריי פיר דינע האָר אויפן קאָפּ. אלץ גלאט און גלאנציק אביסל, די אויגן, די גרינע, הינטער ברילן, רויטלעך פון אייביק לעזן און שרייבן. מער טוט ער קיינמאָל גאָרנישט און צוואָנציק שעה אין מעת לעת נאָר דאָס. דאָס פּנים אויך אביסל רויטלעך. וואָלטן האָר דעריף געוועזן, וואָלטען זיי געוועזן רויטלעך טונקל־ברוין. זיין שטימע מיט א דינעם אונטערטאָן, אזוי ווי, לאָמיך געמאך, זעסט דאָך, אז איך לעז און שרייב, שטער נישט. אז א בייזער קריטיקער־שפּעטער האָט אויף אים אמאָל געשריבן, אז ער איז א גראפאָמאן, האָט ער געענטפערט, אז אזוי איז עס

טאַקע. דאָס איז זײַן פּאַך. ער איז אַ גראַפאַ, דאָס הייסט שרײַבאַ־מאַן. דאָס איז זײַן מאַניע. ער איז אַ פּערפעקטער שרײַבער. און ער שרײַבט אַלץ, אַז מען האָט געדאַרפט פּאַרפּילן די וויצן־אַפּטיילונג פון דער דווקא שטאַרק שרײַענדיקער רויטקעפּלדיקער גאַסן צײַטונג „אונזער עקספּרעס" אין וואַר־שע, אין וועלכער ער האָט געאַרבעט, האָט ער דאָס אויך געקענט. אַז ער שרײַבט ייִדיש און העברעיִש איז איבעריק צוצוגעבן. ער וואָלט געקענט שרײַבן נאָך אין אַ האַלב טוץ שפּראַכן ווײַל ער קען זיי גוט.

אין יאָר 1921 האָט הלל צייטלין אַרויסגעגעבן אַ וואָכן־צײַטונג מיטן נאָ־מען „דער בליץ", מיט אַ האַלבער וועלט האָט זיך דער אַלטער קעמפער דאָרט געשטויסן מיט זײַנע שאַרפע פען־הערנער. און ווי אַ יונג עקסל — 23 דעמאָלט — האָט אים מיט די יונגע הערנערלעך צוגעהאָלפן אהרן. פון יענעם בליץ האָט דאָס אַרויסגעבליצט דער בליץ־קריג קעגן מאַרקישן און דער „כאַליאַסטרע". און כאָטש עס איז קיין שטרויען פײַער נישט געווען, נײַערט גיכער אַ וואַלד־שריפה, האָט עס זיך באַלד געענדיקט. שוין אין יאָר 1924 האָט אהרן צייטלין מיטגעאַרבעט, אונטער מאַרקישעס מיט־רעדאַקציע, אין די „ליטעראַרישע בלעטער" מיט זײַנע טיפע אַרבעטן וועגן געטהע און וועגן אַלערליי טיף־ליטעראַרישע פּראָבלעמען. די וועלט האָט זיך אַזש געוווּנ־דערט. אויף אהרן צייטלינס חתונה מיט דער ראַסיש־ייִדיש־שיינער כּלה זיי־נער פון גרויסן ייחוס, וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן בײַ זײַן פאָטער אין הויז אויף שליסקע 60 זענען מיר אַלע געווען און געהוליעט אין ווײַסן טאָג אַרײַן. צופעליק בין איך דעמאָלט אַרײַן אין רב הללס קאַבינעט, געזען דאָרט פון אַ באַרג צײַטונגען אַרויסקוקן אַ „בליץ" מיטן קעפּל אַראָפּהענגענדיק ווי אַ געשאָכטענע הון. קיין שנאה פלעגן די צייטלינס נישט נאָכטראָגן, כאָטש געקעמפט האָבן זיי מיט ברען.

יאָק בידאָ — טאָ דאַ זשידאָ — ווי נאָר מיר האָבן אין אַלע אונזערע אויסגאַבעס געדאַרפט האָבן אַן אַרבעט אויף זייער אַ שווערער טעמע, אַ יאָרצײַט פון אַ וועלט־קלאַסיקער — איז באַלד צו אהרן צייטלינען. נישט נאָר איז ער אַלעמאָל גרייט געווען צו שרײַבן אויף די שווערסטע טעמעס, נאָר ער איז בפירוש אַלעמאָל אויך צוגעגרייט געווען דערצו.

ניו יאָרק, 1939. י. י. זינגער — אהרן צייטלין. מזרח און מערב. זינגער האָט פײַנט מיסטיקער ווי שפּינען, ער גלויבט זיי נישט, נאָר מיט אהרן'ען איז ער לב ונפש, ער גלויבט אים פּשוט. דערציילט אַן אַנעקדאָט וועגן אים, ווי זײַן שטייגער, אָבער ער האָט דרך ארץ פאַר אים. ער גלויבט אים. אים איינעם צווישן די מיסטיקער גלויבט ער. און אהרן פאַרשטייט זינגערן, דעם נאַטוראַליסט.

אהרן און איך װױנען אין יאָר 1939 עטליכע װאָכן אױף אײן קאָרידאָר אין ניו יאָרקער בראָדװעי סענטראַל־האָטעל. דעמאָלט האָב איך געדרוקט מײן אנטראָפּאָמאָרפֿישע לידער־סעריע „פּראָסטע רײד מיט גאָט אין ניו־יאָרק״. זינגער האָט געלאכט: דאָס מײנסטו דאָך — רײד מיט אהרן צײט־ליך, דײן שכן . . . גערעדט האָב איך טאקע דעמאָלט מיט אהרן צײטלין אסך, אסך. עס איז געװעזן ערב קריג. זײן משפּחה האָט ערשט נישט לאנג געהאט א שװער אומגליק געטראָפֿן, א יונגע שװעסטער איז פּלוצלונג אװעק פֿון דער װעלט. ער האָט געדארפֿט באשליסן װעגן בלײבען אין ניו יאָרק אױף שטענדיק און פֿאר אזא טיף־יידישן מענש איז דאָס געװעזן א שװער פּראָב־לעם. פֿול װי א בעכער, פֿול מיטן אױג איז ער געװעזן מיט זאָרג װעגן זײן װײב און צארט ײנגל אין װארשע. סוף, סוף זענען אלע זײנע נאָענסטע דאָרט געבליבן און ער אלײן אין ניו יאָרק. נאָך פֿארשלאָסענער פֿארן ארום, נאָך אָפֿענער אין זײנע טראגישע, אור־טיפֿע, אָפּגרונטיק־אױפֿריכטיקע לי־דער. אז איך האָב אים אין יאָר 1942 צוגעשיקט אן אָפּדרוק פֿון „מײן לעק־סיקאָן״ װעגן זײן פֿאָטער האָט ער מיר געשריבן, אז ער איז נישט מסכים מיט די קאָלירן פֿון מײן באשרײבונג. און ער האָט אלײן מיט טיפֿער זון־ליבע געמאָלן אין בענקשאפֿט זײן גרויסן פֿאָטער. קאָריגירט מײנס און פֿאר־ענדיקט אָט אזױ: די לעצטע יאָרן איז ער געװעזן אינגאנצן װײס. א װײסער לײבן־קאָפּ, װאָס האָט אומאױפֿהערליך תּפֿילה געטון מיט בלױע אױגן . . . דער בריװ האָט א דערשיטערנדיק טיפֿן אײנדרוק געמאכט. טעג, װאָכן, װי נאָר איך האָב באגעגענט א פֿרײנט, האָב איך אים דערצײלט װעגן אָט דעם בילד פֿון א זון, א הײליק־פֿארליבטן אין זײן פֿאָטער : א װײסער לײבן־קאָפּ, װאָס טוט אומאױפֿהערליך תּפֿילה מיט בלױע אױגן . . .

1943

אלחנן צייטלין

1900 אין האָמעל. רייזע — 1919־1920 — ארץ ישראל. קליינע רייזעס אין מערב אייראָפּע. זינט קינדהייט אין וואַר־שע. 1939 דאָרט געבליבן.

אלחנן צייטלין ווערט אריינגענומען אין ראַמען פון דעם דאָזיקן לעקסיקאָן מיינעם — אין דעם טייל פון פּאָעטן, דערציילער, דראַמאַטורגן אין פּוילן — נישט אַזוי צוליב זיינע לידער, וואָס ער האָט — אגב — געזאַמלט אין אַ דין ביכעלע, נאָר מערער צוליב מזומן . . . עס איז נישט מער ווי רעכט, אַז דער נאָמען צייטלין זאָל אין אָט דעם בוך דערשיינען דריימאָל צום ווינ־ציקסטן. מיט אָט דעם נאָמען — צייטלין — האָט געקלונגען וואַרשע יאָרן, יאָרצענדלינקער. זאָלזשע דער נאָמען נאָכקלינגען אין בת קול פון דעם בוך. וואָס מער. אין דער אקטיווער צייטלין־משפחה — וואָס שייך שעפערישקייט זעלבסטשטענדיקער — געהערט אלחנן ווי איינער צום מזומן. הלל צייטלין, רב הלל זיצט אויבן אָן — צו זיין רעכטער זייט אהרן — דער דיכטער און דראַמאַטורג, און צו דער לינקער זייט זיצט אלחנן. געווען יאָרן אין וואַרשע ווען אָט דער מזומן פון דריי שרייבער האָט די גאַנצע שטאָט באַלאַגערט מיט טינט און פעדערס פון אַלע זייטן. רב הלל אין „מאָמענט" אהרן אין „היינט" און אלחנן אין „אונזער עקספּרעס". און וואָלט נאָך אַ יינגערער צייטלין געווען — וואָלט ער זיכער געשריבן אין דער „בייער פאָלקס־צײַ־טונג", ווארום וואָס יינגער די צייטלינס, אַלץ מער האָבן זיי זיך געלינקט — אַן אייניקל וואָלט שוין זיכער געאַרבעט אין „פריינט" — דער גאַנץ לינ־קער צייטונג.

זייער פאַך פון געבוירן אָן איז געווען וואַרטעריי — אַזױצוזאָגן. און אַזוי ווי די פאַרצייטישע סנדלר'ס האָבן זיי געהאַט די געדולד צו זיצן אויף די שוסטערבענקעלעך פון זייער פאַך און קלאַפּן פון אין דער פרי ביז שפּעט אין אוונט, ווי די שטיפטיקלעך — די אותיות, די יידישע אין די צייטונגען אריין גאָר אָן אַ שיעור. העמערל, העמערל קלאַפּ — —

איר דאַרפט נאָר לעזן אלחנן צייטלינס דערינערונג פון דער ליטעראַ־רישער שטוב פון זיין פאָטער און איר וועט דערפילן דאָרט די אַטמאָספערע פון די קלאַפּענדיקע העמערלעך בייטאָג און ביינאַכט. ריכטיק האָט ער זיין בוך מיט דערינערונגען גערופן „אין אַ ליטעראַרישער שטוב".

אָבער ער איז פאָרט עפּיס אַנדערש פון זיין פאָטער און דיכטער־ברו־דער. פּונקט ווי מען האָט אהרנען פון געבוירן אָן ממש געגרייט פאַר אַ דיכ־

טער־קאַריערע, אַזוי האָט מען אַלחנן׳ען געגרייט פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן פאַך און ער איז טאַקע אין דער ערשטער צייט געווען אַ סעקרעטאַר אין אַלערליי געזעלשאַפטן. און עס האָט אים אַפילו געצויגן צו פּאָליטיק אויך — פּאָליטיק ממש. און ער האָט פאַרנומען אַן אַקטיווע שטעלונג אין דער פאָלקס־פּאַרטיי. דאָס איז עפּיס אַ מאָדנע פּאַרטיי געווען. לויט אַלע כּללים פון היס־טאָרישן מאַטעריאַליזם און מאַטעריאַליסטישער דיאַלעקטיק האָט אָט די פּאַרטיי געדאַרפט פאַרנעמען דעם אויבן אָן צווישן אַלע יידישע פּאַרטייען פון דער געאָגראַפישער עליפּסע פון באַלטישן ביזן מיטללענדישן ים, ווו עס האָבן פאַר דעם צווייטן וועלט־קריג געוווינט אַרום 9 מיליאָנען יידן. נאָר עס איז אַזוי נישט געווען. און ער איז געווען דער פירער פון די לינקע עלע־מענטען אין דער דאָזיקער פאָלקס־פּאַרטיי — אַלחנן. נאָר סוף כּל סוף האָט זיך אויך אַלחנן צוגעשלאָגן צו אַ שטענדיקן פען־וואַרשטאַט און איז שוין ביי דעם געבליבן. און די איראָניע האָט געוואָלט, אַז דאָס זאָל זיין די סאַמע סענ־סאַציאָנעלסטע צייטונג אין וואַרשעווער יידישן קוואַרטאַל, אַ צייטונג מיט אַ רויט, שרייענדיק קעפּל „אונזער עקספּרעס״. אקעגן די סענ־סאַציעס פון דער דאָזיקער צייטונג האָבן די סענסאַציעס פון די ניו־יאָרקער יידישע צייטונגען אויסגעזען ווי ווייסע ליילעכער אַנט־קעגן דעם רייך־טוך אין די אַקסן־קאַמפּן. שפּעטער האָט זיך די צייטונג אַביסל געסטאַטקעוועט, אָבער אין אָנהויב האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זי האָט זיך פאַרמאָסטן מיט איין קלאַפּ אוועקצוליייגן אַלע אַנדערע צײ־טונגען ביי יידן אין פוילן. און אינמיטן דעם טומל, אינמיטן דער כאָפּטע פון רעפּאָרטערן, וואָס טאָמער האָט איינער אויסגעטראַכט אַ דרייגאָרנדיקן ליגנט, האָט זיין חבר באַלד פאַרפאַסט אַ זיבן־גאָרנדיקן און דער דריטער אַ וואָלקן־קראַצער־ליגנט — האָט זיך אַרומגעדרייט אַלחנן צייטלין מיט זיין גאַנצן יחוס און זיין גאַנצן סטאַזש פון לערנען און קענען. אַ רויטלעך־בלאָנדער, אַ גוטמו־טיקער און דאָס גאַנצע וועזן האָט אַקצענטירט זיין וועלטליכקייט. געגנוג רע־ליגיע און מיסטיק אין דער צייטלין־משפּחה. ער פלעגט שרייבן וועגן טעאַטער און וואַרשע איז אַלעמאָל פול געווען מיט אַקטיאָרן פון אַלע יידישע לענדער. און אַקטיאָרן האָבן ליב צו חנפענען, אַקטריסעס אוודאי, און טאָמער פלעגט אַלחנן אַריינקומען אין קלוב — באַלד אַ קראַנץ פון אַקטריסעס אַרום אים — למען השם ער זאָל נישט פאַרגעסן אַ נאָטיץ, אַ רעצענזיע, גלאַט אַ דערמאָן ביי אַ געלעגנהייט, אַ יובילעי.

נאָר שטילערהייט האָט ער גאָר געשריבן לידער און גוטע, איינדרוקס־פולע לידער. אַז מיר האָבן אין יאָר 1926 געגרייט דאָס מאָנסטער־זאַמלבוך, די „וואַרשעווער שריפטן״ 1000 זייטן בעלעטריסטיק און ליטעראַרישן עסאַי, צונויפגעשטעלט (אויב איך האָב נישט קיין טעות אין איינצעלנע נעמען) פון

הלל צייטלין, דר. יצחק שיפּער, יהושע פּערלע, ז. סעגאַלאָוויטש און מיר — האָבן מיר אלחנן׳ען נישט איינגעלאַדן ווייל ער איז דאָך אַ זשורנאַליסט. דער טאַטע האָט געשוויגן ביי דעם פּסק דין בשעת אויסרעכענען די בעלעטריסטן צום איינלאַדן, אָבער אויף צו מאָרגנס האָט אלחנן געבראַכט אין אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט זיין ביישטייער — — אַ סעריע פיינע, לירישע לידער. זאָל דאָ איינס ציטירט ווערן:

כ׳האָב ליב דעם גרויען רעגן, דעם גרויען רעגן אויף אַלטע דעכער.
עס רייסט די בענקעניש צו וואָלקנס — — אויב נישט נאָך העכער.
ווי שטומע קינדער וויינען צוויגן — ביי קאַלטע וועגן.
און ס׳טרערט אָן אויפהער דאָס גוטע אויג — פון אַלטן רעגן.

די יידישע „זשורנאַליע״ אין וואַרשע, פּונקט ווי אויף דער גאַרער יידישער וועלט, האָט זיך כסדר אַרומגעקריגט און מער האָט נישט געפעלט, נאָר דער מיטרעדאַקטאָר פון דעם סענסאַציאָנעלן „עקספּרעס״ זאָל גאָר שרייבן לירישע לידער. אָבער צו דעם זענען די צייטלינס געוויינט געוועזן, דאָס האָט זיי נישט געשראָקן, האָט ער די לידער דווקא אין אַ ביכעלע אַרויסגעגעבן. און כאָטש דער דריטער ביים טיש — צום מזומן דאַרף ער צוגערעכנט ווערן.

1943

י. ב. צפור

1888 פאַלעשטי, בעסאַראַביע. צו פיר יאָר אין פּאַריז. צו 24 זיך באַזעצט אין וואַרשע. רײזעס אין אײראָפּע. בײם אויסברוך פון צװײטער װעלט־מלחמה געװעזן און גע־בליבן אין בעלגיע.

א פאַרבלאָנזשעטער, אָן אײביק פאַרבלאָנזשעטער אין דער ייִדישער לי־טעראַטור איז ער געװעזן, יצחק שטערמאַן, װאָס האָט זיך געגעבן א פּסעודאָ־נים י. ב. צפור. װי אײנער, װאָס איז אַן אַריסטאָקראַט און װאָס פאַרבלאָנ־זשעט אויף איבערנאַכט אין א פּויערישער קרעטשמע און װאָס מען קען אים מיט גאָרנישט צופרידנשטעלן, נישט מיטן שענסטן און בעסטן אפילו, װאָס מ׳פאַרמאָגט. און רק ער בײזערט זיך און בײזערט — אזוי איז געװעזן לאַנגע צײטן די באַציאונג דר. צפורס צו דער ייִדישער ליטעראַטור. און ער איז גע־װעזן א דאָקטאָר, ער איז דורך און דורך געװעזן א דאָקטאָר. אין פראַנקרײך האָט ער דעם טיטל באַקומען, ער איז געװעזן א דאָקטאָר פון דער פילאָזאָפי־שער פאַקולטעט. פון די שפּיץ פינגער פון די פּיס ביז צו דער שײנער, מיט זיבן לאַנגע האָר פאַרקעמטער ליסינע פון זײן מיט װיסן אָנגעשטאָפּטן קאָפּ איז ער געװעזן א דאָקטאָר. ער פלעגט אפילו זײנע בעלעטריסטישע זאַכן אויך אונטערשרײבן מיט דעם טיטל. ער האָט נאַטירלעך געװוסט, אַז מען טוט עס נישט, װאָרום אויב מען װאָלט עס געמעגט טון, װאָלט דאָך הײנריך הײנע זיך אויך אונטערגעשריבן מיט דעם טיטל דאָקטאָר, ער האָט עס אָבער פאָרט גע־טון, װײל ער איז אין כעס געװעזן אויף דער ייִדישער ליטעראַטור און עס האָט פון יעדן װאָרט זײנעם אַרויסגעשריגן צו די גראָבע יונגען פון װאַרשע: דרך ארץ פאַר מיר און פאַר מײן װיסן. און אויף צו להכעיס זיך אלײן האָט ער זיך סקאָמפּאַניִעט דװקא מיט דעם סאַמע נישט־דאָקטאָרישסטן פון די ייִדישע שרײבער — אַנו, טרעפט מיט װעמען — מיט איטשע מאיר װײסענ־בערגן. בײדע האָבן זײ געהאַט אַ ביטער־בײז הארץ אויף דער ייִדישער ליטע־ראַטור און אויף דער גאַנצער איבעריקער װעלט. פאַרװאָס זײ האָבן געהאַט א ביטער הארץ אויף דער איבעריקער װעלט װײס איך נישט געגוי, מסתמא דערפאַר װײל זי האָט זײ בײדן נישט צוגעטראָגן קײן װילעס און אײביקע לעבנס־לענגלעכע פּענסיעס. נאָר אויף דער ייִדישער ליטעראַטור זענען זײ בײז געװעזן צוליב עקסטרעם־פאַרשידענע טעמים. צפור איז בײז געװעזן פאַר־װאָס די ייִדישע שרײבער זענען אַזעלכע גראָבע יונגען און װײסענבערג איז בײז געװעזן פּונקט פאַרקערט, פאַרװאָס זײ זענען אַזעלכע אויסגעװײקטע אינ־טעליגענטן . . . זענען זײ בײדע, דר. צפור און איטשע מאיר װײסענבערג גע־

גאַנגען אַ „שטיקל וועג צוזאַמען". וואָלט זײַ געלונגען דאָס, וואָס זײַ האָבן בײדע אין זינען געהאַט וואָלט שוין לאַנג, לאַנג פֿאַר סעפּטעמבער 1939 קײן שטײן אױף אַ שטײן אין װאַרשע נישט געבליבן. און איך שטעל מיר פֿאָר דאָס בילד װיאַזױ זײַ שטײען בײדע, די לעצטע אױף די רױנען פֿון װאַרשע און װיאַזױ זײַ קוקן זיך אָן — װײַסענבערג מיט זײַנע אױגן פֿון אַ קאַלמיק שפּריצט מיט פֿײַער און דר. צפֿור מיט זײַנע מילדע, גרױסע בלױלעכע אױגן פֿון אַ פֿראַנצױזישן פּסיכאָלאָגיע — אָדער ליטעראַטור־פּראָפֿעסאָר, װאָס גיסן זיך איצט אָן מיט כּעס און מיט צאָרן . . . דאָס „שטיקל װעג צוזאַמען" איז באַשטאַנען אין געמײנשאַפֿטלעך רעדאַגירן די „ײדישע זאַמלביכער" און אַסך אַנדערע אַזעלכע ענלעכע אַרבעטן.

װען צפֿור װאָלט געהאַט האָר אױפֿן קאָפּ װאָלטן זײ געװעזן קופּער־ברױנלעך. נישט קײן צו הױכער איז ער געװעזן, אַ מילד געשניצט, כאַטש אױסדריקלעך פּנים — און ער איז אַלעמאָל געװעזן זײער קאָרעקט, פֿלעגט יענעם אָפּגעבן דעם גאַנצן כּבֿוד, װאָס יענעם האָט געהערט, אָט אַזױ װי די מיטגלידער אין ענגלישן פּאַרלאַמענט גיבן זיך אָפּ כּבֿוד — „דער חשובֿער האַר מײנער איז אַן אױסװורף און אַ פֿאַרברעכער . . ." — װײַל צפֿור איז געװעזן אַן אײראָפּעער.

מיסטעריעס פֿלעגט ער שרײַבן — צפֿור — מיסטעריעס, װאָס עס איז זײער שװער געװעזן צו פֿאַרשטײן און אױב מען האָט אַמאָל צפֿורן אַלײן גע־בעטן, אַז ער זאָל אַזאַ מין מיסטעריע אױפֿקלערן, האָט ער דאָס געטון מיט אַזױפֿיל לאָגיק און געדולדיקײט און ציטאַטן, אַז דאָס אױסטײַטשן אַלײן איז מיטן גאַנג פֿון די שעהן געװאָרן אַזאַ מין מיסטעריע, װאָס איז נאָך שװע־רער געװעזן צו פֿאַרשטײן װי די מיסטעריע אַלײן. אָבער, אַז ער האָט גע־װאָלט האָט ער געקענט שרײַבן גאַנץ פּשוט אױך, אַפֿילו ברוטאַל נאַטוראַ־ליסטיש װי עס איז געשריבן זײַן גאַנץ דערפֿאָלגרײַכע דראַמע פֿון שפּעטן מיטל־עלטער װעגן דעם „יוס פּרימע נאָקטיס", דעם רעכט פֿון דער ערש־טער נאַכט פֿון די פֿעאָדאַלע פּריצים איבער יונג־פֿאַרהײראַטע פּױערן־מײד־לעך פֿון זײערע דערפֿער.

דאָס איז געװעזן אַרום 1923טן יאָר. איך האָב דעמאָלט פּאַרטיק גע־מאַכט אַ מאַנוסקריפּט „פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפֿטן" — אַ בוך לידער װעגן דער אורװעלט מיט איר בתּולהדיקער נאַטור, װילדער חיה־װעלט און אור־מענשהײט. װערזשע דען אױב נישט דר. צפֿור קען דאָס װערק דורכקריטי־קירן װיסנשאַפֿטלעך — אין יעדן פֿון זײַנע צען פֿינגער פֿאַרמאָגט ער אײנע פֿון די צען װיסנשאַפֿטן, און זאָאָלאָגיע — אײן קלײניקײט. האָב איך בײַ אים געבעטן אָט די חבֿרישע הילף. ער האָט געדולדיק אױסגעהערט, גע־

גלעט די זיבן האָר, פֿון צײַט צו צײַט געמאַכט נאָטיצן און נאָכן לעזן האָט ער מיר אַזוי צורעכט געמאַכט פֿון װיסנשאַפֿטלעכן שטאַנדפּונקט מײַן גאַנצע פּאָסטרויִקע, אַז איך האָב שוין שיִר נישט באַשלאָסן דעם גאַנצן מאַנוסקריפּט צו װאַרפֿן אין פֿײַער אַרײַן. געװײנטלעך האָב איך דעם כּתבֿ־יד שטאָט אין פֿײַער אַרײַנגעװאָרפֿן אין דער דרוק מאַשין אַרײַן און נישט די װעלט און נישט איך בין אונטערגעגאַנגען צוליב דעם. אַז צפֿור האָט דערזען דאָס פּאַרטיקע בוך האָט ער אַזש אַ ציטער געטון װי יענער באַרימטער דאָקטאָר, װאָס דערזעט דעם לויט אַלע רעגלען פֿון דער װיסנשאַפֿט געשטאָרבענעם פּאַציִענט פֿריש און געזונט אויף דער גאַס.

צו דער װאַרשעװער ליטעראַרישער כאַליאַסטרע־גרופּע האָט צפֿור נישט באַלאַנגט. פֿאַרװאָס? עפּיס נישט. צופֿיל שריפֿטשטעלער — צו װײניק דיכ־טער. חוץ דעם איז ער צופֿיל פֿאַרפּלאָנטערט געװעזן מיט װײסענבערגן און דער איז אַרויסגעטרעטן קעגן דער כאַליאַסטרע. מיד און פֿאַרביטערט מיט אָפּגעבראָכענע אַמביציע־שפּיצן פֿלעגט צפֿור שוין אַ צענדליִנק יאָר פֿאַר דער צװייטער מלחמה סרובֿ שרײַבן בלויז פֿאַר זײַן טישקעסטל, אָט אַזוי װי אַ טײַך, װאָס פֿאַרלירט זיך אַמאָל אין זאַמד . . . נאָר די װיסנשאַפֿט װייסט (נישט אמת, דר. צפֿור?), אַז זאַמדפֿאַרלוירענע טײַכן זענען שוין גאָרנישט פֿאַרלוירן און אַמאָל װעט נאָך זיכער אַרויסקומען אַ צפֿור־סעלעקציע פֿון פֿײַנע װערק און אפֿשר גאָר אַ פּאָר נאָך נישט געדרוקטע, אַלעמאָל טשיקאַ־װע, דראַמעס צי ראָמאַנען.

1941

אפרים קאגאנאָווסקי

1893 אין ווארשע, יאָרן פון ערשטן קריג אין רוסלאנד, 1921 צוריק אין ווארשע, 1939 באוויזן צו ענטלויפן פון ווארשע, זיך אויפגעהאלטן אין ביאליסטאָק, 1942 אין אוזבעקיסטאן.

א מיטלוווקסיקער, מיט זייער מארקאנטע פנים־שטריכן, שווארצחנעווּ־דיק, אָבער נישט לאלקעוואטע, גרויסע און קאָמפּליצירטע, אויב מען קען אַזוי זאָגן, דורכדרינגענדיקע און שיינע אויגן, געדיכטע האָר, שווארצע, אָבער גלאטע. אז ער רעדט מיט א מענש, הערט ער זיך נישט צו וואָס יענער רעדט צו אים, נאָר ער שטודירט אים, ריכטיקער, ער נעמט אים ארום, ער מאָלט אים, ער באשרייבט אים און ער אימיטירט אים שטילערהייט, ער באַ־האנדלט אים ווי אן אביעקט. ווארום אפרים קאגאנאָווסקי איז אזויפיל קינסט־לער אין אלץ, אז ער איז אזש אביסל א ציניקער. ער קען זיך נישט העלפן. אין דער ערשטער רייע אינטערעסירט אים די וועלט .ער איז א געבוירע־נער קינסטלער און ער קען זיך נישט העלפן. אז ער זעט א מענש מוז ער אים קודם כל באטראכטן, מוז ער אים קודם כל אבסערווירן. אין דער ערשטער רייע אינטערעסירט אים די זאך און נישט די פּערזענלעכקייט פון דעם באַ־טרעפנדיקן קעגנשטאנד, אָדער קעגנמענש זיינעם. ער איז אין דער ערשטער רייע א זינלעכער קינסטלער — קאגאנאָווסקי. כאָטש מאלעריי איז נאָר א צייט־פארטרייב ביי אים איז ער א בעסערער מאלער ווי א סך פון די אנער־קענטע פאך־מאלערס, וואָס דרייען זיך ארום אין אונזער ווארשע. (דאָס ווארשע פון 1920 ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער מלחמה). ער איז א שרייבער. און א שרייבער פול מיט טאלענט ווי א מילגרוים מיט קערלעך. דערצו איז ער זייער מוזיקאליש כאָטש שפּילן שפּילט ער בלויז שקאָציש־סטאווקע־געסל־וויל־יונגיש אויף א מויל־הארמאָניקע. ער איז אָבער זייער מוזיקאליש. ער הערט זיינע העלדן רעדן, הערט יעדן איינעם באזונדער. אזוי ווי אן אבסאָלוט מוזיקאלישער מענש הערט פון אן אָרקעסטער ארויס יעדן אינסטרומענט, אזוי הערט קאגאנאָווסקי אין יעדער פון די דערציילונגען זיינע — און ער שרייבט און דערגרייכט מייסטערשאפט נאָר אין דער קליי־נער נאָוועלע — יעדן איינעם פון זיינע פּארשוינען באזונדער. ער הערט און ער לאָזט אייך זיי הערן אויך. ווארום — ווי א גרויסער פּראָזע־קינסטלער לאָזט ער יעדן פון זיינע פּארשוינען רעדן מיט זיין לשון.

מיר האָבן אים גערופן (ווייל ער איז געווען אי דער ראָמאנטישסטער

און אי דערפאָלגרייכסטער צווישן אונז אלע) אונזער קאגאנאָווא׳ (קאזא־נאָווא מיט א גימל).

אין איין שיינעם טאָג באשליסט קאגאנאָווסקי צו האָבן א זון טאקע מיט זיין לעגיטימען ווייב. און זיי רופן זייער זון — פרץ. ווייל קאגאנאָווסקי איז געווען פרצעס א ליבלינג. צו זיבעצן יאָר האָט פרץ קאגאנאָווסקין שוין גע־דרוקט אין די בעסטע זאמלביכער און זינט דעמאָלט איז שוין קאגאנאָווסקי געבליבן א פראָפעסאָנעלער שרייבער, ריכטיקער געזאָגט — א פראָפעסיאָ־נעלער באָהעמיען. זיין שארפזיניקייט און וויציקייט האָט גאָר קיין גלייכן נישט געהאט. נאָר טיפערע שמועסן, פילאָזאָפישע שמועסן האָט ער פיינט געהאט. לעבנס־פילאָזאָפיע — אָט דאָס האָט ער ליב געהאט און זיינע באריכטע ווערטלעך און געשפרעכן האָבן געשפרודלט מיט דעם. און זיין פרץ׳ל, וואָס איז אויך פיזיש געווען אויסן אויג דער פאָטער, האָט זיך אויך געשניטן אויף אזא ווי אפרים. איינמאָל מאָלט דאָס קינד, מסתמא פינפיעריק דעמאָלט, א שטיבל און א קיכל און אויפן קיכל קאָכט זיך עפּיס. פרעגט דער טאטע: וואָס קאָכט זיך דאָרט, פרץ ? ענטפערט דער זון: שפינאַק. פון וואַנעט ווייס־טו דאָס? פרעגט דער טאטע. דער זון כאפּט א גרינעם בליישטיפט, מאָלט צו צום קוימען א גרינעם רויך און גיט א זאָג צום טאטן מיט א קאגא־נאָווסקיש־ממזרישן בליק: גיב א קוק אויפן רויך וועסטו זען, וואָס עס קאָכט זיך דאָרט אין טעמפל . . . קאגאנאָווסקי האָט יאָרן־לאנג מיט שטאָלץ דער־ציילט אָט די מעשה, דער טאטע איז שטאָלץ געווען מיט זיין בנאָקל.

קאגאנאָווסקי פלעגט אונז אָפט דערציילן, אז פאַרן שלאָף טאָר ער נישט זען קיין מארקאנטע מענשן, קיין טיפּן, קיין מענשן, וואָס קריצן זיך איין אין זכרון. זיי גייען אים נאָך אין דער נאכט אריין, אין שלאָף אריין, זיי הויבן אָן פלוצלונג פון אים ארויסצוצורעדן. ער מוז זיי אימיטירן. אינמיטן דער נאכט, אין דער פינסטערניש, מוז ער כאָטש עטלעכע ווערטער ארויסזאָגן ווי יענע טיפּן, דאָס בארויקט אים. קען ער ווידער איינשלאָפן. ווי דיבוקים ווירקן די טיפּן־מענשן אויף דעם קינסטלער־דערציילער. און אז ער אימיטירט, טוט ער ווי א געניטער אימפּרעסיאָניסטישער מאלער: א שטריך, א שמיר מיטן פענזל, א שאָטן — און די געשטאלט איז גאנץ. די פּאָרטרעטן־גאלעריע פון קאגאנאָווסקיס דערציילונגען איז אומענדלעך רייך. און אגב זענען דאָס נישט בלויז טיפּן און גאָרנישט מער. דאָס זענען מענשן — אָרימע, ליידנדיקע, ליידנשאפטלעכע מענשן. קאגאנאָווסקי האָט זיי ליב, און וואָס גערעכטער איינער צווישן זיי, אלץ מער האָט אים קאגאנאָווסקי, דער קינסטלער ליב.

איינס פון קאגאנאָווסקיס ביכלעך רופט זיך „מיידלעך״. וועגן מיידלעך שרייבן איז זיין ליבסטע ליטעראַרישע ארבעט. ער קען זיי, און זיי קענען

אים אויך און שאַצן אים און האָבן אים ליב. שוין אַביסל צופֿיל. איז ער אָפּט פֿאַרביטערט. מײדלעך אײפֿערן איבער אים און ער לײדט דערפֿון. אײנ־מאָל קומט ער צו מיר זײער אָן אומעטיקער, אַ ביטער־אומעטיקער. — הערסט — ראַוויטש — זאָגט ער, אַפֿילו אין דער טיפֿסטער טראַגעדיע פֿון דער פֿרוי בלײַבט אַלץ נאָך דער מאַן אַ גערעכטער. אָט למשל, וואָס קען שוין זײַן מער טראַגעדיע ווי די סיטואַציע פֿון אַ מײדל, וואָס האָט זיך געסמט צוליב אַ מעדיצין־סטודענט און מען ברענגט פּונקט אַרײַן איר טויטן קערפּער צום סעצירן און גלײַכגילטיק נעמט זיך סעצירן זי טאַקע דער זעלבער סטודענט צוליב וועלכן זי איז באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד . . . נאָר אויך דעמאָלט האָב איך אַלץ נאָך מער מיטלײד מיט דעם סטודענט ווי מיט דעם מײדל . . . נאָר זעלטן אָבער איז קאַגאַנאָווסקי אַזוי גרויזאַם געווען. זײַן ראָמאַנטישקייט איז אײביק יונג און פֿריש געווען אַלעמאָל. און זײַן וויץ אומדערשעפּלעך. און קײנמאָל נישט ביליק, קײנמאָל נישט גראָב, קײנמאָל נישט לאַנגווײליק און איבערגעחזרט. עס וואָלט אַ וווּנדערבאַרער קינסטלערישער אַפֿאָריזמען־באַנד געווען, אָט דער קאַגאַנאָווסקי שבעל פּה, ווען עמיץ וואָלט דאָס אַלץ אויפֿגעקליבן פֿון זכרון. און אַ וווּנדערבאַרע, אײדעלע צײכענונגען און אַק־וואַרעלן־מאַפּע, ווען עמיץ וואָלט אויפֿגעקליבן די בילדער, וואָס קאַגאַנאָווסקי האָט צעשאָנקען צווישן זײַנע פֿרײַנט און פֿרײַנדינס. און וווּנדערבאַר איז געווען קאַגאַנאָווסקיס קעגנזײַטיקע ליבע מיט אַ העלבלאָנדער טאָכטער פֿון סאַכאַטשאָווער רבינס הויף, די טובערקולאָזע האָט זי געטויט, מיט אַפֿרימס באָמען אויף די ליפּן האָט זי אויסגעהויכט איר לעצטן, קראַנקן אָטעם.

1942

נפתלי הערץ קאָן

ארום 1910 אין רומעניע, קליינע רייזעס אין מערב־איי־ראָפּע, 1933 ווארשע, 1934 ראטן־פארבאנד.

אז איך בין אין יאָר 1934, אין מאַי, צוריקגעקומען קיין ווארשע פון איינער פון מיינע גרויסע וועלט־רייזעס — באשליסנדיק שוין ביים באַ־טרעטן די ערד פון מיין היימלאנד מיט דעם רעכטן פוס, און נאָך נישט האָבנדיק באטרעטן זי מיט דעם לינקען, ביי דער ערשטער געלעגנהייט אוועק פון דאָרט אויף אייביק — האָב איך דאָרט געטראָפן א ניי און טשי־קאַווע פּנים צווישן די חברישע פּנימער אין אונזער קלוב. איך האָב באלד א פרעג געטון איינעם פון די חברים: — ווער איז דער דאָזיקער בלאָנדער פערדינאנד לאססאל ? מען האָט זיך נישט געוואונדערט וואָס איך רוף אים אזוי, ווארום נפתלי הערץ קאָן׳ס פּנים איז געווען אזוי ענליך צום פּנים פון פערדינאנד לאססאל, אז אלע האָבן אים שוין סאַי ווי אזוי גערופן. אפילו די לאנגע וואָנצעס, די אראָפּהענגענדיקע פוןביידע זייטן ווי לאססאל האָט ער געהאט. נאָר ער איז געווען אויפפאלנדיק בלאָנד און מיט בלויע אויגן. זיינע לידער האָב איך שוין פון פריער געקענט פון די ליטערארישע צייט־שריפטן. דאָס זענען געווען מאָדנע לידער — ביז א העלפט אן ערך איז יעדעס פון זיי געווען זייער אָריגינעל און טיף, בילדעריש, דעקאדענטיש אביסל — די צווייטע העלפט פון ליד איז ערגעץ ווו אוועקגעשוווּמען. באַ־זונדערס איז מיר געבליבן אין זכרון א שטארק ליד וועגן אן אלטן ייד, וואָס זיינע ליפּן זענען ווי אלטע פארמעטן, זיינע ברעמען הענגען פון זיינע אויגן אראָפּ ווי די פראנזן פון א פּרוכת און זיינע אויגן ברענען ווי צאנקענדיקע נר תמידס אין א ווינקל פון בית המדרש.

האָבנדיק דאָס בילד פון לאססאל אין די אויגן — און לאססאל איז דאָך געווען איינער פון דער וועלטס גרעסטע אָראטאָרן — בין איך ביים באַ־קענען זיך פערזענליך מיט קאָן׳ען אנטוישט געוואָרן. קאָן האָט גאנץ אָפּט געשטאמלט, דער עיקר ביי אביסל אויפרעגונג. און אויפגערעגט איז ער געווען שטענדיק. ער איז געווען אן אנטלאָפענער פון רומעניע, אנטלאָפן אי פון מיליטער, אי פון תפיסה פאר פּאָליטישע מעשים און די סיגוראנצא האָט אים געזוכט מיט דער הילף פון דער פּוילישער דעפענסיווע. און דאָ איז אין אים געווען א ברענענדיקער לעבנס־און שאפונגס־ווילן. און ער האָט כסדר געטענהט, אז טאָמער וועט אים די סיגוראנצא נאָך איינמאָל באקומען אין אירע הענט — דאָסמאָל וועט ער שוין קיין לעבעדיקער נישט ארויס.

ממש ווי פּיזישע טאָרטורן פלעגן ווירקן זיינע דערציילונגען ווי די סיגוראַנ־צא האָט אים געמאַטערט.

אין די ערשטע טעג פון מיין באַקאַנטשאַפט מיט קאָנען איז עס מיר גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז גראַד ער וועט זיין דער מענש וועמען עס וועט מיר באַשערט זיין צו טון די וויכטיקסטע זאַך, וואָס מען קען אַ מענשן טון — ראַטעווען פון טויט.

באַלד איז ער געוואָרן אויך מיין זאַרגן־קינד, פּונקט ווי ער איז שוין ביז איצט געוועזן דאָס זאָרגן־קינד פון אַלע איבעריקע חברים. דער עיקר אַל־טער קאַציזנעס. ער פלעגט ביי אים כסדר נעכטיקן און די פּאָליציי איז כסדר געוועזן אויף זיינע שפּורן. דערצו האָט ער זיך בשום אופן נישט געוואָלט היטן, אפילו די בינעזישע וואָנצעס זיינע האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט אַראָפּנעמען, מען זאָל אים כאָטש ווייניקער דערקענען. ער זאָל זיך ווייני־קער וואַרפן אין די אויגן. — זיין מיידל האָט ליב פּונקט אַזעלכע וואָנצעס און ווי קען מען גאָר דערוואַרטן פון אַ פּאָעט, אַז ער זאָל גיכער צוליב טון דער פּאָליציי ווי זיין געליבטן מיידל. דערצו האָט נאָך קאָן געהאַט מזל צו דער פּראָווינץ. מען פלעגט אים איינלאַדן אויף פאָרלעזונגען און דערצו נישט לעגאַלע פאַריינען. און געערעדט האָט ער מיט גרויסע קולות, ווי אַלע מענשן, וואָס שטאַמלען אַביסל, און זייער פּראָוואָצירנדיק. ער האָט ליב געהאַט אַפּ־לאָדיסמענטן, ווי לאַססאַל. אַז קאַציזנעס דירה איז אַביסל צו „הייס" גע־וואָרן פלעגט ער נעכטיקן אין קלוב. גרוי און אַלט פלעגט ער מיך מאַכן מיט אָט דעם נעכטיקן. דאָס פּרעזידיום פון פאַריין האָט מיר איינמאָל שטרענג באַפוילן: עס טאָר מער נישט געשען. עס איז פּאָליטיש געפערליך און פּשוט נישט היגיעניש. און איינמאָל אין אַן אוונט האָב איך אים מיטגעטיילט דעם באַפעל און עס איז מיר דעמאָלט זייער ביטער געוועזן אַהיימצוגיין נעכטיקן בשעת אַ חבר וועט שלאָפן אין גאַס. שלאָפלאָז צוליב דער סיבה האָב איך אַרום צוויי ביינאַכט אָנגעקלונגען, געוואָלט בעטן די דינערשאַפט, אַז מען זאָל קאָנען אריינלאָזן טאָמער וועט ער זיך יאַווען. געענפערט ביים טעלעפאָן האָט קאָן אַליין . . . ער איז גאָרנישט אוועקגעגאַנגען. אַזוי דערפרייט מיט אים האָב איך מיך קיינמאָל נישט. ערשט איצט האָב איך געקענט צוטון אַן אויג.

און עס איז געקומען וואָס עס איז געוועזן אומפאַרמיידלעך. מען האָט אים אַרעסטירט און געהאַלטן ביים אָפּשיקן קיין רומעניע מחמת די קלוגע סיגוראַנצא האָט אים געפאָדערט אַלס. . . גנב. און די דעפענסיווע האָט גע־גלויבט. נאַטירלעך. און — ווי אַ פייער וואָלט אין מיר אַריין, אַלע ענער־גיעס פון מיין לעבן האָבן זיך אָנגעצונדן צו דערגרייכן איינמאָל דאָס אומ־

מעגליכע. צו איבערצייגן די דעפענסיווע, אַז ער איז אַ פּאָליטישער און מען דאַרף אים באַהאַנדלען ווי אַזעלכן, דערצו האָב איך געדאַרפט פאַר אים קריגן אַ וויזע אין דעם איינציקן לאַנד, וואָס האָט אים געקענט אויפנעמען — ראַטן־פאַרבאַנד. פיר וואָכן האָט די געשיכטע געדויערט, הונדערטער מענשן, צענדליקער אינסטיטוציעס זענען אויפגעטרייסלט געוואָרן, פּראָטעקציעס ביז העט אַרויף און אַז מען האָט מיר מיטגעטיילט, אַז איך זאָל אים גיין זען ווייל ער זאָגט זיך אָפּ אָנצונעמען די וויזע, נאָך אַלעמען, בין איך שיר נישט משוגע געוואָרן. אָט בין איך אין תפיסה, מען פירט אים אַרויס, איך האַלט זיין בלאָנדן קאָפּ אין די הענט און טרערן גייען מיר פון די אויגן, דער קאָפּ וועט ווייטער לעבן, און ער רוימט מיר איין, אַז פאַר מורא פאַר פּראָוואָקאַציע האָט ער זיך אין ערשטן מאָמענט אָפּגעזאָגט. איצט אָבער זעט ער, אַז עס איז ריכטיק און ער פאָרט — נאַטירלעך, נאָר ער האָט אַ באַדינג. ער וויל מיטנעמען זיין מיידל. נישט באַלד, נור סוף כל סוף האָט ער אויך דאָס אויסגעפירט — — אַזוי זענען זיי, די פּאָעטן. אַ פּאָליציאַנט האָט אים באַגלייט ביז דער גרעניץ. ווי די פרידליכסטע דריי מענשן פון דער וועלט זענען מיר געגאַנגען, קאָן, דער פּאָליציאַנט און איך צו דער באַן אין וואַרשע, געטרונקען קאַווע אין באַן־בופעט. קאָן האָט מיר נאָך באַוויזן צו דערציילן וויפיל שטורכעס דערזעלבער פּאָליציאַנט האָט אים געגעבן, ווען זיין סטאַטוס איז נאָך געווען אַן אַנדערער. דריי טעג שפּעטער האָב איך באַקומען אַן אַנזיכטסקאַרטל מיט אַ גרויס סטאַלין־בילד פון יענער זייט גרעניץ. קאָן האָט מיך געגריסט און געדאַנקט.

1944

אַלטער קאַציזנע

געבוירן 1885 אין ווילנע, לרוב געלעבט אין ווארשע, רײַזע קיין ארץ ישראל און נאָענטן מזרח. 1939 אנטלאָפן קיין לעמבערג. 1942 — טראגישע ידיעות וועגן אים.

אן אויסגעשפּראָכענער סאנגוויניקער לויטן כאראקטער איז ער געווען — און אפשר איז — אלטער קאציזנע. דווקא א סאנגוויניקער, כאָטש אן אמתער וועגעטאריער אפשר פערציק יאָרן לאנג. א רויטלעך פּנים, מער בורעק — ווי בלוט־רויטקייט, מחמת ער איז געווען א וועגעטאריער, א פאָר גרויסע ברילן, א היפּשער שטערן, לענגלעכע האָר, אָבער שוין שיטערלעך, נישט קיין צו הויכער, נישט קיין קליינער, א פעסט־געבויטער, נישט קיין בײַכיקער, דער טאטע א מוליער, דער זיידע א קאָוואל און ער אליין האָט ווייכע הענט, אָבער פעסטע. האָט ליב מיט זיי צו קלאפּן אין טיש, האָט בכלל זיך ליב צו בייזערן, כאָטש ער מיינט עס נישט מיט שנאה, עס איז א וועגעטארישער כעס. ער איז א מנגן, אָבער א שטימע האָט ער א דרום־מאַנגאָליע, אויב איך מאך נישט קיין טעות, אביסל א שרײַענדיקע. ער האָט ליב צו זינגען, נאָר ער זינגט נישט ווייל עס פּאסט עפּיס נישט, ער קען דערציילן א וויץ, אָבער ער דערציילט זעלטן ווייל עס שיקט זיך עפּיס נישט. ער איז פול מיט סתירות אונזער אלטער קאציזנע. ער האָט א געטרײַ ווײַב, חנה הייסט זי, זי איז מיט אונז אלעמען אויף דו, זי איז צו אונז אלעמען א שוועסטער, נאָר אן אייביקע געליבטע איז זי פאַר קאציזנען. ריכטיקער קאציזנע פאַר איר אן אייביקער געליבטער. זי איז אים געטרײַ ביז קנעכטשאפט. אז קאציזנע וויל צו זײַנע און אירע עטלעכע און פערציק ווערן א טאטע פון א קינד, האָט זי אים א פּרעכטיק מיידעלע ממש אײַנשטעלנדיק דאָס לעבן און זיי גיבן איר א פּאַטעטיש־ביבלישן נאָמען שולמית. און אפשר איז עס גאָר א נאָמען נאָך גאָלדפאדענס שולמית ווייל קאציזנע האָט מער ליב געהאט דאָס יידישע טעאטער ווי די ביבל.

און וויפיל סתירות אין דעם אלטער קאציזנע אונזערן, אָדער קאציזניק ווי מיר פלעגן אים רופן. ער איז א לינקער און א רויטער און איז א באזיצער פון א גוט־פּראָספּערירנדיקן פאָטאָגראפישן אטעליע, ער איז פון פאך א פאָטאָגראף, און אויך א באזיצער פון א גרויסער ווילע אין שווידער, נישט ווײַט פון ווארשע. אלע יאָר וווינען בײַ אים אויף דאטשע צענדליקער שרײַבער און — ווי עס מאכט זיך — איינער באצאָלט און דער אנדערער נישט, דאָס דירה־געלט, נאָר אלע זענען ביז אויף קאציזנען פארוואס מען דאַרף דאַרט בכלל צאָלן דירה־געלט. ער שרײַבט מיסטישע דראמעס, מיסטיש־

סימבאָלישע און עס ווייזט זיך גאָר ארויס, אז ער קען גאנץ פיין שרייבן ריין רעאַליסטישע אקטן ווי אין זיין דערפאָלגרייכסטן שטיק „דוכוס". ער שרייבט ראָמאנען און ער איז גאָר בעסער אין דער קליינער דערציילונג און — פאַר־קערט. ער שרייבט באלאדעס און עס דאכט זיך אָפט, אז בעסער וואָלט ער געווען אין קליינעם, לירישן ליד. ער שרייבט שארפע ארטיקלען, שארפע און לאָגישע, ער פּאָלעמיזירט זייער שארף און אָפט; דאכט זיך, אז עפּיס וויל ער מאכן דעם איינדרוק, אז ער ווייסט נישט וואָס ער רעדט און אפשר ווייסט ער טאקע נישט. מאכסט אים א קאָמפּלימענט און ער לייגט ארויס אויף דיר זיינע גרויסע בלוי־גרויע אויגאנעס, פאַרדרייפאכט דורך די ברילן און פרעגט דיך גאָר: האַ? וואָס ? האַ? וואָס זאָגסטו ? אזוי ווי ער וואָלט דיך נישט געהערט.

ער איז א גוטער נאָר ער מאכט זיך פאַר א שלעכטן, ער איז א שלעכ־טער און ער מאכט זיך פאַר א גוטן. ער איז א שרייבער און ער מאכט זיך פאַר א פאָטאָגראַף, ער איז א פאָטאָגראַף און ער מאכט זיך פאַר א שרייבער. ער איז גאסטפריינטלעך אין זיינע דירות, ווילעס, אטעליעס און ער מאכט זיך פאַר א מרוק, ער איז א מרוק און ער שמעלצט זיך מיט גאסטפריינט־לעכקייט.

ער האלט אין איין עקספּערימענטירן, ער עקספּערימענטירט צום סוף מיט פּשטות, עפּיס אזוי ווי א פאנטאסטישער לעקעך־בעקער וואָלט פּלוצ־לונג גענומען און אויסגעבאקן א ראזעווע ברויט און עס ארויסגעשטעלט אין פענסטער ווי די גרעסטע ראַריטעט. אזוי באקט קאציזנע ביים סוף אָפּ זיינע פּאָעמעס און באלאדעס און זיי זענען זייער גוט, זייער רעציטאטאַריש, זייער יידיש, זייער באוווסטזיניק פּרץ׳יש און ער גיט עס צו אין דער הקדמה.

אז אלע זענען אוועק פון ווארשע, ווו קאציזנע האָט דורכגעמאכט די פּרץ־תקופה און — אויב נישט נאָך העכער . . . אליין געחלומט — ווו ער האָט דורכגעמאכט אזויפיל קאלטס און ווארימס, אזויפיל ביטערס און זיס׳ס, איז ער געבליבן אויף זיין פּאָסטן ווי דער לעצטער מאָהיקאַנער און אפילו נאָך ארויסגעגעבן אליין א צייטשריפט מיטן נאָמען „מיין רעדנדיקער פילם". אפילו די אבסטראקטע קרוין פון ווארשע האָט זיך ערגעץ ווו אָפּגעטראָגן, אוועק ווי די שכינה אין גלות און ווי נח׳ס לעצטע טויב זיך ערגעץ אָפּגע־שטעלט און מען ווייסט נישט ווו, און קאציזנע איז געבליבן און געווארט אויף משיח׳ן און אויף א באנייאונג פון דער פּרץ־תקופה. ביז היטלערס חילות האָבן אים פון ווארשע ארויסגעוויכערט מיט פייער פון באָמבעס און ער איז אוועק קיין לעמבערג און דאָרט . . . ווער ווייסט, הלוואי זאָל עס ליגן זיין ווי שוין אסך אזעלכע ידיעות.

קאַציזנע איז אַ װעגעטאַריער און איך אויך. און װעגעטאַריער װײסן זײערע כאַראַקטערן. זײ זענען זײער אײַנגעשפּאַרט, פֿאַלן אָפּט אין כּעס, אָבער דער כּעס געדױערט בײַ זײ אַ רגע, אַ כּעס פֿון אַ שטרויען שװעבעלע. אָפּט פֿלעגן מיר מיטאַרבעטן מיט קאַציזנען אין אַלערלײ רעדאַקציעס און אין אַלערלײ ליטעראַרישע גרופּירונגען, פֿעןֿ־קלובן, ליטעראַטן־פֿאַרײַנען און װוּ דען נישט. קאַציזנע האָט זײער ליב געהאַט דורכצוזעצן זײַנע מײנונגען און האָט זײער ליב געהאַט, אַז איך האָב אים אָפּאָנירט. טאָמער אָבער בין איך אַנטשװיגן געװאָרן האָט ער שוין געװוּסט, אַז די קלאָג איז פֿאַרטיק, אַז איך װעל שװײַגן און מכּלומרשט זאָגן יאָ און טון װעל איך אומגעפֿרעגט װאָס איז װעל װעלן. פֿאַר מײַנע קולות האָט קאַציזנע נישט מורא געהאַט, אדרבא דאָס האָט אים אינספּירירט צו נאָך גרעסערע קולות. נאָר פֿאַר מײַן שװײַגן האָט ער געציטערט. דער פֿאַרביקסטער, שימערירנדיקער פּאָדים אין דעם קעניגס־קלײד פֿון ייִדישן גלות, װאָס רופֿט זיך פּרץ־תּקופֿה פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. און זײ האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט, די דרײַ מלכים פֿון יענער תּקופֿה — פּרץ, אַנ־סקי, דינעזאָן. און ער האָט זײ געטרײַ־חבֿריש געדינט אַלע דרײַען, שוין אַפֿילו צענדלינקער יאָרן נאָך אַלע דרײַענס טויט.

1942

יצחק קאַצענעלסאָן

1886 אין קאַרעליץ, ביי נאָוואַרעדאָק. רייזעס אין ארץ ישראל און אמעריקע. א לעבן אָפּגעלעבט אלס דירעקטאָר פון א העברעישער שולע אין לאָדזש — 1941 קראַנק אין וואַרשעווער געטאָ.

א קליינער און א דיקער, מיט קליינע גערזיכטצוגן, א פעסטער און געפאַקטער און א פולער מיט לעבן, א פלאַם־פייער. גרויסע, ארויסרופנדיקע אויגן, איז פול מיט געסטיקולאַציע און מאַכט כסדר מינעס מיטן פּנים. דער עיקר אָבער מיט די אויגן. ער מאַכט כסדר גוטע וויצן און מאַכט זיי כסדר אליין קאַליע מיט דעם, וואָס ער לאַכט אליין צופיל איבער זיינע אייגענע וויצן. א גרויס, שטיפעריש קינד, וואָס ווייסט נישט פון קיין צער און וויל נישט, אז מען זאָל אין זיין אנוועזנהייט רעדן פון צער. און עפּיס קען איך מיך נישט דערמאָנען די פאַרב פון זיינע געקרייזלטע האָר. איך ווייס שוין פאַרוואָס — ווייל ער האָט א גאַנישן שטערן און דערצו א ליסינע און דער שטערן דאָמינירט אזוי דאָס פּנים זיינס, אז ער מאַכט פאַרגעסן די פאַרב פון די האָר און די פאַרב פון די אויגן. קיין ברונעט איז ער נישט, קיין בלאָנדין אָודאי נישט. איך רעד וועגן יצחק קאַצענעלסאָן — דעם העברעישן דיכטער, וואָס עס אַרט אים נישט, אז מען האַלט אים בעיקר פאַר א יידישן דיכטער.

אז מען זעט קאַצענעלסאָנען דאָס ערשטע מאָל און מען דערמאָנט זיך, אז ער איז דער מחבר פון דער עלעגיע „די זון פאַרגייט אין פלאַמען" — איינעם פון די פּאָפּולערסטע און טרויעריקסטע זינג־לידער פון א גאַנצן דור — קען מען דאָס עפּיס גאָרנישט פאַרשטיין וויאַזוי דאָס פּאַרט זיך, אז דער מחבר זאָל זיין אזוי לעבנס־לוסטיק און אזוי אייביק פריילעך און דאָס ליד זיינס זאָל זיין אזוי פאַרצווייפלט און אזוי פּעסימיסטיש און אזוי אומענדלעך טרויעריק — שיר נישט דער טרויער פון אייער אייגענער יוגנט, וואָס האָט איבערגעלאָזן אן אייביקן אומעטיקן שיין אויף אייער גאַנץ לעבן.

איך האָב קאַצענעלסאָנען דאָס ערשטע מאָל געטראָפן אין פּוילן אין יאָר 1920, עס איז געוועזן אין לאָדזש, אין קאַצענעלסאָנס שטאָט. ער איז דעמאָלט אלט געוועזן ארום די 35, נאָר פּאָפּולער איז ער געוועזן שוין כמעט אזוי לאַנג, ווייל ער האָט זייער פרי אָנגעהויבן צו שרייבן לידער. אז איך האָב אים געטראָפן און די ערשטע איבעראַשונג אלמאַי ער איז נישט קיין הויכער איז אריבער און איך האָב אים געוואָלט באַהאַנדלען מיט כבוד ווי עס פּאַסט, אז מען באַגעגנט אן עלטערן און געשעצטן קאָלעגע, האָט ער באַלד אָנגע־

שלאָגן אזא מין טאָן אין זיין געשפרעך מיט מיר, אז כאָטש נעם און זאָג אים באלד „דו". ער איז פול געווען מיט הארציקייט און אייביקער פריי־לעכער בחורישקייט. אגב האָט ער טאקע גאנץ שפעט חתונה געהאט — אויב איך האָב נישט קיין טעות ערשט צו זיינע פערציק יאָר. און דאן האָט ער זיך ארומגעטראָגן מיט די בילדער פון זיין פאמיליע און זיי כסדר גערימט אין הימל אריין ווי שיין און ווי קלוג זיינע „נחתן" זענען.

אין אייך וויניק די עלעגיעס און די טרויערלידער, האָט נאָך קאצענעל־סאָן געשריבן שווערע פילאָזאָפישע פּאָעמעס און דראמעס, וואָס עס איז שווער געווען צו פארשטיין — און ווינציקער ווי מיט א נביא האָבן זיך די שפּעטעדיקע העלדן פון זיינע דראמעס נישט אָנגעהויבן. אין די אין דער יוגנט געשריבענע קאָמעדיעס זיינע האָט ער געהאט וויניקער פּאטעטישע געשטאלטן.

לאָדז האָט געהאט אן ארמעע פון יונגע שרייבער נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און זיי האָבן זיך ארומגעדרייט ווי די ווילדע, פארלוירענע קאָזעס איבער די פעלדער פון דער יידישער ליטעראטור און עס איז נאָר נאַ־טירלעך געווען, אז קאצענעלסאָן, דער טאלאנטפולער און פון אלעמען גע־אכטעטער סעניאָר זייערער זאָל אויך זייער רבי זיין, אָבער ווייס־איך־וואָס, קאצענעלסאָן האָט זיך רק אויסגעטון דאָס רעקל און זיך געשפּילט אין כאַ־פּערלעך צוזאמען מיט זיי, די וואָס ער האָט גענדארפט פירן. פון צייט צו צייט האָט ער יאָ רעדאגירט א זשורנאל, אָדער א זאמל־בוך. וואָס קאצע־נעלסאָנען האָט אזוי געצויגן כסדר צו לאָדז צוריק נאָך אלע זיינע רייזעס — ווייסט מסתמא צום בעסטן ער אליין און טרויערט זיכער צום טיפסטן איבער דעם, ליגנדיק שווער קראנק איצט אין ווארשעווער געטאָ, ווען אָט די ווער־טער ווערן אין סוף 1941 געשריבן. ער האָט דאָך אזוי לייכט זיך געקענט אריינפּאסן אי אין אמעריקע און אי אין ארץ ישראל, וואָס ער האָט באזוכט.

אז מען האָט געוואָלט נוצן אן ארגומענט, אז מען קען קענען גרונטיק העברעיש אָן א ישיבה און אָן דער קענטשאפט פון תלמוד, האָט מען ציטירט קאצענעלסאָנען. כאָטש ער האָט געשטאמט פון א טיפן רבנישן יחוס ביז אין אלף השישי אריין אויף צוריקוועגס איז ער נישט דערצויגן געוואָרן אין טראדיציאָנעלן שטייגער. צופאל. קאצענעלסאָנס פאָטער איז אויך געווען א שרייבער און האָט דווקא ליב געהאט צו פארפירן א טיפן שמועס מיט א גאסט א יידישן שרייבער, אָבער קאצענעלסאָן האָט געהאלטען, אז דער אל־טער נודיעט און אזוי גיך דער פאָטער האָט אָנגעהויבן צו באארבעטן א גאסט, האָט יצחק גענומען ווינקען פון אלע זייטן מיט זיינע ממזרישע אויגן און אָפּצוציען די אויפמערקזאמקייט פון דעם „קרבן", ביז דער פאָטער האָט

געזען, אז דער גאַסט דרייט זיך עפּיס ווי ער וואָלט געזעסן אויף שפּילקעס און האָט אָפּגעלאָזט.

צעשויבערט ווי דאָס ביסל האָר, דאָס קוטשעראַווע אויף זיין קאָפּ, צע־שויבערט ווי זיין דינאַמישער אופן לעבן, אַזוי איז אויך צעשויבערט גע־בליבן דאָס ווערק זיינס. אויף העברעיש זענען דערשינען גרעסערע זאַמ־לונגען, נאָר אויף יידיש איז קיין גרעסערע — און דער עיקר געאָרדנעטע — זאַמלונג פון זיינע אומצאָליקע לידער ניט אַרויס און אין דער יידישער לי־טעראַטור איז עס אַזוי ווי אונזערע חכמים פון פּרק האָבן געזאָגט: אם אין אני לי — מי לי. און קאַצענעלסאָן האָט פאַר זיינע לידער נישט געזאָרגט אַליין, יעדנפאַלס נישט די יידישע לידער זיינע. — נאָר אָט, אינמיטן די דערינערונגען פון קאַצענעלסאָן פון אַרום 1920 דערמאָן איך מיך, אַז אַרום 1934 האָב איך אַמאָל באַגעגנט דעם דיכטער אין וואַרשע און שטיל איז ער געווען ווי אַ שטורם, וואָס האָט אויסגעשטורמט און אומעטיק ווי זיינע איי־גענע עלעגיעס . . . קאַצענעלסאָן, וואָס איז געשען? — גאָרנישט, עס איז אומעטיק און איך בין קראַנק . . . און ווידער עפּיס אַ וויץ און אַ קאַסקאַדע מיט געלעכטער, נאָר דאָסמאָל שוין קורץ ווי אַ האַרבסטיקער זון־שטראַל. — קאַצענעלסאָן, דאָס זענט איר? — איך ווייס נישט, מ׳יר דאַכט זיך, אַז נישט . . . מער האָב איך אים נישט געזען, קיינמאָל מיט אים נישט קאָ־רעספּאָנדירט, און ער האָט ווייניק געלאָזט הערן פון זיך אין דער יידישער ליטעראַטור.

1941

עזרא קאַרמאַן

1888 אין קיעוו, 1921 וואַרשע, 1923 בערלין 1924 אמע־
ריקע, וווינט אין דעטראָיט.

עזרא קאַרמאַן איז א געבוירענער אַנטאָלאָגיסט, אין א לייטישער — אין זינען פון אָרגאַניזאַציע און מאַטעריעלע מעגלעכקייטן — ליטעראַטור וואָלט אַזאַ עזרא קאַרמאַן שוין געהאַט ביז איצט אַרויסגעגעבן כאָטש א טוץ אַנטאָלאָ־גיעס. ביי אונז האָט ער אַרויסגעגעבן נאָר איין אַנטאָלאָגיע פון באַדייטונג. די אַנדערע קלענערע זענען נישט פון בלייבנדיקן ווערט. דאָס ווערק פון עזרא קאַרמאַן איז זיין גרויסע אַנטאָלאָגיע „יידישע דיכטערינס". אמת איז אַז א גרויסער טייל פון די לידער פון דער זאַמלונג איז נישט נאָר ניט ווערט געדרוקט צו זיין אין אַן אַנטאָלאָגיע, נאָר אפילו נישט ווערט ליטאָגראַפירט צו ווערן אין א שול־זשורנאַל. אָבער דאָס איז שוין נישט קאַרמאַנס שולד. אַן אַנטאָלאָגיסט דאַרף נישט אויסקלויבן גוטע לידער, אויב זיי זענען נישטאָ, ער דאַרף אויסקלויבן בלויז די בעסטע לידער. און דאָס האָט קאַרמאַן געטון. און ער איז א גרויסער מבין און א גרויסער ליבהאָבער פון לידער. ער לעבט מיט דעם. ער לעזט לידער פּאַוואָליע — ליד ביי ליד — סטראָף ביי סטראָף. ער ווערט נישט מיטגעריסן. ער רעדט נישט אויס קיין בייז אויף שלעכטע דיכטער ער הויבט נישט אין הימל אַריין קיין גוטע. ער האָט נאָר הנאה פון גוטע לידער. און איך וואָלט אפילו געזאָגט, אַז דער עיקר אינטערעסירט אים די פאָרם, ריכטיקער דאָס פאָרמאַלע אין א ליד. אַזוי דאַרף זיין טאַקע דער וועג פון אַנטאָלאָגיסטן. זיי זענען ווי די וויין־פּראָ־בירערס אין א גרויסן וויין־קעלער. ווי וואָלט געוועזן צום טרינק־פּובלי־קום און צום אייגנטימער פון וויין־קעלער ווען זיין וויין־פּאַרזוכער וואָלט געוועזן אַליין א שיכור, אָדער גאָר אַן אַבסטינענט . . .

זאָל איך זאָגן, אַז קאַרמאַן זעט אויס ווי אַן אַנטאָלאָגיסט? איז וויאַזוי זשע דאַרף אַזאַ אויסזען? קאַרמאַן רויכערט זייער אַסך און ער האָט אייביק אויפן פּנים אַזאַ מין גרימאַסע ווי ער וואָלט זיך אויף עפּיס געקרימט. אפשר קומט דאָס פון אַזויפיל לידער־לעזן, וואָס אַסך געפעלן אים נישט. עפּיס אַזאַ מין גרימאַסע האָט ער כסדר אויפן פּנים. עפּיס אַזוי ווי: ע — — עט.

קאַרמאַן איז א גוטער בוכהאַלטער און דאָס איז זיין פאַך צענדלינקער, צענדלינקער יאָרן פון זיין לעבן. און ער איז א מוראַדיקער פּעדאַנט. אָבער ער באַלעסטיקט דערמיט נישט קיין מענטשן. ער איז זייער א שטילער און זייער צוגעלאָזן צו גוטע פריינט. אַז מען קומט צו אים אין שטוב און מען הויבט אָן צו בלעטערן אין די פיל זויבער צוזאַמענגעשטעלטע און גוט סאָר־

טירטע לידערזאַמלונגען פֿון זײַן ביבליאָטעק און מען שטעלט דערנאָך צו־ריק הײַנע צו יעסיענין און געטהע צו שעקספּיר און לײיוויק צו פּושקין ווערט קאַרמאַן זײער שטיל און זײער אומעטיק. מילא זײַן ביבליאָטעק וועט ער שוין צוריקברענגען אין אָרדנונג, אַז די געסט וועלן אַוועק. דאָס איז נישט געפֿערלעך. ער וועט עס נישט טאָן בשעת דער גאַסט איז דאָ. אָבער גלאַט ווי קען דאָס אַ יידישער דיכטער אַזוי צוזאַמענשטעלן? לידער זענען דאָך דער אויסדרוק פֿון אָרדנונג אין דער וועלט פֿון אומאָרדנונג און כאַאָס — איז וויאַזוי־זשע קען מען זיך אַזוי באַגיין מיט לידער?

קאַרמאַן איז געווען דער ערשטער צונױפֿשטעלער פֿון אַן אַנטאָלאָגיע פֿון דער צעשויבערטער, ווילדוועגדיקער יידישער דיכטונג נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. דאָס בוך רופֿט זיך „ברענענ־דיקע בריקן". אַלץ איז דאָרט בריק אין דעם דאָזיקן בוך און יעדע בריק ברענט דאָרט טאַקע. און אַ כאַאָס איז אין יענע לידער — טאַקע ווי אין אַ וועלט פֿון ברענענדיקע בריקן און 1001 וועלטן, וואָס מען לאָזט הינטער זיך אָן אַ גוטען טאָג צו זאָגן . . . און פּרץ מאַרקיש איז אין יענע ברענענדיקע בריקן — וואָס זענען אַרויס אַרום 1920 — געווען דער אונטערצינדער נו־מער אײנס . . . און אײנמאָל האָבן מיר פֿאַרבראַכט בײַ קאַרמאַנען אין שטוב אין וואַרשע. קאַרמאַן איז יעמאָלט געווען דער הויפּטבוכהאַלטער פֿון דער וואַרשעווער קולטור־ליגע. און צוזאַמענשטעלן אַ בילאַנס פֿון דעם דאָזיקן סאָלידן געשעפֿט מיט די פֿאַלנדיקע וואַלוטעס, וואָס זענען טאַקע געפֿאַלן ווי ברענענדיקע בריקן, איז אַלײן און פֿאַר זיך געווען אַ קונצשטיק נאָך גרעסער ווי צוזאַמענצושטעלן דרײַ פֿרויען־אַנטאָלאָגיעס. הקיצור, מיר זענען בײַ קאַרמאַנען אין שטוב. און זײַן פֿרוי אַניע איז נאָך שטילער ווי קאַרמאַן אַלײן. און מאַרקיש רודערט אין שטוב און די געפּלאָכ־טענע אָרימע עטאַזשערקעס מיט ביכער פֿאַלן הינטער אים און קאַרמאַן האַלט אין אײן לאַכן מיט יאַשטשערקעס. עס איז געווען אַן אמתע באַגעגע־ניש פֿון אַ דיכטער מיט זײַן אַנטאָלאָגיסט, דער דיכטערישער טאָגטעגלעכ־קייט מיט דער אײביקייט . . . און די אײביקייט האָט געליטן שטאַרק.

אַז קאַרמאַנס הויפּטווערק איז אַרויס האָב איך וועגן דעם בוך געשריבן אַ באַגײַסטערטע רעצענזיע, אָבער קאַרמאַן איז צוליב עפּיס אַ סיבה ברוגז געוואָרן מיט מיר. און כאָטש מיר האָבן שוין שפּעטער גוטע עטלעכע מאָל פֿאַרבראַכט, און אַפֿילו געווױנט האָב איך בײַ אים אין שטוב אין דעטראָיט אַ פּאָר וואָכן, אין זײַן שטוב, וואָס איז פֿול מיט די געקליבנסטע לידער־ביכער אין עטלעכע שפּראַכן, אַן אַנטאָלאָגיע אין ווענט אַרױצוזאָגן, האָט ער מיר קײנמאָל נישט געקענט אויפֿקלערן די סיבה פֿון זײַן ברוגז פֿאַר מײַן רע־

צענזיע. אמת, אַז איך האָב אין יענער רעצענזיע אַביסל איראָניזירט די דיכטערינס, קען זײַן, אַז ער האָט געהאַט פאַריבל אויף דער נישט דזשענטל־מענישער טאָט מײַנער.

וווּנדערבאַר זענען קאַרמאַנס מאַנוסקריפּטן. זײַנע בריוו זענען געשריבן אויף דער מאַשינקע אַזוי ווי געדרוקט. ער האָט עפּיס אַזאַ סיסטעם צו פאַרענדיקן די שורות אויך בײַם סוף גלײַך, אַזוי ווי אין אַ געדרוקט ביכל. אויך אין דעטראָיט איז ער זיך מפרנס פון בוכהאַלטערײַ. ער אַרבעט אין אַ מושב זקנים. און אַז ער קומט אַהיים פון דער אומגעבונג פון שטאַרבן און פאַרגענגלעכקייט און וועלקן און האָפנונגסלאָזיקייט פאַרטיפט ער זיך באַלד אין דער וועלט פון לעבן און אייביקייט און בליען און אייביקער האַפערדיקייט — אין דער וועלט פון לידער בײַ יידן און ער חלומט פון אַ גרויסער אַנטאָלאָגיע, דער אַנטאָלאָגיע, וואָס זאָל פונקט אַזוי זויבער און פעדאַנטיש און מיט טיפער פאַרשטענדניש פאַרן ליד זײַן אַרויסגעגעבן ווי די אַנטאָלאָגיע פון פרויען־דיכטערינס. פון צײַט צו צײַט שרײַבט ער אויך אייגענע פאָרם־גוטע לידער און לעבט איבער פרעמדע דיכטונגען, איבערזעצנדיק זיי. און הלוואי זאָל אַמאָל פאַרווירקלעכט ווערן זײַן גרויסער חלום פון זײַן גרויסער אַנטאָלאָגיע.

1943

משה קולבאק

1896 אין סמארגאָן, 1920 — בערלין, 1923 ווילנע, 1928 — מינסק. זינט 1938 — אלערליי ווידערשפּרעכנדיקע ידיעות אז ער איז ארעסטירט, גייסטיק קראנק, און אפילו דאָס סאמע טראגישסטע.

דער נאָמען אליין איז שוין אויך א טשודאטשנער — משה קולבאק. סאידן דו ביזט פון סמארגאָן, אזיסט האָסטו קיינמאָל נישט געהערט אזא מאָדנעם נאָמען — קולבאק. און אז דו האָסט איינמאָל דעם נאָמען געהערט וועסטו אים שוין געדענקען דאָס גאנצע לעבן. און אזוי איז דאָס פּנים קול־באקס, דאָס גאנצע אויסזען, די גאנצע דערשיינונג, אפילו די שטימע. א מאָגערער, מיט א גרויסער טשופרינע גלאטע און שווארצע האָר ארויף פאר־קעמט, גרויסע און צעשראָקענע אויגן און עס דאכט זיך דיר, אז זיי שטייען ווייט איינס פון אנדערן, און גרויסע צעפּאלאשעטע אויערן, אוועקשטייענדי־קע — און זיי מאכן דאָך דאָס פּנים נישט אומסימפּאטיש — און אז ער רעדט וויגט ער זיך אביסל און די שטימע וויגט זיך אויך, וויגט זיך אזוי ווי דער קלאנג פון גלאָקן וויגט זיך ארויף און אראָפּ. ער איז נישט טומלדיק. כאָטש ער רעדט גאנץ הויך. און כאָטש ער רעדט גאנץ הויך רעדט ער אביסל סודתדיק אויך אין דער זעלבער צייט. און ער מאכט מיט די הענט ביים רעדן, אָבער נישט אזוי ווי מנחם מענדל, נאָר אזוי ווי אָראטאָרן מאכן מיט די הענט כדי צו אקצענטירן דעם קלאנג פון זייער וואָרט, דעם פּארנעם פון זייער געדאנק.

קולבאק איז א דיכטער און א פּילזייטיקער דיכטער און אין אלע פאר־מען פון זיין דיכטונג זענען אלע דריי הויפּטפאָרמען אויסגעמישט, גוט דורכ־געמישט. ער שרייבט לידער, און ער שרייבט רעאליסטישע פּראָזע און ער שרייבט דראמעס. און אין יעדן ליד זיינעם איז דאָ דערציילונג און רעפליקן, דיאלאָגן, דראמע, קאָנפליקט, קלימאקס און אזוי זענען שוין אלע איבע־ריקע פאָרמען פון זיין שרייבן אויסגעמישט. און עס מישט זיך אין זיינע שאפונגען זייער נאטירלעך טיפסטע מיסטיק און הארבסטע ווירקלעכקייט, סענטימענט און ברוטאליטעט, געדאנק און הפקרות, לאָגיק און אומזין, און אזוי מישט זיך עס אויך אין זיין אויסערלעכער דערשיינונג — אָט קוקסטו אויף אים און זעסט א סענטימענטאלן יונגען מאן און אָט איז ער ברוטאל און ערדיש און האָט ליב א טרונק און א שווער וואָרט און א שפּיי און קען אויפהויבן א פויסט אויך.

א דיכטער דורך און דורך און אַן ארטיסט דורך און דורך — געמאָסטן־געוויגענע פאָזע מיט אבסאָלוטער נאטירלעכקייט אויסגעמישט.

און דער עיקר אין אלץ און אין אלעמען, אין ליד, דערציילונג, דראמע, אין דער רעדע און אין דער טעאטראלישער רעזשי (קולבאק האָט רעזשי־סירט גרויסע שילער־אויפפירונגען) אלס לערער (ער איז פינף יאָר לאנג געוועזן דער דערפאָלגרייכסטער לערער אין דער ווילנער רעאַל־גימנאזיע און אז ער איז אוועק האָט אים די שטאָט באגלייט מיט א פּראָצעסיע, ווי אַ רבין) — אין אלץ און אין אלעמען צימצום. אָט דער צימצום, וואָס פאר־וואנדלט אלץ אין קונסט.

כאָטש זײַנע לידער האָט מען נישט אלעמאָל געקענט לייכט פארשטיין, און נישט פארשטענדלעכע לידער האָבן א טבע צו ווערן נאָך ווייניקער פאר־שטענדלעך, אז מען דעקלאמירט זיי פון אן עסטראדע — אז קולבאק אליין פלעגט פאָרלעזן זײַנע לידער, אפילו די אומפארשטענדלעכסטע, זענען זיי געוואָרן אלע אזוי קלאָר ווי אויף דער האנט; ער האָט מיט זײַן לעזן אזויווי ארויסגערעטושירט די אומקלאָרקייטן. און געלעזן האָט ער מיטן גאנצן הארץ, מיט עפּיס אזא אָפנקייט און דאָס ברייטע מויל ברייט געעפנט און די טיפע, זייער סימפּאטישע שטימע רעדט צו יעדן צוהערער באזונדער. און כאָטש ער לעזט אביסל איינטאָניק, מיט א זינג־זאָנג, ווירקט אָבער יעדעס ליד באזונדער ווי א „שלאָגער" און ברענגט די זעלבע פולע אפלאָדיסמענטן. אין דער צייט פון דער „כאליאסטרע", מיט וועלכער קולבאק האָט זיך נישט אָנגעקערט (גע־וועזן אנטאגאָניסטיש צו מארקישן צוליב זײַן אנטאגאָניזם צו נאָמבערגן, ווע־מעס ליבלינג קולבאק איז געוועזן) האָט ער געוואוינט אין בערלין און אין ווילנע. פון צייט צו צייט פלעגט ער קומען קיין ווארשע און אלעמאָל געגומען דאָס פּובליקום מיט שטורעם. כאָטש געשטורעמט האָבן מיר, די „כאליאסטרע־ניקעס" — האָט אָבער ביים פּובליקום אונזער ליד גופא ווייניק דערפאָלג געהאַט, צו קאָמפּליצירט געוועזן, צו ווייניק צימצום. און אזוי גיך קולבאק איז נאָר געשטאנען אויף דער עסטראדע און אזוי גיך ער האָט נאָר א זאָג געטון:

> העי אָנטאָשא טו אָ קלונג, טו א זונג,
> טו א קלונג אויף דער באנדורע — העי, העי.

איז שוין דער עולם אינגאנצן זײַנער געוועזן. זײַנע לידער — אויף וויפיל מען האָט נאָר צוגעפּאסט מעלאָדיעס צו זיי — זענען זיך אזוי נאָ־טירלעך מיט דער צייט געוואָרן פאָלקסלידער, און גלייכצייטיק האָבן די זעלבע לידער דרייסט געקענט ארײַננעמען אין אנטאָלאָגיעס פון די סאַמע

ראַפינירטסטע שאַפונגען. און זיין שאַפונג אַלעמאָל זייער פֿאָלקסטימלעך, און זייער יידיש, און עס איז קלאָר, אַז הינטער די ווערטער שטייט אַ מענש מיט אַ גרויסן יידישן און אַלגעמיינעם וויסן. און ער איז אַלעמאָל זייער פֿאָלקסטימלעך־ראַדיקאַל — וואָלט איך געזאָגט. נישט פּראָלעטאַריער זענען זיינע העלדן, נאָר פּועלים, בעל מלאכות, אָרימעלייט, נישט בורזשויען, נאָר גבירים, קולאַקעס, באַלטאַקסעס. און זיין סאָציאַליזם איז גערעכטיקייטס־זין, פּאַטריאַרכאַליש אַביסל, פֿאָלקסטימלעך, פּראָסט און דירעקט.

דאָס איז געווען אין אַ זומער־אָרט ביי וואַרשע, אין אַ ווילע ערגעץ טיף אין אַ וואַלד, מען זינגט, טאַנצט, שרייט און טרינקט און קולבאַק איז דאָ און מאַרקיש אויך אוןביידע טרינקען זיי מער ווי מען דאַרף און עפּיס גרייט זיך — פּילט מען. פּלוצלונג צעווערטלען זיי זיך, און עס גייט גאָר הויך, אַזאַ מאָמענט ווען שיכורע ווערן פּלוצלונג ניכטער און פּאַרקערט און מען רעדט מיט אָפענע קאָרטן, וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג — — און קולבאַק כאַפּט זיך אַרויס: ביזט ביי אויף מיר, וואָס איך האָב דיר מיט איין דעקלאַמאַציע אַלע דיינע מיידלעך פֿון אונטער דער נאָז צוגענומען — — מאַרקיש ווערט בלאַס ווי די לבנה. דאָס וואָרט האָט אים טיף געטראָפֿן. עס איז געווען אמת. קולבאַק און ער האָבן ביידע רעציטירט יענעם אוונט און קולבאַק האָט אַלע אַפּלאָדיסמענטן באַקומען. מיר, די אַרומשטייענדיקע זענען שוין גרייט זיך אַ וואָרף צו טון און צעררייסן די צוויי אויפֿגעברויזטע דיכטער־צדדים און אָט פּאַלט טאַקע מאַרקיש איבער קולבאַקן און . . . נעמט אים אַרום און קושט זיך מיט אים און צעוויינט זיך פֿון גאַנצן האַרץ . . . און שעמט זיך שטאַרק און שפּילט נאָך צענמאָל מער אַ שיכורן ווי ער איז געווען.

1942

מנחם קיפּניס

1878 אין א װאָלינער שטעטל. צו 24 יאָר געקומען און פאַרבליבן אין װאַרשע — פאַרבליבן אויך אין װאַרשעװער געטאָ.

נישט קײן הויכער איז ער — מנחם קיפּניס — האָט זײער אַן אויסדרוקספול פּנים, אַלעמאָל פול מיט לעבן און באַװעגונג. סימנים פון פּאָקן אויפן פּנים — סימנים פון א שװערער קינדהײט און יוגנט. א מענש, װאָס האָט זיך שװער געדאַרפט דורכשלאָגן צו דעם, װאָס ער האָט דערגרײכט — און דערגרײכט האָט קיפּניס אַסך פּאָפּולאַריטעט אויף אַסך געביטן. ער איז געװעזן א זינגער בײ חזנים, א זינגער אין כאָר פון דער װאַרשעװער מלוכה־אָפּערע, א פאָלקס־לידער זינגער, אַ זאַמלער פון פאָלקס־ניגונים און לידער און אַן אַרויסגעבער פון זײנע אײגענע זאַמלונגען, א פעלעטאָניסט אין ייִדישע צײטונגען און א מחבר פון אַנעקדאָטן און הומאָרעסקען־ביכער, אַן אַמאַטאָר־פאָטאָגראַף, װאָס האָט גאָר גוטע רעזולטאַטן דערגרײכט אויף דעם געביט און חוץ דעם פלעגט ער אויך אויפנעמען געזאַנג־און שטימע־פּליטן פאַר פּאַנאָגראַפן. ער האָט אַמאָל אויך אויפגענומען פּרץ׳ס שטימע, איז אים אָבער די פּליטע צעבראָכן געװאָרן און מיט איר די אײנציקע מעגלעכקײט צו דערהאַלטן דעם קלאַנג פון פּרץ׳ס קנאַל־דונערדיקער שטימע לדורות.

קיפּניס איז געװעזן די סאַמאָראָדנע פאַרקערפּערונג פון װאַרשעװערישקײט, פון געמיטלעכער, װאַרשעװער „פּראָשען־פּאַנאַ״־בירגערלעכקײט. ער האָט זיך שטאַרק אַסימילירט מיט װאַרשע, מיטן פּױלישן ייִדישקײט, כאָטש זײן קינדהײט און יוגנט איז געװעזן האַרב און רוסיש־ייִדיש. קיפּניס איז געװעזן מאַטעריעל זײער גוט סיטואירט, ער האָט אַפילו געהאַט א שם פון א גביר, און יעדער גביר — און דער עיקר א גביר, װאָס דרײט זיך אַרום צװישן קבצנים — האָט דאָך א שם פאַר א קאַרגן. געװוינט האָט ער אויף א גביריש־בחורישן שטײגער אין אײן שײנער שטוב בײ יענעם אויך נאָך זײן פאַרבינדן זיך מיט זײן שילערין, דער זינגערין זמרה זעליגפעלד. זײן שטוב איז געװעזן פול מיט אַלערלײ קוריאָזן און זאַכעלעך און אַלט מעבל און זײן אײגענער שרײב־טיש איז געװעזן אַן אַלט שטיק פון אַן אַמאָליקן פּױלישן שליאַכציץ מיט אַלערלײ געהײמע און אָפענע שופלעדלעך און טריק־באַהעלטערס פאַר געהײמע דאָקומענטן און ליבעס־בריװ, װאָס מען דאַרף באַהאַלטן פאַר דער גראַפינע, אָדער באַראָנין. לאַנגװײליק איז שוין נישט געװעזן בײ קיפּניסן, אָט װײזט ער דיר טשיקאַװע פאָטאָגראַפיעס אין אַלערלײ טשודאַטשנע, צופעליק אויפגעכאַפּטע פּאָזעס פון באַרימטע ייִדישע שרײַ־

בער, אַט װײַזט ער דיר בריװ פֿון זײ און אַט מאַנוסקריפּטן זײערע, און אַלץ איז מאָדנע און אױסערגעװײנטלעך און קוריאָז, װײַל קיפּניס האָט ליב גע־האַט אַלערלײ קוריאָזן.

די װיטאַליטעט פֿון דעם ייִד האָט גאָר קײן גרעניצן נישט געהאַט. און אַלעמאָל האָט ער געהאַט צײַט אױך. קײנמאָל זיך נישט געיאָגט. אַט גײט ער זיך פֿאַמעלעך פֿון רעדאַקציע, װוּ ער האָט איבערגעלאָזן זײַן העכסט־אַקטועלן פֿעלעטאָן — אַ שמועס מיט אַ װאַרשעװער פֿאַן־מעצענאַס — און ער גײט אין ליטעראַטען־פֿאַרײן אױף אַ זיצונג, װײַל ער האָט אײביק באַ־לאַנגט צו דער פֿאַרװאַלטונג. און נאָך דער זיצונג װעט ער נאָך זיצן און בטלענען מיט חברים און אין אָװנט פֿאָרט ער אַװעק אױף אַ קאָנצערט אױף יענעם עק פּױלן ערגעץ און אױף צו מאָרגנס דאַרף ער װידער זײַן אױף אַ קאָנצערט אױף דעם עק פּױלן ערגעץ. און אױף צו איבערמאָרגנס האָט ער זיך גאָר זײַן יערלעכן קאָנצערט אין װאַרשע פֿאַר אַ פּאָר טױזנט מענטשן און חוץ די קאָנצערטן, װאָס ער אָרגאַניזירט זיך אַלײן איז ער נאָך פֿאַר־בונדן מיט דעם הײמישן אימפּרעסאַריאַ יאַנקעלע דאַנציקער — און װער קען נישט יאַנקעלע דאַנציקער אין גאַנץ פּױלן. און אַט ברענגט מען אַרײַן אַ פּריש פּעקל „פּאָרװערטסן” — איז דאָרט גאָר דאָ אַ גאַנצע זײַט מיט קיפּ־ניסעס בילדער און גאָר גוטע בילדער, אַן אמתע זײַט מיט פֿאַראײביקונג פֿון פֿאַרשװינדנדיקע ייִדישע טיפּן פֿון װאַרשעװער קראַשינסקיס גאָרטן און די נאַלעװקעס.

שױן נאָענט אַ זעכציקער, קײן סך שטימע איז שױן נישט געװען און אַלעמאָל אָפּטער פֿלעגט שױן זײַן פּאַרטנערין אױפֿטרעטן אַלײן, אָבער קיפּ־ניס האָט נאָך נישט נאָכגעגעבן און בײַ אַ פּאַסיקער געלעגנהײט פֿלעגט ער זינגען און ענטוזיאַזמירן דעם עולם, זײַן עולם פֿון צענדליקער יאָרן. — די פֿאַרדינסטן קיפּניסעס בײַם פּאָפּולאַריזירן דאָס ייִדישע פֿאָלקס־ליד זענען גרעסער װי מען שטעלט זיך דאָס געװײנטלעך פֿאָר. זיכער איז ער דער גרעסטער אױף דעם געביט. און כאָטש ער האָט ליב געהאַט דערפֿאַלג, פֿלעגט ער אים אָבער קײנמאָל נישט דערגרײכן מיט ביליקײט. — װוּ נאָר עס האָט זיך ערגעץ פֿאַיאַװעט אַ נײַער ייִדישער פֿאָלקס־ניגון האָט אים שױן קיפּניס אױפֿגעכאַפּט און פֿאַרשריבן און אַלעמאָל שפּעטער מיטגעטײלט פֿון װעמען ער האָט די נײַע פֿאָלקס־װערטער ,אָדער פֿאָלקס־ניגון באַקומען. מאַכט זיך אַמאָל, אַז מאַנגער קומט פֿריש צו פֿאָרן פֿון רומעניע מיט אַ שפּאָגל־נײַעם פֿאָלקס־ניגון און קיפּניס האָט געװוּסט, אַז מאַנגער איז אַ מנגן. װײַל ער בײַ אים קריפּן דעם ניגון. װערן זײ מושװה אױף כּמה וכּמה גלעזלעך פֿון פֿײַנסטן ליקער, שטײען זײ שױן בײַם בופֿעט און קיפּניס זאָגט: גיב אהער

דעם ניגון — זאָגט אָבער מאנגער: וויאזוי קען איך דיר געבן דעם ניגון פריער, טאָמער וועסטו שפּעטער נישט שטעלן די גלעזעלעך? — זאָגט אָבער דערויף קיפּניס — און מיט רעכט: וויאזוי קען איך דיר געבן די גלעזעלעך פריער, טאָמער וועסטו שפּעטער נישט געבן דעם ניגון? — איז דאָס טאַקע א כעלעמער פּראָבלעם . . . און אויף כעלעמער פּראָבלעמען איז קיפּניס געװעזן א ספּעציאַליסט. האָבן זיי ביידע פאַרשטאַנען די פײַנע קאָמישע סי־טואַציע און האָבן זי אויסגעצויגן וואָס לענגער. אַן עולם חברים פון שרײַ־בער־קלוב האָט זיך ארומגעשטעלט און שעהן־לאַנג האָט מען אוועקגעלאַכט ביי אָט דער סצענע אין אונזער טײַערן, גוטן כעלעם צווישן אונזערע צוויי חכמים איציק מאַנגער און מנחם קיפּניס. וויאזוי די מעשה האָט זיך געענ־דיקט געדענק איך שוין נישט — מעגלעך, אז זיי שטייען נאָך און דינגען זיך נאָך און דער ניגון איז נאָך אלץ נישט פאַרשריבן . . .

וואָס ער טוט דאָרט אין וואַרשעווער געטאָ — קיפּניס — ווער ווייסט. זײַנע פאָלקס־לידערזאַמלונגען וואַנדערן איבער דער וועלט, ליגן אויף יעדן יידישן זינגערס נאָטן־טיש, און ווו נאָר א קאָנצערט פון יידישע פאָלקס־לי־דער — איז שוין זיכער א האַלבער פּראָגראַם גענומען פון קיפּניסעס זאַמ־לונגען. — — אָט זע איך אים שטיין פאַר מײַנע אויגן מיטן פײַנעם פּעלצל, אויסגלעטנדיק דאָס טײַערע קעלנערל און ער שמייכלט צופרידן, זײַן לעבן איז אויסגעפּילט. זײַן צוקונפט איז זיכער, און קיינעם קיין שלעכטס האָט ער נישט געטון, אדרבא ואדרבא . . .

1941

יוסף קירמאַן

1896 אין וואַרשע, סאָלדאַט אין דער פּויליש־רוסישער מלחמה 1919, כל ימיו אין וואַרשע, געבליבן אין געטאָ. 1943 טראַגישע ידיעות וועגן אים.

אַז איר לעזט יוסף קירמאַנס אַכצן לידער, אונטערן נאָמען „הונגער״, וואָס זענען דערשינען אין יאָר 1926 אין דעם זאַמלבוך „וואַרשעווער שריפטן״ איז פּונקט ווי איר וואָלט געלעזן אַ באַשרייבונג פון וואַרשעווער געטאָ אין יאָר 1942. דער חילוק איז נאָר, וואָס דעמאָלט איז עס נאָר געווען די באַשרייבונג פון אַ פראַגמענט פון יידישן וואַרשע, דעם אָרימסטן טייל אַרום דעם פּוריסאָווער פּלאַץ, ווו קירמאַן איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן און היינט זעט גאַנץ יידיש וואַרשע אַזוי אויס.

יוסף קירמאַן איז געווען דער זינגער פון וואַרשעווער געטאָ אַנדערט־האַלבן צענדלינק יאָרן פאַר דעם געטאָ. אַ מאָדנע זאַך, אַליין אַ יונג, אַ ריז, אַ שמשון הגיבור אין אונזער שרייבערישער חברותא, כאָטש קיין צו הויכער איז ער נישט; הייסט דאָס, אַז די נויט פון וועלכער ער איז אַרויס האָט קיין פיזישע שפּורן אין אים נישט געלאָזן — נאָר די גייסטיקע שפּורן זענען געווען אַזעלכע, אַז ער האָט וועגן קיין זאַך נישט געשריבן און נישט גערעדט ווי נאָר וועגן דער נויט פון די אָרימע יידישע געסלעך אין וואַרשע. דווקא דער גוף איז געבליבן נישט אָנגערירט ממש און דווקא די נשמה פאַרוווּנדעט טיף און אויף אייביק.

אויף וויפיל מיר איז באַוווּסט האָט קירמאַן נאָר איין ביכל לידער אַרויסגעגעבן, עס איז געווען אין יאָר 1930, דאָס ביכל רופט זיך מיט אַ מאָדנעם נאָמען „איבער שטאָק און שטיין״, וואָס דאָס הייסט ווייס איך אַליין נישט. קירמאַן האָט עס מיר קיינמאָל נישט געקענט אויפקלערן, ער האָט אַליין אויך נישט געוווּסט, ער האָט בכלל נישט אַלעמאָל זיין אייגענע פּאָעזיע פאַרשטאַנען. דאָס קלינגט ווי אַ פּאַראַדאָקס, דאָס איז אָבער אַן אמת. „איבער שטאָק און שטיין״ — פלעגט קירמאַן וועלן געבן צו פאַרשטייך, קומט דערפון, וואָס מיין מאַמע, אַז איך פלעג מיך אַרומיאָגן אין גאַס און קומען אַ צעיאָכמערטער אהיים, האָט גענומען אויף מיר שרייען: האָסט דיך שוין ווידער אַרומגעיאָגט „איבער שטאָק און שטיין״, דו לאַבוז איינער, דו ! — מיין איך, אַז אַ דיכטער, וואָס באַזינגט אָט דעם „שטאָק און שטיין״ דאַרף אַזוי אָנרופן זיין ביכל.

אַ פּשוט פּנים; מיט זייער געדיכטע, שוואַרצע האָר אַרויף פּאַרקעמט איז פול דער קאָפּ איבערן נידעריקן שטערן, אַ פעסט פּנים, נישט שיין און

נישט מיאוס, נאָר א פּראָסט מיידל געפּעלט דאָס שטאַרק און א ראַפינירט מיידל, וואָס בענקט נאָך פּראָסטקייט געפעלט עס אויך זייער שטאַרק, גרוי־סע, ברוינע, ווייניק אויסדרוקספולע אויגן, זייער ברייטע און פולע ליפּן און אז ער רעדט בייגן זיך די ליפּן אביסל אָן א זייט. און הענט האָט ער, ריזיקע הענט, הענט פון א מויערער, פון א שטיינהאַקער, פון א קוילן־שאַרער, אָבער זיין פּראָפעסיע איז נישט אזא שווערע דווקא. ער איז א שטעקן־מאַכער. וואַרשעווער יידן האָבן אסך געדרייט מיטן שטעקעלע אין גאַס, איז דאָס געווען נישט קיין שלעכטע פּראָפעסיע. קירמאַן פלעגט רעדן מיט א טיפער ברוסט־שטימע, קיינמאָל קיין וויץ נישט געמאַכט, קיינמאָל פון קיין וויץ נישט געלאַכט אויפן אָרט. זיין מוח האָט געאַרבעט לאַנגזאַם. אמאָל האָט ער זיך פלוצלונג צעלאַכט — דאָס האָט געקענט זיין פון א וויץ, וואָס ער האָט נעכטן אָדער פאַראַכטאָגן געהערט און דער וויץ איז אים פלוצלונג געקומען אויפן זין און האָט אים א קיצל געטון . . .

אמאָל, דאָס איז געווען אויף א „ליאַמע" אין קאַציזנעס ווילע אין שווידער, ביי וואַרשע, האָט מאַרקיש א קאָמאַנדעווע געטון, אז מען דאַרף צעשטערן די וועלט און אָנהויבן פון קאַציזנעס ווילע, וואָס מען האָט זי שוין אונטער דער האַנט. שיכור זענען אַלע געווען און געלאַכט פון דעם נישט שלעכטן וויץ. און ווייטער זיך געוויצלט. אָבער אין א האַלבער שעה אַרום האָט מען געהערט דומפּיקע קלעפּ פון ערגעץ פון דער וועראַנדע. לויפט מען אַרויס און דאָ שטייט קירמאַן מיט זיינע ריזיקע פויסטן און קלאַפּט אַרויס איינס ביי איינס און זייער סיסטעמאַטיש בעלקעס פון קאַציזנעס ווי־לע. מען האָט אים קוים איינגעהאַלטן. ער האָט די זאַך גענומען זייער ערנסט. אז מאַרקיש, וועמען ער האָט געקוקט אין מויל אַריין ווי א סאָלדאַט דעם קאָמאַנדיר, האָט געהייסן איז נישט שייך זיך אָפּצוזאָגן און כוח איז גראָד דאָ אין די הענט . . .

דומפּיק ווי יענע קלעפּ פון פויסטן אויף האָלץ זענען די לידער פון קירמאַן. נישט אַלעמאָל קלאָר. אָבער דאָס אַלגעמיינע בילד זייער קלאָר, דאָס בילד פון דער נויט. אין איינעם פון זיינע לידער באַשרייבט ער דעם טויט פון זיין שוועסטער. זי ליגט א גאַנצע נאַכט אויף דער ערד אין דער אָרימער שטוב און דער טאַטע גייט אַרום א גאַנצע נאַכט אַרום איר און קלאַפּט מיט א שטעקן אין דער פּאָדלאָגע, אז די שטשורעס זאָלן נישט באַ־פאַלן און נישט אָנבייסן די טויטע שוועסטער זיינע. ווי אָפט איך דערמאָן מיך דאָס בילד רינט עס ווי זאַמד דורך מיין חוט השדרה אַדורך.

וויפיל מיר האָבן זיך געמיט צו פאַרפיינערן קירמאַנס סטיל, אַרויסצו־נעמען די אומקלאָרקייטן פון זיין פּאָעזיע, ער איז געווען אין זיך פאַר־

גלויבט ווי מאהאָמעד אין זיינע „סוראס“. יעדעס וואָרט איז הייליק. האָט מען געוואָלט א וואָרט ביי קירמאנען פאריכטן, האָט ער פון אויפרעגונג אָנגעהויבן אזש צו שוויצן און זיך צו ווישן דעם שטערן. אמאָל האָב איך אויסגעפועלט ביי אים, אז איך זאָל קירצן א צוויי שורות אין זיינס א ליד, וואָס איך האָב געדארפט דרוקן אין א צייטשריפט. איך האָב מיך שוין גערימט פאר די חברים מיט מיין זיג. אָבער אויף צו מאָרגנס, זייגער זעקס אין דער פרי קלאַפט מען צו מיר אין טיר. דאָס האָט קירמאן נאָך א שלאָפלאָזער נאכט און איידער ער גייט אוועק צו זיינע שטעקענעס, באשלאָסן מיר צו זאָגן, אז אויב איך באשטיי דווקא אויף דער קירצונג זאָל איך אים שוין בעסער צוריקגעבן די לידער אינגאנצן . . . איך האָב די שורות צוריק צוגעשריבן, אָבער נאָכן אָפדרוקן האָב איך מיך אָנגעזעצט בייזווייליק אויף קירמאָנען ,אז ער זאָל מיר די שורות אומבאדינגט לאָגיש אויפקלערן. קירמאַן איז אָבער געווען לויטער אינטואיציע און אינסטינקט און זיין איינציקע לאָגיק איז געווען, אז אַזוי האָט ער עס געמוזט אויפשרייבן ווייל אזוי איז עס געקומען פון זיין פעסטן, נידעריקן שטערן אונטער דער מעכטיקער טשופרינע אין זיינע פעסטע הענט אריין. קירמאן האָט מיט זיך קיין וויכוחים נישט געפירט און קיינמאָל אויך נישט קיין וויכוחים מיט אנדערע. — פארוואָס דער פיזישער ריז און גוטער פארדינער האָט ניט חתונה געהאט, ווייס איך נישט. ער האָט געהאט גרויסע פליכטן צו זיין משפחה און האָט געבראכט גרויסע קרבנות דערפאר. אפשר איז דאָס די סיבה געווען.

1942

דוד קעניגסבערג

1892 אין א שטעטל ביי לעמבערג, פינף יאָר א סאָלדאט, שפּעטער אונטער־אָפיציר אין און פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה, קיינע אויסלאַנד־רייזעס, געוווינט אין א דאָרף נעבן לעמבערג און יאָרן־לאַנג אין לעמבערג. ערגעץ דאָרט געבליבן נאָך 22טן יוני 1941.

מען זאָגט, אז די וועלט וואָלט באשטאנען פון לויטער גאונים און גרויסע אויפטוער — נאָר זי וואָלט אפשר לאנג שוין געווען א קעגנזייטיק אויסגעשאָכטענע — ווען אין דער וועלט וואָלט געווען מער אמביציע. ווי פּאראדאָקסאל דאָס קלינגט — זאָגט מען — האָבן די מענשן א מינימום פון דעם שטארקן, וועלטן־בויענדיקן שטאָף, וואָס רופט זיך אמביציע. אזוי זאָגט מען.

און דוד קעניגסבערג וואָלט אפשר געווען דאָס סאמע אויבערשטע פון שטייסל אין דער יידישער פּאָעזיע און בכלל אין דער יידישער ליטעראטור און אפשר נאָך מער, אויב ער וואָלט געהאט א קליין ביסל מער אמביציע, אָדער אויב די אמביציע זיינע וואָלט געווען א קליין ביסל מער רעאַל. אין אים זענען אלע סימנים פון געניאַליטעט. ער איז א אונטערמיטלהויכער, האָט א לאנג פּנים, קליינע ווילדע אויגן, א לאנגע נאָז, א קליינעם שטערן, א נישט סימעטריש מויל, קליינע, קרומלעכע אויערן, שיטערע, שווארצע, גלאטע, גלאנציקע האָר, ער איז נישט קיין שיינער, נאָטירלעך, אָבער אָט דאָס פּנים זיינס קען ווערן זייער איינגעבאקן אין הארצן, עס איז פול מיט לעבן, עס איז פול מיט לעבן ווי א טאָטער אויף א סטעפּ מיט זיין פלינקן, קליינעם פערד. דוד קעניגסבערג מיינט עס אין פולן ערנסט, אז ער שטאמט טאַקע פון די טאָטערס, וואָס האָבן אמאָל פארפלייצט די געגנט נעבן לעמ־בערג, וווּ זיין פאמיליע וווינט אין די דערפער שוין פון הונדערטער יאָרן אָן. אָט אזוי, אז מען זעט אים, קעניגסבערגן, און דערצו אין זיין אייביק אָרימען הולך, און דערצו איז ער א בלאסער, וואָלטסטו געמיינט, אז ער קען קיין צווייט נישט ציילן און דערצו איז ער א קוק מיך אָן און ריר מיך נישט אָן. אָבער אָט צורעדסטו דיך מיט אים און זעסט, אז ער איז א היפּשער בקי אין אלע דיסציפּלינען און אָנגעשטאָפּט מיט קלאַסישן וויסן און א קענער פון אסך שפּראכן; און אזוי אויך פיזיש. אָט ווי נישט אָנזעעוודיק ער איז, איז ער מוסקוליעז ווי א גריכישע סטאטוע פון אן אטלעט און פלינק ווי א וועווערקע. אויפהויבן א ריזיקע משא איז ביי אים ווי א פעדערל אוועקצו־בלאָזן, און א טענצער איז ער דער בעסטער אין דער יוגנט געווען, האָט

אַלע שקצים אין זײַן דאָרף איבערגעטאַנצט, און פּריסיודעס האָט ער אויך געקענט, כאָטש אין גאַליציע איז דאָס נישט אין דער מאָדע, און אַז עס איז גאָר פריילעך געוואָרן אויפן געמיט האָט ער זיך גאָר אוועקגעשטעלט גײן אויף די הענט, איבער די שטולן, איבער טישן, איבער בענק. — יאָ, ווי פּאַ־ראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, און עס קלינגט אפשר גאַרנישט אַזוי, זינט איך קען קעניגסבערגן, זינט דעם יאָר 1910, זענען דאָס אין מײַנע אויגן סימנים פון געניאַליטעט. — און באַלד די ערשטע פּאָר לידער זײַנע, וואָס ער האָט געדרוקט צו זײַנע זיבעצן יאָר און געשריבן צו זײַנע פופצן יאָר זענען געווען פּערפעקט. עס גלויבט זיך נישט, אָבער דאָס איז אַזוי, דאָס זענען געווען די ערשטע קלאַסישע סאָנעטן אין יידיש. — און עפּיס איז באַלד נאָך זײַן ערשטן דערפאַלג אין אים פאַרגעקומען, וואָס האָט אים — קעניגסבערגן — אַזוי ווי אָרומגעשלייפט די פּיס, ער זאָל זיך אייביק מוזן פּלאָנטערן אין עפּיס און נישט קענען גײן פאָרויס. אַלע גיבן אַרויס ביכלעך, ער וויל נישט. — פאַרוואָס, קעניגסבערג? — גלאַט אַזוי. — דרײַ־מאָל האָב איך צונויפגעשטעלט און געזאָרגט פאַר קלײנע אויסגאַבעס פון זײַנע לידער. דאָס לעצטע מאָל שוין אין יאָר 1921. אַלײן האָט קעניגסבערג פאַר אַן אויסגאַבע נישט געזאָרגט, איז טאַקע נישט דערשינען. — און אָט פאַרבינדט ער זיך — מאַן און ווײַב — מיט זײַן מאַמעס יינגסטער שוועס־טער. לויטן געזעץ איז די חתונה גילטיק, אָבער לויטן יידישן דין נישט. און די יישובניקעס אין דאָרף פײַניקן אים דערפאַר. עס שטאַרבט דאָס ערשטע קינד . . . גאָטס פינגער ? עס ווערן אַנדערע קינדער געבוירן, בלײַבן לעבן. — קעניגסבערגן ציט עס צום דאָרף און עס וואַרפט אים פון דאָרט אַרויס, וואָס וועט ער דאָרט אויסזיצן? ער קומט קײן וואַרשע מיט זײַן משפחה צו ווערן אַ לערער, אָבער אינמיטן דערינען איז ער אויס די צײַט, אַנטלויפט ממש בײַ דער לבנה. — מען לאַדט אים אײַן צו שרײַבן אַרטיקלען, וועט ער דווקא שרײַבן אויף אַזעלכע טעמעס און אַזוי אויפגעפּאַסט, אַז קײן צײַטונג וועט עס נישט קענען דרוקן. — ער רעדט זיך אײַן, אַז זײַן יידיש איז דער בעסטער און ריינסטער און גיט ניט נאָך קײן שריט, אָבער זײַן יידיש ווערט מיט דער צײַט פאַרעלטערט, דײַטשמעריש, די יידישע ליטעראַטור איז גע־גאַנגען מיט זיבן־מײַלן־שטיוול פאָרויס, קעניגסבערג וויל דווקא בלײַבן אין זײַנע שטיוול — ער טראָגט טאַקע צום ליבסטן פּשוט שטיוול. ער איבער־זעצט האָמער, ער איבערזעצט מיצקיעוויטש, גרויסע מײַסטערווערק, אָבער ער ברענגט עס נישט צו דער עפנטלעכקייט. — כמעט אַלע גאַליציש־יידי־שע שרײַבער זענען זיך שוין פון לאַנד צעלאָפן, קעניגסבערג בלײַבט דאָרט, אײַנגעשפּאַרט און צוגעבונדן צו זײַן גורל ווי אַ פּויער טאַקע — וואָס ער איז עס אסך, אסך יאָרן געווען. איך האָב אים אַמאָל באַזוכט אין זײַן דאָר־

פישער כאַלופּע אין זיין דערפל האַנאַטשאָוו. ער האָט מיך דאָרט איינגעלאַדן אין אַ קרעטשמע צו איינעם פון זיינע אומצאָליקע פעטערס און האָט זיך פאַר מיר באַרימט מיט זיינע שיינע שוועסטערקינדער, האָט זיי געקניפּן אין די באַקן און יענע זענען זיך פאַרויטלטע און מיט קוויטשערייען צעלאָפן.

ווי איבעראַשט זענען מיר אַלע געווען, ווען נאָך דעם אַריינמאַרש פון דער סאָוויעטישער מאַכט אין לעמבערג, אין יאָר 1939, ווערט דוד קעניגסבערג דער פאָרזיצער פון דאָרטיקן יידישן שרייבער־פאַריין. פאַר דער ברייטער יידישער וועלט איז דאָס געווען אַ — נאָך אַזויפיל יאָרן פון כמעט שווייגן — שיר נישט אינגאַנצן אומבאַקאַנטער נאָמען. אָבער פאַר די געציילטע קעניגסבערג־ענטוזיאַסטן און גלויבער אין זיין געניוס (נישט געקוקט אויף אַלע אַנטוישונגען) איז דאָס געווען ממש אַן אַנטפּלעקונג און אַ בליק פון דער האָפענונג, אַז אפשר איז שוין געשען דאָס נס און אפשר איז ער שוין ווידער־געבוירן געוואָרן. און — אויב ער וועט נאָר איבערלעבן — וועט ער ווידערגעבוירן ווערן. פאַר אַזעלכע נאַטורן איז קיינמאָל נישט צו שפּעט.

ער האָט ליב געהאַט שטוקעס, קעניגסבערג, פּלוצלונג אויסצוּוואַקסן הינטער דיינע פּלייצעס און זיך ווילד צעלאַכן, אַזש אַ בת־קול זאָל צוריקלאַכן — און אַזוי וואַרט איך נאָך אַלץ, אַז ער וועט זיך פּלוצלונג צעלאַכן און באַווייזן הינטער די פּלייצעס פון דער יידישער ליטעראַטור מיט געניאַלע דיכטערישע ווערק, אַזוי וווּנדערבאַר און פּערפעקט ווי זיין אַנהויב.

1942

רחל ה. קאָרן

געבוירן אין פּידליסיק, אַ דאָרף נעבן פּשעמישל, 1915־1918 ווין. זינט 1939 אין ראַטן־פאַרבאַנד.

דאָס איז געווען אין יאָר 1919 אין ווין, אַ יאָר פון די שענסטע האָפע־נונגען. מיר האָבן דעמאָלט געהאַט אַ פאַרלאַג „דער קוואַל" און אַרויסגע־געבן אַ צייטשריפט „קריטיק". אונזער ערשטער אַבאָנענט איז געווען פון פּשעמישל, אַ מיידל מיטן נאָמען רחל הערינג. זי האָט געשיקט געלט און האָט אונז אָפּט געשריבן קאַרטלעך מיט בלויעם בלײשטיפט און אַסך גרייזן אין אומבאַהאָלפענעם ייִדיש. אין יאָר 1922 האָב איך שוין געווינט אין וואַרשע, געקומען אַמאָל צו מײַנע טאַטע־מאַמע קיין רעדים, אַ שטעטל נישט ווייט פון פּשעמישל. דער טאַטע איז גראָד געפאָרן געשעפטליך אַהין, געבעטן מיך מיטפאָרן. שוין אין פּשעמישל האָט ער מיר געזאָגט, אַז צו אים האָט זיך געווענדט אַ יונגע פרוי פון אַ „שיינער באַלעבאַטישער משפחה", אַ פרוי פון אַ מעדיצינער, וואָס האָט זיך גענומען צו לעדער־געשעפטן, מיט דער בקשה, אַז טאָמער וועל איך זיין אין רעדים זאָל מען מיך באַקענען מיט איר. איך האָב מיך אין אָנהויב געוועהרט — מחמת דער טאַטע האָט מיר גע־זאָגט, אַז די יונגע פרוי איז אויך אַ דיכטערין — און איך האָב מיר שוין פאָרגעשטעלט די דאָזיקע דיכטונגען. דער טאַטע מײַנער, אַלעמאָל אַ דזשענ־טעלמען, האָט געוואָלט האַלטן וואָרט, צוגעשטאַנען און אפילו מיטגעגאַנגען ווייל ער האָט געוואָלט זען אַ באַגעגעניש פון צוויי דיכטער. עס איז גע־ווען פרי. אַלץ נאָך צעשויבערט, האַלב־נאַקעט, דאָס ערשטע און איינציקע קינד פון דער יונגער פרוי האָט זיך געפּאַטשקעט אויף דער פּאָדלאָגע אין אַ קאַלוזשקעלע פון אַ איבערגעקערט טעפּל קאַווע און נאָך עפּיס און דאָ קומען אַריין צוויי ייִדן, ביידע מיט בערד, ווייל אויך איך האָב נאָך דעמאָלט אַ באָרד געטראָגן און ווילן זיך זען מיט דער דיכטערין. אין פינף מינוט אַרום איז אין שטוב געווען פּערפעקטע אָרדנונג, ווייל די יונגע פרוי איז געווען אַ מערקווירדיקע בריה אין באַלעבאַטישקייט, אַ שמעקענדיקער גאַליציאַנער פּרישטיק מיט בולקעס, קאַווע אויפן טיש און נאָך פינף מינוט שפּעטער בין איך געווען פאַרוויקלט אין אַ טיפן ליטעראַרישן שמועס מיט אַ הויכגע־בילדעטער, סײַ אין דער ייִדישער און סײַ אין דער אַלגעמײַנער ליטעראַ־טור שטאַרק באַהאַוונטער יונגער פרוי. זי האָט גערעדט און געמישט דריי שפּראַכן, ווי אַלע אינטעליגענטע, נאַציאָנאַל־ייִדישע גאַליציאַנער: ייִדיש, פּויליש און דייטש. איך האָב באַלד אויסגעפונען, אַז דאָס איז טאַקע די ערש־טע אַבאָנענטין פון דער „קריטיק". און היינט הייסט זי קאָרן, און דער מאַן

רופֿט זי „רוזשיא" — צוויי שעה שפּעטער האָב איך מיך אַרומגעקוקט, אַז דער טאַטע איז ערגעץ נעלם געוואָרן, די זאַך האָט אים מער נישט אינטע־רעסירט, נאָר זײַן זון איז געבליבן פֿאַראינטערעסירט מיט זײַן גאַנצן האַרץ, נישט ווייניקער ווי צוועלף יאָר צײַט זינט יענער פּרימאַרגן־שעה. — — זי איז אַ פֿרוי מיט אַ שטעל רחל ה. קאָרן, גוט מיטלהויך, פֿעסט געבויט, טונקלע האָר, דאָרפֿיש, קינדהייט אין דאָרף ביי יידישע פּאָמיעשטשיקעס, אַ אַ יידיש פּנים, נישט קלאַסיש יידיש. פֿעסטע און שאַרפֿע פּנים־שטריכן, פֿו־לע און דאָך שאַרפֿע. אָן אויסדריקליכע נאָז און געדיכטע, צוזאַמענגעוואַק־סענע ברעמען. וואָלט זי נישט אַזוי קורצזיכטיק געווען, וואָלט זי געווען זייער אַ שיינע. זי קעמפֿט מיט דער קורצזיכטיקייט, טראָגט נישט קיין ברילן, דערקענט די מענטשן כמעט אַזוי ווי יצחק־אבינו. לויט דער שטימע און האָט אַלס קינסטלערין איינס פֿון די שאַרפֿסטע, אָפֿענע אויגן אין דער יידישער ליטעראַטור . . . איינע פֿון די בילדעררײַכסטע דיכטערינס און פּראָזע־שרײַבערינס. זי איז פֿול מיט ענערגיע, מיט דינאַמיק, אַפֿילו אַביסל איבער־הויך, כמעט אַבסאָלוט אוממוזיקאַליש, מען דערקענט עס אין ריטם און אין גראַם פֿון אירע לידער. אין איר איז אייביקער קאַמף פֿון אַ צאַרטער דיכטע־רין, אַזוי צאַרט ווי אירע אייביק בלייכע, דינע, זאַרגפֿולע הענט מיט אַ ברוטאַלער פּראָזע־שרײַבערין, וואָס ווען דו וואָלסט זײַן מיט צען קעפּ וואָל־סטו אָן דער הילף פֿון דער אונטערשריפֿט נישט דערקענט, אַז אַ פֿרוי האָט דאָס געשריבן. ליד און פּראָזע וואַלגערט זיך אין קאַמף אַרום אין אירע לי־דער, און פּראָזע און ליד אין אירע דערציילונגען. אָבער אין תוך איז זי אַ פּראָזאַיקער. אירע ביכער הייסן: דאָרף, ערד, רויטער מאָן — דאָס צווייטע איז אַ ברוטאַל פּראָזע־בוך. פֿאַרהאַנען ביי אונז דיכטער, וואָס פֿאַר־שטייען דעם מענטש אין שטאָט, אויב עמיץ פֿאַרשטייט דעם מענטש אויף ערד, פֿון ערד, אין דאָרף — איז דאָס רחל ה. קאָרן. און נאָך קעמפֿן כסדר אין איר: די דורות פֿון קליינבירגערליכער דערציאונג — איר יונגפֿאַרשטאָר־בענער פֿאָטער איז געווען אַ טיפּ פֿון אַ טרוימער, אַ משכּיל, אַ לונגען־קראַנ־קער גאָר — מיט אַן אײַנגעבוירענעם זין פֿאַר גערעכטיקייט פֿאַרן שטומען, ליידנדיקן נפֿש. פֿאַר איר סאָציאַליזם האָט זי — כאָטש אַ פֿרוי — אויך פֿאַר תּפֿיסה נישט מורא געהאַט. געזעסן אַ צײַט לאַנג אַרעסטירט אין פּשעמישל. — — די רײַן פּערזענליכע איבערלעבונגען אין דער דאָזיקער טיפֿסטער און לאַנגדויערנדיקסטער באַקאַנטשאַפֿט מײַנער מיט אַ פֿרוי לאָז איך דורך נאַ־טירלעך, אַפֿילו אין מײַן לעקסיקאָן, וואָס איז אַזוי אויך שוין מער ווי גענוג אינטים און סוביעקטיוו. — — רחל קאָרן האָט אַ ליידנשאַפֿט פֿאַר דער קיך. איך האָב קיינמאָל נישט געקענט דערגיין צי די ליידנשאַפֿט וועגט איבער אין איר די פֿון שרײַבן. ווי די זאַך זאָל נישט זײַן, איינמאָל האָט זי איבער־

געלאָזן א טיפן ליטעראַרישן שמועס מיט א גרופּע פון די בעסטע שרייבער יידישע אין וואַרשע, בשעת איינעם פון אירע זעלטענע באַזוכן אין דער הויפּטשטאָט און האָט זיך אוועקגעזעצט מיט א באַקאַנטער פרוי אָפּצושרייבן פון איר א פּאָר רעצעפּטן פון אָריגינעלע קימל־קיכלעך און וועגעטאַרישע לאַטקעס. אירע מיטאָגן האָבן געהאַט א שם און פאַרנדיקע וואַרשעווער שרייבער פלעגן מאַכן גרויסע אומוועגן אין זייערע רייזעס אבי אַריינצופאָרן קיין פּשעמישל צו דער דיכטערין־קולינאַר־קינסטלערין אויף א פּאָר מאָלצייטן. און פּונקט ווי זי איז געווען די גאַסטפריינטלעכקייט אַליין אַזוי איז זי קאַרג געווען אויף א ליטעראַרישן קאָמפּלימענט ווי א פרומער ייד אויף א שבועה. זי האָט פאַרשטאַנען ליטעראַטור ביז אין די עלעמענטן אַריין ווי מאכלים. אָפּנאַרן זי מיט א שלעכט ליד אָדער א שלעכטער דערציילונג איז געווען פּונקט אַזוי שווער ווי אָפּנאַרן איר געשמאַק מיט פאַלש פאַרגרייטע מאכלים. איינמאָל האָב איך זי דאָך אָפּגענאַרט. כאָטש א פערזענליכע איבערלעבונג — וועל איך דערציילן. יאָ, איינמאָל האָט אונזער פריינטשאַפט אָנגעהויבן דינ און שיטער ווערן. האָב איך גענוצט א טריק. געדרוקט אין א דורך מיר רעדאַגירטער שריפט אַן אימיטירט, זייער צאַרט פרויען־ליד, אונטער א פרויען־נאָמען „אסתר טאַמבור". דאָס ליד האָב איך אַליין געשריבן. צוויי טעג שפּעטער איז קאָרן „צופעליק" געווען שוין אין וואַרשע. די ערשטע פראַגע: קענסטו מיך אפשר באַקענען מיט דער דאָזיקער אסתר? נישט קיין שלעכט ליד. צוויי טעג שפּעטער האָב איך אויסגעזאָגט דעם סוד. די פריינטשאַפט אָבער איז שוין ווידער געווען גוט און דויערנדיק. — — עטליכע טעג פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה האָב איך באַקומען א טיף־אומעטיקן בריוו פון רחל'ען — כמעט אינגאַנצן צונויפגעשטעלט פון ציטאַטן פון די פרויען־לידער פון יאָהאַן וואָלפגאַנג געטהע. א האַלבע יידישע ליטעראַטור איז אוועק שוין דעמאָלט פון פּוילן — זי, איינע צווישן די וויניקע, איז געבליבן און דערצו נאָך אין א פּראָווינץ־שטאָט, צוגעבונדן צו איר קינד — וואָס מען האָט איצט שוין אַזוי זעלטען באַזוכט און באַוווּנדערט — צו איר פאַמיליען־לעבן מיט איר גוטן און געדולדיקן מאַן, צוגעבונדן צו דער שולע פון איר שלאַנקער טאָכטער — די וואָס האָט דעמאָלט דאָס טעפּל קאַווע אויף דער פּאָדלאָגע איבערגעקערט — רעניאַ. רעניאַ איז נאָך 1939 געוואָרן א סטודענטין פון מעדיצינישן פאַקולטעט אין דער מאָסקווער אוניווערזיטעט. א דאַנק איר האָט זיך איר מוטער דעם 22טן יוני 1941 געפונען ווייט פון איר היימשטאָט און דערפאַר געראַטעוועט געוואָרן, איינע פון די וויניקע פון דער גרופּע לעמבערגער יידישע שרייבער. אין יענעם לעצטן בריוו פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה האָט זי געשריבן (ציטירנדיק געטהע): נור ווער די זעהנזוכט קענט ווייס וואָס איך ליידע —

צווישן 1939 און 1941 האָט זי זיך געפֿונען נישט ווײַט פֿון דעם אָרט וווּ מײַן מאַמע האָט זיך געפֿונען און זי האָט זי געשטיצט, די אַלטע פֿרוי — כאָטש עס איז שווער געווען דאָס צו טון. איך געדענק: זי — רחל — איז שוין אַליין געווען אַ מאַמע פֿון אַ דערוואַקסענער טאָכטער, אָבער אַז זי האָט זיך געגריסט מיט אַן עלטערער פֿרוי האָט זי איר געקושט די הענט. אַזוי פֿלעגט זי אויך אַלעמאָל קושן די הענט פֿון מײַן מוטער. איינמאָל האָב איך געפֿרעגט פֿאַרוואָס זי טוט דאָס. זי האָט געענטפֿערט, אַז זי קען נישט אַנ־דערש. אַ פֿרוי, וואָס האָט קינדער געהאַט און דערצויגן דאַרף יעדער קושן די הענט. אמת איז, אַז זי איז אַליין אַ פֿרוי און האָט אויך אַ קינד געהאַט און דערצויגן, אָבער זי פֿילט זיך עפּיס מער ווי אַ מאַן — —

דאָך — אַ מאָדנער פּרט: רחל פֿלעגט פּינקטלעך פֿאַרגעדענקען אירע חלומות און מיט דער געדולד פֿון אַ בין פֿלעגט זי זיי איבערדערציילן אין לאַנגע בריוו אָדער אין לאַנגע געשפּרעכן. זי האָט נאַטירלעך נישט גע־גלויבט אין קיין חלומות. אָבער זיי האָבן זי אינטערעסירט. זי האָט געקענט די טעאָריע פֿון פּסיכאָאַנאַליזע ווי אירע צען פֿינגער. זי האָט אַפֿילו גע־טרוימט אַרויסצוגעבן אַ גאַנץ בוך מיטן נאָמען „מײַן טרוימבוך" . . .

נאָר דאָס איז דאָך קיינמאָל נישט אַרײַנגעפּלאַכטן געוואָרן, נישט אין אַ ליד און אוודאי נישט אין אַ דערציילונג. איך האָב איר אַמאָל געשריבן, אַז דאָס רעדט זי אַזויפֿיל און שרײַבט אַזויפֿיל אין בריוו וועגן חלומות כּדי זיך אײַנגאַנצן אויסצולעבן אין דעם פּרט אין בריוו און געשפּרעכן און אַפֿילו נישט קיין פֿינטל, קיין ווונק פֿון דעם אַלעמען נישט דורכצולאָזן אין אירע שאַרפֿע, ניכטערנע לידער און נאָך שאַרפֿערע, וואָכערע, ניכטערנע דערציילונגען . . .

עס איז נישט מער ווי נאַטירלעך געווען רחל קאָרנס גיכע אַסימילירן זיך מיט די באַדינגונגען אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. ווי אָפֿט איך זע איר נאָמען אונטער נאַציאָנאַלע מאַניפֿעסטן פֿון סאָוועטישן יידנטום דערמאָן איך מיך ווי איך האָב דאָס ערשטע מאָל איר — נאָך דעמלט מיידלישן נאָמען — געזען אויף אַ קאַרטל צו דער אַדמיניסטראַציע פֿון דער „קריטיק" אין ווין. כאָטש אַלץ איז אַזוי מאָדנע פֿאַרלאָפֿן — איז אין דעם אַלעמען געווען אַן אײַזער־נע לאָגיק און אַ לאָגישע גנעצמעסיקייט — פֿון דעם רײַסן זיך פֿון אַ ביר־גערליך, נײַנצעניעריק, אַסימילירט יידיש מיידל פֿון פּשעמישל צו באַקע־נען זיך מיט דער, ווי אַ יונגע זון, אויפֿגייענדיקער נײַער יידישער ליטע־ראַטור נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ביז דער באַקאַנטער דיכטערין און פּראָזאיקערין, וואָס פֿאַרנעמט אַן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור פֿון דעם קעמפֿנדיקן ראַטן־פֿאַרבאַנדישן יידנטום.

1944

מלך ראַוויטש

עס איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1893 אין רעדים, גאַ־ליציע, ביז זײַן צענטן לעבנס־יאָר האָט ער געגלויבט, אַז רעדים איז די קלענסטע שטאָט אין דער וועלט — רוים די גרעסטע.

זײַן מוטער איז אַ בלאָנדע, אַ סלאַווישער טיפּ, זײַן פֿאָטער איז אַ טונקל־הויטיקער, קלאַסישער סעמיט. אַז ער איז אַלט געווען זעכצן יאָר, האָט שוין געשריבן לידער, האָט ער פֿײַנט געהאַט זײַן ריכטיקן גאַליציאַנער נאָמען זכריה חנה בערגנער. ער האָט מקנא געווען דעם דיכטער מלך כמעלניצקי פֿאַר זײַן שיינעם, סלאַווישן נאָמען און האָט ליב געהאַט דעם מיסטעריעזן העלד פֿון לאַמעד שאַפּיראָס „אויף׳ן ים״ — יאַנקאָ ראַוויטש. ער האָט געשיקט לי־דער אין יידישע רעדאַקציעס, איינע פֿון זיי האָט ער אונטערגעשריבן יאַנקאָ כמעלניצקי, אַנדערע — מלך ראַוויטש. האָבן זיך צופֿעליק אָפּגעדרוקט די לידער מיט דער לעצטער אונטערשריפֿט — און אַזוי איז געבליבן אויף שטענדיק זײַן פּסעוודאָנים. אַמאָל האָט ער זיך געבייזערט אויף זײַנעם אַ חבר פֿאַרוואָס יענער שרײַבט אונטער אַלערליי פּסעוודאָנימען און האָט אַרגומענ־טירט מיט כּעס: קוק אויף מיר — איך נוץ נישט קיינמאָל קיין פּסעוודאָ־נים . . . ער האָט פֿאַרגעסן, אַז ער טוט עס דאָס גאַנצע לעבן.

אַז ער איז אַלט געווען זעקס יאָר האָט אים אַ דינסט אַמאָל מיטגענומען צום שוחט. ער האָט דעמאָלט שוין געוווסט, אַז מענטשן האָבן נשמות. אָבער נאָכן זײַן ביים שוחט האָט ער דערציילט זײַן עלטערן ברודער, אַ שטרענגען, זיבניעריקן אמת־זוכער, אַז ווען זײַן נשמה איז היינט ביינאַכט געווען אין הימל האָט איר גאָט אַליין געזאָגט, אַז אויך עופֿות האָבן נשמות און האָט אים געוויזן אַ הימל פֿול מיט אַזעלכע נשמות. דער ברודער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ ליגנט און האָט אים שטאַרק געמוסרט. צו 18 יאָר איז ער ביי דער ערשטער געלעגנהייט געוואָרן אַ וועגעטאַריער.

ער האָט אַן אײַנגעבוירענע פֿעיקייט צו אָרדנונג און אָרגאַניזאַציע און זינט זײַן פֿריער יוגנט איז ער אומעטום אַ סעקרעטאַר, ווו ער רירט זיך נאָר צו צו אַ געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט. ער באַטראַכט עס פֿאַר אַ קללה, אָבער ער קען זיך נישט העלפֿן. דאָס גייט אים נאָך. אַ דאַנק דער פּינקטלעכקייט, און נישט אַ דאַנק די פֿעיקייטן, איז ער אין אַלע שולעס, וואָס ער האָט באַ־זוכט, איינשליסנדיק די אָפֿיצערן־שולע אין עסטרייכישן מיליטער, געווען דער סאַמע ערשטער שילער. ביי זײַן גאַנצער פּינקטלעכקייט האָט ער פֿײַנט

בירגערליכע אָרדנונג אין פּריוואַטן לעבן, כאָטש דאָס איז געווען דער סאַמע אידעאַל פון זיין טאַטן, אָבער דערפאַר האָט זיין מאַמע א לעבן לאַנג רעוואָלטירט קעגן דעם. זיין פאָטער שטאַמט פון דורות משכילים, זיין מוטער פון פּשוטע יידן. זיין פאָטער האָט אָפּט פאַרגעוואָרפן זיין מוטער: פאַרגעס נישט, אַז דו קומסט פון די „מורזעס״. זיין עלטערזיידע משה האָט געהאַט אַזאַ צונעמעניש. זיין פאָטער האָט געבראַכט אין שטוב אריין שאַפעס מיט ביכער און ספרים, זיין מאַמע האָט זיי אלע געלעזן. אויב ער האָט א פונק אינטעליגענץ אין זיך — שטאַמט דאָס פון זיין מוטער דווקא. ביז זיין 22טן לעבנס־יאָר האָט ער כסדר געקעמפט קעגן זיין פאָטער, אָבער זינט דעמאָלט האָט ער אים זייער שטאַרק ליב באַקומען. אין יענעם יאָר איז דער פאָטער געוואָרן א יורד און איז שוין געבליבן א קבצן זיין לעבן לאַנג.

ער האָט צוויי ברידער. איינער 13 חדשים עלטער פון אים און איינער דרייצן יאָרן ייִנגער. דער עלטערער איז פּרייוויליק אַוועק פון דער וועלט צו זיינע 29. זינט דעמאָלט — מערץ 1921 — לאַכט ער אומאויפהערליך פון אים. ער האָט פון אים שוין געלאַכט נאָך איידער ער איז געבוירן געוואָרן. אַזוי דערציילט די מאַמע: אַז זי האָט אים געדאַרפט געבוירן האָט זי זייער מורא געהאַט ווייל די ערשטע געבורט איז געווען א צאַנגען־געבורט. און כאָטש די צווייטע געבורט איז צוגעגאַנגען לייכט ווי ביי א ציגיינערין האָט די מאַמע געקרעכצט אָן ווייטיק, אָבער מיט עפּיס א ניגון. דער דרייצן־חדשימדיקער ערשטער זון איז איר נאָכגעגאַנגען און האָט זיך נאָכגעקרימט: אוי־אוי, אוי־אוי.

אַז ער איז אַלט געווען דריי יאָר האָט ער זיך אַמאָל פאַרזינדיקט, דער טאַטע האָט אים געשמיסן, איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר, אָנגעכאַפּט דעם שליסל, די קלאַמקע ניט געקענט דערגרייכן און געזאָגט רעזאָלוט: איך וויל גיין — האָט מען אים געפרעגט: וווּ? האָט ער באַשטימט געענפערט: אין דער וועלט אַריין — — אַז ער איז אַלט געוואָרן 46 יאָר האָט ער געהאַט באַזוכט 44 לענדער, 8 מאָל דורכגעפאָרן דעם עקוואַטאָר און באַשלאָסן נישט מער צו פאָרן.

ער האָט זיך נישט ליב. פאַר די געדריידלטע האָר פון זיין קאָפּ, ער האָט ליב גלאַטע, פאַר דער נייגונג צו פעטקייט, ער האָט ליב מאָגערע, הויכע מענטשן, פאַר זיין אַריינפאַלן אין התפּעלות און אויך אין כעס, ער האָט ליב רויִקע מענטשן, פאַר זיין פּחדנות, ער האָט ליב מוט, פאַר זיין שלעכטן זכרון, פאַר אָן פאַר און פאַר. ער האָט נישט ליב זיינע ווערק. ער האָט ליב דיכטער, וואָס שאַפן אַיין אַלץ־זאָגנדיק ווערק און ער שרייבט אין אַסך פאָרמען, אַסך, אַסך. ער חלומט כסדר צו קאָנדענסירן אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן

אין א בוך פון 160 זייטן, אָבער זינט יאָרן ווייסט ער, אז דאָס וועט אים שוין מער נישט געלינגען. פאַרהאַנען א גרויסע רייע יידישע שרייבער, וואָס ער איז זיי מיט ליבע מקנא זייערע גוטע ווערק, ער האָט שטאַרק ליב די גאַנצע יידישע ליטעראַטור אָט אַזוי ווי זי איז. אַנטקעגן עטליכע יידישע שרייבער פילט ער נישט נאָר א ליבעפולע קנאה, נאָר אויך א מאַכטלאָזיקייט ווייל ער פילט, אז ער קען אַזעלכע ווערק קיינמאָל נישט אויפשרייבן ווי זיי. ווער זיי זענען? ער האָט עס קיינעם נישט אויסגעזאָגט. ער וויל דעם סוד מיטנעמען אין קבר אריין. ער מאַכט וועגן דעם אויך קיין שום נאָטיץ נישט אין שריפט. דאָס איז זיין סוד. די רייע איז נישט צו גרויס. ער איז פאַרגלויבט אין דער שליחות פון יידישן פאָלק אין דער וועלט און אין שליחות פון דער יידישער ליטעראַטור אין יידישן פאָלק און אָפט שלאָפט ער נישט נעכט, ער פּי־בערט ממש מיט טענות צו זיינע גרויסע קאָלעגן. אז ער ברענגט די טענות אַרויס אין שריפט לאַכט מען פון אים, מען זאָגט, אז ער האָט א טבע צו שרייבן מאַניפעסטן. ער איז ניט נאַיוו, ער איז שוין גאָרנישט נאַיוו און ער מאַכט נישט דעם אָנשטעל, אז ער איז. ער איז נישט גוט, נאָר ער באַמיט זיך מיט אַלע מיטלען נישט צו זיין שלעכט. ער קעמפט אויפריכטיק מיט דער שלעכטס אין אים. ער מיינט, אז נישט וויכטיק זענען די וועגן — די רעזולטאַטן זענען וויכטיק. ער באַמיט זיך אויפריכטיק נישט צו רעגו־לירן זיינע באַציאונגען צו מענשן, דער עיקר צו חברים־שרייבער, לויט זייערע באַציאונגען צו אים. אָבער עס געלינגט אים נישט אַלעמאָל.

דאָס גאַנצע אינטימע לעבן זיינס, אַלע זיינע ליבעס, זענען דאָ אין זיינע לידער, נאָר די נעמען זענען דאָרט געענדערט. זינט זיין דרייסיקסטן לעבנס־יאָר האָט ער אַלעמאָל א צוואה צווישן זיינע פּאַפּירן. ער וויל קיין שום לוויה נישט האָבן, זיין קערפּער וועט פאַרברענט ווערן, זיין אַש צעשאָטן איבער די קברים פון זיינע קאָלעגן. טעכנישע פּרטים וועגן דעם זענען דאָ אין דער צוואה.

אָן ערך דאָס איז ער. אויף אַזויפיל אויף וויפיל א מענש קען זיך כאַ־ראַקטעריזירן.

1944

ישראל ראַבאָן

1900 אין א שטעטל אין דער נאָענט פון ראַדעם. אלע זיינע יאָרן געווינט אין לאָדזש און משמעות געבליבן אין פוילן אין יאָר 1939.

איינער פון די סאַמע אָריגינעלסטע פּאָעטן און פּראָזאַיקער אין דער יידישער ליטעראַטור איז ער — ישראל ראַבאָן — אָבער עס האָט זיך אים עפּיס נישט געפּירט. ער האָט כמעט קיינמאָל נישט געהאַט די אָנערקענונג, וואָס ער האָט געדאַרפט באַקומען.

ערשטנס האָט אים גאָט באַשערט א נאָמען אזא, וואָס אסך יידישע שרייבער שרייבן זיך אונטער מיט אים. ער הייסט אין דער אמתן ישראל רובין. איז אָבער פאַראַנען א זייער פּראָדוקטיווער זשורנאַליסט און פּעדאַגאָג מיט דעם זעלבן נאָמען. און דאָס שרייבן פון דיביידע ישראל רובינס איז אזוי קאָנטראַסטיש אזוי ווי עס וואָלט געוועזן דאָס שרייבן פון א בין און א — — וועווערקעלע, אויב ביידע וואָלטן צופעליק געוועזן יידישע שרייבער . . . די בין וואָלט אין דעם פאַל געוועזן דער ישראל רובין, וועגן וועלכן מיר שרייבן איצט. האָט טאַקע איין רובין פון צווייטן זיך געמוזט כסדר אַרומטרייבן ווי פון א זלידנער בין. דער, אז ער האָט נישט אויפגעשריבן דאָס דעקאַדענטישע, נערוון־צערייסנדיקע ליד און יענער, אז ער האָט נישט אויפגעשריבן דעם בוימלדיק־באַרויקנדיקן אולטראַ־אָפּטימיסטישן אַרטיקל וועגן מענטשן בכלל און יידן בפרט און יידישע שול־אויסזיכטן בפרט, בפרט.

און אזוי ווי ביידע האָבן געהאַט א רעכט אויפ'ן נאָמען ישראל רובין — זענען זיי שוין ביידע געוועזן ווי די צוויי קאָזעס, וואָס האָבן זיך באַגעגנט אויף דער שמאָלער קלאַדקע אינמיטן א טייכל אין איינער פון די וועלטבאַרימטסטע פאַבלען. נישט אהין און נישט אהער. איז דווקא ישראל רובין דער לאָדזשער, אונזער איצטיקער העלד, אָפּגעטרעטן, געלאָזן דורכגיין דעם פּעדאַגאָג, וואָס האָט גראַד יענע פּעדאַגאָגישע מעשה פאַרגעסן, און האָט זיך א נאָמען געגעבן ישראל ראַבאַן.

א דינער, זייער א דינער, א איבערמיטלהויכער, א בלאָנדער, און ער איז אלעמאָל פול מיט א פאַרשייטן שמייכל און מיט חשד און מיט זיכערקייט, אז איר וועט אים שוין נישט אריינגנאַרן אין זאַק אריין, און אויב אריינגנאַרן — וועט ער אייך. דאָס פּנים ישראל ראַבאַנס האָט געדיכטע סימנים פון פּאָקן און נאַטירלעך ליידט ער דערפון, נאַטירלעך פאַרמירט דאָס זיין נשמה און האָט פאַרמירט זיין אופן שרייבן. און דאָס שרייבן זיינס איז אביסל

דיאַבאַליש. ער האָט פײַנט, אַסך פײַנט, און ער ברענגט עס צום אויסדרוק אין זײַן שרײַבן.

ער איז אַ לאָדזשער, אָבער ער איז אַ קינד פון אונטער־לאָדזש און נישט פון אויבער־לאָדזש. לאָדזש איז אַ שטאָט פון שרײַענדיקע, קוויטשענדיקע קאָנטראַסטן. פון איין זײַט איז געווען רײַכטום, פּריציש רײַכטום און אַלץ, וואָס שאַרט זיך אַרום דעם רײַכטום. די סוחרים און די מעקלערס און די ווײַסע־קאָלנער־חברה. אָט די גאַנצע חברותא האָט כסדר גערודערט אין די לאָדזשער קאַפּעען, אויף די לאָדזשער טראָטואַרן. אָבער דאָרט בײַ די לאָד־זשער טראַטואַרן זענען געווען די טיפע באַרימטע לאָדזשער רינשטאָקן. לאָדזש איז געווען אַ שטאָט אָן קאַנאַליזאַציע און האָט געהאַט בלויז איין קליין טײַכעלע. זענען טאַקע די טיפע רינשטאָקן געווען זייער ווייס געקאַלכט אַלע־מאָל און עס האָט פון זיי געטראָגן אַ ריח ביז צום אײביק פאַרוואָלקנטן און נאָך מער פאַרויכערטען לאָדזשער הימעל.

חוץ דער טראַטואַרן־און קאַפע־חברה איז געווען די לאָדזשער וועלט פון אָרעמקייט. זי האָט זיך קאָנצענטרירט אויפן באַלוט. די אָרעמקייט פון באַלוט קען מען נאָר פאַרגלײַכן מיט דער אָרימקייט פון די קוואַרטאַלן ווו עס ווױנען די ריקשאַס אין שאַנכאַי. אָבער אַזוי ווי דאָס צווייטע איז אומבאַ־שרײַבלעך, אַזוי איז דאָס ערשטע אויך. ראַבאַן האָט געמאַכט אַ פּרוּוו און אַן ערפאָלגרײַכן פּרוּוו צו באַשרײַבן אין ראָמאַנען, דערציילונגען און לידער די אָרעמקייט פון לאָדזשער באַלוט. ער האָט דאָרט אײביק געוווינט, ער האָט דאָס ליב געהאַט, עס איז אים דאָרט דיאַבאָליש גוט געווען און — אגב — איז ער אײביק געווען אַ ביטערער קבצן.

אײנמאָל האָט מיך ראַבאַן גענומען אויף אַ שפּאַציר איבערן באַלוט. עס איז גראַד דעמאָלט געווען אַ קריזיס, אַן אַרבעטלאָזיקייט. טויזנטער טעקסטיל־פאַבריק־מיידלעך אַרבעטלאָז. — אַן אויסברוך פון אַ קריזיס אין לאָדזש, האָט ראַבאַן דיאַבאַליש דערקלערט, איז אַזוי ווי אַ קאָפּע מיט אַ פּוס אין אַ מוראַשניק אַרײַן. די מוראַשקעס צעלויפן זיך מאָמענטאַן אין אַלע עקן. אָבער זיי לויפן נישט צו ווײַט. אָט גיט אַ קוק. — — ווו מיר האָבן זיך נאָר אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט זענען באַלד אין די הונדערטער די גאַסן־מיידלעך, ערשט נעכטן אַרבעטערינס, געווען אַרום אונז. טוט מיט אונז וואָס איר ווילט, נאָר גיט אונז אויף אַ טרוקן שטיקל ברויט — מיר גייען אויס פון הונגער. — — אָט אין אַזאַ מין סביבה האָט ראַבאַן שטענדיק געלעבט. איז עס אַ חידוש, וואָס זײַנע לידער זײַנען אַזעלכע טיפּוליש־בייזע. טאַלענט האָט ער פאַר אַלדי גוטע יאָר. נאָר ער וויל אַלץ און אַלעמען אי־בערקליגן. אָפט קומט ער קיין וואַרשע. אָבער צו די אָפיציעלע פאַרלעגער

האָט ער קײן מזל נישט, דערשײַנען זײַנע ביכלעך אין װינקל־פּאַרלאַגן און עפּיס מיט אַזאַ פּנים, אַזױ װי אױך די ביכלעך װאָלטן, װי זײער מחבר, דורכגעמאַכט אַמאָל שװערע פּאָקן. אָבי צו פֿאַרדינען שטעלט זיך ראַבאָן נישט אָפּ פֿאַר גאָרנישט. ער שרײַבט שונדראָמאַנען, קרימינאַל־געשיכטעס און ער באַרימט זיך נאָך דערמיט. און גראַד אױף דעם געביט „כאַפּט" מען אים אױס. די אַלערלײ געלע ײדישע צײַטונגען און צײַטונגלעך פֿון װאַרשע און לאָדזש רײַסן זיך כּסדר אַרום ממש בײַ די טשופּרינעס און נע־זער און ראַבאָן איז שטענדיק אין דער געזעלשאַפֿט. עס געלינגט אים זעלטן צו פֿאַרקױפֿן עפּיס אין די לײַטישע צײַטונגען אַװיצוזאָגן. און אָפֿט פֿאַר־קריכט ער אין אַ בלאָטע, ער אַרבעט גלײַכצײַטיק אין צװײ אַזעלכע צײַטונ־גען, ער װערט אַביסל ציניש אַפֿילו. ער שרײַבט אין דער צײַטונג א. קעגן דער צײַטונג ב. און אין דער צײַטונג ב. קעגן דער צײַטונג א. עס גײען אָן חבֿרישע געריכטן. מען נעמט אין אַכט ראַבאָנס לאַגע און זײַן טאַלענט (אין װאַרשע פֿלעגט מען עס רעספּעקטירן) און מען משפּט אים נישט צו האַרב אין די חבֿרישע אינסטאַנצן און ראַבאָן שרײַבט לאַנגע חרטה־בריװ און שלאָגט זיך אין האַרץ אַריין על חטא, און אַזױ װי פֿון על חטא װערט מען נישט פֿעט, בלײַבט ער װײַטער אַזױ מאָגער און אָרעם און בײַ דער ערשטער געלעגנהײט טוט ער עפּיס ענלעכס. קנאַפּ פֿאַר דער מלחמה האָט דער פּען־קלוב אַרױסגעגעבן ראַבאָנס אַ לידער־זאַמלונג. דער רושם — שאַרף און שטאַרק.

1942

יוסף רובינשטיין

געבוירן ארום 1900 אין א שטעטל אין פוילן. 1939 ראַטן־פאַרבאַנד.

אלטער קאַציזנע פלעגט האָבן מאָדנע איינפאַלן אלעמאָל. ער איז גע־וועזן א גוטער ליטעראַטור־קענער, געווען א שטאַרק באַלעזענער מענש, נאָר עפּיס מאָדנע. אָפט פלעגט ער ארויסזאָגן אזעלכע מיינונגען און דערצו נאָך מיט אזא טאָן, אז נאָר שטוינען האָט מען געקענט. צווישן די מאָדנע איינפאַלן קאַציזנעס האָבן זיך גוט אריינגעפּאַסט זיינע מאָדנע מיינונגען וועגן יונגע דיכטער־אַספּיראַנטן. ער פלעגט זיי מיט זיינע מיינונגען אזוי פאַרדרייען די קעפּ, אז זיי האָבן בשום אופן נישט געקענט דערגיין צי זע־נען זיי געניאַלע דיכטער אָדער משוגענע גראַפאָמאַנען . . . דער אמת איז — נאַטירלעך אלעמאָל געווען ערגעץ־ווו אינמיטן, אָבער גיי וויס ווו — אז דער וועג איז אזא לאַנגער — פון געניאַליטעט ביז משוגעת.

און כדי צו דערגיין דעם אמת פלעגן אָט די אַספּיראַנטן קלעבן ארום קאַציזנען, ארומגיין אָפט מיט אים ווי זיינע אדיוטאַנטן. א צייט לאַנג — אז מען האָט געזען ערגעץ קאַציזנען האָט מען געוווסט, אז באַלד וועט זיך דאָ באַווייזן יוסף רובינשטיין. און — פאַרקערט. און א פּנים האָט ער געהאַט א מאָדנע — אָט דער נייער אדיוטאַנט קאַציזנעס .א הויכער און עפּיס אַלץ ארום אים אש־קאָלירענדיק. אפילו די אייביקע נויט זיינע איז געווען א גרויע, אש־קאָליריקע. נויט האָט אלעמאָל א קאָליר און די נויט פון דיכטער שוין גאָר. און יוסף רובינשטיינס איז געווען גרוי — אש־קאָליר, מויזן־קאָ־ליר. דערצו האָט ער א שמאָלן שטערן, א צעשויבערטע טשופּרינע און א לאַנגע, כאַראַקטעריסטיש־יידישע נאָז, אָבער א נאָז. שוין גאָרנישט אין א פּראָפּאָרציע צו די קליינע אויגן, אלץ גרוי, אויערן, מויל — און אין פּראָ־פּאָרציע נאָר צום וווקס.

איינמאָל האָבן מיר אין א געזעלשאַפט געבלעטערט אן ענציקלאָפּע־דישע אויסגאַבע פון ברעהמ׳ס לעבן פון די חיות. מיר האָבן אנטדעקט, אז יעדע — אפילו די סאַמע טשודאַטשנע חיה — האָט איר צווילינגס־געשטאַלט אין איינעם פון די מענשליכע פּנימער פון די מיטגלידער פון אונזער שריי־בער־קלוב. מיר זענען פון דער אנטדעקונג געווען אזוי פאַרכאַפּט, אז שעהן לאַנג האָבן מיר זיך מיט דעם געשפּילט, געבלעטערט אין דעם זאָאָלאָגישן לעקסיקאָן און געזוכט מענשליכע ענליכקייטן צו די חיות צווישן אונזערע חברים. וועמעס איינפאַל איז דאָס געווען? ווער ווייסט. עס האָט אָבער מאָד־נע געשטימט — עס האָט ממש געשראָקן. עפּיס מיסטישס איז אין דעם גע־

ווען. מעשה בראשית . . . דעמאָלט איז נאָך יוסף רובינשטיין געווען א ליטעראַרישע בתולה — קיינס פון זיינע לידער איז נאָך נישט געהאַט גע־לעגן אין די פּאָעזיע־דערשטיקנדיקע אָרעמס פון א דרוק־מאַשין . . . קוקט ער צו די שפּיל פון זיינע דערוואַקסענע חברים, וואָס יעדער האָט שוין אויף זיין חשבון ביכער און אַנדערע אפילו „געזאַמלטע ווערק״ — און שטוינט. און אויך ער גייט צו צום בוך און מישט אויף דעם העלפאַנטס בילד און זאָגט: — און אָט איז מיין פּאָרטרעט . . . מיר האָבן א קוק געטון אויפן בילד, אויפן יונגען דיכטער און האָבן אויפגעגעבן די אומהיימלעכע שפּיל.

אָ, ווי לאַנג ער האָט זיך געזוכט, אָט דער יוסף רובינשטיין. אַלע זיינע קאָלעגן האָבן זיך שוין לאַנג געפונען — און אפשר האָט זיך עס זיי געדאַכט נאָר, אַז זיי האָבן זיך געפונען — האָבן שוין לאַנג לידער געדרוקט, ביכער אַרויסגעגעבן, נאָר ער זוכט און זוכט.

יאָרן לאַנג פלעגט ער אַרבעטן אַלס אינקאַסענט אין שרייבער־קלוב. א שווערע פּראָפעסיע צו מאָנען געלט ביי מענשן, וואָס האַלטן אין איין מאָנען ביי דער גאַנצער וועלט . . . מענשן וואָס מאָנען פאַרגעסן מיט דער צייט, אַז אויך ביי זיי מעג געמאָנט ווערן. און יוסף רובינשטיין האָט עפּיס דווקא אָן א שיעור געדולד געהאַט צו אָט דעם אומענדליכן גיין און מאָנען. דער עיקר גיין איז אים ליב געווען. גיין און גאַפן. און אָט אַזוי גייענדיק און גאַפנדיק האָט ער געפונען אָן אָריגינעלן פּאָעטישן טאָן פאַר זיך. ער האָט זיך געלערנט זען די מענשן דורך זאַכן, די וועלט דורך זאַכן, געפילן דורך זאַכן, פּראָבלעמען דורך זאַכן. אָט דער זשאַנר איז נישט ניי ביי אונז אין דער יידישער ליריק. דער פּיאָנער אויף דעם געביט ביי אונז, אָבער נאָר ביי אונז, ווייל דער זשאַנר איז שוין אַלט אין דער וועלטליטעראַטור, איז גע־ווען א. לוצקי. אָבער רובינשטיין איז אַנדערש. ביי לוצקין בלייבן זאַכן — זאַכן, נאָר זיי נעמען אָן מענטשליכע מידות, ביי רובינשטיינען פאַרוואַנדלען זיך די זאַכן אין באַשעפענישן: ווענט אָן פענצטער אויסגעקרימט און בלינד, ווי הויקערדיקע פּלייצעס אויסגעדרייט צום ווינט, פאַרשטויבטע, ליימיקע, ווי אָנגעטון אין זעק, אָן דרענגער אָנגעשפּאַרטע, שטייען זיי פול שרעק ביי דער זייט פון וועג . . . יאָרן־לאַנג בין איך געווען יוסף רובינשטיינס „שעף״. נאָר קיינמאָל איז מיר נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז זיין גיי־און גאַף־באַשעפטיקונג האָט א שייכות צו זיין פּאָעזיע, אַז דאָס גייט ער נישט נאָר קאַסירן די פאַר גראָשן, נאָר ער גייט אויף דעם וועג פון זיין קומענדי־קער פּאָעטישער קאַריערע. און א מיידל האָט ער זיך צוגעקליבן א בלייכע און א שווייגנדיקע. — נו, אַוודאי, פלעגן לצים טענהן, אַז מען האָט אַזאַ שווייגנדיקע מוזע קען מען קיין סך לידער נישט שרייבן. און זי איז אַזוי שווייגנדיק געווען, זיין בלייכע, אַז מען האָט אפילו נישט געוווּסט ווי זי

הייסט. האָט מען איר א נאָמען געגעבן: רובינשטיינס מוזע. אָבער מיט גרויסן דרך ארץ האָט מען באַוווּנדערט איר אויסגעהאַלטענע און אויסזיכטלאָזע ליבשאַפט. ווייל עס האָט דערווייל אפילו קיין רייד נישט געקענט זיין, אַז רובינשטיין זאָל ווען עס איז קענען גרינדן א היים, דערצו האָט ער גע־קרענקט.

ערגעץ אַרום 1935 האָב איך אַמאָל געזען רובינשטיינס עטליכע לי־דער. עס האָט א בליץ געטון מיט נייקייט. ווו בין איך דעמאָלט אויף אונזער פלאַנעט געווען — געדענק איך נישט. נאָר איך האָב מיך געאיילט מיט מיינע לויבווערטער. און קנאַפּ, קנאַפּ פאַרן אויסבראָך פון דער גרויסער בראָך איז געקומען דאָס ערשטע בוך רובינשטיינס. „מאָדעלן״ — איצט איז מיר ערשט קלאָר געוואָרן זיין גאַפן איבער די גאַסן, זיין ליב האָבן די אומ־אנגענעמע פּראָפּעסיע פון אַן אינקאַסענט. זיינע לידער זענען פול מיט די גאַסן פון וואַרשע, לעשנאָ, קאַרמעליצקע, סמאָטשע, נאַלעווקעס. עפּיס אַזוי ווי עס וואָלט זיין ספּעציעלע שליחות געווען איינצוזאַפּן אין זיין דיכטע־ריש אויג די צום גרויזאַמסטן שטאַרבן פּאַראורטיילטע גאַסן און זיי אויפ־צולעבן אין זיין ליד. און נישט נאָר די דרויסנדיקע גאַסן זענען דאָ אין זיין ליד, נאָר אויך די שטובן פון וואַרשע, די מעבל... א דיכטערישער עפּיגאָן פון א רוישנדיקער תקופה און לעצטע בליקן אויף א געליבטער יידישער שטאָט — זיינע בעסטע, אָריגינעלסטע לידער.

1944

שרה רייזען

געבוירן אין קאַידענאָוו, מינסקער גוב., געוווינט אין פיל
שטעט פון אַמאָליקן רוסלאַנד און שפּעטערדיקן פּוילן.
1932 געקומען קיין ניו־יאָרק און געבליבן וווינען.

שרה רייזען איז א שוועסטער פון אברהם רייזען און פון זלמן רייזען. זי האָט צוויי פּראָפעסיעס און ביידע פּראָפעסיעס זענען רייזעניש. איין פּראָפעסיע איז צו זיין א גוטע, קעגן אלץ און אלעמען, פאַר אלץ און אלעמען און אָפט אפילו קעגן זיך אליין, אָפט אפילו קעגן דעם אייגענעם ווילן און קעגן יעדער מענשלעכער לאָגיק. די צווייטע פּראָפעסיע פון שרה רייזען איז צו שרייבן אליין קליינע לירישע דערציילונגען און קליינע לירישע לידער און צו איבערזעצן ראָמאַנען, וואָס אנדערע האָבן געשריבן.

די משפחה רייזען איז זייער אַן אמביציעזע משפחה, די רייזענס האָבן ליב אנערקענונג פאַר זייער ליטעראַרישער ארבעט און זיי האַלטן איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם. זאָגסטו גוטס אויף איינעם פון די רייזענס, גילט דאָס פאַר אלע, און זאָגסטו שלעכטס חלילה גילט דאָס אויך אזוי. אין זין פון אַמאָליקע שבטים־געזעצן, שבט־רייזען. און וואָלטן די רייזענס נישט געווען איבערצייגט גוטע מענשן, וואָלט געווען שווערלעך מיט דעם שבט־רייזען.

און שרה רייזען האָט זיך מער ספּעציאַליזירט אויף דער פּראָפעסיע גוטסקייט פון די רייזענס, ווי אויף שרייבן. כאָטש זי שרייבט מיט איינגעשפּאַרטקייט און זייער אָפט מיט ליטעראַרישער רוטין און געהעריקן טאַלענט שוין זינט איר פריסטער יוגנט אָן. אויפגעכאָוועט אין א דורכאויס ליטעראַרישער סביבה, אויך דער פאָטער איז שוין געווען א שרייבער, און דער מאַן — דוד קאַסעל — א שרייבער, און אַלע פריינט, איז פאַר שרה רייזען די וועלט א מין אומפאַרמיידלעכע צוגאָב צו דער ליטעראַטור און די מענשהייט איז א קוואַל פון וועלכן מען שעפּט לעזער און ליבהאָבער פון ליטעראַטור. און ציישונגען זענען נאָר אונפאַרמיידלעכע רעמלעך אין וועלכע מען דרוקט לידער און דערציילונגען און' די זעקס טעג פון דער וואָך זענען נאָר א נאָכשלעפּעניש נאָך דעם איינעם טאָג, אין וועלכן עס קומט פאָר א ליטעראַרישע אונטערנעמונג. און ביי א ליטעראַרישער אונטערנעמונג שיינט שרה רייזען אויף, זי צעבליט זיך ממש ווי א בלום, איר גאַנצער אַמאָליקער יוגנטחן שיינט אויף ווי עס וואָלט אים א פרישער זון־שטראַל געטראָפן. די גרויסע שוואַרצע אויגן, פול מיט שוועסטערלעכער גוטסקייט צו אלעמען ווערן יומטובדיק, דער שמייכל גייט גאָר פון זיי נישט ארויס און אלעמאָל גיבן אין

זיי אפילו א בליץ טרערן פון ענטוזיאזם צי פון טרויער צי אפילו פון פרייד. ווייל סאי טרויער און סאי פרייד רופן ביי שרה רייזען ארויס די זעלבע הייסע שטראמען פון טרערן. זי טוט זיך צו אזא מין פייערלעכער געלעגנהייט אָן איר שענסטע בלוזקע, דאָס בעסטע קליידל, פשוט און פּראָסט, אָבער פייערלעך און עס דאכט זיך איר און זי וואָלט וועלן, אז עס זאָל זיך אויך דער גאנצער וועלט דאכטן, אז עס איז ערגעץ אינמיטן פון די גלויבנס־טעג פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אין יאָר 1905 . . . אז שרה רייזען פירט דעם פּאָרזיץ אויף א ליטעראַרישן אוונט שטעלט זי אָלע אירע חברים און חברטעס פּאָר מיט איר אנגענעמער, ווארימער, שוועסטערלעכער שטימע אַט אזוי ווי אָלע וואָלטן זיי פּרינצן געוועזן און פּרינצעסינס און יעדער פון זיי דער בעסטער דיכטער אָדער דיכטערין ביי יידן. לויט איר באַגריף, איר וויזיע, איר חלום איז ערגעץ דאָ א גרויסע מאמע יידישע ליטעראַטור און אלע דיכטער און דיכטערינס זענען אירע קינדער און ביי א מאמען זענען אלע קינדער גלייך גוט און גרויס, אלע זענען די בעסטע. און שרה רייזען האָט אפשר שטילערהייט א חלום, אז טאקע זי איז די מאמע פון דער גאנצער יידישער ליטעראַטור. איין איינציקן מענש אויף דער וועלט, איר אייגענעם זון מישא רייזען־קאסעל, האָט זי אפשר ליב הונדערט און איינס פּראָצענט, אַלע איבעריקע האָט זי ליב הונדערט פּראָצענט.

נאָר א מענש איז דאָך נישט מער ווי א מענש, כאַפּט זיך שרה רייזען אויך אמאָל ארויס מיט א רכילותדיק וואָרט וועגן א חבר, זי כאַפּט זיך אָבער באלד צענמאָל מער צוריק און יענער ווערט שוין דעמאָלט נישט נאָר דער גרעסטער, נאָר — גוצנדיק נאָדירס א וואָרט — דער גרעסטעסטער.

יאָרן־לאנג האָט שרה רייזען, שוין נאָך דער ערשטער מלחמה, געלעבט און געליטן אין ווארשע. נישט אלעמאָל האָבן די צייטונגען געוואָלט אקצעפּטירן אירע לידער און דערציילונגען און די פּאַרלאַגן אירע איבערזעצונגען און צרות זענען געוועזן אויפן פּוד, שיר נישט זעקס וואָכנטעג צופיל זענען געוועזן אין יעדער וואָך פון שרה רייזענס ווינען אין ווארשע. און אזוי ווי לויט מיין אָמט צווישן די חברים בין איך אלעמאָל געוועזן אויפן פּאָסטן בין איך יאָרן־לאנג געוועזן דער ערשטער פּאר וועלכן שרה רייזען האָט אויסגעגאָסן איר ביטער הארץ אין אָט די וואָכעדיקע פּרימאָרגנס. יעדן פרימאָרגן פלעגט שרה רייזען אויפשטיין מיט א נייעם קוואַל פון ענערגיע און מיט א נייע פּאָר פליגלען פון גלויבן און יעדן טאָג פלעגט די בייזע וועלט שיטן נייע זעק מיט זאמד אין די קוואַלן און פלעגט יעדן טאָג אויפסנייע איבערברעכן די פליגלען. איינמאָל האָט שרה רייזען אין אַזאַ מין וואָכעדיקן, פּראָזאישן פרימאָרגן אריינגעטראָגן איינס פון אירע צאַרטע לירישע לידער אין א רעדאקציע. אָפּגעזאָגט. האָט זי אין א צווייטער רעדאקציע אריינגע־

טראָגן א לייכטע, סענטימענטאלע לעבנס־סקיצע. אָפּגעזאָגט. האָט זי אין א פארלאג אריינגעטראָגן דעם ערשטן קאפּיטל פון אן איבערזעצונג פון א גוטן רוסישן ראָמאן. אָפּגעזאָגט. איז זי מיט א הויך געוויין ממש אריינגע־פאַלן צו מיר. האָב איך צוערשט געשוויגן, שפּעטער שטיל געגומען טרייסטן, שפּעטער אפילו אביסל מוסרן פאר דעם נעמען זיך צום הארצן די אלע זאכן. זי איז דאָך שוין ניט קיין קליין מיידעלע מער, אָט אזוי איז די וועלט, און זי דארף דאָס שוין וויסן. און דאָ האָט זיך שרה רייזען א הויב געטון פון דער שטול, אין די פארוויינטע, גרויסע אויגן פונקען ממש . . . איצט וועט מיין טינטער א פלי טון צו דער ערד, האָב איך מיט שרעק א טראכט געטון. און שרה רייזענס שיינע שוועסטערלעכע קול איז פארענדערט פון כעס און זי שרייט: און דו מיינסט — מיר זענען אויף דו, מיט א שוועסטער איז מען אויף דו — אז איך וועל נאָך די אַלע זאכן ערגער ווערן, זאָג איך דיר, אז איך וועל נאָך בעסער ווערן, איך וועל די לעצטע פּאָר שיך אויסטון און אוועקגעבן צו אָרימע, איך וועל בעטלען געלט און אוועקטראָגן צו הונ־געריקע, איך וועל נאָך בעסער ווערן, נאָך בעסער — — און זי האָט אויפּ־געהערט צו וויינען. די דראונג מיט דער נקמה האָט זי בארויקט . . . די סצענע וועל איך קיינמאָל אין לעבן ניט פארגעסן.

1942

ישראל שטערן

1891 אין אָסטראָלענקע, חוץ א רייזע קיין ווין — א גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט אין פּוילן, לרוב אין ווארשע, 1941 שווער קראַנק אין ווארשעווער געטאָ. 1943 טראַגישע ידיעות וועגן אים.

ער האָט א נייגונג צו פּעטלייביקייט — ישראל שטערן — אָבער דאָס איז אַזאַ מין קבצנישע פּעטלייביקייט, וואָס מאַכט א מענשן נאָך קבצנישער אויסזען ווי ער איז אין דער אמתן. דאָס פּנים שטערנס איז א פּנים פון א פּעטלייביקן ייד, נאָר בייזלעך פארשפּיצט. ער לאַכט זעלטן און האָט כּסדר טענות צו זיך און צו דער וועלט. און טאָמער באַגעגנט ער איינעם, וואָס לאַכט אָפט און האָט נישט קיין טענות, נישט צו זיך און נישט צו דער וועלט, וואָלט אים ישראל שטערן דורס געווען צום ליבסטן. — סטייטש, א מענש דרייט זיך ארום אויף אַזאַ וועלט פול מיט גאָט און מיט טייוול, פול מיט זינדיקער תאווה און זינדפולער חרטה — און איז פּשוט א מענש און גאָר־נישט מער. און א צופרידענער דערצו. מען דאַרף אַזאַ מענש דורס זיין. מען דאַרף — לויט שטערנען — אפשר א העלפט, אפשר דריי־פערטל און אפשר גאַנצע ניין און ניינציק הונדערטסטל פון די מענשן דורס זיין. און קודם כל איז ער זיך אליין טאַקע דורס. אָן א פארוואָס טרויערט ער און לעבט מיט א דאַרער שקארינקע און דאַוונט האַלבע טעג און די אַנדערע האַלבע טעג לערנט ער אין בתי מדרשים. ער איז א פארבלאָנדזשעטער אין דער ליטעראַטור און אין דער ליטעראַרישער סביבה און ער איז נאָך מער א פארבלאָנדזשע־טער אין דער חסידישער סביבה — אין אונזער סביבה איז ער צופיל מוסרניק און ביי די מוסרניקעס איז ער צופיל ליטעראַרט און קיין פאַמיליע האָט ער נישט. עפּיס האָט ער געהאַט — זאָגט מען — אַן אינטימע איבערלעבונג, וואָס האָט איבערגעלאָזן אַן אייביקע וווּנד אין זיין לעבן, אַן אומהיילבאַרע ווונד און דעריבער קומט ער אַזויפיל אָפּ. וואָס ביי אַנדערע וואָלט געווען א נאַטירלעכע און מענשלעכע זאַך, וואָס מען פארגיט זיך און וויל, אַז אַנ־דערע זאָלן פארגעבן — איז ביי שטערנען אַן אינערלעכער קין־צייכן. עפּיס א מין „יאָשע קאַלב״ איז ער. און צו די אַלע צרות קרענקט ער אָפט, ליידט פון אינערלעכע חולאתן, ווערט אָפט געשוואָלן ווי א באַרג. אינמיטן א העלן מיטוואָך, א ווינטערדיקן דערצו, קומט פון אים א שליח, עפּיס אַן אָפּגע־ריסענער חסיד, א חבר זיינער, און טיילט מיט, אַז דאָרט און דאָרט, ערגעץ אין די סאַמע אָרימסטע געסלעך ליגט אונזער חבר שטערן שוין דריי טעג אָן א לעפל וואַרים וואַסער אין מויל. לויפט מען אַהין אַריבער, אַלץ אמת,

טעלעפאָנירט מען אין שפּיטאָל און מען נעמט אים אַהין, קיין מאַנטל קען ער אויף זיך נישט אָנטון, אַזוי געשוואָלן איז ער, טוט ער אָן די צעריסענע קאָלדרע און אַזוי פֿאָרט ער אין א דראָשקע אין שפּיטאָל אַרײַן. די דראָשקע טרייסלט זיך אויפֿן הארבאַטן וואַרשעווער ברוק פֿון די אָרימע יידישע גאַסן און טרייסלט אַרויס שטיקער וואַטע פֿון דער קאָלדרע. נאָך עטלעכע וואָכן אָפּליגן אין שפּיטאָל האָט שטערן דעמאָלט אויפֿגעשריבן אפֿשר די שענסטע סעריע פֿון זײַנע לידער „פֿרילינג אין שפּיטאָל" . . . אין די געשפּרעכן מיט די חברים וואָרטשעט ער בײז, נאָר צאַרט ווי א דינער אינסטרומענט פֿון זעלטענער פֿאַרב און זעלטענעם קלאַנג און זעלטענער פּאָעטישער פֿײַנקייט רעדט ער אין זײַן פֿריי־פֿערזיקער פּאָעזיע.

כאָטש ער האָט פֿײַנט דאָס שרײַבער־פֿאַך האָט ער נאָך מער פֿײַנט אַלע אַנדערע פֿאַכן און ער האָט גאָר קיין שום פֿאַך נישט, אַפֿילו קיין לערער איז ער נישט, אַפֿילו נישט קיין מלמד, כאָטש זײַן פֿאָטער איז א מלמד געוועזן. אַרבעטן, אַרבעט ער קיינמאָל נישט און כאָטש ער האָט נישט קיין פֿאַמיליע מוז מען דאָך פֿאָרט עפּיס עסן — הונגערט ער טאַקע, און ער איז בײז פֿאַר וואָס ער הונגערט און ער איז בײז פֿאַרוואָס ער איז בײז. ער באַשולדיקט און ער פֿאַרדעכטיקט, ער פֿילט אין זיך די באַרופֿונג פֿון אַן אמתן פּאָעט, ער האָט דעם קערן פֿון א פּאָעט, אָבער נישט די שאָלעכץ און אין דער וועלט דאַרף א פּאָעט זײַן א פּרי אין א שאָלעכץ, אַזיסט קען מען נישט לעבן.

שטערן וואָלט וועלן, אַז אַלע זײַנע קאָלעגן־פּאָעטן זאָלן זײַן אַזעלכע לא יוצלחס ווי ער. און טאָמער נישט פֿאַרדעכטיקט ער, באַליידיקט ער. זײַן פּאָעטישע סמיכות האָט שטערן באַקומען פֿון ה. ד. נאָמבערגן, וואָס האָט פֿון אים געהאַלטן אַזוינס און אַזאַס און ער איז שטאַרק שטאָלץ אויף אָט דער סמיכה, ער זאָגט עס נישט, אָבער מען ווייסט.

אַמאָל — און דאָס איז געוועזן נאָך העט אין יאָר 1920 האָב איך געזען שטערנען פֿלירטעווען מיט א מיידל, נאַטירלעך, אַז שטערן האָט שוין געפֿלירטעוועט איז דאָס געוועזן א בת הרב און נישט גלאַט אַזוי א מיידל, נאָר איבעראַשט בין איך געוועזן צו זען א שמייכל אויף שטערנס פּנים. זינט דעמאָלט האָב איך אים קיינמאָל מער נישט געזען פֿלירטעווען מיט א מיידל און ממילא האָב איך מער קיינמאָל קיין שמייכל אויף זײַן פּנים נישט געזען.

ער איז א מענטש פֿון אַסך יידישן וויסן און נישט ווייניקער אַלגעמיינעם וויסן, מען איז אָפּט פֿאַרוווּנדערט פֿון די פֿײַנע פֿרעמדווערטער, וואָס ער נוצט אַזוי פֿריי און ריכטיק. אין דער צײַט ווען עס איז אָנגעגאַנגען דאָס פֿאָרן אויף פֿאַרלעזונגען אויף דער פּוילישער פּראָווינץ וואָלט אויך שטערן געקענט דערבײַ פֿאַרדינען, האָט ער אָבער פֿײַנט דאָס פֿאַרדינען און זאָגט

אָפּ אײַן אײַנלאַדונג נאָך דער אַנדערער װײַל ער פּאַרט נישט אום שבת און װיל נישט, אַז מען זאָל פּאַרקויפֿן בילעטן אויף זײַנע פֿאָרלעזונגען אום שבת. און די אַלע פֿאָרלעזונגען קומען דווקא פֿאַר נאָר אום שבת. אָבער אַז עס גייט נישט אין פֿאַרדינען וועט שטערן פֿאָרן און שרײַבן אום שבת. דער עיקר איז דער להכעיס צו זיך און צו דער וועלט. און רעדן האָט מען אים דווקא ליב צו הערן ווײַל ער רעדט אינטערעסאַנט און באַגײַסטערט און זאָגט עפּיס און רעדט מיט אַ ניגון ווי אַ מגיד, הויבט זיך אַלץ העכער און העכער אין די עולמות העליונים און דער עולם מיט אים. און רעדן האָט ער ליב דער עיקר וועגן פּרק׳ן און עס איז קלאָר, אַז אַפֿילו פּרק אַליין וואָלט הנאה געהאַט פֿון אַזאַ מין חסידישן רעדן וועגן אים. — באַשטעלט מען בײַ שטערנען אַן אַר־טיקל אויף אַזאַ און אַזאַ טעמע און דער אַרטיקל זאָל זײַן אַזוי און אַזוי לאַנג און זאָל זײַן פֿאַרטיק דעמאָלט און דעמאָלט, ברענגט ער אָפּ דעם אַרטיקל אָדער מיט אַ וואָך פֿריער, אָדער מיט אַ וואָך שפּעטער, און נישט אויף דער טעמע, וואָס מען האָט באַשטעלט און נישט די גרויס, וואָס מען האָט געבעטן — און דערצו איז ער בייז.

נאָך דאָס געטטאָ האָט אים געפּעלט אַלס ראַמען צו זײַן גאַנצן אומגליק־לעכן וועזן און דערצו שוער־קראַנק זײַן אין געטטאָ — האָט ער עס. אויב נאָר אַביסל גלויבן און פּיזישע קראַפֿט איז אין אים געבליבן האָט ער זיכער אויפֿגעשריבן די לידער פֿון געטטאָ — פֿרילינג אין געטטאָ־שפּיטאָל . . . און אָט אַזוי איז ער אײנער פֿון די צאַרטסטע יידישע דיכטער, וואָס האָט קײנמאָל זײַנע לידער אין אַ ביכל נישט אויפֿגעזאַמלט און נישט געלאָזט, אַז אַנדערע זאָלן עס טון.

1942

שלמה שיינבערג

1891 אין פולאָוו. געוווינט אין אלערליי שטעט אין פוילן, צייטנווייז אויך אין וואַרשע, געשטאָרבן אלס פּליט אין ראטן־פאַרבאַנד, אין קויבישעווער ראַיאָן אין שטעטל סענגילעי דעם 26טן סעפּטעמבער 1942.

מען קען נישט זאָגן, אז די פּויליש־יידישע אויסשפּראַך איז די שענסטע. אָבער אז שלמה שיינבערג האָט גערעדט פּויליש־יידיש איז דאָס געווען ממש מוזיק. דאָס איז געווען א דיאלעקט־לאָזער דיאלעקט — אַזוי־צוזאָגן. אָט אַזוי ווי יידיש דאַרף מען רעדן נאָר אַזוי און נישט אנדערש. אַזוי ווי פּויליש־יידיש און נאָר פּויליש־יידיש וואָלט געווען אונזער מאַנדארין־יידיש, אָט אַזוי ווי דאָס פּעקינער מאנדארין־כינעזיש איז דאָס איידעלסטע כינעזיש פאַר די כינעזער.

און געהייסן האָט ער אויך נישט שלמה שיינבערג — נאָר ער האָט געהאַיסן שלמה שאַינבערג.

פאַרוואָס איך שטעל מיך אַזוי בּראַיט אָפּ אויף דעם פּרט, ווייל ביי שיינבערגן איז דאָס געווען א קולט ממש. ער האָט זיך דאָך נישט גלאָט אַזוי אויסגעכאָוועט אין פולאָוו ביי דער ווייסל, נאָר אין פּילעוו באַ דער וואַאסל... און די ווייסל און די יידישע ליטעראַטור פון דער גאָלדענער פּרץ־תקופה איז אַזוי ווי דער דאָן פאַר די קאָזאַקן.

ער איז אַזאַ שטילער געווען שלמה שיינבערג און ער האָט געהאַט אַזויפיל פּיעטעט פאַר די יידישע שרייבער, וואָס האָבן געקערט וועלטן אַרום אים, אַז ער האָט אַזש פאַרגעסן כסדר אין זיך אַליין. און עס איז שוין גאָרנישט געווען וואָס צו פאַרגעסן — כאָטש אַלע טאַלענטן שיינבערגס זענען געווען ווי די דורכשניטלעכעביימער אין אַ וואַלד זענען. גרינע, געזונטע, קערנדיקע, וואָרצלדיקע און גוטע — און כאָטש זיי זענען דער וואַלד, און נישט די הויכע ביימער, וואָס זענען זיך אַרויס — זענען זיי זיך אָבער פּאָרט נישט אַרויס איינצלנע, נאָר ווי אַ וואַלד. דאָ קען מען זאָגן דאָס באַרימטע שפּריכוואָרט פאַרקערט: פאַר לויטער וואַלד זעט מען די ביימער נישט אַרויס . . .

ווי האָט ער אויסגעזען? אַזוי ווי א דורכשניטלעכער ייד זעט אויס. נישט קיין ראַסיקער ייד, נאָר א ייד פון א גאַנץ יאָר, א ייד א האָרעפּאַשניק, וואָס טאָמער איז ער א סטאָלער שמעקט פון אים מיט האָלץ און טאָמער איז ער א מילנער שמעקט פון אים מיט מעל און מיט קאָרן, און דער סטאָלער

איז אלעמאָל אַזוי באַהאַנגען מיט היבלינקעס און דער מילנער אַזוי פֿאַר־מעליקט אלעמאָל, אַז מען זעט בײַ זײַ גאָר קײן פּנים נישט אַרויס. אַ מיטל־וווקסיקער איז ער געווען, שלמה שײנבערג, אַ ייִד צווישן ייִדן, נישט קײן שוואַרצער, נישט קײן בלאָנדער — אַ ייִד. און אַזוי ווי ס׳גאַנצע לעבן איז זײַן פּראָפֿעסיע געווען ייִדיש — לערנען, שרײַבן, רעדן, דיכטן, איבער־זעצן, אַרויסגעבן, אַ שטעטלדיק זויבער קלײטל פֿון כל טוב מיט ייִדיש — האָט טאַקע פֿון אים געשמעקט מיט ייִדיש לשון און מיט פֿאָלקסטימלעכן ייִדישקייט און אלעמאָל האָט ער מיט זיך געטראָגן אַ טעקע פֿול מיט ייִדיש, ביכער, מאַנוסקריפּטן — כל טוב.

אַז שײנבערג האָט אַמאָל אויף אַ פֿאַרזאַמלונג גענומען אַ וואָרט פֿלעגט איטשע מאיר ווײַסענבערג זיצן און קוקן אים גלײַך אין פּנים אַרײַן און שלינגען יעדעס וואָרט. די בראַיטע פּתחן האָבן געגלעט זײַן זשעליכאָוועער אויער און זײַנע אײגעלעך האָבן געגלאַנצט מיט פֿרייד. און פּלוצלונג איז ער אויפֿגעשפּרונגען און אַ געשרײ געטון: — צו קושן יעדעס וואָרט, ייִדן, אָט אַזוי דאַרף מען רעדן ייִדיש, אַז עץ עט מער וואָזן נאָך אײן ייִד, וואָס רעדט אַזוי ייִדיש — על יאָך ענק געבן פּעטש . . .

ער האָט אַלץ געקענט, שלמה שײנבערג, נאָר נישט פּרנסה האָבן. ער האָט געשריבן שײנע לידער, פּאָעמעס, וואָס זענען ערגעץ נעלם געוואָרן, אַזוי ווי אײַנגעזאַפּט, ער האָט געשריבן קאָרעקטע דערציילונגען, ווײַל צום לעזן, אפֿילו ראָמאַנען האָט ער אויך געדרוקט און נאָך מער געשריבן, און דער עיקר האָט ער איבערגעזעצט אַ וועלט מיט ביכער — דער עיקר פֿון דער רוסישער ליטעראַטור. גרויסע, קאַפּיטאַלע ווערק האָט ער איבערגע־זעצט. אָבער צו קײן פּרנסה איז דאָס אַלץ נישט געקומען. דער אויפֿריכטי־קער ענטוזיאַזם — וואָס האָט צוריקדאַטירט נאָך העט ווײַט צו דעם יאָר ווען יצחק לײבוש פּרץ האָט באַזוכט דעם קרײַז פֿון די ייִדישע שילער פֿון דער פּולאַווער אַגראָנאָמישער שולע, און שלמה שײנבערג איז דאָך אַ פּולאַ־ווער אַלע יאָרן געווען — די ערלעכע אַרבעט האָבן נישט דערלאָזט צו קײן פּרנסה. אַמאָל האָב איך שײנבערגן באַזוכט אין זײַן הײם אין פּולאַוו. עס איז געווען אַ פֿאַרטער־שטוב אין אַ הויף, אַ זויבערע שטוב און בוכשטעבלעך ליידיק. אפֿילו קײן בענקלעך נישט — נאָר בענק צום זיצן ווי אין אַ פּויע־רישער שטוב. און די ביכער זענען געשטאַנען זויבער צעשטעלט אויף דער פּאָדלאָגע בײַ די ווענט, אונטערגעלייגט מיט שטרויענע מאַטעס. בײַם אַרײַנ־גאַנג אַ בעקן מיט אַ קוואָרט אויף אַ קעסטל. דאָ האָט ער יאָרן־לאַנג איבער־געזעצט טאָלסטאָיס גרעסטע ווערק אין ייִדיש. איך האָב מיר געטראַכט שטי־לערהייט: וואָס זאָגט זײַן פּרוי דערויף? נעמט זי עס אָן ווי גורל? אָבער אין

שמועס האָט די קרענקלעכע און בלאַסע פרוי שײנבערג אַזוי ענטוזיאַסטיש מיטגערעדט וועגן דער ארבעט פון איר מאַן, אַז מײַן שטומע שאלה האָט זיך אַלײן פאַרענטפערט.

און וואָס פאַר אַ מאָדנע אײנפאַלן שײנבערג פלעגט האָבן. אַביסל ענ־לעך צו דעם אײנפאַל פון דעם באַלעגאַלע צו געבן זײַן פערדל יעדן טאָג אַ זשמעניע האָבער װײניקער . . . אָט האָט ער אינמיטן פון אַ װאַלד אָר־גאַניזירט אַ יידישע זעצערײ? . . דאָס איז נישט קײן שפּאַס. גרױסע ביכער האָבן זיך דאָרט געזעצט. צ.א. דער יידישער טעאַטער־לעקסיקאָן. דער חשבון איז געװעזן צדק. מען װעט פּאַשען קי אין װאַלד, האָבן מילך, כאָװן הינער, האָבן אײער, זעצן קאַרטאָפלעס אַלײן, און אױף דאָס ביסל ברױט װעט שױן יאַקאָש געבן די יידישע זעצערײ. װױנען װעט מען אַלס װאַלד־נאַמן בײ אַ יידישן פּאָמיעשטשיק. ארבעטלאָזע יידן װעלן האָבן ארבעט, קומען צו די כוחות און אָפּשפּאָרן אַ גראָשן . . . נישט אײן יידיש ביכל איז אַזױ אין װאַלד געזעצט געװאָרן. דער עיקר אַ גרױסע סעריע איבערזעצונגען פון דער װעלט־ליטעראַטור. און װען נישט די װעלט־מלחמה, װאָלט אפשר פון יע־נעם פּולאָװער װאַלד אַרױס געקומען די גרױסע רעטונג פון יידישן בוך . . .

אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. שײנבערג האָט אַמאָל געדונגען אַן אױ־טאָמאָביל און געפאָרן, װי מענדעלעס פּראָטאָטיפּ מיט דער קלאַטשע, פון שטאָט צו שטאָט און פאַרשפּרײט יידישע ביכער בחצי חנם. און שײנבערג מיט זײַן פול מױל מיט זאַפטיק יידיש מאַמע־לשון האָט געקענט אײנרעדן אַ קונה, אַז מען זאָל קױפן אַ יידיש בוך. ער פלעגט רעדן אַזױ האַרציק, אַזױ אױפריכטיק, גלױביק.

1942

משה שימעל

1904 אין לעמבערג. זינט אַרום 1930 אין װאַרשע. 1939 אַנטלאָפֿן קײן װײַס־רוסלאַנד. זינט 1941 קײן שפּור פֿון אים.

אַ בלאָנדער, זײער אַ בלאָנדער, אַ רונדיקער, נישט קײן הױכער, מיט בלאָנדע, גלאַטע, געדיכטע, יונגע האָר, אַביסל אַ װײבליך־װײכער, כאָטש אַ פֿעסטער און זײער רירעװדיקער, אַ שײנער מיט שײנע אױגן פֿול מיט שײַנער פֿאַרװוּנדערונג און אײביקן שטױנען האָט זיך אַרום 1930 פּלוצלונג פֿאַריאָװעט בײַ אונדז אײנער, װאָס פֿלעגט זיך זײער קאָרעקט, זײער גענױ, זײער דײַטליך, כאָטש זײער טאַקטיש אַלעמאָל פֿאָרשטעלן: יאָ יעסטעס מאָריצי שימעל —

— װערזשע איז מאָריצי שימעל? — און ער פֿלעגט אױפֿקלערן מיט גרױס נאַיװקײט, אַז ער איז אַ פּױלישער דיכטער און ער פֿלעגט באַלד דערציילן װער עס האָט ביז איצט זײַנע לידער געליבט און װער עס האָט זײ אַראָפּגעריסן. אַביסל ממזרישקײט איז אין אים געװעזן — אַזױ װי אין אַלע גאַליציאַנער, דערצו נאָך „לװאָװסקיע דזשיעטשי״, לעמבערגער קינדער; און דאָך איז אַזאַ פֿרײד געװעזן צו קוקן אין זײַנע אױסגעקײַלעכטע פֿון אײביקער פֿאַרװוּנדערונג, בלױע און מיט אַ גרינלעכער שײַן — אױגן און צו הערן װי ער רעדט אַרױס אַלע אמתן. און דעם נאָמען זײַנעם פֿלעגט ער נישט אַרױסרעדן מיטן אות יוד אױף יידיש, נאָר מיטן אות איגרעק אױף פּױליש. שימעל אױף דײַטש האָט צװײ באַדײַטונגען, אײנע — דאָס זעלבע, װאָס אין יידיש — שימל, אױך סינאָנים פֿון אַלטקײט און שימעל איז אױך אַ װײַס פֿערדל. אָט אָ דאָס צװײטע בילד האָב איך פֿאַר מיר דערזען, אַזױ גיך שימעל האָט זיך אױך פֿאַר מיר פֿאַטעטיש פֿאָרגעשטעלט. אַלץ האָט זיך בײַ אים אָנגעהױבן מיט אַן אָ, קמץ־אלף־אָ און געענדיקט אַזױ. גאָר גיך האָט ער בײַ אונדז באַקומען דעם צונאָמען קמץ־אלף־אָ.

צו אונדז פֿלעגט ער קומען אָבער צו די נישט־יידן פֿלעגט ער גײן. באַלד זענען דערשינען זײַנע פּױלישע לידער־זאַמלונגען, איך װיל נישט זאָגן, אַז ער האָט פֿאַרשאַטנט מיט זײ די לידער פֿון דעם געניאַלן פּױלישן דיכטער און יוד פֿון לאָדזש יוליאַן טובים. אָבער זײַן װעג איז געװעזן קלאָר און דײַטליך. שימעלס אַ ליד האָט זיך גערן געלעזן. עפּיס פֿון זײַן גאַנצן פֿאַרװוּנדערטן װעזן איז געװען אין דעם. לידער פֿון די טאָג־טעגלעכסטע טאָגטעגלעכקײטן, אָבער אַזױ פֿיל פּאַטאָס איז געװעזן אין דעם. דער עיקר נײַ זענען זײַנע לעבעדיקע לידער װעגן שטובזאַכן.

אַט לויפט ער ערגעץ מיט גרויס איילעניש. — וואָס לויפסטו אַזוי שי־מעלען? — ער האָט קיין איין רגע קיין צייט נישט. ער האָט ערשט אין „מאָ־מענט" איבערגעלעזן סעגאַלאָוויטשעס אַ ליד פון זיין סעריע „שורות אכט" און ער מוז אים שוין אויסדריקן זיין באַוווּנדערונג. אָ! נאָר אַזוי גיך ער האָט דערזען סעגאַלאָוויטשן איז ער נאָך מער פאַרוווּנדערט געוואָרן פון זיין נייעם (און דאָס נייקייט פלעגט פאַסירן יעדן טאָג, אַמאָל אויך צווייטמאָל אין טאָג) קראַוואַט. און ער האָטביידע קאָמפּלימענטן געזאָגט אין זעלבן אָטעם און טעמפּאָ.

נאָר אַט לויפט ער שוין נישט מער אַליין. מיט אים לויפט אַ מיידל. איי־נע פון די שיינע מיידלעך, וואָס פלעגן קומען אין אונזער קלוב. פּונקט אין זעלבן ווּקס ווי ער, פּונקט מיט אַזעלכע חן־גריבלעך, נאָר אַ שוואַרץ־חנעוור־דיקע. און איידער מיר האָבן נאָך געקענט זאָגן כאַטש איין רכילותל זענען זיי שוין געווען רעספּעקטאַבלע מאַן־און־ווייב.

און כאַטש עס האָבן זיך פּאַר אים געעפנט — און ניט צו שווער — טירלעך אין דער פּוילישער ליטעראַטור אַריין, נאָך נישט דאָס הויפּט־טויער דערוויל, נאָך נישט די פּאַראַדנע בראַם, האָט ער זיך פּלוצלונג דער־פילט דאָרט אַ פרעמדער. אַ לעמבערגער קינד — אַ „סטודענטל פון ים־שוים", אַזוי פלעגט מען זיי רופן — נאָר עפּיס איז אים נאָכגעגאַנגען אַ שאָטן. דער מאַמעס קראָם ערגעץ הינטער דער שיל אין לעמבערג, אַ נישט צו גוט לעבן אין דער קינדהייט, אַ פאַמיליען־טראַגעדיע — אַסך יידישע שאָטנס. און די שאָטנס פלעגן פאַרשאָטענען אַלע דערפאָלגן אַלע פּוילישע און אין איין שיינעם פאַרכמורעטן, פאַרסלאָטעטן, וואַרשעווער אָסיען־טאָג האָט ער זיך באַוויזן ביי אונז אַלעמען און אויך ביי מיר מיט — אַ יידיש ליד. וווּנדערבאַר איז יידיש, ווי ריין גאָלד קען עס לעבן אַן אַ שיעור יאָרן באַגראָבן אין שטויב און אַז עס באַוויזט זיך אויף דער פלאַך גלאַנצט עס אַזוי פריש און שיין און אייביק — גאָלד. אַ ציכטיקע שריפט, אַ ציכטיק ליד און אפילו באַלד שוין אָריגינעל — אַ ליד וועגן שטוב־זאַכן — און די אונטערשריפט איז שוין נישט מער מאָוריצי נאָר פשוט משה. און כאַטש משה שימעל האָט דווקא אַט די סצענע אין זיין לעבן דורכגעפירט אינגאַנצן אָן פּאַטאָס און אָן איין קמץ־אלף־אָ, איז אָבער ממש היסטאָרישער פּאַטאָס אין דעם געווען. ער איז נישט אוועקגעגאַנגען טראַגיש, נישט ווי אַ פאַרלוירענער זון — און צוריק־געקומען איז ער אָן טומל, ווייל עס איז נאָך קיין גרויסער טומל מיט אים נישט געווען אין דער פּוילישער ליריק — און דאָך איז אַזאַ פּאַטאָס אַרום דעם געווען, גיכער אין דעם. און ער האָט באַלד נישט געוואָלט הערן און געדענקען מער פון פּויליש. — ס'טייטש שימעל, ווייסטו דען נישט, אַז מיר

האָבן דיר גאָנישט צו געבן? און דערצו איז שוין דעמאָלט ממש א פּאַניק־שטימונג געווען אין ווארשע. ער ווייסט אלץ, נאָר אזוי איז עס. פסיכאָלאָגישע אויפקלערונג קען מען לייכט געפינען אין דעם פאקט, וואָס די מייסטע לידער זיינע אין יידיש זיינען געווען אויף מאמע־מאָטיוון. א מוטער־קאָמפּלעקס איז אין אים געווען זינט זיין קינדהייט און אומקערן זיך צו יידיש איז געווען אומקערן זיך צו דער מאמען. אויך דאָס לשון רופט זיך דאָך „מאַמע־לשון".

גאָר באלד האָט ער ארויסגעגעבן א יידישע זאמלונג פון זיינע לידער. און מיט טראָציקייט האָט ער די זאמלונג געשיקט צו די יידיש־פּוילישע דיכטער. נאָר ער איז איינער געווען און געבליבן און איין שוואלב מאכט נישט קיין זומער.

איינמאָל איז ער אריינגעלאָפן צו מיר מיט פּאַטאָס און קאָמפּלימענט וועגן מיינע זייער שלעכטע און פרעמדע דראמעס „ווייב און מאַן". איך האָב אים געזאָגט: — נאָך איין גוט וואָרט וועגן די דאָזיקע דראמעס און איך וועל אויפהערן צו גלויבן אין שימעלס טאַלענט . . . ער איז אזוי טרויעריק געוואָרן, זיך פארענפערט . . . און אָט זע איך זיינע לידער אין סאָוועטישע אויסגאבעס. אגיטקעס אביסל, אָבער פול מיט זיין ספּעציפישן טאַלענט און הארציקייט, קינדישער אויפריכטיקייט. און אויס . . . ווי א שטראל, א בלאָנדער שטראל . . .

1944

בער שנאַפּער

1903 אין א שטעטל לעבן לעמבערג. א צײַטלאַנג אין זײַן פריער יוגנט אין ווין. זינט 1933 אין װאַרשע. נאָך 1939 — קיין ידיעות װעגן אים.

שנאַפּער איז א כאַראַקטעריסטישער גאַליציאַנער נאָמען און בער שנאַפּער האָט אין זײַן פּאָעזיע עלעמענטן, װאָס זענען טיפּיש־גאַליציאַניש. בלעטער איך אין זכרון די בלעטער פון יידישן ליד אין גאַליציע און זע, אז כמעט אַלע דאָרטיקע דיכטער האָבן אָט דעם עלעמענט אין זיך. כמעט אלע — אויסנאַמען זענען אוודאי דאָ. גאַליציע איז געװעזן א גרויסער ענין — א טרעפּ־פּונקט און א קרייץ־פּונקט פון אסך קולטורן. און דער עיקר אין די הערצער און מוחות פון די גאַליציאַנער יידן האָבן זיך די דאָזיקע קולטורן געטראָפן און געקרייצט. אפילו די נאטור אין גאַליציע איז באַשטאַנען — העלפט אויף העלפט — פון צוויי אנטקעגנגעזעצטע עלעמענטן. גאַליציע איז א לאַנגע מדינה געװעזן — קראָקע אין װײַטן מערב, סטאַניסלאַװאָו אין װײַטן מזרח, דער גאַנצער צפון איז באַשטאַנען פון פלאַך־לאַנד און דער דרום פון הויכע בערג. דער גאַנצער קאַרפּאַטן־פּאַס. די גאַליציאַנער יידן איז נישט געגאַנגען אַזוי גוט, נישט פּאָליטיש און נישט מאַטעריעל, אָבער, אַז זיי האָבן זיך נאָר דערמאָנט װיאַזוי עס גייט זייערע ברידער אויף יענער זייט גרעניץ — און גאַנץ צפון־גאַליציע איז געװעזן איין לאַנגער גרעניץ־פּאַס מיטן צאַרישן רוסלאַנד — איז זיי געװעזן גוט, א מחיה — אָ, ס'איז װויל צו זײַן א גאַליציאַנער. אַזאַ לאַנד האָט געמוזט באַשאַפן א ספּעציעלע מענטאַליטעט אין זײַנע דיכטער, דער עיקר אין די יידישע. און אַזוי איז עס טאַקע געװעזן. די גרויסע צאָל פון די „גאַליציאַנער דאָקטוירים״ איז נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשה און אויך נישט קיין צופעליקייט. אויך די גרויסע צאָל פון די גאַליציאַנער יידישע דיכטער, װעדליג װי אויף א שבט פון אכט־הונדערט טויזנט נפשות, איז נישט קיין צופאַל. פייגל פליען זייער, זייער נידעריק פאַר א שטורעם, װערן אומעטיק און זינגען אַזוי שיין. אמאָל שײַנט אפילו נאָך די זון אויף זיי — אָבער זיי, קינדער פון הימל, װייסן שוין, אז שטורעם קומט . . . אפשר איז דער זאָאָלאָגישער פאַרגלייך א שליסל צו דעם אומענדליכן אומעט פון כמעט אַלע גאַליציאַנער יידישע דיכטער. זיי האָבן געאַנט דעם שטורעם — און װאָס פאַר א שטורעם; א פאַרניכטענדיקן שטורעם, װאָס האָט זיך אָנגערוקט פון אלע זייטן. א גענעראַל־פּראָבע איז אָפּגעהאַלטן געװאָרן אין די יאָרן 1914־1918. גאַליציאַנער דיכטער האָבן געקענט געאָגראַפיע און געשיכטע און זיי האָבן געװוסט, אז זייער אינטואיציע

נאָרט זיי נים. וואָס עס זאָל נישט קומען — דאָס וואָס איז געווען און איז געווען אַזוי שיין וועט שוין נישט זיין.

בער שנאַפּער איז איינער פון די כאַראַקטעריסטישסטע פּון, אפשר דער לעצטער פּלעיאַדע, פון יידישע דיכטער אין גאַליציע. ער איז אויפגעכאַ־וועט געוואָרן אין לעמבערג ביי א טאַטן א שוסטער אין איינער פון די דאָר־טיקע פּערשטעט. אויך איך האָב א פּאָר יאָר פון מיין לעבן — 1910־1912 — געוווינט אין לעמבערג. בשעת מיינע וואַרשעווער יאָרן — 1920־1934 — פלעג איך פון צייט צו צייט אהין צופאָרן, זיך טרעפן מיט די דאָרטיקע דיכ־טער און אוודאי מיט שנאַפּערן. איינמאָל זענען מיר שעהן־לאַנג געגאַנגען איבער לעמבערג און איך בין געווען פול מיט פאַרוואונדערונג איבער א מאָדנער זאַך: אינגאַנצן א צען־פופצן יאָר ווי איך בין פון דאָרט אוועק, יעדן בוים, יעדעס הויז האָב איך דערקענט. עס איז נאָך געשטאַנען אויפן זעלבן פּלאַץ, נאָר אין זאַך האָט זיך לחלוטין געביטן, דאָס וויכטיקסטע, די באַ־פעלקערונג. אמאָל האָב איך דאָ אלע, אַלע געקענט און איצט קיינעם, קיי־נעם. זיי זענען זיך צעפלויגן, צעפאָרן, צעלאָפן. שוין דאָס נאָענסטע לויפן איז געווען וואַרשע. כאָטש וואַרשע. איז וואַרשע ממש אינוואַדירט געווען דורך די גאַליציאַנער אינטעליגענטן און אויך די גאַנצע גאַליציש־יידישע דיכטונג האָט זיך סוף־סוף אהין אריבערגעטראָגן און צווישן זיי — שנאַפּער.

אַ שאַרף פּנים, א זייטיקער בליק, א שפּיציקער קאָפּ, יינגערהייט שוין גאָל, ברוינע אויגן, א פּנים פון א הייס־געבאָדענעם. אזא מענש איז ער, וואָס מיידט אויס צוזאמענשטויסן ווייל ער קען זיך און קיין שלעכטער איז ער דאָך נישט. אָבער עס מאַכן זיך שוין צוזאמענשטויסן. טוט ער זיך אָן א כּוח און פאַרשווייגט. און קינסטלעך אויסגעמיטענע צוזאמענשטויסן — קומען נאַטירלעך מיט טאָפּלטער קראַפט אפיר אין א צייט אַרום.

רחל אויערבאַך, א יידישע זשורנאַליסטין, איז געווען א צייטלאַנג, איי־דער זי האָט זיך פאַרבונדן מיט איציק מאַנגער, די פרוי פון בער שנאַפּער. ער האָט געזאָגט, אז זי האָט זיך אַמאָל אָראָפּגערעדט דאָס האַרץ פאַר מיר — און ווי אָפט ער פלעגט מיך באַגעגענען, פלעגט ער זיך אזש מיניען פון כעס, אָבער איך האָב נישט געזאָגט. איך בין דאָך נישט שולדיק געווען. אַמאָל האָב איך א רעצענזיע געשריבן וועגן שנאַפּערס אַן ערשטלינגס־ביכל, גע־שריבן גוטס, אָבער פאַרגעוואָרפן צו שטאַרקע איינפלוסן פון צו נאָענטע דיכטער. דאָס איז אייגנטליך געווען דאָס ערשטע קינדל פון שנאַפּערס כעס אויף מיר. אויערבאַכס ווידוי דאָס צווייטע. אז איך האַלט פון זיין פּאָעזיע אַסך, אַסך, אז איך לעז זיינע לידער מיט התלהבות, אז איך רעציטיר זיי אָפט פאַר פריינט, אז איך האַלט, אז זיין קלאָג־ליד פון א שטעקן, וואָס האָט גע־

וואָלט נאָך בליען און מען האָט פון אים געמאכט א פאָלקע צו שפּאַלטן יידי־
שע קעפּ, איז ממש א גרויס ליד — וועגן דעם אַלעמען האָט שנאָפּער נישט
געוווסט. און אפשר אונטערבאַוווסטזיניק נישט געוואָלט וויסן. און איינמאָל,
אַ פּאָר טעג פאר מיין פארלאָזן פּוילן אויף שטענדיק, אין טעג ווען עס איז
מיר געווען אזוי אַנגעזאלצן אויפן הארץ, אַזוי ווי א באַזאָלצן כשר שטיקל
יידיש פליש אויף א נאסן, געפלאָכטענעם זאלץ־ברעטל — קומט שנאפּער
צו מיר אַריין. זיין זייטיק, שפּיציק פּנים איז זויער ווי עסיק. און איידער
וואָס ווען גייען שוין די קולות אין הימל אריין ממש. גאנץ פּלוצלונג און
כמעט אָן א פארוואָס איז ער אזוי אַרויס פון די כלים, אָט ווי מען ציט א
שווערט פון א שייד אַרויס . . . און אויך מיך, וואָס דאָס געשעט ביי מיר
איינמאָל אין א יובל, האָט אויך א רוח א שלעפּ געטון פון די כלים ווי אַ
קרומע, טאָטערישע שווערט פון איר שייד . . . צו קיין בלוט־פארגיסונג
איז עס נישט געקומען. אָבער די ווערטער, וואָס זענען דעמאָלט געשמיסן
געוואָרן אין די פּנימער, וועלן מיר ביידע פארשוויגן ביז אין אונזערע
טויטן. אין מיר איז געבליבן א טעם ווי אין ראבטשיקן נאָך דעם באַרימטן
הייסן באָד זיינעם. איבערגעבעטן האָבן מיר זיך פּונקט אזוי פּאַטעטיש און
הייס און הארציק. איך האָב שנאַפּערן פון אויסטראַליע געשריבן א בריוו
נאָך זיינעם א שארף־גוטן ליד און ער האָט מיר געענפערט מיט א וויד־
מונגס־צושריפט אויף זיין ניי בוך פון כאָטש דרייהונדערט ווערטער.

און גיי פארלאָז דיך אויף כעס פון פּאָעטן.

1942

פּראָפעסאָר דר. פישל שניאורסאָן

1887 אין קאמענעץ־פּאָדאָלסק. געװױנט אין אלערלײ שטעט אין אַמאָליקן רוסלאנד, אין װארשע, אין בערלין, אין ניו־יאָרק, װידער אין װארשע און בשעת׳ן צװײטן װעלט־קריג אין ארץ ישראל.

איך האָב פּראָפ. שניאורסאָנען דאָ אױבן אָנגערופן מיט אַלע זײנע טיט־לען נישט דערפאר װײל ער איז אזא שטרענגער פּראָפעסאָר און אָן טיטלען קען מען זײן נאָמען נישט אָנרופן, נאָר װײל ער האָט די טיטלען ליב, און ליב נישט צוליב פּוסטער גאװה, נאָר װײל עס איז יום־טובדיקער אזױ, שני־אורסאָנען ארט נישט, אז מען רופט אים אױך רב פישל, דעם טיטל טראָגט ער אױך מיט רעכט, האָט סמיכה אױף רב, אבי נישט װאָכעדיק און טרוקן: פישל שניאורסאָן. דאָס לעבן איז אָדער יום־טובדיק אָדער עס איז גאָרנישט װערט. דאָס איז א טײל פון שניאורסאָנס װעזן, פון זײן פילאָזאָפיע, זײן לעבנס־קוק און זײן טאָג־טעגלעכער פּראַקטיק. — אלע האָבן אים ליב, ער פירט דעם יום טוב מיט זיך אזױ װי א דאָרפסגײער פירט די גאנצע קראָם מיט זיך. װו ער זעצט זיך נאָר אַװעק גײט עס א בלישטש מיט אַלערלײ שײנ־קײטן. אױך מיט שניאורסאָנען קען מען קײנמאָל נישט רעדן סתם אזױ, אלץ מוז באגלײט װערן מיט א גלײכװערטל, א משל, און פרעגט מען אים א נו־מער פון טעלעפאָן, װאָס קען שױן זײן טרוקענער, ענפערט ער כאָטש מיט א קונציקער גימטריא . . . און אזױ זעט ער אױך אױס: אײביק יום־טובדיק, צעשמײכלט, פרײטיק־פאַרנאַכטיק ערשט געקומען פון מרחץ און גרײט מיטן לכה דודי אױף די ליפּן צו גײן אין שול ארײן. ער איז א פּעדאגאָג, נאָר נישט װי א לערער, און װער שמועסט א שטרענגער, נאָר װי א טאטע מיט א מאַמען און א זײדע מיט א באָבען צוזאמען, אזױ באציט ער זיך אלס פּע־דאגאָג צום קינד. שױן אביסל צו גוט, עס איז קעגן דער מענשלעכער נאטור און שניאורסאָן איז אלעמאָל פול מיט „מענש־װיסנשאפט״, א טערמין, װאָס ער האָט אלײן געשאפן. ער איז א דערצײלער, דערצײלט גאנץ פּשוט א מעשה, שרײבט א נאָװעלע, אָדער א ראָמאַן, אָבער עס איז װיסנשאַפטלעך, ער איז נישט אױסן די מעשה צו דערצײלן און אפילו זי קינסטלעריש ארױס־צוברענגען, כאָטש ער טוט עס. ער איז אַן עקזאַקטער װיסנשאַפטסמאַן און נוצט אָפּט אזעלכע דרײיגאָרנדיקע װערטער, װאָס קײן װיסנשאַפטלער אפילו נוצט נישט, נאָר עס איז א בעלעטריסטישע װיסנשאַפט. ער איז זײער רע־ליגיעז, נאָר עס איז אזא מין װעלטלעכע רעליגיאָזיטעט, ער איז א װעלט־ליכער מענש, נאָר עס איז אזא מין רעליגיעזע װעלטלעכקײט. ער היט אָפּ

שבת, זייער שטרענג אפילו, אָבער ער איז נישט קיין שומר־שבתניק, עס ארט אים נישט, אז די גאנצע וועלט איז וואָך, ביי שניאורסאָנען איז דאָך אין דער וואָכן אויך א שטיקל שבת, דער עיקר צו מנחה־צייט.

א שיין־געוואקסענער און א שלאנקער איז ער, פּראָפ. שניאורסאָן, בכלל אן אנגענעמע דערשיינונג, פרויען זאָגן, אז ער איז זייער א שיינער, אפשר דערפאר ווייל — ווי לאנג איך האָב אים געקענט יעדנפאלס — איז ער גע־ווען א בחור. שוין זיכער אריבער זיינע פערציק דעמאָלט. ער טראָגט שווארצחנעוודיקע וואנציקלעך און מיני פאות אָדער באקנבערד. די פּראָ־פעסאָרישע ליסינע אלע מאָל יום־טובדיק פארקעמט מיט א ביסל האָר, די אויגן און אפילו די ברילן שמייכלען דיר אייביק אנטקעגן. און פון די רייד שמייכלט דיר אלעמאָל אנטקעגן א משל און א בילדעריש מעשהלע.

כאָטש אליין אן אוקראַינער האלט שניאורסאָן זייער שטארק פון די פוילישע יידן, ער האלט, אז פוילישע יידן זענען דער סענץ פון וועלט־יידנ־טום .אלץ איבעריקע איז וואסער. וואסער איז אויך זייער גוט, נאָר אז מען גיט נאָר אריין א טראָפּעלע סענץ ווערט טיי. נישט נאָר אין פוילן, נאָר אי־בער דער גאנצער וועלט דערפילן די פוילישע יידן אָט די מיסיע — לויט שניאורסאָן — צו זיין דאָס ביסל סענץ פון יידישקייט. צופיל פוילישע יידן איז נישט גוט, אָבער אָן א ביסל קען מען זיך נישט באגיין. — איינמאָל האָב איך איינגעלאַדן שניאורסאָנען אנטיילצונעמען אויף אן אוונט פון א שרייבער, וואָס איז אים געווען זייער צום הארצן און וואָס ער האָט אים זייער גוט געקענט, אָבער ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט ענפערן אויפן אָרט, צי נעמט ער אָן די איינלאדונג. פּארדריסט עס מיך. פרעג איך בייז: פארוואָס די שהיות. ענפערט ער מיט א משל, ער איז אגב א געענדיקטער דאָקטאָר מעדיצין, אז א דאָקטאָר דארף צוגיין צו א קראנקען וואשט ער זיך אָפּט די הענט מער ווי מען דארף, אין דעם דריקט ער אויס די ליב־שאפט צו דער פּראָפעסיע און דער קראנקער ווערט פון דעם אליין שוין א שטיק געזונט. זיין רעדע וועט ביי אלעמען האָבן דריימאָל אזויפיל טעם, אז ער וועט זיך קווענקלען, ענפערן מאָרגן, איבערמאָרגן. און אזוי איז עס טאקע געווען. ער רעדט מיט דביקות, שניאורסאָן, מיט א קרעכץ און מיט א פּאָר־ווורף און אזוי ווי מען וואָלט אים געצווונגען, כאָטש ער האָט ליב דאָס רעדן ווי דאָס לעבן, צום ליבסטן וואָלט ער כסדר גערעדט. — איך ווייס נישט וויפיל און אויף וויפיל שניאורסאָנס אידעען פון אויסמענשלען דעם מענש זענען פּראקטיש און וויסנשאפטלעך עקזאקט, איך ווייס נאָר, אז זיינע אי־דעען זענען אלעמאָל זייער אינטערעסאנט, פארכאַפּנדיק, ניי. — איך האָב אמאָל אין א געזעלשאפט פון א פּאָר צענ־ליק יאַהודים אין אויסטראַליע

אויפגעקלערט שניאורסאָנס אידעע פון דעם סוד פון דער שטאַרקייט פון די יידן לגבי דער וועלט און דער צייט. אָט איז עס אין געציילטע ווערטער: גלות איז א שווערע פאָלקס־קרענק, א טויטלעכע קרענק פאר א פאָלק. אָבער נישט פון אַלע טויט־קראנקהייטן שטאַרבט יעדער קראַנקער. און אז ער לעבט איבער, איז ער שוין אימון. יידן האָבן צופעליק איבערגעלעבט די פאָלקס־טויט־קרענק, דעם גלות. נו זענען זיי שוין איצט אימון, שטאַרקער ווי אַלע. — די יאהודים זענען ממש פארכשופט געווען פון דעם געדאנק און כאַטש וויסנשאפטסלייט זענען געווען צווישן זיי, זענען זיי אזוי פאר־כאפט געווען פון שניאורסאָנס אָריגינעלן כאפּ, דריי מיטן גראָבן פינגער, אז עס האָט זיי לחלוטין מער נישט אינטערעסירט צי דאָס איז וויסנשאפטלעך אויסגעהאלטן. — אָט דער געדאנק איז כאראַקטעריסטיש פאר שניאור־סאָנען.

און אין חלומות, ווי יעדער פסיכאָלאָג, איז שניאורסאָן ממש פארנארט. איינמאָל בין איך געווען פארשייט גענוג אים צו דערציילן אן אויסגע־טראַכטן חלום. שניואָרסאָן האָט געבויט גאַנצע טעאָריעס אויף אָט דעם אויסגעטראַכטן חלום מיינעם, איך האָב אָבער שוין קיין מוט מער נישט געהאַט צוצוגעבן מיין קינדעריש שפּיצל און סוף כל סוף האָב איך אליין גענומען גלויבן, אז עס האָט זיך מיר טאַקע געחלומט. און אפשר טאַקע — פון צייט צו צייט פלעגט שניאורסאָן אויפנעמען פּאַציענטן, פסיכיש דע־פּעקטיווע מענשן. און אין די מייסטע פאַלן האָט ער אויסגעהיילט. ער איז צו יעדן פּאַציענט צוגעגאַנגען נישט ווי צו א מענש־יחיד, נאָר ווי צו א וועלט א גאַנצער, א גאַנצער מענשהייט, און אָט דער הייליקער ערנסט אליין איז שוין געווען האַלבע רפואה. ער האָט טאַקע ליב דעם מענש. שטאַרק ליב. חסידיש ליב.

1942

שמואל לייב שניידערמאַן

1906 אין קוזמיר ביי דער ווייסל. 1925 ווארשע. 1933 פאריז. 1940 ניו יאָרק. רייזעס איבער איראָפּע, נאָענטן מזרח, ארום און אפריקע.

מען האָט אמאָל נאָדירן געפרעגט: וואָס ווילט איר אייביק פון אַפּאַטאָשון? ער האָט געענפערט: גאָרנישט. נאָר א מענש מוז זיך דאָך קריגן מיט עמיצן — קריג איך מיך מיט אַפּאַטאָשון. — אויך איך האָב א רייע פון יאָרן אויף דעם אופן געפירט א קידער־ווידער מיט ש. ל. שניידערמאַנען. ער שטאמט פון קוזמיר, דאָס איז א שטעטל, וואָס האָט אלעמאָל געהאט אסך געסט ,א היסטאָריש שטעטל, דאָס שטעטל פון אסתרקע, דער שיינער, דער געליבטער פון קעניג קאַזימיעזש דעם גרויסן מיט דער שלמה המלך־באָרד, וואָס האָט פארבעטן די יידן קיין פוילן. אין קוזמיר איז די יידישע פאָלקס־נויט געווען פונקט אזוי גרויס ווי אומעטום, נאָר נישט אזוי שרעקליך. נו האָבן די דאָרטיקע יידן אמאָל געשמייכלט אויך — צו געסט מוז מען שמייכלען, אז מען פירט זיי ארום און ווייזט זיי די שאָנקייטן פון שטעטל און די אַלטע חורבות. ביי אסך געסט ווערט א מענש זיכערער אויך. און אָט די זיכערקייט, אָט דעם שמייכל האָט שניידערמאַן מיטגעבראכט קיין ווארשע און אויך לידער ,אסך לידער, און אויך גוטע פויליש־קענטשאפט, און אויך גרייטשאפט צו טון אלץ, וואָס הויבט זיך אָן מיט אן אלף אין דער ליטעראַטור. אן ארטיקל, א רעצענזיע, אן איבערזעצונג, א פאָעמע, א דערציילונג, א רעפּאָרטאזש. און אין איינעם שיינעם טאָג זענען מיר געוואָרן טינט־שונאים, כאָטש שטעך זיך מיט שטומפיקע בלייפעדערס... (דם־שונאים וועל איך בשום אופן נישט זאָגן, ווייל געהיימערהייט האָבן מיר געהאט א סימפּאַטיע צו זיך אלעמאָל און בפירוש) און געשען איז דאָס אזוי. מען האָט באַדארפט האָבן אן איבערזעצונג פון דעם דייטשן עקסטראוואגאנטן דיכטער סטעפאן געאָרגע. שניידערמאַן האָט זיך באלד געכאפט: ער וועט מאכן די איבערזעצונגען, דערביי האָט ער ארויסגעזאָגט דעם נאָמען אויף ענגליש „דזשאָרדזש". כאָטש מען האָט געדארפט זאָגן: געאָרגע. און גאָר באלד האָב איך נגעשריבן א קליינעם פאמפלעט־ארטיקל אויף דעם חבר־אָנהויבער אין דער ליטעראַטור און זשורנאליסטיק און — — דער ארטיקל האָט שטארק אויסגענומען ביי חברים. א סימן, אז מען דאַרף נישט ווארטן ערשט ביז מען באַקומט די נאָבל־פּרעמיע, אָדער וועלטבארימטקייט, כדי צו האָבן קנאה־שנאהניקעס ביי פען־חברים. דאָס קען מען האָבן באלד אויפן ערשטן טרעפל פון דער קאַריערע.

שנײדערמאַנס ענערגיע האָט זיך פאַרדרײפאַכט צוליב מײַן אַנגריף. ער האָט מיך אַטאַקירט אויף דרײַ פראָנטן. ערשטנס האָט ער מיר צוגעשיקט לידער אונטער אַ פרעמדן נאָמען און איך בין אַרײַנגעפאַלן און די לידער געלויבט . . . צווייטנס האָט ער קעגן מיר געשריבן. דריטנס האָט ער מיר פאַרקלאָגט צום חברים־געריכט און אויב מיר וואָלטן געהאַט אַ פּריוואַטן ליטעראַרישן סיביר אין יידיש־ליטעראַרישן וואַרשע וואָלט איך דאָרט אַרומגעקלימפּערט מיט די קייטן מײַן לעבן לאַנג . . . צו קיין געריכט איז עס אינגאַנצן נישט געקומען אין דער אמתן ווײַל דער נישט דערפאַרענער אין דער יוריסטיק יונגער פּאָעט און זשורנאַליסט האָט נישט געוווּסט, אַז מען קען נישט אי אַליין שטראָפן ,אי פּאַדערן, אַז אַ געריכט זאָל שטראָפן.

אָט זע איך שנײדערמאַנען פון די צײַטן פון יענער קאָמפּאַניע; נאָפּאָלעאָנישער וווּקס. אפשר איז דאָס דער סוד פון דער ענערגיע. בלאָנד. אַ יידיש פּנים מיט אַ נייגונג צו פעט־ווערן. יידיש, אָבער נישט צו שטאַרק יידישלעך. די אויגן לאַכן אַלעמאָל. גיט מען אים אַ פרעג עפּיס אַ שווערע פראַגע, אָדער מען וויל אים פאַרגעבן אַ שווערע אויפגאַבע, גיט ער ממזריש די אויגן אַ וואָרף ערגעץ אַרויף און אין אַ רגע זענען זיי שוין דאָ צוריק. ער איז שוין גרייט מיט אַן ענפער און שוין גרייט צו טון. אָבער ביי אָט די אַלע גרייטקייטן איז דאָ ביי אים אַ געוויסע ליניע, ער איז קיינמאָל נישט גרייט צו טון זאַכן וואָס זענען קעגן זײַן געוויסן. ער מאַכט קאָנצעסיעס, אָבער זײַן פּען בלײַבט אַלעמאָל פעסט אין זײַן האַנט.

אַז מיר האָבן זיך גאָר באַלד איבערגעבעטן און אפילו ליב געקראָגן איז איבעריק צוצוגעבן. אָט זענען מיר ביידע אין פּאַריז און מיר זענען שוין גאָר פרײַנט. שנײדערמאַן איז שוין אפילו אַ באַלעבעסעל, ער האָט חתונה געהאַט מיט דער שיינער טאָכטער פון דעם פאַרלעגער ב. שימין. עס ציט אים שוין ווייניקער צו פּאָעזיע, ער באַטראַכט עס שוין מער ווי אַ זײַטיקע זאַך, זײַן הויפּט־פאַך איז רעפּאָרטאַזש, נישט כראָניק־רעפּאָרטאַזש, נאָר לענדער־רעפּאָרטאַזש פאַר ביכער. און ער דערגרייכט אויף דעם געביט אַסך. גיט ביכער אַרויס. און דער רעפּאָרטאַזש־שרײַבער נומער איינס פון אייראָפּע — עגאָן ערווין קיש — שרײַבט אים אַ הקדמה צו איינעם פון די ביכער.

אָט איז שוין וועלט־קריג נומער צוויי. פּאַריז ברענט אויף אַן אמת, נישט נאָר אין אַ פאַנטאַסטיש בוך און שנײדערמאַן איז שוין אין ניו יאָרק. אַלעמאָל דערזעלבער. נאָר דער שמייכל איז שוין נישט מער אַזוי זיכער. אַוודאי האָט אים די ענערגיע זײַנע געראַטעוועט אין צײַט, אָבער אין פּאַריז זענען געבליבן אַזויפיל חברים, אַזויפיל פרײַנט און דאָ איז אַזאַ קאַלט־

קייט אין אָט אַ דער ניו־יאָרקער היץ. און צום ערשטן מאָל דערזע איך שנײַ־דערמאַנען גאָר אין אַן אַנדערן ליכט — ער איז אַ גוטער. דער עיקר אַ גוטער חבר. ער קערט װעלטן כּדי דעם צו פאַרשאַפן אַ װיזע, יענעם שיקן אַ טשעק. און אָט זיצן מיר אין אַ רוישיקן ניו־יאָרקער כאָפּ־לאַפּ־קאַפע און מיר רעדן װעגן די יאָרן פון אונזער טינט־שׂנאה און בלײַפעדער־שטעך מיט אַזױפיל ליבשאַפט װי מען דערמאָנט זיך די סאַמע זיסטע איבערלעבונג. מיר האַלטן די האַנטפלאַכן איבער די אױגן כּדי זיך בעסער צו דערמאַנען די אָדער יענע סיטואַציע. געדענקט איר . . . געדענקט איר . . . אָבער נישט בלױז פון געמײנזאַמען װאַרשע זענען פאַרהאַנען געמײנזאַמע דערינערונגען, עס זענען אױך פאַרהאַנען דערינערונגען פון װײַטע װעלט־װינקלען װאָס — כאָטש נישט אין דערזעלבער צײַט — מיר האָבן בײדע געזען. דער עיקר די דזשונגלען מיט די לײבן און די נעגערס אין אַפריקע.

און אָט איז אַ גיכע באַגעגעניש אין מאָנטרעאַל. אַ שעה. מיט שנײדערמאַנען זײַן פאַמיליע, זײַן חנעװודיק טעכטערל. אַ קינדיש־מײדלישע מיניאַטור פון טאַטן. שטעלט טױזנט פראַגן אין אײן מינוט און פאַרענטפערט זיך אַלײן אין דערזעלבער מינוט טױזנט און אײנס און פרעגט שױן די טױזנט און צװײטע. און דער טאַטע איז שױן אַביסל דיקלעך, די בלאָנדקײט שיטערער, די אַמביציעס שױן נישט מער געשפּאַנט װי דער אָדער פון אַ בױגן. אַסך פײַלן זענען שױן אױסגעשאָסן, שױן געטראָפן אין ציל, שױן דערגרײכט.

1943

נישטאָ שוין טלאָמאַצקיע 13 — —

(סענטימענטאַלער קדיש נאָך א ליטעראַר־היסטאָרישן אדרעס)

א פּריינט פון װאַרשע האָט מיר אין א בריװ צופעליק און דרך אגבדיק מיטגעטיילט, אז אזוי ווי דער „פאַריין״ (דער פאַריין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין װאַרשע, טלאָמאַצקיע 13) האָט זיך די טעג איבער־געצויגן, גיט ער מיר אָן א פּריװאָטן אדרעס.

די ידיעה האָט אויף מיר קיין שטאַרקן רושם נישט געמאַכט, אזוי ווי די ידיעה פון טויט פון א נאָענטן מענטשן, וואָס דער טויט איז פאַר אים מער אָן אויסלייזונג איידער א טראַגעדיע וויל — יענער איז שוין שטאַרק אַלט געוועזן, און — — איינמאָל מוז מען דאָך שטאַרבן.

און נאָך אלע זאַכן — וואָס פאַר א באַדייטונג האָט שוין אין היינטיקע צייטן דאָס שטאַרבן פון אָן — — אדרעס, ווען דאָס שטאַרבן פון לעבעדיקע מענטשן, וואָס קענען נאָך הונדערט מאָל אין לעבן בייטן זייערע אדרעסן איז געוואָרן אזא וואָכעדיקע זאַך, און נישט גלאַט שטאַרבן, נור שטאַרבן פאַר דער צייט און שטאַרבן פאַר דער משוגענער אמביציע פון א משוגענעם הונט.

אָבער דאָך גלאַט מיט שווייגן פאַרבייגיין דאָס שטאַרבן פון דעם וויכ־טיקסטן ביז איצט יידישן ליטעראַר־היסטאָרישן אדרעס טלאָמאַצקיע 13 — קען איך נישט.

יעדער יחיד אין דער וועלט איז גלייכצייטיק אריינגערעכנט אין דעם געוואַלטיקן בילד פון די וועלט־געשעענישן און אויך גלייכצייטיק אריינ־געפּאַסט אין דעם שמאָלן ראַמל פון זיין פּשוט און פּריוואַט לעבן. און פאַר־האַנען מאָמענטן, ווען דאָס צווייטע איז וויכטיקער ווי דאָס ערשטע.

און אזוי ווי דער יחיד, אזוי דער קליינער און דער גרויסער כלל.

און אזוי אונזער ליטעראַטור.

פון איין זייט א קרייץ־געשפּאַנטע איבער אלע וועלטן און צייטן, א העראָישע און א מאַרטירערישע מיט א נאָענטן נעכטן, א צעריסענעם און א שטורמישן היינט און אָן אומבאַקאַנטן מאָרגן —

און פון דער אנדערער זייט א מענטשליכע ווי אלע אנדערע ליטעראַ־טורן פון דער וועלט, מיט קליינע זאָרגעלעך און קליינע רכילותלעך, וואָס אז מען זעט דאָס אלץ פון דער נאָענט מיט קורצזיכטיקע אויגן דאַכט זיך,

אַז די האָריזאָנטן פֿון דער ליטעראַטור זענען געװעזן די שמוציק־גאָלד־זײדענע באַרימטע טאַפּעטן פֿון דעם גרױסן זאַל פֿון טלאָמאַצקיע 13.

אַ פֿרײַנט פֿון װאַרשע האָט מיר צופֿעליק מיטגעטײלט, אַז טלאָמאַצקיע 13 ציט זיך איבער, עס האָט אַ ריס געטון אין האַרצן, און אין אַ מינוט אַרום האָב איך גיכער געפֿילט אַ דערלײכטערונג אײדער אַ טרױער.

אָבער מיט דעם גאַנג פֿון די טעג און פֿון די אָװנטן, נאָך דער שבֿעה אַזױ־צו־זאָגן, זענען געקומען די שלושים פֿון די מעדיטאַציעס און פֿון די סענטימענטן. טלאָמאַצקיע 13 איז אַרױס פֿון דעם מיסטקאַסטן פֿון דעם הײַנט און אַרײַן אין דער װעלט פֿון געלײַטערטן און קלוגן ליטעראַרישן אָנעקדאָט — נײַן, נאָך מער, אין דער װעלט פֿון דער ייִדיש־ליטעראַרישער לעגענדע, אין דער װעלט פֿון יענע אַדרעסן, פֿון װעלכע קײן באַלעבאָס קען שױן מער נישט אַרױסװאַרפֿן, אין דער װעלט פֿון דער ייִדישער ליטע־ראַטור־געשיכטע.

יאָ, ליטעראַטור־געשיכטע!

און װאָלט עס אונז איצט אין דער ייִדישער ליטעראַטור גוט געװעזן און מיר װאָלטן קײן טױזנט אַנדערע זאָרגן נישט געהאַט, װאָלט מסתּמא פֿון ערגעץ װוּ געקומען דער פֿאָרשלאָג אַרױסצוגעבן אַ גרױס זאַמלבוך אָן אַנעקדאָטאָריום מיט דעם נאָמען: טלאָמאַצקיע 13.

ליטעראַטור־געשיכטע פֿאַר זיך װאָלט דאָס נאָך נישט געװעזן, נור אַ בונט שליסלען װאָלט עס געװעזן צו די געהײמע קעמערלעך און שופֿלעד־לעך צו דעם קאַפּיטל פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע, װאָס טראָגט בפֿירוש דעם נאָמען: טלאָמאַצקיע 13.

אַ בונט שליסלען צו אַסך, אַסך בפֿירוש גרױסע װערק אין דער ייִדי־שער ליטעראַטור, צו אַסך גרױסע נשמות אירע און צו אַסך באַװעגונגען אין איר, װאָס האָבן איבערגעלאָזן טיפֿע שפּורן.

אפֿשר איז אַזאַ מין פּראָיעקט פֿון אַן אַנעקדאָטאַריום טלאָמאַצקיע 13 בײַ עמיצן אין קאָפּ געבױרן געװאָרן, װײַל איך מיך אָנשליסן אָן דעם פּראָ־יעקט און אים שטיצן דערמיט. און אפֿשר איז אַזאַ מין פּראָיעקט נאָך נישט געבױרן געװאָרן — װײַל איך אים ברענגען דערמיט.

צװײ און צװאָנציק יאָרן איז טלאָמאַצקיע 13 אַלט געװאָרן. און נישט גלאַט יאָרן, נור 1916 ביז 1938.

דאָס זענען דאָך נישט אַבי יאָרן — נור דאָס זענען דאָך די יאָרן.

און נישט אבי־ווו האָט טלאָמאצקיע 13 די יאָרן געלעבט און אויסגע־לעבט.

דאָס איז דאָך געװעזן — װארשע.

א קלײניקײט צו זאָגן: װארשע —

אויף די שמוציק־גאָלד־זײדענע װענט פון טלאָמאצקיע 13 האָבן גע־האַנגען די צװײ גרעסטע פרץ־פּאָרטרעטן פון דער יידישער װעלט. און זײ זענען ניט געהאָנגען אויף א פאלשן אדרעס.

עס איז אזא צײט איצט בײ אונז, װען מיר לאכן נישט מער פון טרא־דיציע אזוי אין דער װעלט בכלל, אזוי אין דער יידישער װעלט און אזוי אין דער װעלט פון דער יידישער ליטעראטור. זאָל נור עמיץ קומען און זאָגן: אויף דעם און דעם אדרעס נעמט מען אָן ארטיקלען, זכרונות, מעדיטאציעס און אנעקדאָטן אויף דער טעמע טלאָמאצקיע 13 און עס װעלן זיך א שאָט טון מאַנוסקריפּטן פון אלע עקן װעלט, װײל דורך טלאָמאצקיע 13 איז משך פון די 22 יאָרן דורכגעגאנגען די גאנצע — אָדער שיר נישט די גאנצע — יידישע ליטעראטור פון אונזער צײט.

דאָס איז געװעזן דאָס חלום־מעקקא פון די טרוימערס פון א ליטעראַ־רישער יידישער קאריערע (אומשטײנסגעזאָגט) פון טויזנטער און טויזנ־טער, װאָס האָבן זיך געריסן פון די בלאָטעס ארויס פון די צװײטויזנט יידי־שע שטעט און שטעטלעך פון פוילן.

דאָס איז געװעזן די עיר מקלט פון די טויזנטער, װאָס האָבן זיך שוין פון די בלאָטעס פון די שטעטלעך ארויסגעריסן און זיך שוין דערשלאָגן צו די שטײנער פון דעם הארבאטן װארשעװער גאסן־ברוק.

דאָס איז געװעזן א מין לאָנדאָנער הײד־פּארק פון די פּארצװײפלטע, װאָס האָבן דאָ געפינען אָן אָרט אויסצושטורעמען פרײ זײער װאָרט, װאָס איז אָפט געװעזן גערעכטער װעלט־כעס און אָפט נור אויסדרוק פון היסטעריע. װען אָט די שמוציק־גאָלד־זײדענע װענט װאָלטן נישט נור געהאט אויערן, װאָס פלעגן אראָפּהענגען בײ זײ אין די װינקל־װענט װי אויערן פון חיות נור אויך מײלער, װאָלטן זײ אסך, אסך געהאט צו דערצײלן, פאר דורות צו דערצײלן.

חברים, יידישע שרײבער איבער אלע פינעף טײלן פון דער װעלט! טרוקענע באטראכטונג אויף רעכטס — כעס אויף לינקס! אװעק מיט זײ! געלײטערטער סענטימענט אין אונזער הארץ.

לאָמיר זיך פאַרזאַמלען בײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק פֿון אונדזער טלאָ־מאַצקיע 13, וואָס איז שוין פאַרבײַ. לאָמיר זיך פאַרזאַמלען איבער אַלע ימים און גרעניצן אַריבער און לאָמיר דערציילן די אומצאָליקע מעשׂיות פֿון אונדזער היים פֿון 22 יאָר צײַט.

איך מײן נישט קײן סענטימענטאַל בלעטל פֿון אַ דרײַ בויגן מיט אַ פּאָר סענטימענטן דרך אַגבֿדיקע. איך מײן נישט קײן כראָניק מיט אַרכיװ־דאַטעס. איך מײן אויך נישט קײן אַנקעטע, װוּ יעדער מוז זײַן פּאָרטראַטן. איך מײן אַן ערנסט און אַ גרויס בוך —

איך מײן אַ בוך, װאָס װעט זײַן לדורות, נישט װי אַ שליסל, נאָר װי אַ בונט שליסלען צו אַסך קאַמערן און קעמערלעך פֿון אונדזער ליטעראַטור־אוצר איבער דער גאָרער װעלט פֿאַרשפּרײט.

איך מײן אַ בעלעטריסטיש בוך, אַן אַנעקדאָטאַריום, אין זין פֿון דעם װאָרט פֿון דעם גרויסן פּוילישן ליטעראַטור־קריטיקער באָי־זשעלענסקי: אַ ליטעראַטור און אַנעקדאָטן איז װי אַ קיך אָן זאַלץ.

איך װיל אויך דרך אַגבֿ זאָגן, אַז דער ייִװאָ פֿון װילנע װאָלט געדאַרפֿט אין דעם פֿאַל דורך אַ ספּעציעלן שליח פּאַכמעניש זיכערן דעם אַרכיװ פֿון טלאָמאַצקיע 13.

װי װיכטיק אָט דער אַרכיװ איז װיל איך דאָ אילוסטרירן מיט אײן פֿאַקט. (זײ זענען שוין אַלע אויף דעם עולם אמת און דערפֿאַר מעג מען דאָס שוין דערציילן). אַלע האָבן געװוּסט, אַז פּרצעס ערשטע פֿרוי, די מאַמע פֿון זײַנע זין די באָבע פֿון זײַן אײניקל, איז שוין װײסט גאָט װי לאַנג טויט . . . און אין אײן שײנעם טאָג איז זי אַרײַנגעקומען אַ לעבעדיקע אין דער קאַנצעלאַריע פֿון ליטעראַטן־פֿאַרײן (עס איז געװען מיט אַן אַכט יאָרן צוריק) און האָט זיך פֿאַרגעשטעלט נישט װי פּרצעס ערשטע פֿרוי, נאָר װי די טאָכטער פֿון גבֿריאל יהודה ליכטענפֿעלד, װאָס זי איז געװען, און גע־בעטן מען זאָל איר פֿאַרהעלפֿן צו אַן אָרט אין מושב זקנים . . .

אָט אַזעלכע און טויזנט ענליכע דאָקומענטן אַנטהאַלט דער אַרכיװ פֿון טלאָמאַצקיע 13. דאָס דאַרף פּאַכמעניש געזיכערט װערן — און שוין איצט מיט בעלעטריסטישן טאַלענט אויסגענוצט.

דאָס איז געװען אין אַ דעצעמבער־טאָג אין 1934, ערבֿ אַ רײַזע קײן מאַנדזשוריע, דער לעצטער פֿון די דרײַ און האַלב טויזנט טעג, װאָס איך האָב אַלס סעקרעטאַר פֿון טלאָמאַצקיע 13 דאָרט פֿאַרבראַכט. אַפֿפֿאָרן האָב איך אין יענעם טאָג שוין געמוזט, אָבער צוליב אײנער פֿון די אומענד־

ליכע מחלוקתן, וואָס זענען אייביק אָנגעגאַנגען אין ליטעראַטן־פּאַריין, איז נישט געווען ווען אין יענעם מאָמענט איבערצוגעבן אַלע פּרטים פון דער אַרבעט, אַלע ביכער, אַרכיוון, אַקטן.

איך האָב אַלץ צוגעבראַכט צו אַן אָרדענונג, אָפּגעשלאָסן אַלע ביכער, געברענגט אַלע אַקטן אין זייער סדר און זיך אַרומגעדרייט איינער אַליין איבער דער קאַנצעלאַריע אַ פּאָר שעה.

איך האָב געוואָלט רעדן צו עמיץ, אָבער נישט געווען צו וועמען.

האָב איך גערעדט צו מיר אַליין, גערעדט און איבערגעגעבן אַלץ — קיינעם נישט.

מיך איז באַפאַלן אַ שטימונג ווי אין פּרצעס — נאָך קבורה.

שפּעטער איז געקומען שוין אין דער לעצטער רגע ש. י. סטופּניצקי און האָט (אַלס דעמאָלטיקער פּאַרזיצער) מיט ציטערנדיקע הענט, ווי זיין שטייגער איז, איבערגענומען ביי מיר די שליסלען.

איך בין וואָס גיכער אוועק.

עס איז שוין געווען נאַכט און די אייביקע פינסטערניש אויף די ברייטע, האַלצערנע, נידעריקע טרעפּ פון טלאָמאַצקיע 13.

איך בין אַראָפּגעגאַנגען די ערשטע האַלב־טרעפּ און בין שטיין געבליבן אין אַ ווינקל. עטליכע חברים זענען גיך אַרויף און אַראָפּגעלאָפן די טרעפּ און מיך נישט באַמערקט און נישט דערקענט.

איך האָב געוויינט.

איך האָב מיר קלאָר אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון פון דער נאַרישער סיטואַציע צו שטיין דאָ אויף די טרעפּ, אַ פערציקיעריקער מאַן, צו העשען ווי אַ קינד און צו ווישן זיך די טרערן.

איך בין אוועק אהיים, אויפן וואָקזאַל, אויפן ווייטן מזרח, אויף דער וועלט — און ערשט איצט איז אָנגעקומען די ידיעה, וואָס האָט באַשטעטיקט יענעם סענטימענט פון די טרעפּ צו טלאָמאַצקיע 13.

איצט האָט עס שוין קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט, גיכער אַ דערלייזונג.

יאָרצענדלינקען־לאַנג איז דער וואַרשעווער ליטעראַטן־פּאַריין אויף טלאָמאַצקיע געווען אַ שעיר לעזאזל פון דער אָנגעווייטיקטער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע. אַ שעיר לעזאזל אַ . . . וואַנקאַ וואַסטאַנקאַ צו־

גלײך . . . נישט אײנמאָל האָט זיך געדאכט, אז שוין, ער האָט שוין אזוי באקומען אָנגעבראָכן די בײנער, אז ער װעט זיך שוין נישט אױפהױבן, גאנ־צע פּאפּירענע שלאכטן האָט מען קעגן אים געפירט, אָבער אײדער װאָס װען — דער װאָנקאָ װסטאָנקאָ האָט זיך שוין אױפגעהױבן און ער איז שוין װידער דאָ.

אָפּט פלעגן קומען אויף די בארימטע שטורמישע גענעראל־פאַרזאַמ־לונגען פון טלאָמאצקיע 13 פאָרשלאָגן צו ליקווידירן אים, א סוף זאָל ער נעמען ! נור אז ס'איז געקומען צו דער אפּשטימונג האָבן די פאָרשלאָג־געבער, װאָס האָבן ערשט פארטײדיקט זײערע פאָרשלאָגן — מיט א מינוט שפּעטער אלײן געשטימט קעגן זײערע פאָרשלאָגן און נישט נור געשטימט קעגן, נור מיט א געהױבענער און פאטעטישער שטימע דערקלערט: אָפּ־דאַרן זאָל די האנט, װאָס װעט זיך אױפהײבן צו שטימען פאר דער ליקווי־דאַציע פון טלאָמאצקיע 13 . . . .

אין דעם דאָזיקן װינקל איז געלעגן א כישוף —

און אז איר װילט איז דאָס גאָרנישט געװעזן קײן כישוף, נור פשוט א בענקשאפט פון הײמלאָזע צו האָבן א הײם.

האָבן מיר דאָך נאָמבערגן, נאָך זײן טויט אװעקגעלײגט אין א קאסטן אויף א קאטאפאלק אין ליטעראט־פאַרײן ביז צו דער לװיה נישט בלױז צוליב כבוד װעגן, נור אויך צוליב דעם װײל ער האָט טאקע קײן הײם נישט גע־האָט, קײן אײגענע הײם, װו זיך אָנצושפּארן פאר דעם גרױסן שלאָף אין קבר.

און איצט איז אויך שוין טלאָמאצקיע 13 אײנגעזאמלט געװאָרן צו זײ־נע פּרעזידענטן און מיטגלידער אין דער ליטעראטן־אלעע אויף דעם גענ־שער בית־עולם.

דער שעיר־לעזאזל־װאָנקאָ־װסטאָנקאָ האָט זיך ענדליך אויף גוט אָני־דערגעלײגט מיט די פיס ארויף אויף אײביק.

די אָרגאניזאציע האָט נישט אױפגעהערט צו עקזיסטירן, זי װעט זיכער פארזעצן איר עקזיסטענץ אין איר צװײטן גילגול. אָבער מיט טלאָמאצקיע 13 איז פארענדיקט א תקופה.

און א פארענדיקטער תקופה, פונקט װי א פארענדיקטן מענש, דאַרף געשטעלט װערן א מצבה.

כאָטש א פּאפּירענע — —

און בכלל, און בײַ דער טרויעריקער געלעגנהייט: מיר פֿאַרנעמען זיך צו װײניק מיט פּערזענלעכן מאָמענט אין אונזער ליטעראַטור. פֿאַרן שרײַבער איז זײַן לעבן, נאַטירלעך, דער קװאַל פֿון װאַנעט ער שעפּט אויף אַן אמת זײַן שאַפֿן, און פֿאַר דעם לעזער איז דעם שרײַבערס לעבן די שולע אין װעלכער ער דערגענצט זײַן װיסן און פֿאַרשטײן פֿון אַ שרײַבער.

און טלאַמאַצקיע 13 איז אין דעם זינען אין אונזער ליטעראַטור געװעזן אַ גאַנצע נעץ פֿון קװאַלן פֿאַר אַסך שרײַבער, און איז אויך אויף דעם אופֿן אַ גאַנצער שול־סיסטעם פֿאַר דעם לעזער אויף צו דערגענצן זײַן װיסן װעגן אַסך, אַסך יידישע שרײַבער.

אַ קלײנער פֿאַקט — קוים, אָדער װײניק באַמערקט אין דער יידישער פּרעסע. די ענדערונג פֿון אַ פּאָפּולערן אַדרעס. און דאָך — אַן אַפּשלוס פֿון אַ תּקופֿה, אַ דעפֿיניטיװע דאַטע פֿון אַ היסטאָרישער באַדײַטונג אין אונזער ליטעראַטור.

דאָס הערלעכסטע דערבײַ איז, װאָס טלאַמאַצקיע 13 האָט אויפֿגעהערט צו עקזיסטירן שיר נישט אין דעם זעלבן מאָמענט, װען עס איז אין װאַרשע פֿאַרטײלט געװאָרן צו דרײַ באַדײַטנדיקע שרײַבער די פּרײַז־פּרעמיע פֿאַר דרײַ באַדײַטנדיקע ראָמאַנען אויף אַמאָל.

אָבער די פּאַפּירענע מצבֿה, יידישע שרײַבער פֿון דער װעלט, זענט איר שולדיק, שולדיק דער היים פֿון באַלד אַ פֿערטל יאָרהונדערט. און אויב עס איז נישט אײַער היים געװעזן, װײַל איר זענט גראָד נישט הײמלאָז, איז עס געװעזן די היים פֿון אַסך אײַערע הײמלאָזע ברידער. און דאָס מאַכט דעם חובֿ נאָך הײליקער.

איך האָב עס געזאָגט, אָבער איך האָב עס דאָך נישט געגלויבט, אַז איך װעל דיך קײנמאָל מער נישט װידערזען, טלאַמאַצקיע 13.

בוענאָס אײרעס, 1938.

פון זעלבן מחבר:

אויף דער שוועל — (יוגנט־לידער) — — — — — — לעמבערג — — 1912
רואינענגראַז — (לידער) — — — — — — — — — — ווין — — — 1917
שפינאָזא (פּאָעמע) — ערשטע אויסגאַבע — — — — ווין — — — 1918
שפינאָזא — פארענדערטע אויסגאַבע — — — — — — — ווין — — — 1921
נאַקעטע לידער — (לידער און באַלאַדן) — — — — ווין — — — 1921
דער קרן פון אלע מיינע לידער—(מחברס אַנטאָלאָגיע) ווארשע — — 1922
פרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן — (פּאָעמעס און באַלאַדן) ווארשע — — 1924
צו דער יידישער יוגנט — (עסעי) — — — — — — — ווארשע — — 1924
בלוט אויף דער פאַן (דראַמאַטישע פּאָעמע) — — ווילנע — — 1929
די פיר זייטן פון מיין וועלט — (פיר פּאָעמעס) — ווילנע — — 1929
ווייב און מאַן — (דריי דראַמעס) — — — — — — — ווילנע — — 1931
איבער אויסטראַליע — (רייזעבילדער, יוגנט אויסגאַבע) ווארשע — — 1937
קאָנטינענטן און אָקעאַנען— (לידער און באַלאַדן) — ווארשע — — 1937
לידער און באַלאַדן — (פון די לעצטע דריי־פיר יאָר) מעקסיקע — — 1940

* * *

בקרוב דערשיינען:

איך האָב געזוכט גאָט — מחברס אנטאָלאָגיע פון אלע זיינע לידער־זאמלונגען (בוענאָס איירעס. ארויסגעבער: דוד לערמאַן).

מיין לעקסיקאָן — צווייטער באַנד. (גענויער וועגן דעם אין די באמער־קונגען צו דעם בוך. ארויסגעגעבן פון א קאָמיטעט).